STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00517

DOS LEBEDIKE FOLK

S. Heilik

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Benjamin B. & Ruth W. Littman
in honor of
those whose dedication, vision and labor saved Yiddish literature from extinction

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס לעבעדיקע פֿאָלק

דער מחבר, בײַ דער מצבֿה פֿון שלום־עליכמס פֿעטער ניסל ראַבינאָוויטש, אויף דעם
אַלטן בית־הקבֿרות אין וויניפּעג.

דאָס לעבעדיקע פֿאָלק

אונדזער אַלטע און נײַע געשיכטע

פֿון: ש. הײליק

אַרויסגעגעבן פֿון

פּרץ־פֿאַרלאַג אינק. װיניפּעג, מאַניטאָבאַ, קאַנאַדע

DOS LEBEDIKE FOLK

The Indestructible People

OUR OLD AND NEW HISTORY

BY S. HEILIK

Copyright by:
PERETZ PUBLISHING OF MANITOBA INC.
1974

די מאַפּעס, פּען־צייכענונגען און קונסט־בילדער אין
דעם דאָזיקן טעקסט, זיינען געצייכנט און געמאָלן
פון דעם מחבר.

געדרוקט אין:
KROMAR PRINTING LTD.
708 Broadway
Winnipeg, Canada

געזעצט ביי:
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street
New York, N. Y. 10003 — U.S.A.

צו די לערערס

געשיכטע־טעקסטן פֿאַר קינדער אין דער ייִדישער עלעמענטאַר־שול, האָבן זיך לרובֿ אָנגעהויבן מיט די סיפּורים פֿון חומש, נבֿיאים ראשונים און מיט אַ קליינעם אָפּקלייב פֿון געשיכטע מאַטעריאַל.

קיינער איז דאָ ניט מחולק בנוגע דער וויכטיקייט און דערציִערישן ווערט, וואָס די סיפּורי־תּורה האָבן פֿאַר אונדזערע קלענערע קינדער; דאָס איז פֿאַר זיי אַן עמאָציאָנעלע דערהייבונג, וואָס נעמט זיי צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן אַרום מיט אַ געטלעך געפֿיל און פֿירט זיי איבער ברייטע און ווײַטע הערױִש־ייִדישע האָריזאָנטן. אָבער אין תּוך גענומען, איז דאָס ניט קיין לימוד פֿון געשיכטע נאָר אַ לימוד פֿון תּנ״ך. די טעקסטן ליגן פֿאַר אונדז אָפּן פֿאַר דעם אָפּקלייב — געווענדט אָן דער אידעאָלאָגיע און מדרגה פֿון שול. און קינדער האָבן ליב די פֿאַרביקע אָריענטאַלישע חומש־מעשׂיות, וואָס זײַנען פֿאַר זיי ווי געטלעכע אַנטפּלעקונגען און נעמען זיי אויף ווי זיי שטייען און גייען.

אַנדערש איז אָבער ווען מיר הייבן זיך אָן דערנענטערן צו דעם עצם געשיכטע־לימוד ווו ס׳פֿאָדערט זיך שוין מער שׂכלדיקע אָריענטאַציע. דאָ הייבט שוין אָן פֿאַלן דער אינטערעס פֿון די תּלמידים (אין אַ 10־11 יאָריקן עלטער), מחמת פֿאַר דער קינדערשער אַפּערסעפּציע זײַנען די ווירקנדיקע שליסל־סיבות אין דעם גאַנג פֿון אונדזער אַלטער געשיכטע, שוין אַ ביסל שווערלעך און כּמעט אומ־מעגלעך אָנצוהאַלטן די אָריענטאַציע. זיי כאַפּן אויף גאַנץ לײַכט דעם לעגענדאַרישן לבֿוש פֿון דער געשיכטע און אויך די פּערזאָניפֿיצירטע קאָנפֿליקטן, וואָס רופֿן בײַ זיי אָפּט אַרויס עמאָציעס פֿון סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע, אָבער ניט דעם מהות פֿונעם געשיכטלעכן פּראָצעס.

ליידער, זײַנען פֿאַראַן זייער ווייניק לערערס, וואָס נעמען אין באַטראַכט די פּסיכאָלאָגישע פֿאַקטאָרן און גייען אָן מיט דעם לימוד, וואָס זיי אַליין האָבן באמת ליב, אָבער פֿאַר די קינדער אין די ייִנגערע קלאַסן — וואַקסט דער לימוד מיט פּלאָנטער און אָן הצלחה.

אין דער עלעמענטאַרער רעגירונגס־שול, באַזונדערס דאָ אויף דעם צפֿון־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, איז דער געשיכטע־לימוד רעדוצירט צו אַ לימוד פֿון „געזעלשאַפֿטלעכע קענטעניש״ אָדער „סאָציאַלע שטודיעס״. דער כראָנאָלאָגישער סדר קומט ניט אין באַטראַכט; מ׳קען פֿריִער לערנען וועגן קאָלומבוסעס אַנט־

דעקונגען און דערנאָך וועגן די גריכיש־רוימישע ציוויליזאַציעס. געשיכטע — נאַציאָנאַלע געשיכטע, ווערט געלערנט אין די נאַציאָנאַליסטיש־דיקטאַטאָרישע לענדער ווי אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזם. אַזאַ טענדענץ לאָזט זיך אויך מערקן אין דער דערציִונג פון די צפון־אַמעריקאַנער לענדער — נאָך מער אין קאַנאַדע — כּדי צו פאַרשטאַרקן די אידענטיטעט מיטן לאַנד, אָבער דאָס איז אַ געשיכטע, וואָס איז ערשט עטלעכע הונדערט יאָר אַלט, מיט אַ דערציילערישן אינהאַלט פון געוואַגטע פּיאָנערן און זייערע „עקספּלאָראַציעס".

גאָרניט אין פאַרגלײַך איז ייִדישע געשיכטע; זי פאַרמאָגט דאָך אַ גוואַלדיקן היקף פון רוים און צײַט און אונדזערע קינדער — ביז דעם זעקסטן קלאַס לפּחות — זײַנען נאָך ניט גרייט פאַר דעם דאָזיקן לימוד. מהאי טעמא האָבן מיר דעם דאָזיקן געשיכטע־טעקסט צוזאַמענגעשטעלט מיט אַ רעטראָספּעקטיוון מעטאָד, וואָס איז נאָענט צו דער צײַט און סבֿיבֿה פונעם תּלמיד. אונדזער ייִדיש לעבן דאָ פאַרבינדט זיך, בהדרגהדיק, מיט געוויסע שייכותן און מיט היסטאָרישע קאָנסעקווענטע סיבות און אַזוי אַרום וואַקסט און ברייטערט זיך אויס אונדזער לימוד, מיט אַ שפּאַציר איבער קאָנטינענטן און לענדער — אויסמײַדנדיק, ווי נאָר מעגלעך, אַבסטראַקציעס.

אַ שינוי אין דעם מעטאָד וועט איר באַמערקן, ווען מיר קומען צו דעם אייראָפּעיִשן קאָנטינענט. דאָ אין אייראָפּע גייען מיר שוין מער מיטן פּנים צום נעכטן — אָנווײַזנדיק אויף אונדזערע גײַסטיקע ירושות און אידעיִשע ווערטן און ריכטונגען, וואָס מיר האָבן פון דאָרטן אַרויסגעטראָגן מיט זיך בעת אונ־דזערע אויסוואַנדערונגען און זיי איבערגעפּלאַנצט אין די נײַע ווינקעלעך.

די אידעיִשע כּוונה אונדזערע פון דעם טעקסט איז: א) אַז בײַ אונדזערע תּלמידים זאָל זיך אײַנבירגערן דער באַגריף און אַנונג פון אַ לעבעדיק ייִדיש פאָלק איבער דער וועלט, וואָס בויט, שאַפט און זאָרגט פאַר דעם נאַציאָנאַלן קיום אויך אין דער איצטיקער צײַט; ב) אַז זיי זאָלן, מער ווייניקער, אויך וויסן פון די כּוחות — גורלדיקע און גײַסטיקע — וואָס פאַראייניקן ייִדן אין איין פאָלק; ג) זיי זאָלן וויסן, אַז די כּסדרדיקע קולטור־שאַפונגען פון אונדזער פאָלק איז אָנגעגאַנגען אין אַלע צײַטן און אונטער אַלע שווערע באַדינגונגען; ד) זיי זאָלן דערזען און פאַרשטיין, אַז ייִדיש לעבן איז קיין מאָל ניט געווען קיין פאַרגליווערטער שטייגער, נאָר האָט אַלע מאָל געזוכט און אָנגענומען נײַע לעבנס־פאָרמען; און ה) אַז אונדזערע תּלמידים זאָלן באַהויכט ווערן מיט דעם אַהבֿת ישׂראל מאָטיוו און מיט ליבע צו ישׂראל, וואָס זײַנען די יסודות פונעם נצח ישׂראל.

דאָס איז ניט קיין אויסשעפּנדיקער מאַטעריאַל. מיר האָבן כּסדר געדאַרפט אין זינען האָבן, אַז דאָס איז אַ טעקסט פאַר דעם פינפטן, זעקסטן און זיבעטן קלאַס פון אַ נאָרמאַלער פאָלקשול. מיר האָבן זיך אַפילו באַמיט צו לאָזן געוויסע עפענונגען פאַר דעם לערער אין קלאַס, מיט אַן אָנרעגונג צו מאָטיווירן די תּלמידים, אַז זיי זאָלן אַליין אַרויסגיין זוכן, אויסגעפינען, פאַרצייכענען, אינ־טערוויויִרן, רעקאָרדירן (מיט קאַסעטס), און ברענגען פאַרן קלאַס די געזאַמלטע

מאַטעריאַלן און דערפֿאַרונגען צו באַטראַכטן און אָפּצושאַצן אויף אַ קאָלעקטיוון אופֿן. אַזעלכע פּראָיעקטן קענען דורכגעפֿירט ווערן, סײַ בײַם אויספֿאָרשן די געשיכטע פֿון דעם ייִשובֿ ווי די קינדער לעבן און סײַ דורך אַן אויסטויש פֿון בריוו און אינפֿאָרמאַציע מיט אַנדערע ייִדישע ייִשובֿים אין דער וועלט. דאָס קען שאַפֿן אַ גוטע געלעגנהייט צו קענען אויך זאַמלען אינטערעסאַנטע ליכטבילדער (סלײַדס) פֿון היסטאָרישע אָביעקטן, אַלטע שולן, כאַראַקטער־טיפּן און הײַנט־צײַטיקע אינסטיטוציעס.

און צום סוף — ווי דאָס בוך זאָגט עדות — האָבן מיר זיך אויך באַמיט, אַז אונדזער טעקסטבוך זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אין אַ שיינעם פֿאָרמאַט און מיט אַן עסטעטישן אויסזען. מיר דאַרפֿן ניט פֿאַרגעסן אָדער פֿאַרזען, אַז דאָס זעלבע קינד אין ענגלישן קלאַס, האָט פֿאַר זיך הײַנט אַן אויסוואַל פֿון פּראַכט־פֿולע קאָלירטע טעקסטן, וואָס פֿאַרכאַפּן דאָס אויג. עס איז דעריבער זייער וויכטיק, אַז אויך אונדזערע ייִדישע טעקסטביכער זאָלן זיך אַרויסרײַסן פֿון זייער אָרעמען לבֿוש, כּדי ניט צו פֿאַרמינערן בײַ אונדזערע קינדער די באַציִונג און דרך־ארץ צום ייִדישן בוך. און דעריבער, וויל איך בײַ דער געלעגנהייט אויסדריקן מײַן אָנערקענונג און יישר־כּוח צו אַלע חבֿרים און פֿרײַנד, און צו דער פֿאַרוואַלטונג פֿון אונדזער י. ל. פּרץ־פֿאָלקשול אין וויניפּעג, קאַנאַדע, וואָס האָבן מיט פֿרייד און ענערגיע פֿאַרווירקלעכט דעם דאָזיקן פּראָיעקט.

ש. ה.

מײַן אָנערקענונג און דאַנק אויך צו מײַנע פֿרײַנד: שמואל טאַובער, פֿאַר זײַן חבֿרישן אינטערעס און אָנווײַזונגען בײַם לייענען די קאָרעקטורן, און צו מאיר צוקער, אַלס טעכנישער בעל־יועץ.

ש. ה.

אַ פֿאַרדינטער יישר־כּוח און דאַנק: צו אונדזער שוועסטער־שול, די פּרץ־שול אין קאַלגאַרי, פֿאַר איר אינטערעס און מיטהילף אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן טעקסטבוך — אײַנשליסנדיק דעם זכרון־פֿאָנד פֿון לוי פּערלמאַן ע״ה.

אַרײַנפֿיר

דאָס ייִדישע פֿאָלק

ייִדן זײַנען אַן אַלט היסטאָריש פֿאָלק. פֿיר טויזנט יאָר אַלט. זיי זײַנען צעשפּרייט און צעזייט איבער אַלע לענדער פֿון דער וועלט. אומעטום לעבן זיי ווי ייִדן. ווי אַנדערש זיי זאָלן ניט זײַן, שטעלן זיי מיט זיך פֿאָר איין ייִדיש פֿאָלק. זיי זײַנען איינציק מיט זייער רעליגיע, מיט זייערע טראַדיציעס און מיט זייערע שפּראַכן פֿון ייִדיש און העברעיִש.

לויט דער טראַדיציע, זײַנען מיר די קינדער פֿון אונדזערע אָבֿות: אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ. די אָבֿות זײַנען אָפּשטאַמיקע[1] פֿון די בני שם — נחם זון, און דערפֿאַר ווערן מיר אויך פֿאַר־רעכנט ווי אַ סעמיטיש פֿאָלק.

דער נאָמען „ייִד", קומט פֿון דעם העברעיִשן וואָרט „יהודי", וואָס מיינט צו זאָגן, אַז מיר שטאַמען פֿון „מלכות יהודה", וואָס איז געווען די לעצטע ייִדישע מלוכה מיט קאַרגע צוויי טויזנט יאָר צוריק.

אין תנ"ך און אין אונדזערע תּפֿילות, ווערן מיר אָנגערופֿן „ישׂראלים", „בני ישׂראל" — קינדער פֿון יעקבֿן, וואָס האָט אויך געהייסן „ישׂראל".

---

[1] די וואָס קומען אַרויס.

לערנענדיק געשיכטע

געשיכטע לערנט אונדז וועגן די געשעענישן און גרויסע פּער־זענלעכקייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. מיר לערנען ווי אַזוי די געשעענישן ענדערן זיך און נײַע סיטואַציעס קומען אָן. זי דער־ציילט אונדז אויך פון די סיבות וואָס פירן צו די ענדערונגען.

יעדער פאָלק האָט זיך זײַן געשיכטע, אָבער אַנדערש פון אַלע אַנדערע געשיכטעס איז די יידישע געשיכטע. מיט וואָס איז זי אַנדערש? — זי איז געאָגראַפיש אַנדערש.

די געשיכטע פון אַלע אַנדערע פעלקער דערציילט פון זייער לעבן אין די גרענעצן פון זייער לאַנד, אָבער די געשיכטע פון יידישן פאָלק — איז אַ געשיכטע וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער אַ סך גרענעצן פון פאַרשידענע לענדער.

שוין גאָר אין די אַלטע צײַטן, באַלד נאָך דעם ערשטן חורבן, האָבן שוין גרעסערע גרופּעס יידן געוואַנדערט און געזוכט אַ זיכערן ווינקל פאַר זייערע משפּחות. מיט דער צייט זײַנען אויפ־געקומען יידישע ישובים אין אַזיע, אַפריקע, אייראָפּע, און שפּע־טער אויך אין די צפון־ און דרום־אַמעריקאַנער לענדער.

אומעטום האָבן זיי זיך געדאַרפט צופּאַסן צו די באַדינגונגען פון די לענדער ווו זיי האָבן געלעבט. דאָס לעבן פון די יידן אין איין לאַנד איז געווען אַנדערש פון דעם לעבן אין אַן אַנדער לאַנד. אַפילו זייערע אייגענע טראַדיציעס, זייערע מנהגים, זייער שפּראַך, זייער קליידונג — איז געווען אַנדערש.

די היסטאָרישע פאַקטן

געשיכטע איז ניט סתם קיין מעשיות. דאָס איז אַ לימוד וואָס איז באַזירט אויף אמתע פאַקטן. דער היסטאָריקער וואָס פאַר־צייכנט און שטעלט צונויף די היסטאָרישע פּאַסירונגען, פאָרשט פריער אויס אַלע עקסיסטירנדיקע דאָקומענטן. און היסטאָרישע דאָקומענטן קענען זײַן: סײַ פאַרשריבענע און סײַ ניט פאַרשרי־בענע. די ניט פאַרשריבענע דאָקומענטן זײַנען: אַלטע מאָנומענטן, טיילן פון אַלטע בנינים, כּלים, געצײַג,[1] געווער, קונסטווערק, געפּו־

[1] אַרבעטס־כּלים.

נענע אַלטע מלבושים, און אויך אַלטע מטבעות. פֿאַרשריבענע דאָקומענטן זײַנען: אַלטע מגילות, אויפֿשריפֿטן אויף דענקמעלער אָדער מצבֿות, רעגירונגס-אַרכיוון, אַלטע מאַנוסקריפּטן, טאָגביכער, פּראָטאָקאָלן, רײַזע-באַשרײַבונגען און געזאַמלטע בריוו פֿון באַ-רימטע מענטשן.

געפֿונענע בר־כּוכבא מטבעות, וואָס דערציילן פֿון אויפֿשטאַנד.

דער וואָס פֿאָרשט אויס די אַלע דאָקומענטן און פֿאַרשרײַבט די געשעענישן מיט אַ סדר — איז אַ היסטאָריקער.

עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט, ווען תּלמידים אין קלאַס וואָלטן זיך באַמיט צו טאָן אַ ביסל היסטאָרישע אַרבעט. מ׳קען דאָס טאָן דורך אויספֿאָרשן און פֿאַרשרײַבן די געשיכטלעכע דאַטעס און פֿאַקטן פֿון דעם ייִדישן ישובֿ אין דער שטאָט וווּ איר וווינט.

תּקופֿה און עפּאָכע

לערנענדיק געשיכטע, טרעפֿן מיר זיך אָפֿט מיט די ווערטער „תּקופֿה" און „עפּאָכע". איז דעריבער כּדאַי צו וויסן, אַז אַ תּקופֿה איז אַ היסטאָרישע מאָס פֿון צײַט; דער מאָמענט ווען ס׳ענדיקט זיך איין תּקופֿה און ס׳הייבט זיך אָן אַ צווייטע תּקופֿה — רופֿט זיך „עפּאָכע". די עפּאָכע איז אַ וויכטיק געשעעניש, וואָס דערפֿירט צו אַ נײַער תּקופֿה.

די געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק

די געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק איז ווי אַן אַלטער בוים, וואָס זײַנע וואָרצלען זײַנען אין ישׂראל און די צווײַגן — איבער דער גאַנצער וועלט.

דאָס איז אַ געשיכטע פֿון וואַנדערונגען. שוין מיט העכער צוויי טויזנט פֿינף הונדערט יאָר צוריק, האָבן ייִדן געוואַנדערט איבער אַזיע און אַפֿריקע. דאָס איז געווען אין דער צײַט ווען שלמנאסר, דער מלך פֿון אשור, האָט פֿאַרטריבן די צען שבֿטים פֿון מלכות־ישׂראל.

מיט הונדערט און פֿופֿציק יאָר שפּעטער, ווען בבֿל האָט צעשטערט מלכות־יהודה, זײַנען נאָך אַ מאָל גרויסע מחנות ייִדן געטריבן געוואָרן פֿון זייער היימלאַנד. זיי האָבן זיך באַזעצט אין בבֿל, אין פּערסיע, אין מצרים, אין דעם אַראַבישן מדבר־לאַנד, אין דעם שוואַרצן לאַנד כּוש (עטיאָפּיע), און אין פֿיל אַנדערע לענדער פֿון די צוויי שכנותדיקע קאָנטינענטן: אַזיע און אַפֿריקע.

אין אַ שפּעטערדיקער תּקופֿה, ווען יהודה איז געווען אונטער דער גריכישער און רוימישער הערשאַפֿט, דאַן זעט מען שוין ייִדן אויך אין אייראָפּע. ס׳קומען אויף ייִדישע קהילות אין איטאַליע, אין שפּאַניע, אין דײַטשלאַנד, אין פֿראַנקרײַך, און אין ענגלאַנד. (די דאָזיקע לענדער זײַנען נאָך דעמאָלט געווען אונטער דער רוימישער אימפּעריע.)

ס׳גייען אַוועק הונדערטער יאָרן; שלעכטע יאָרן און גוטע יאָרן, ייִדישע קהילות זײַנען זיך צעוואַקסן מיט תּורה און חכמה. און מיט אַ מאָל — נײַע שטורעמס, נײַע גזירות אויף ייִדן: מ׳טרײַבט זיי פֿון ענגלאַנד און מ׳טרײַבט זיי פֿון פֿראַנקרײַך; מ׳טרײַבט זיי פֿון שפּאַניע און מ׳טרײַבט זיי פֿון פּאָרטוגאַל... זיי וואַנדערן ווידער איבער אַלע אָקעאַנען פֿון דער וועלט. אַ טייל פֿון זיי קומען אָן צו די נײַע אַמעריקאַנער לענדער און אַ טייל פֿון זיי קומען צוריק אַהיים — צו דער היים וווּ ס׳וואָרצלט זייער שטאַם, צו דעם לאַנד פֿון וואַנען זייערע אורעלטערן זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן.

דאָס איז דער היסטאָרישער וועג פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק; אַ לאַנגער וועג פֿון וואַנדערונגען איבער דער וועלט. ווער ווייסט וויפֿל ייִדן ס׳זײַנען אין אַזעלכע וואַנדערונגען אומגעקומען און וויפֿל ס׳זײַנען צווישן די פֿעלקער פֿאַרלוירן געגאַנגען... און דאָך, זײַנען ייִדן נאָך אַלץ געבליבן אַ פֿאָלק, אַ פֿאָלק וואָס ציילט זיך הײַנט, פֿערצן מיליאָן — אַזוי האָט מען לעצטנס צונויפֿגערעכנט.

ווּ געפינען זיך די פערצן מיליאָן ייִדן?

זיי זײַנען נאָך אַלץ צעשפּרייט און צעזייט איבער אַלע קאָנטינענטן פון דער וועלט. זיי לעבן אין די אײַז-קאַלטע און אין די טראָפּיש-זוניקע לענדער; זיי לעבן מיט פאַרשיידענע קולטורן; זיי ריידן מיט הונדערטער פאַרשיידענע לשונות; אָבער דער נאָמען „ייִד" — פאַראייניקט זיי אַלע אין איין פאָלק.

און אומעטום ווּ ייִדן וווינען, באַמיִען[1] זיי זיך צו שאַפן און אָנצוהאַלטן אַ ייִדיש לעבן. זיי שטייען אין קאָנטאַקט מיט די ייִדן פון די גרויסע ייִדישע צענטערס און מיט מדינת ישׂראל. און זיי דערציִען זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן קענען לעבן ווי ייִדן.

אין די ערשטע לעקציעס פון דעם דאָזיקן בוך וועלן מיר זיך טאַקע באַקענען קודם-כּל מיט די ייִדן פון דער וועלט; מיט זייער לעבן און שאַפן אין דער איצטיקער צײַט. דערנאָך וועלן מיר זיך באַקענען מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, מיט זייער געשיכטע, מיט גרויסע ייִדישע פערזענלעכקייטן, מיט אונדזערע העלדן און מאַרטירערס, מיט אונדזערע גרויסע לערערס, און מיט אונדזערע גײַסטיקע ירושות.

די ערשטע באַקאַנטשאַפט וועלן מיר מאַכן מיט די ייִדן אויף דעם צפון-אַמעריקאַנער קאָנטינענט. ערשטנס — לעבט דאָ דער גרעסטער ייִדישער קיבוץ אין דער וועלט, און צווייטנס — פאַר די קינדער וואָס לעבן אויף דעם קאָנטינענט, וועט דער אָנהייב זײַן היימישער.

אַ יונגער בית-המדרש-לערנער (אַ. קאַציזנע)

[1] טוען אַלץ וואָס ס'איז מעגלעך.

אַלאַסקאַ
קאַנאַדע
עדמאָנטאָן
קאַלגאַרי
וואַנקוווער
וויניפּעג
מאָנטרעאַל
אָטאַוואַ
טאָראָנטאָ
פֿאַראייניקטע שטאַטן
טשיקאַגאָ
סינסינעטי
באָסטאָן
ניו-יאָרק
וואַשינגטאָן
ס. פֿראַנציסקאָ
לאָס-אַנגעלעס
ניו-אָרלינס
פּאַציפֿיק
אַטלאַנטיק
מעקסיקע
צפֿון-אַמעריקע

קאַפּיטל א

ייִדן אין די אַמעריקאַנער לענדער

ווען מיר זאָגן „אַמעריקע״, האָבן מיר אַלע מאָל אין זינען די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מיר ווייסן אָבער, אַז אַמעריקע איז פֿאַקטיש זייער אַ גרויסער קאָנטינענט. ער איז צעטיילט אויף צוויי גרויסע טיילן: צפֿון-אַמעריקע און דרום-אַמעריקע.

צווישן צפֿון- און דרום-אַמעריקע, ציט זיך אַ שמאָלער פּאַס לאַנד, וואָס רופֿט זיך: „צענטראַל-אַמעריקע״. אין צענטראַל-אַמעריקע און אין דרום-אַמעריקע זײַנען פֿאַראַן אַ סך גרעסערע און קלענערע לענדער. אין צפֿון-אַמעריקע — זײַנען נאָר פֿאַראַן צוויי גרויסע לענדער: קאַנאַדע און די פֿאַראייניקטע שטאַטן. (אויך אַ טייל פֿון מעקסיקע געפֿינט זיך אויף דרום-זײַט פֿון צפֿון-אַמעריקע.)

אין אַלע דרום-אַמעריקאַנער לענדער געפֿינען זיך גרעסערע און קלענערע ייִדישע יישובֿים, אָבער דער גרעסטער ייִדישער קיבוץ אין דער וועלט — געפֿינט זיך הײַנט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון-אַמעריקע; בערך [1] זעקס מיליאָן ייִדן.

וויפֿל ייִדן לעבן הײַנט אין קאַנאַדע? — אַרום דרײַ הונדערט טויזנט ייִדן. אַרום צוויי הונדערט טויזנט ייִדן וווינען אין מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ. דערנאָך קומען די ייִדישע יישובֿים — לויט זייער נאָענטקייט — אין: אָטאַוואַ, העמילטאָן, ווינדזאָר, האַליפֿאַקס, לאָנדאָן אָנט., קיטשינער, קוויבעק, קינגסטאָן, וויניפּעג, רעדזשיינאַ, סאַסקאַטון, קאַלגאַרי, עדמאָנטאָן, וואַנקוווער.

---

[1] אומגעפֿער, מער וויייניקער.

יִדישע משפּחות פֿון עטלעכע מנינים יִדן אָדער ווייניקער, קען מען אויך געפֿינען אין אַלע קלענערע פּונקטן פֿון לאַנד. גאַנץ מעגלעך, אַז ס'זײַנען פֿאַראַן ערגעץ געציילטע יִדישע משפּחות, וואָס מען ווייסט גאָר ניט פֿון זיי. — אפֿשר ווייסט איר?

די געשיכטע פֿון די יִדן אויף דעם צפֿון־אַמעריקאַנער קאָנ־טינענט איז נאָך זייער יונג; דרײַ הונדערט יאָר אין די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן און צוויי הונדערט יאָר אין קאַנאַדע. אָבער דאָס יִדישע לעבן דאָ איז געזעלשאַפֿטלעך זייער אַקטיוו און שפּילט אַ גרויסע ראָלע פֿאַר דעם וועלט־יִדנטום בכלל און פֿאַר מדינת ישׂראל בפֿרט.

פֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ איז ניט געוואָרן אין איין טאָג אָדער אין אַ יאָר, דאָס איז דער גאַנג פֿון דער געשיכטע, וואָס האָט אין די לעצטע צענדליקער יאָרן געבראַכט מיט זיך גרויסע געשעענישן פֿאַר דער וועלט און פֿאַר דעם יִדישן פֿאָלק: יאָרן פֿון פּײַן און לײַדן און אויך יאָרן פֿון פֿרייד און דערגרייכונגען.

במשך די דאָזיקע יאָרן זײַנען אויסגעוואַקסן גרויסע יִדישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען אַ גרויסער כּוח אין דעם יִדישן לעבן.

יִדן אין קאַנאַדע

מיר האָבן שוין פֿריִער געלערנט, אַז די געשיכטע פֿון יִדישן פֿאָלק אין דער וועלט איז אומדירעקט אויך פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע פֿון די לענדער ווו זיי האָבן געלעבט און לעבן איצט. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער געשיכטע פֿון יִדן אין קאַנאַדע.

ווען און ווי אַזוי זײַנען יִדן געקומען קיין קאַנאַדע? — פֿון אַלטע היסטאָרישע דאָקומענטן ווייסן מיר, אַז די ערשטע יִדן זײַנען געקומען מיט דער בריטישער אַרמיי.

ביז דעם יאָר 1760, ווען קאַנאַדע איז נאָך געווען אַ פֿראַנ־צויזישע קאָלאָניע, האָבן יִדן דאָ ניט געקענט וווינען. פֿראַנקרײַך האָט דעמאָלט ניט אַרײַנגעלאָזט קיין יִדן אין אירע קאָלאָניעס.

דער איינציקער יִד, וואָס ווערט דערמאָנט אין יענער קאָלאָ־ניאַלער צײַט, איז געווען אַבֿרהם גראַדיס פֿון באָרדאָ, פֿראַנק־

רײַך. פֿון באָרדאָ — אַ רײַכע ייִדישע קהילה אין פֿראַנקרײַך — האָט אבֿרהם גראַדיס געשיקט זײַנע אייגענע שיפֿן מיט סחורה קיין קוויבעק און דאָרט געשאַפֿן אַ גרויסן האַנדלס-צענטער. דאָס איז געווען אינעם יאָר 1748. גאַנץ מעגלעך, אַז אבֿרהם גראַדיס איז געווען דער ערשטער ייִד, וואָס האָט געהאַט אַ פֿאַרבינדונג מיט קאַנאַדע.

ערשט אין יאָר 1760 האָט די בריטישע אַרמיי אײַנגענומען מאָנטרעאָל. אין דער דאָזיקער אַרמיי זײַנען אויך געווען ייִדישע אָפֿיצירן. איינער פֿון די אָפֿיצירן, לייטענאַנט אהרן האַרט, איז שוין פֿאַרבליבן אין קאַנאַדע ווי אַ תּושבֿ. ער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט „טהרי ריווערס" (דרײַ טײַכן), און שפּעטער, ווען די פֿראַנצויזישע הערשערס זײַנען אין גאַנצן אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון קאַנאַדע, האָבן זיך שוין אויך אַנדערע בריטישע ייִדן גענומען אײַנבירגערן אין דעם נײַעם היימלאַנד קאַנאַדע.

דאָ האָבן מיר די ערשטע ענגלישע ייִדן אין קאַנאַדע. מיט דער צײַט האָבן זיי אַריבערגעבראַכט צו זיך אייגענע און נאָענטע. ייִדישע משפּחות האָבן זיך גענומען פֿאַרמערן אין „טהרי ריווערס" און אין מאָנטרעאָל. די געציילטע ייִדישע משפּחות האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. שבת און יום-טובֿ פֿלעגן זיי זיך פֿאַרזאַמלען אין אַ הויז און געדאַוונט בציבור — מיט אַ מנין.[1]

אין יאָר 1768 האָבן זיך די געציילטע ייִדישע משפּחות אין מאָנטרעאָל אָרגאַניזירט און געשאַפֿן די ערשטע ייִדישע קהילה אין קאַנאַדע. מיט נײַן יאָר שפּעטער האָבן זיי אויסגעבויט די שול „שארית ישׂראל". דאָס איז געווען די ערשטע שול אין קאַ-נאַדע און די פֿינפֿטע עלטסטע שול אויף דעם צפֿון-אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

קליין אין צאָל איז נאָך דעמאָלט געווען דער ייִדישער ישובֿ אין קאַנאַדע. ייִדן פֿלעגן קומען קיין קאַנאַדע זייער זעלטן. עס האָט גענומען קאַרגע הונדערט יאָר, ביז דער ייִדישער ישובֿ זאָל זיך פֿאַרמערן צו אַ טויזנט נפֿשות.

---

[1] צען ייִדן.

אַהרן האַרט. ער האָט געהאַט דרײַ זין: בנימין, יחזקאל און משה. יחזקאל האַרט איז געווען דער ערשטער ייִד אין קאַנאַדע דערוויילט צו ווערן צו דער לעגיסלאַטור פון קוויבעק. צוליב דעם, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן זײַן שבֿועה בײַם נײַעם טעסטאַמענט, האָט מען אים ניט צוגעלאָזט צו פאַרנעמען זײַן מאַנדאַט. ערשט אין 1831 איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ, אַז בירגערס פון ייִדישן גלויבן האָבן די זעלבע רעכט ווי אַלע אַנדערע בירגערס אין לאַנד.

ס׳פֿאַרמירט זיך דער ייִדישער ייִשובֿ

אין די ערשטע הונדערט יאָר זינט אַהרן האַרט האָט זיך באַזעצט אין קאַנאַדע, איז דער ייִדישער ייִשובֿ דאָ נאָך אַלץ געווען קליין אין צאָל. קליינע קהילות זײַנען געווען נאָר אין מזרח־קאַנאַדע. דאָס גרויסע אינלאַנד — מערבֿ־קאַנאַדע, האָט נאָך ניט געהאַט קיין ייִדישע ייִשובֿים. ס׳זײַנען ניט געווען קיין וועגן, קיין באַנען, און דאָס פֿאָרן איבערן לאַנד איז געווען פֿאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן.

ערשט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט האָט דער ייִדישער ייִשובֿ זיך אָנגעהויבן פֿאַרמערן און וואַקסן.

געלט־באַנקנאָטן פֿון דער האַרט־באַנק אין „טרי ריווערס״.
(פֿון דער קאַנאַדער באַנק אין אָטאַוואַ).

די שלעכטע צײַטן פֿאַר די ייִדן אין רוסלאַנד און אין די אַנדערע אײראָפּעיִשע לענדער האָבן באַווירקט, אַז די ייִדן זאָלן פֿון דאָרטן עמיגרירן און זוכן פֿאַר זיך אַ נײַע היים — אַ היים, וווּ זיי זאָלן קענען לעבן אָן פֿאַרפֿאָלגונגען.[1] מ׳איז געפֿאָרן קיין אַמעריקע, און קלענערע גרופּעס ייִדן זײַנען געקומען אין דעם שכנותדיקן קאַנאַדע. מ׳איז געקומען מיט נײַע האָפֿענונגען און מיט אַ באַנײַטן מוט און ווילן צו אַרבעטן און לעבן ווי פֿרײַע מענטשן, ווי פֿרײַע ייִדן.

אינעם יאָר 1877 האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פֿאָרמירן קלײנע ייִדישע קהילות אין וויניפּעג, אין וואַנקוווער און אין אַנדערע



די שטאָט וויניפּעג, קאַנאַדע, אין יאָר 1872.

מערבֿ-קאַנאַדער שטעט. די נײַ-געקומענע ייִדן אַרבעטן בײַם בויען די „קאַנײדיען פּאַציפֿיק” באַן-ליניע; אַנדערע ווידער באַזעצן זיך אויפֿן לאַנד און ווערן קאָלאָניסטן; אַ טײל פֿאַרנעמען זיך מיט פּעדלערײַ, מיט מלאכה, און בײסלעכווײַז הייבט מען זיך אָן אײַנבירגערן אין דעם נײַעם לאַנד. זיי האָרעווען שווער און ביטער. מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג האָט מען געשפּאָרט אַ דאָלער צו אַ דאָלער, כּדי צו קענען ברענגען ווײַב און קינדער,

[1] שלעכטע באַהאַנדלונג

משפחה און אייגענע. ס'וואַקסט דער קאַנאַדער ייִדישער יישובֿ, משפּחות פֿאַרמערן זיך, ייִדיש לעבן אָרגאַניזירט זיך, מ'בויט אינסטיטוציעס און מ'זאָרגט וועגן אַ ייִדישער דערציִונג פֿאַר די קינדער.

אין יאָר 1900 וווינען שוין אין קאַנאַדע זעכצן טויזנט ייִדן, אָבער דער שנעלער וווּקס פֿון ייִדישע אימיגראַנטן איז ערשט געקומען אין די יאָרן 1905—1914. דאָס איז געווען אַ צײַט פֿון שווערע יאָרן פֿאַר די אייראָפּעיִשע פֿעלקער בכלל און פֿאַר ייִדן בפֿרט. זיי זײַנען געווען אומרויִקע יאָרן פֿון מלחמות און אינטריגעס. אין 1905 האָט רוסלאַנד געפֿירט מלחמה מיט יאַפּאַן און אין 1914 איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט-מלחמה. די אימיגראַציע קיין קאַנאַדע איז דעמאָלט געווען אַ פֿרײַע, מ'האָט ניט געדאַרפֿט קיין וויזעס, מ'האָט נאָר געדאַרפֿט האָבן געלט צו קויפֿן אַ שיפֿס-קאַרטע.

און ייִדן קומען קיין קאַנאַדע אַלץ מער און מער. זיי האָבן ליב געקראָגן דאָס לאַנד, ווײַל קאַנאַדע איז אַלע מאָל געווען אַ לאַנד מיט דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. זי האָט דערמוטיקט די אימיגראַנטן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אויסצולעבן זיך דאָ מיט זייערע אייגענע טראַדיציעס, מיט זייער אייגענער שפּראַך און ווײַטער אַנטוויקלען דאָ זייער אייגענע קולטור.

סעמיטישע נאָמאַדן אין דער אַלטער צײַט

מיר װעלן זיך אָפּשטעלן אויף אַ װײַל
און אָפּפֿרישן אונדזער זכּרון

א) מיט װאָס איז די ייִדישע געשיכטע אַנדערש װי די געשיכטע פֿון אַנדערע פֿעלקער?
ב) פֿון װאַנען װײסן מיר אַלע געשיכטלעכע דאַטעס און פֿאַקטן?
ג) װאָס איז אַזעלכעס אַ תּקופֿה אין דער געשיכטע?
ד) װעלכע אַמעריקאַנער לענדער זײַנען אײַך באַקאַנט?
ה) װי אַלט איז שױן די געשיכטע פֿון ייִדן אין קאַנאַדע?
ו) װי קומט דאָס, אַז אַהרן הארט זאָל זיך באַזעצן אין קאַנאַדע?
ז) װען האָט זיך פֿאַקטיש אָנגעהױבן די גרעסערע ייִדישע אימיגראַציע קײן קאַנאַדע?
ח) װי אַלט איז שױן דער ייִדישער ייִשובֿ אין דער שטאָט װוּ איר װױנט?
ט) קענט איך דערקלערן, װאָס עס מײנט „דעמאָקראַטיע“?
י) פֿאַר װאָס װערן די קעגנער פֿון די ייִדן אָנגערופֿן: אַנטי־סעמיטן?

אַ פּראָיעקט פֿאַר אַ שריפֿטלעכער אַרבעט

פֿרעגט אײַערע עלטערן אָדער אײַערע זײדעס, פֿון װעלכן לאַנד זײ זײַנען געקומען. װי לאַנג זײַנען זײ שױן דאָ אין קאַנאַדע. װאָס געדענקען זײ פֿון דער אַלטער הײם. מיט װאָס איז געװען אַנדערש דאָס לעבן אין דער אַלטער הײם װי דאָ. װאָס האָט זיך דאָ געענדערט דורך דער צײַט, װאָס זײ געפֿינען זיך דאָ. און אַזױ װײַטער און װײַטער.
האָבנדיק די אַלע אינפֿאָרמאַציעס, קען מען מאַכן אַ שריפֿטלעכע היסטאָרישע אַרבעט.

דאָס אָרגאַניזירטע קהילה־לעבן

וואָס איז אַ קהילה? — דאָס איז אַ העברעיִש וואָרט און עס מיינט: אַ פֿאַרזאַמלטע גרופּע, אַ ציבור ייִדן, אַ „קאָמיוניטי”, אַ פֿאַראייניקונג פֿון משפּחות מיט געמיינזאַמע אינטערעסן. ווי עס איז געשריבן אין דער תּורה: „ויקהל משה את כל עדת ישׂראל” און משה האָט איינגעזאַמלט (פֿאַרזאַמלט) די גאַנצע עדה ייִדן.

ווען ייִדן קומען אויף אַ נייַעם אָרט און ס'הייבט אָן וואַקסן אַ ייִדישער ייִשובֿ, וואַקסן אויך די זאָרג פֿאַר אַ ייִדיש לעבן: — אַן אָרט צום דאַוונען, כּשר פֿלייש, אַ חתונה, אַ ברית, אַ בית־הקבֿרות, און אַזוי וויַיטער. וואָס מער דער ייִשובֿ צעוואַקסט זיך, אַלץ מער צעוואַקסן זיך די נייטיקע ייִדישע אינסטיטוציעס. פֿאַר דעם צוועק אָרגאַניזירן זיך די ייִדן אין אַ קהילה. די קהילה קלייַבט אויס מענטשן, פֿעיִקע מענטשן, וואָס ווייסן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן און אָנצופֿירן מיט דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט.

אויף דעם געביט איז דער קאַנאַדער ייִדישער ייִשובֿ זייער גוט אָרגאַניזירט. און כּדי צו וויסן ווי אַזוי ייִדן לעבן אין קאַנאַדע, וועלן מיר זיך דאָ באַקענען מיט עטלעכע וויכטיקע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס — מיט זייער אַרבעט און מיט זייערע אידעאָלאָגיעס.

דאָס רעליגיעזע לעבן

רעליגיעז לעבן איז אַ פּריוואַטע זאַך. קיינער צווינגט דאָס ניט אַרויף אויף קיינעם. מיר האָבן דאָ — ווי אומעטום — רעליגיעזע ייִדן און ניט קיין רעליגיעזע ייִדן. ייִדן וואָס גייען אָפֿט אין שול און ייִדן וואָס גייען ווייניקער אין שול. אַלע זייַנען ייִדן.

דער איינדרוק[1] איז אָבער, אַז די ייִדן אין קאַנאַדע האָבן יאָ אַ גרויסן אינטערעס אין דעם רעליגיעזן לעבן. דער דאָזיקער איינדרוק קומט פֿון די קאָנגרעגאַציעס — די שולן. אין יעדער שטאָט און שטעטל האָבן מיר דאָ פּראַכטפֿולע[2] מאָדערנע שולן. יעדער שול באַזונדער האָט זיך זייַנע מיטגלידער מיט אַ יערלעכן

[1] עס זעט אַזוי אויס. [2] זייער שיינע.

אַפּצאַל. די שול האָט אויך אַ רבֿ, אַ חזן, אַ כאָר, און אַן אַדמי־ניסטראַטאָר, וואָס פירט אָן מיט דער אַדמיניסטראַציע. וואָס רײַ־כער דער מיטגלידער־קלאַס איז, אַלץ רײַכער און שענער איז די שול.

די שול איז ניט בלויז דאָס אָרט, ווו מען קומט דאַווגען; אין שול קומען פֿאָר חתונות, בר־מצוות, נאַציאָנאַלע פֿײַערונגען און געזעלשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען.

אַ גרויסער טייל פֿון די קאָנגרעגאַציעס איבערן לאַנד זײַנען קאָנסערוואַטיווע. אָרטאָדאָקסישע שולן און אויך רעפֿאָרם־טעמפּ־לען — געפֿינען זיך אין די גרעסערע שטעט. יעדער איינער קלײַבט זיך אויס די שול, וואָס איז פֿאַר אים באַקוועמער, די שול וואָס באַפֿרידיקט[1] זײַנע רעליגיעזע געפֿילן.

מיר וועלן דאָ מאַכן אַ שפּאַציר איבער עטלעכע שולן. לאָמיר זען און פֿאַרשטיין מיט וואָס ס'איז אַנדערש איין שול פֿון דער אַנדערער. און אָנהייבן וועלן מיר מיט דער קאָנסערוואַטיווער שול — דאָס איז דאָך די שול, וואָס האָט זיך דאָ, אין קאַנאַדע, פּונקט ווי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, זייער שטאַרק צעוואַקסן.

— וואָס איז אייגנטלעך אַ קאָנסערוואַטיווע שול?

— דער אמת איז, אַז מען קען דאָס ניט דערקלערן אידעאָלאָ־גיש, ווײַל ייִדישע רעליגיע האָט בכלל ניט קיין אידעאָלאָגיעס. זי האָט אמונה — גלויבן.

לויט איר נאָמען וואָלט זי געדאַרפֿט זײַן אַ טראַדיציאָנעלע שול, ווײַל דאָס וואָרט „קאָנסערוואַטיוו" מיינט: צו קאָנסערווירן דאָס אַלטע; ניט ענדערן די מנהגים און דעם אַלטן שטייגער אין שול. דער פֿאַקט איז אָבער, אַז די שול האָט זיך יאָ געענדערט[2] — פּונקט ווי ס'האָבן זיך דאָ געענדערט אַ סך אַנדערע זאַכן אין אונדזער לעבן.

מיר ווייסן, אַז אויך אין אייראָפּע האָבן ייִדן געהאַט זייער שיינע שולן. זייער אַרכיטעקטור איז געווען מיט קונסט און רע־ליגיעזער שיינקייט. ווי נאָר איר זענט אַרײַן אין שול, האָט אײַך אַרומגענומען אַ געפֿיל פֿון הייליקייט. פֿון רעכטס און פֿון לינקס

---

[1] שטעלט צופֿרידן. [2] געוואָרן אַנדערש.

זײַנען זיך מאַיעסטעטיש[1] געשטאַנען זײַלן פֿון מירמלשטיין, וואָס האָבן מיט זייערע אויבערשטע קרוינען אונטערגעהאַלטן דעם קײַלעכדיקן סופֿיט. אויבן, אויף זײַלן אָנגעשפּאַרט — זײַנען געווען די באַלקאָנען פֿון דער ווײַבער־שול — די עזרת נשים; מעשענע און קרישטאָלענע הענגלײַכטערס, וואָס האָבן וויברירט[2] מיט אַ שטילן קלאַנג — האָבן אַראָפּגעפֿינקלט פֿון אַלע זײַטן; אין מיטן שול, אויף אַ הויכקייט פֿון פֿיר־פֿינף טרעפּ, איז געשטאַנען אַ בימה — אַ באַלעמער האָט מען דאָס גערופֿן. אויף דער בימה איז געשטאַנען אַ שולחן, באַדעקט מיט אַן אויסגענייטן טישטעך פֿון פּליוש אָדער סאַמעט. מאַנטיק און דאָנערשטיק, שבת און יום־טובֿ, האָט מען אויף דעם שולחן געלייענט די ספֿר תּורה; דער ארון קודש, וואָס איז געווען אַ קונסטווערק פֿאַר זיך אַליין — איז געשטאַנען אויף אַ העכערער בימה, בײַם סאַמע וואַנט אויף מזרח־זײַט.

דאָ, בײַ אונדז אין קאַנאַדע, אָדער אין אַמעריקע, בויט מען ניט הײַנט אַזעלכע שולן. די שול ווערט געבויט ווי אַ טעאַטער־זאַל — ברייט און אָפֿן. אין מיטן שול איז ניט פֿאַראַן קיין בימה נאָר אויף מזרח־זײַט איז פֿאַראַן אַן אויפֿגעהויבענע פּלאַטפֿאָרמע, וואָס דאָרטן געפֿינט זיך דער שולחן און דער ארון קודש. אַרום דער פּלאַטפֿאָרמע — פֿאַר שיינקייט וועגן — זײַנען פֿאַראַן נאַטיר־לעכע אָדער קינסטלעכע פֿלאַנצן.

אין אַזאַ שול איז אויך ניט פֿאַראַן קיין עזרת נשים. מענער און פֿרויען זיצן צוזאַמען. מענער און פֿרויען זינגען צוזאַמען אין שול־כאָר. און אַ גרויסער טייל פֿון די תּפֿילות, ווערן רעציטירט פֿון דעם רבֿ מיט די מתפּללים אין ענגליש.

דער דאָזיקער נוסח איז אויפֿגעקומען אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן, און דאָס איז איצט דער נוסח פֿון דער קאָנסערוואַטיווער שול.

---

[1] קיניגלעך, זייער שיין.

[2] זיך באַוועגט, געוויגט.



אינערלעכער אויסזען פֿון אַ טראַדיציאָנעל־אָרטאָדאָקסישער שול אין פּוילן,
שטאָט גראָדנע.

לויט אונדזער אַלטער טראַדיציע און לויט דער הלכה,[1] האָבן די פרויען אַלע מאָל געהאַט אַ באַזונדער אָרט אין שול. די קאָנ־סערוואַטיווע שול פּאַרקוקט אויף אַזעלכע זאַכן. איר מיינונג איז, אַז דער הי־געבוירענער ייִד איז ניט דערצויגן געוואָרן מיט יענע אַלטע ייִדישע טראַדיציעס. און אויב מיר ווילן, אַז די יונגע דורות זאָלן ניט אָפּגעפּרעמדט ווערן פון ייִדישקייט, דאַרף מען די שול צופּאַסן צו זייערע באַקוועמלעכקייטן.

— און וואָס איז אַן אָרטאָדאָקסישע שול?

— אַן אָרטאָדאָקסישע שול וועט זיך ניט דערלויבן צו ענדערן דעם רעליגיעזן שטייגער. אָרטאָדאָקסישע ייִדן פירן זיך לויט דער הלכה; לויט די דינים פון שולחן ערוך. זיי זיינען תּורה־ייִדן, און דאָס וואָס די תּורה האָט פאַרבאָטן וועלן זיי אָפּהיטן.

דאָס וואָרט „אָרטאָדאָקסיע" איז בכלל ניט קיין ייִדיש וואָרט. ס'איז אַ גריכיש וואָרט. דער טייטש פון דעם איז: שטרענגע מיינונג; ריכטיקע מיינונג; דער ריכטיקער וועג. און די פרומע ייִדן האַלטן טאַקע, אַז זייער וועג איז דער ריכטיקסטער וועג אין דער הנהגה[2] פון ייִדישקייט.

אין מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ, און טיילוויַיז אויך אין ווינּיפּעג, זיינען פאַראַן אָרטאָדאָקסישע ייִדן און אָרטאָדאָקסישע שולן. אַזאַ שול איז גאָר ניט אַנדערש פון דעם אַלטן בית־מדרש, וואָס איז געווען אין אייראָפּע. דער בנין איז אפשר אַנדערש, אָבער ניט די אַטמאָספער אין שול.

די מתפּללים אין אַזאַ אָרטאָדאָקסישע שול, זיינען פרומע ייִדן; ייִדן געראַטעוועטע פון נאַציִשן גיהנום און אויך ייִדן, וואָס זיינען שוין געבוירן געוואָרן אין די לענדער. אַ טייל פון די ייִדן טראָגן נאָך לאַנגע קאַפּאָטעס און בערד און פאות. אין זייערס אַ בית־מדרש דאַוונט מען ניט אויף ענגליש. אַלץ איז דאָרטן לויט דעם אַלטן נוסח ביַי ייִדן. שבת און יום־טוב גייט מען צו פוס אין שול אַריַין, און פון שול אַהיים.

עטוואָס קרובֿהש[3] צו די דאָזיקע שולן זיינען די „סעמי־אָרטאָ־

---

[1] רעליגיעזער דין, געזעץ.

[2] ווי מען פירט זיך. [3] נאָענט.

דאָקסישע" שולן. דאָס קרובֿהשאַפֿט — די נאָענטקייט, באַשטייט אין דעם, וואָס די מתפּללים אין אַזאַ שול זײַנען נאָך פֿון דעם אייראָפּעיִשן טיפּ און זיי זײַנען היימישער מיט די ייִדישע טראַדיציעס.

רעפֿאָרם-טעמפּלען זײַנען אין קאַנאַדע ניט אַזוי פּאָפּולער ווי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אַזעלכע שולן זײַנען נאָר פֿאַראַן אין מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און העמילטאָן. די גאַנצע אַטמאָספֿער אין אַזאַ טעמפּל איז מער פֿאָרמעל ווי רעליגיעז. מען קען אַפֿילו זיצן דאָרט מיטן אָפּגעדעקטן קאָפּ. אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען שוין איצט פֿאַראַן רעפֿאָרם-טעמפּלען, וואָס אַ פֿרוי איז די ראַבינערין.

אַזאַ רעפֿאָרם-ייִדישקייט איז אויפֿגעקומען אין דײַטשלאַנד אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט. די גרינדערס פֿון דער רעפֿאָרם-באַוועגונג זײַנען געווען אַסימילאַטאָרישע ייִדן. זיי האָבן געזאָגט, אַז די ייִדן זײַנען ניט קיין נאַציאָנאַל פֿאָלק. ייִדן זײַנען אַ רעליגיעזע גרופּע. און די רעליגיע דאַרף מען אויך רעפֿאָרמירן; אָפּשאַפֿן די דינים פֿון כּשר און טריפֿה, פֿון שבת און יום-טובֿ, כּדי ס'זאָלן ניט זײַן קיין שוועריקייטן צו קענען לעבן צווישן די קריסטלעכע שכנים.

פֿון דײַטשלאַנד האָט זיך די רעפֿאָרם-באַוועגונג פֿאַרשפּרייט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מ'האָט געגרינדעט דאָרטן אַזעלכע טעמפּלען און געעפֿנט סעמינאַרן פֿאַר רעפֿאָרם-ראַבײַים. איצט האָבן מיר שוין רעפֿאָרם-טעמפּלען אויך אין קאַנאַדע.

אין די פֿריִערדיקע יאָרן זײַנען די רעפֿאָרם-ייִדן געווען שטאַרקע קעגנער פֿון אַ נאַציאָנאַלער היים אין ישׂראל. זיי האָבן אַפֿילו אַרויסגענומען פֿון די תּפֿילות אַלץ וואָס דריקט אויס די בענקשאַפֿט צו ציון. אָבער אין די לעצטע יאָרן איז די באַציִונג פֿון די רעפֿאָרם-ייִדן צו ישׂראל מער פּאָזיטיוו, סימפּאַטישער. ס'זײַנען אַפֿילו פֿאַראַן צווישן די רעפֿאָרם-ייִדן געטרײַע און איבערגעגעבענע טוערס פֿאַר ישׂראל. זייער גאַנצע באַציִונג צו דעם אַלגעמיינעם ייִדישן לעבן איז פּאָזיטיווער ווי אין די פֿריִערדיקע צענדליקער יאָרן.

אָט די אַלע קאָנגרעגאַציעס אין קאַנאַדע זײַנען די צענטערס פֿון דעם רעליגיעזן לעבן. אומדירעקט זײַנען זיי אויך די צענטערס

פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, ווײַל די שול איז אויך אַ צענטער פֿאַר פֿיל וויכטיקע ייִדישע אַקטיוויטעטן:[1] פֿאַר ישׂראל, פֿאַר לאָקאַלע ייִדישע אינטערעסן, פֿאַר קולטורעלע אונטערנעמונגען און פֿאַר וויכטיקע ייִדישע פֿאַרזאַמלונגען. זייערע רבנים זײַנען מענטשן מיט אַן אַקאַדעמישער בילדונג און האָבן אַ גרויסן אײַנפֿלוס אויף די מיטגלידער פֿון זייערע קאָנגרעגאַציעס.



אַ שול אין אַלקינספאַרק (פֿילאַדעלפֿיע), פֿאַראייניקטע שטאַטן, געבויט לויט דער נײַסטער אַרכיטעקטור.

[1] טוען וויכטיקע אַרבעט.

ייִדישע דערציִונג

פֿון אייביק אָן זינט ייִדן עקסיסטירן אַלס פֿאָלק, איז די דערציִונג פֿון זייערע קינדער געווען זייער ערשטע זאָרג. אַן אַלטע אַגדה דערציילט אונדז: אַז ווען גאָט האָט געגעבן די תּורה צו די ייִדן, האָט ער זיי געפֿרעגט: — ווער וועט זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעך,[1] אַז די תּורה וועט אָפּגעהיט ווערן? און די ייִדן האָבן געענטפֿערט: — רבונו של עולם! אונדזערע אָבֿות, אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ, וועלן גוט־זאָגן פֿאַר אונדז, אַז מיר וועלן אָפּהיטן די תּורה. און גאָט האָט געזאָגט: — זיי זײַנען ניט פֿאַר מיר קיין גוטע גאַראַנטיעס... האָבן ייִדן ווײַטער געזאָגט: — אונדזערע קינדער וועלן גאַראַנטירן, אַז די תּורה זאָל אָפּגעהיט ווערן... דאַן האָט גאָט געזאָגט: — די גאַראַנטיע געפֿעלט מיר, דאָס איז די בעסטע גאַראַנטיע, און צוליב זיי, פֿאַר אײַערע קינדערס וועגן, וועל איך אײַך געבן די תּורה.

דעם דאָזיקן צוזאָג האָבן די ייִדן ניט פֿאַרגעסן. ווען אַ ייִד האָט אַפֿילו געוווינט אין אַ דאָרף, אין אַ וואַלד, איז זײַן ערשטע זאָרג געווען צו ברענגען אַ מלמד פֿאַר זײַנע קינדער, אַז ער זאָל מיט זיי לערנען תּורה. אין אַלע ייִדישע וואַנדערונגען איבער דער וועלט איז די דערציִונג פֿון די קינדער אַלע מאָל געשטאַנען אויפֿן ערשטן אָרט. דערפֿאַר קענען מיר זאָגן, אַז די ייִדישע דערציִונג אין קאַנאַדע איז אַזוי אַלט, ווי אַלט עס איז דער ערשטער שפּאַן[2] פֿון די ייִדן אויף דעם דאָזיקן באָדן.

אין די ערשטע יאָרן איז די ייִדישע דערציִונג דאָ געווען ענלעך צו דעם אַלטן חדר אין אייראָפּע. די קינדער פֿלעגן קומען צו דעם לערער אַהיים, אָדער זיך צונויפֿקומען אין אַ פּריוואַטער הויז. מ'האָט געלערנט אַלף־בית, דאַווענען, חומש און נבֿיאים.

אַזאַ סיסטעם פֿון דערציִונג האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. דער שטראָם פֿון נײַע ייִדישע אימיגראַנטן, וואָס איז אָנגעקומען קיין קאַנאַדע פֿון מזרח־אייראָפּע, האָט זיך גלײַך גענומען צו אָרגאַניזירן דעם גאַנצן שול־סיסטעם. אין אָנהייב פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט האָבן זיך שוין אָרגאַניזירט מאָדערנע ייִדישע שולן אין אַ רײַ

---

1 נעמט אויף זיך אָפּצוהיטן. 2 טראָט.

גרעסערע שטעט פֿון קאַנאַדע. איצט, אין אונדזערע טעג, זײַנען שוין אין אַלע גרעסערע ייִדישע ייִשובֿים פֿון קאַנאַדע פֿאַראַן אַ נעץ פֿון טאָגשולן, מיטלשולן, תּלמוד תּורות, ישיבֿות, אָוונטשולן און ייִדיש־העברעיִשע לערער־סעמינאַרן.

אַלע שולן האָבן פֿאַר זיך איין ציל — ייִדישקייט. אָבער די פּראָגראַם פֿון די לימודים אין איין שול איז אַנדערש פֿון פּראָגראַם אין אַ צווייטער שול. אין די תּלמוד תּורות, למשל, איז די דערציִונג אַ העברעיִשע מיט אַ רעליגיעזער אַקצענטירונג,[1] און אין די פּרץ־פֿאָלקשולן — איז די דערציִונג אַ ייִדיש־העברעיִשע, מיט אַ נאַציאָנאַלן אינהאַלט. מיט אַנדערע ווערטער מיינט דאָס: אַז די דערציִונג איז ניט בלויז די רעליגיעזע זײַט; די נאַציאָנאַלע און אַקטועלע ייִדישע אינטערעסן, די שאַפֿונגען פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק אין אונדזערע טעג — זײַנען אויך אַ וויכטיקער טייל פֿון דעם קוריקולום.



די פּרץ־פֿאָלקשול אין וויניפּעג, קאַנאַדע.

[1] מיטן ציל, מיט דער אידעע.

אַנדערש פֿון די ביידע טיפֿן שולן זײַנען די ישיבֿות. דאָ איז די דערציִונג אַ שטרענג־פֿרומע. אין די ישיבֿות לערנען בלויז ייִנג־לעך. די מיידלעך לערנען אין די רעליגיעזע שולן פֿאַר מיידלעך — „בית יעקבֿ". די קינדער אין אַזעלכע שולן קומען, אין גרעסטן טייל, פֿון רעליגיעזע היימען. אין די דאָזיקע שולן לערנט מען — אַחוץ די ענגלישע לימודים — ברכות, תּפֿילות, דינים ומנהגים, חומש מיט רש"י, משנה און גמרא. די לימודים ווערן פֿאַרטײַטשט אויף ייִדיש. אויך דער שולטאָג הייבט זיך אָן אין דער ישיבֿה פֿריִער ווי אין אַלע אַנדערע שולן, ווײַל פֿאַר די לימודים דאַרפֿן די קינדער דאַווענען בציבור, עסן פֿרישטיק, און דערנאָך הייבן זיך ערשט אָן די קלאַסן. אַזעלכע ישיבֿות זײַנען פֿאַראַן אין מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ.

כּמעט אַלע ייִדישע שולן אין קאַנאַדע האָבן שוין הײַנט זייערע אייגענע מאָדערנע שול־בנינים און געשולטע[1] פּראָפֿעסיאָנעלע לערערס. זייערע בודזשעטן ווערן געדעקט טיילווײַז[2] פֿון שׂכר־לימוד און אויך מיט דער הילף פֿון די לאָקאַלע קהילות אָדער „וועלפֿעיר־פֿאָנדן". די זאָרג פֿאַר ייִדישער דערציִונג שטייט אַלע מאָל אין צענטער פֿון אַלע געזעלשאַפֿטלעכע אינטערעסן.

די ייִדישע שולן אין קאַנאַדע האָבן שוין דערצויגן עטלעכע דורות הי־געבאָרענע ייִדן. זיי זײַנען הײַנט די אַקטיווע טוערס און בויערס פֿון אַלע וויכטיקע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. אין אַלע פֿאַרוואַלטונגען פֿון די שולן פֿאַרנעמען הײַנט דעם אויבנאָן[3] געוועזענע תּלמידים און תּלמידות פֿון די דאָזיקע שולן.

די ייִדן אין קאַנאַדע זײַנען געווען די ערשטע פּיאָנערן אויף דעם צפֿון־אַמעריקאַנער קאָנטינענט צו דערעפֿענען קינדער־גאָרטנס און טאָגשולן. דער ערשטער קינדער־גאָרטן אויף דעם קאָנטינענט האָט זיך געעפֿנט בײַ דער י. ל. פּרץ־פֿאָלקשול אין וויניפּעג, אינעם יאָר 1919.

---

[1] געלערנטע, שטודירטע.

[2] אַ טייל, אַ ביסל.

[3] די, וואָס פֿירן אָן.

לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס

ביי אונדז ייִדן איז זייער שטאַרק אַנטוויקלט דאָס געפיל פון קאָלעקטיווער אחריות — די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זאָרג פאַר דעם כּלל. דאָס מיינט, אַז יעדער ייִד פילט אויף זיך אַ חובֿ צו העלפן אויפצוהאַלטן אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט פאַר דעם ייִדישן קיום.[1] ווען ס'וואָלט אַזוי ניט געווען, וואָלטן מיר אין גאַנצן צערונען געוואָרן צווישן די פעלקער אין דער וועלט.

מיר וועלן דאָס בעסער פאַרשטיין, ווען מיר וועלן זיך באַקענען מיט די וויכטיקע אינסטיטוציעס, וואָס די ייִדן האָבן אויפגעבויט אין זייערע קהילות איבערן לאַנד. זיי האָבן געבויט פּראַכטפולע קאָנגרעגאַציעס, דערציִונגס־אינסטיטוציעס, סאָציאַלע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, היימען פאַר עלטערע מענטשן, שפּיטאָלן, זומער־קאָלאָניעס פאַר קינדער, ספּאָרטצענטערס, ביבליאָטעקן, און פיל אַנדערע.

ייִדן טוען דאָס פרייוויליק.[2] קיינער צווינגט זיי ניט. דאָס איז דער אויסדרוק פון זייער אייגענעם ווילן זיך אויסצולעבן און צו דערציִען זייערע קינדער ווי ייִדן.

אויפצובויען אַזעלכע אינסטיטוציעס און אָנהאַלטן זייער עקסיסטענץ, דאַרף מען האָבן מענטשן, וואָס זאָלן דאָס אָרגאַניזירן און פאַרוואַלטן. און די וואָס טוען דאָס — זיינען די „קאָמיוניטי קאָונסילס" אָדער „וועלפעיר־פאָנדס". זיי זיינען ווי קהילה־פאַרוואַלטונגען, וואָס פירן אָן מיט דעם לאָקאַלן ייִדישן לעבן אין די ייִשובֿים איבערן לאַנד. זיי אָרגאַניזירן די געלט־קאַמפּיינען אין די קהילות און העלפן אַרויס די לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס.

דאָס איז נאָר איין טייל פון דער קהילה־אַדמיניסטראַציע; פיל אַנדערע לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע פליכטן[3] ווערן אויך אַרויסגעהאָלפן פון די פאַרשיידענע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און זייערע פאַרוואַלטונגען.

אין צענטער פון אַלע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר דאָ,

[1] עקסיסטענץ. [2] מיטן פרייען ווילן.

[3] זאַכן, וואָס דאַרפן געטאָן ווערן.

אין קאַנאַדע, דעם „קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס״. דאָס איז אַ צענ־טראַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס רעפּרעזענטירט אַלע יידישע קהילות אין קאַנאַדע. דער קאָנגרעס שטייט אויף דער וואַך פון אַלע יידישע אינטערעסן און באַשיצט דעם יידישן כּבוד, ווו נאָר ס׳איז נייטיק.

אַלע דריי יאָר רופט דער קאָנגרעס צונויף אַ נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ. ס׳קומען זיך צוזאַמען דעלעגאַטן פון אַלע יידישע יישובֿים אין לאַנד. ס׳ווערן באַהאַנדלט אַלע יידישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם יידישן לעבן אין קאַנאַדע און אויך מיט יידישע ענינים אויסער קאַנאַדע. די צענטראַלע אַדמיניסטראַציע פון קאָנגרעס געפינט זיך אין מאָנטרעאַל. אַדמיניסטראַטיווע ראַ־יאָנען־אָפּטיילונגען געפינען זיך אויך אין די גרעסערע קהילות איבערן לאַנד.

דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1919. דאָס איז געווען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. פאָרשטייערס פון די יידישע יישובֿים אין קאַנאַדע זײַנען זיך צו־נויפגעקומען אין מאָנטרעאַל צו באַטראַכטן די פּראָבלעמען פון יידישע פּליטים — מלחמה־געליטענע פון אייראָפּע. די געלעגנהייט האָט שוין אויך געבראַכט צום געדאַנק, אַז ס׳איז וויכטיק צו שאַפן אַ פּערמאַנענטע[1] צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קענען רע־פּרעזענטירן אַלע יידן פון קאַנאַדע. און אַזוי איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס.

אין יאָר 1959 איז פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס פּראָקלאַ־מירט געוואָרן אַ יאָר פון פײַערונגען צו דער געלעגנהייט פון צוויי הונדערט יאָר יידן אין קאַנאַדע.

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס

די אַרבעט פאַר ציון האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אין די ערשטע יאָרן פונעם יישובֿ. נאָך פאַר דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, וואָס ד״ר הערצל האָט פאַררופן אין יאָר 1897, האָט שוין אין קאַנאַדע עקסיסטירט אַ גרופּע פון די „חובֿבֿי ציון״. אַזוי פרי ווי אין 1895, ווען דער גאַנצער יידישער יישובֿ אין קאַנאַדע איז

[1] אַ שטענדיקע.

באשטאנען קוים א צען טויזנט נפשות, זיינען צוויי משפחות אפגע־פארן פון מאנטרעאל קיין ארץ־ישראל אלס חלוצים.

געוואקסן איז די ציוניסטישע באוועגונג מיט דעם וווקס פון דעם ישוב. היינט צו טאג זיינען כמעט אלע ייִדן אין קאנאדע פארבונדן מיט דער ציוניסטישער ארבעט פאר ישראל; מ'העלפט בויען דאס לאנד, מ'העלפט אין דער פארטיידיקונג פון דעם לאנד, און פון צייט צו צייט פארן אוועק משפחות צו באזעצן זיך אין דעם לאנד.

מיר האבן דא ציוניסטישע ארגאניזאציעס פון אלע אידעיִשע ריכטונגען: — רעכטע פועלי־ציון און לינקע פועלי־ציון, אלגע־מיינע ציונים, רעוויזיאניסטן, מזרחי, אגודת ישראל, יונג־יודעא, בני עקיבא, הבונים, און השומר הצעיר.

פועלי־ציון איז דער טייטש: די ארבעטער פון ציון. דאס איז די ציוניסטישע ארבעטער־ארגאניזאציע. איר פראגראם איז: אז מדינת־ישראל זאל זיין געבויט אויף א סאציאליסטישער אָרדענונג מיט א סאציאלער פארזיכערונג. די אלגעמיינע ציונים זיינען ניט קיין אנהענגערס פון א סאציאליסטישער סיסטעם. די רעוויזיא־ניסטן זיינען מער גענויגט[1] צו א נאציאנאליסטישן ציוניזם. מזרחי און אגודת ישראל זיינען די רעליגיעזע פארטייען אין ציוניזם. און די לעצטע — זיינען די ציוניסטישע יוגנט־ארגאניזאציעס — צווייגן פון די דערמאנטע ציוניסטישע פארטייען.

ס'זיינען אויך פאראן ציוניסטישע פרויען־ארגאניזאציעס, וואס זיינען זייער אקטיוו אין דער ארבעט פאר ישראל. זיי ארבעטן פאר דער יוגנט־עליה, פירן דורך פראיעקטן צו בויען שפיטאלן אין ישראל, קליניקעס, פאכשולן און קינדער־היימען. דאס איז די הדסה־ארגאניזאציע, די פיאנערן פרויען־ארגאניזאציע, די מזרחי פרויען־ארגאניזאציע און דער נאציאנאלער פרויען קאונסיל.

אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס זיינען אנגעשלאסן אין איין ציוניסטישער פעדעראציע, וואס העלפט פלאנירן און קאארדענירן[2] אלע טעטיקייטן פאר ישראל.

דא איז אויך דאס ארט צו דערמאנען די וויכטיקע ארגאניזא־ציעס פון: נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד און ארבעטער־רינג.

---

[1] גלויבן מער. [2] מאכן די פלענער.

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד איז דורכויס אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס פֿאַראייניקט אַלע ציוניסטן מיט סימפּאַטיע פֿאַר דער „הסתדרות" אין ישׂראל. און דער אַרבעטער־רינג — איז אַן אָרגאַניזאַציע פֿון יידישע אַרבעטערס און פֿאָלקסמענטשן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1892.

ביידע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך אָפּטיילונגען אין קאַנאַדע, מיט גרויסע פֿאַרדינסטן און בײַטראָג [3] סײַ פֿאַר דעם יידישן לעבן אויף דעם קאָנטינענט און סײַ פֿאַר מדינת ישׂראל.

בני־ברית — אַ ברידער־אָרגאַניזאַציע

אַ מענטש איז פֿון זײַן נאַטור אַ געזעלשאַפֿטלעך באַשעפֿעניש. די ערשטע געזעלשאַפֿט זײַנע איז די משפּחה. דערנאָך קומט די געזעלשאַפֿט פֿון פֿרײַנד און סבֿיבֿה.[4] אַן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפֿט פֿון ציוויליזירטע מענטשן האָט שוין אויך אַן אידעאַל — אַ ציל אין איר אַרבעט. אין אַ סך פֿאַלן איז דער ציל פֿון אַזאַ אַרבעט ניט קיין פּאָליטישע, נאָר אַ הומאַניטאַרע, אַ העלפֿנדיקע.

אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז די ב"ב — פֿאַרקירצט פֿון: בני ברית. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז איינע פֿון די גרעסטע יידישע אָר־גאַניזאַציעס אין דער וועלט און עקסיסטירט שוין העכער הונדערט יאָר. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1843, פֿון דײַטש־יידישע אימיגראַנטן.

דאָס איז געווען דער ערשטער פּרוּוו פֿון די אַמעריקאַנער יידן צו גרינדן אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פֿאַרברידערן די יידן אין דער וועלט. די צילן פֿון דער אָרגאַניזאַציע געפֿינען מיר אין די סטאַטוטן פֿון די ב"ב. מיר האָבן דאָ פֿאַרצייכנט עטלעכע פֿון זיי, כּדי צו וויסן וואָס די ב"ב שטעלט מיט זיך פֿאָר.

„בני ברית האָט אויף זיך גענומען די אויפֿגאַבע צו פֿאַראייניקן יידן אין דער אַרבעט, צו קולטיווירן זייערע אינטערעסן און די אינטערעסן פֿון דער מענטשהייט; צו אַנטוויקלען און דערהייבן דעם גײַסטיקן און מאָראַ־לישן כאַראַקטער פֿון אונדזערע גלויבנס־ברידער, אײַנ־

---

[3] זייער הילף. [4] מיט די נאָענטע מענטשן אַרום.

פּלאַנצן אין זיי די פּרינציפּן פון פילאַנטראָפּיע[1] און גע־
פיל פון רעספּעקט; שטיצן וויסנשאַפט און קונסט;
פאַרגרינגערן די נויטן פון די אָרעמע און באַדערפטיקע;
באַזוכן און העלפן די קראַנקע; קומען צו הילף די קרבנות
פון פאַרפאָלגונגען; באַשיצן און העלפן דער אַלמנה און
דעם יתום לויט די פּרינציפּן פון מענטשלעכקייט".

די ב"ב אָרגאַניזאַציע האָט אירע אָפּטיילונגען אין אַלע גרע־
סערע יידישע יישובים איבער דער וועלט און אַוודאי אויך אין
קאַנאַדע. זי טוט זייער אַ סך הילפס־אַרבעט. זי האַלט אויס זומער־
קאָלאָניעס פאַר יוגנטלעכע און שטיצט אין אַ גרויסער מאָס אויך
ישׂראל.

אין די ערשטע יאָרן איז די ב"ב געווען נאָר אַ מענער־אָרגאַ־
ניזאַציע. היינט עקסיסטירט שוין ביי די ב"ב פרויען־אָפּטיילונגען
(אָקזיליערים). און זינט 1924 האָט די ב"ב אָנגעהויבן צו אָרגאַני־
זירן אָפּטיילונגען פאַר יינגלעך און מיידלעך: — די א. צ. א.(A. Z. A.)
און די ב. ב. ג. (B. B. G.). די דאָזיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן
אַריינגעבראַכט פרישקייט און לעבעדיקייט אין די בני־ברית אָרדנס.
אַפילו דער נאָמען פון א. צ. א. — אחדות, צדקה, אהבה — איז
שיין, עטיש, יידישלעך, און פּאַסט זיך פאַר יידישע קינדער.

אויך די הלל־קלובן פון יידישע סטודענטן אין די אוניווערסי־
טעטן איז אַ צווייג פון די ב"ב. דאָס איז געשאַפן געוואָרן, כדי
אַרויסצוהעלפן די סטודענטן אין זייערע רעליגיעזע און קולטורעלע
באַדערפענישן.

צווישן די יידן אין קאַנאַדע איז די ב"ב זייער אַן אָנגעזעענע
און פּאָפּולערע אָרגאַניזאַציע. לאָזשעס פון ב"ב געפינען זיך אין
אַלע שטעט פון קאַנאַדע וווּ יידן וווינען.

יידן אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון קאַנאַדע

איצט וועלן מיר אַוועקשטעלן אַ פּשוטע פראַגע: — ווי אַזוי
לעבן זיך די יידן אין קאַנאַדע און וואָס איז זייער ביישטייער צו דעם
אַלגעמיינעם קאַנאַדער לעבן?

---

[1] אַרויסצוהעלפן מיט געלט.

די פֿראַגע וועט שוין במילא געענטפֿערט ווערן, אויב מיר וועלן פֿריִער וויסן ווי אַזוי ייִדן לעבן זיך דאָ אויס: פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און קולטורעל. (איך בין זיכער, אַז איר ווייסט דעם באַטײַט פֿון די דרײַ ווערטער. אויב ניט — זאָלט איר זיך ניט שעמען צו פֿרעגן.)

פּאָליטיש:

ייִדן אין קאַנאַדע האָבן די פֿולע בירגערלעכע פֿרײַהייט און ווערן רעספּעקטירט מיט צוטרוי. זיי נעמען אָנטייל אין די פּאָלי־טישע פּאַרטייען פֿון לאַנד און זיי ווערן דערוויילט צו אַלע וויכטיקע רעגירונגס־אַמטן.[1]

שוין אַזוי פֿרי ווי אין דעם יאָר 1888 איז אין דער שטאָט וואַנ־קוווער אויסגעוויילט געוואָרן אַ ייִדישער מעיאָר — דוד אָפּענהיי־מער. און אינעם יאָר 1871, ווען די פּראָווינץ „בריטיש קאָלאָמביע" האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָנפֿעדעראַציע, איז דער ייִד הענרי נייטאָן, פֿון וואַנקוווער, נאָמינירט געוואָרן צו דעם פֿעדעראַלן פּאַרלאַמענט אין אָטאַוואַ.

הײַנט, אין אונדזערע טעג, איז שוין דאָס ניט קיין נײַעס. אין קאַנאַדע זײַנען שוין הײַנט פֿאַראַן עטלעכע ייִדישע מעיאָרס. און ניט בלויז מעיאָרס — נאָר אויך ריכטערס, דעפּוטאַטן, סענאַטאָרן, דיפּלאָמאַטן און מיניסטאָרן. דער גרעסטער טייל פֿון זיי זײַנען היימיש־ייִדישע ייִדן מיט אַן אינטערעס פֿאַר דעם ייִדישן לעבן.

עקאָנאָמיש:

עקאָנאָמיש האָבן זיך די ייִדן זייער גוט אײַנגעאָרדנט אין קאַנאַדע. זיי האָבן געהאָלפֿן און העלפֿן אַנטוויקלען די עקאָנאָמיע פֿון לאַנד. זיי האָבן דאָ אויפֿגעבויט די קליין־אינדוסטריע פֿון קליי־דער־פֿאַבריקן, לעדער־פֿאַבריקן, מעבל־פֿאַבריקן, און פֿיל אַנדערע. דאָס גיט אַרבעטס־מעגלעכקייטן פֿאַר טויזנטער קאַנאַדער. זיי זײַנען פֿאַרטראַטן אין האַנדל, אין דעם עקספּאָרט און אימפּאָרט פֿון לאַנד, אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס פֿון: מעדיצין, דענטיסטיק, געזעץ,

---

[1] שטעלעס, פּאָליטישע פּאָזיציעס.

אינזשענירונג, אַרכיטעקטור, דערציִונג, און אין די אַלגעמיינע וויסנשאַפֿטן. אין די גרעסערע אינדוסטריעלע צענטערס, ווי מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און וויניפּעג — איז אויך פֿאַראַן אַ ייִדישער אַרבעטער־קלאַס.

אָט די אַלע צווײַגן פֿון האַנדל און מלאכה זײַנען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיע פֿון לאַנד.

קולטורעל:

ייִדן אין קאַנאַדע באַמיִען זיך זייער שטאַרק, אַז דאָס ייִדישע קולטור־לעבן זאָל זיך דאָ שטאַרקן און אַנטוויקלען. זיי טוען דאָס קודם־כּל דורך ייִדישער דערציִונג; די ייִדישע און העברעיִשע דערציִונגס־אינסטיטוציעס, פֿאַרנעמען אַ בכּבֿודיק אָרט אין דער אַלגעמיינער דערציִונגס־סיסטעם פֿון לאַנד. ייִדישע דערציִונג האַלט אויף אונדזערע אייגענע שפּראַכן פֿון ייִדיש און העברעיִש און דערציט די נײַע דורות מיט אַ נאַציאָנאַל־ייִדישן באַוווסטזײַן.[1]

אַ דאַנק דעם גרויסן אינטערעס פֿאַר ייִדישער דערציִונג פֿונקציאָנירן שוין הײַנט אין געוויסע אוניווערסיטעטן פֿון לאַנד קאַטעדרעס פֿאַר ייִדישע לימודים, ווי שפּראַך, געשיכטע און ליטעראַטור.

ייִדן זײַנען ליבהאָבערס און שטיצערס פֿון קונסט, מוזיק און טעאַטער. צווישן די באַרימטע קאַנאַדער מוזיקערס, שרײַבערס, פּאָעטן, קינסטלערס און אַרטיסטן, פֿיגורירן אַ סך ייִדישע נעמען. זייער בײַטראַג צו דעם קאַנאַדער קולטור־לעבן, ווי צו דעם ייִדישן קולטור־לעבן, ווערט גאַנץ גוט אָפּגעשאַצט.

אין קאַנאַדע האָבן געלעבט און ס'לעבן באַרימטע ייִדישע און ייִדיש־ענגלישע שרײַבערס און פּאָעטן. זיי באַרײַכערן[2] די ייִדישע ליטעראַטור און זייערע נעמען זײַנען גוט באַקאַנט אין דער ייִדישער וועלט. גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי: י. י. סיגאַל — שרײַבער און דיכטער; אײַדע מאַזע — וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט דורך אירע קינדערלידער; רחל קאָרן — אַ טאַלאַנטירטע

---

[1] געפֿיל, איבערגעגעבנקייט.

[2] מאַכן רײַכער.

שרײַבערין און דיכטערין, וואָס האָט זיך באַזעצט אין מאָנטרעאַל נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה; מלך ראַוויטש — באַרימטער דיכטער און עסייִסט; א. מ. קליין — אַ באַרימטער דיכטער און שרײַבער אין דער קאַנאַדער ייִדיש־ענגלישער ליטעראַטור; י. ראַבי־נאָוויטש — אַנערקענטער עסייִסט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור; שלום שטערן — דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער; יעקבֿ זיפּער — באַוווּסטער דערציִער און דערציילער, און פֿיל אַנדערע.

צו דעם אַלעם האָבן ייִדן דאָ אויסגעבויט פּרעכטיקע קולטור־צענטערס, ספּאָרטצענטערס און ביבליאָטעקן. ס׳גייען אַרויס וועכנט־לעכע ייִדישע צײַטונגען אין מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג און פֿיל אַנדערע ייִדיש־ענגלישע צײַטונגען און זשורנאַלן.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, איז דאָס אַלגעמיינע בילד פֿון ייִדן אין קאַנאַדע גאַנץ גוט. דער קאַנאַדער ייִדישער ייִשובֿ, ווי מיר האָבן פֿריִער געלערנט, איז נאָך זייער יונג. די צוקונפֿט איז נאָך ברייט און אָפֿן. זי איז פֿול מיט נײַע מעגלעכקייטן צו נײַע און בעסערע דערגרייכונגען.[3]

וועגן די ייִדן אין קאַנאַדע איז נאָך געבליבן זייער אַ סך צו לערנען. מיר דאַרפֿן זיך אָבער דאָ אָפּשטעלן, ווײַל מיר האָבן פֿאַר זיך אַ לאַנגן וועג דורכצוגיין די אַנדערע לענדער אין דער וועלט און זען ווי ייִדן לעבן דאָרט. און גוט וואָלט געווען, אַז די קינדער, וואָס לעבן אין קאַנאַדע, אויך די קינדער אין אַנדערע לענדער — זאָלן זיך באַקענען מיט דעם אַקטיוון ייִדישן לעבן אין זייערע אייגענע ווינערטער. דאָס וועט זיי לערנען און דערציִען אויסצו־וואַקסן אַקטיווע מענטשן אין דעם ייִדישן לעבן.



אַ ייִדישע שול פֿון אַמאָליקע קאָלאָניסטן אין מערבֿ־קאַנאַדע

[3] צו שאַפֿן מער.

פֿראַגעס און טעמעס פֿאַר קאָמפּאָזיציעס

א) ווער איז, לויט דײַן מיינונג, אַ רעליגיעזער מענטש?

ב) וועלכע אָרגאַניזאַציעס זײַנען לאָקאַלע און וועלכע — נאַציאָנאַלע?

ג) וועלכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע?

ד) וויפֿל ייִדישע שולן זײַנען פֿאַראַן אין דײַן שטאָט?

ה) קענסטו דערקלערן די ווערטער: אַחדות, צדקה און אהבֿה?

ו) וועלכע מענטשן זײַנען פֿון אַן אַרבעטער־קלאַס?

ז) וועלכע מענטשן געהערן צו די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס?

ח) איז דערציִונג אַ טייל פֿון דער עקאָנאָמיע אָדער פֿון דער קולטור?

טעמעס פֿאַר קאָמפּאָזיציעס

1) אויב ווער פֿון דײַנע עלטערן באַלאַנגען צו אַן אָרגאַניזאַציע, איז געפֿין אויס וואָס פֿאַר אַן אָרגאַניזאַציע דאָס איז, וואָס איז די אַרבעט פֿון דער אָרגאַניזאַציע, און באַשרײַב דאָס ווי אַ רעפּאָרטאַזש.

2) געפֿין אויס און באַשרײַב וויפֿל אָרגאַניזאַציעס, ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, זײַנען פֿאַראַן אין דער שטאָט וווּ דו וווינסט, און וועלכע אָרגאַניזאַציעס האָבן פֿאַר דיר אַ גרעסערן אינטערעס.

3) געפֿין אויס וועלכע אינסטיטוציע איז די עלטסטע אין דײַן שטאָט און וואָס פֿאַר אַן אינסטיטוציע איז דאָס.

4) שרײַב עפּעס אָן וועגן דער שטאָט וווּ דו וווינסט: די אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג; די עטנישע גרופּעס; וויפֿל ייִדן לעבן אין דער שטאָט; מיט וואָס באַשעפֿטיקן זיך די ייִדן; די שיינקייטן פֿון שטאָט; קלימאַט; און אַזוי ווײַטער.



דאָס איז אַ מאַפּע פון יידישע וואַנדערונגען נאָך גירוש שפּאַניע. די פּײַלן ווײַזן זייער וואַנדער־וועג און זייער אָנקומען צו די ברעגעס פון נײַ־אַמסטערדאַם (ניו־יאָרק).

קאַפּיטל ב

ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן

כּמעט אַ העלפֿט פֿון אַלע ייִדן אין דער וועלט לעבן הײַנט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אין דער שטאַט ניו-יאָרק אַליין וווינען איצט אַרום דרײַ מיליאָן ייִדן. דאָס איז דער גרעסטער ייִדישער קיבוץ אין אַ שטאָט, וואָס איז אין אונדזער געשיכטע ביז איצט ניט געווען.

דאָ, אין אַמעריקע (צוליב קיצור וועלן מיר נוצן דאָס וואָרט אַמעריקע), האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן ייִדן פֿון אַלע עקן וועלט; ייִדן פֿון אייראָפּעיִשע לענדער און ייִדן פֿון אָריענטאַלישע לענדער; ייִדן מיט פֿאַרשיידענע לשונות[1] און טראַדיציעס און ייִדן פֿון פֿאַר-שיידענע קולטורן און מנהגים. אַלע ייִדן צוזאַמען שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אַמעריקאַנער קיבוץ-גלויות — אַ צונויפֿקום פֿון אַ סך גלותן אין איין גרויסן גלות אַמעריקע.

און דער פֿאַקט איז, אַז די זעקס מיליאָן ייִדן אין אַמעריקע זײַנען אַ גרויסער כּוח. די גרויסע ייִדישע אינסטיטוציעס, וואָס זיי האָבן דאָ אויפֿגעבויט, האָבן אַ גרויסן אײַנפֿלוס אויף די ייִדן אין דער וועלט. די פֿאַרצווײַגטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און פֿאָלקס-אָרגאַניזאַציעס, זײַנען די גרעסטע שטיצערס און בויערס פֿון ישׂראל. דאָ, אין אַמעריקע, האָבן ייִדן געשאַפֿן די גרעסטע ייִדישע הילפֿס-אָרגאַניזאַציעס, וואָס דערגרייכן ווײַט אַריבער די גרענעצן פֿון אַמעריקע. דאָ, אין אַמעריקע, האָבן געלעבט און לעבן באַרימטע ייִדישע פּערזענלעכקייטן און געלערנטע: — פֿילאָ-סאָפֿן, וויסנשאַפֿטלערס, שרײַבערס, פּאָעטן, מוזיקערס, קינסטלערס,

---
[1] שפּראַכן.

באַרימטע רבנים און אויך חסידישע רביים. ייִדן האָבן דאָ אויפֿגע־בויט זייער וויכטיקע דערציִונגס־אינסטיטוציעס, אוניווערסיטעטן, תּורה־צענטערס, ישיבֿה־קאָלעדזשעס, סעמינאַרן פֿאַר רבנים און לערערס, וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרש־אינסטיטוטן, מוזייען, ביבליאָטעקן, און פֿיל אַנדערע.

פֿיל ייִדן אין אַמעריקע זײַנען מיט דער מיינונג, אַז זיי לעבן ניט דאָרטן אין גלות; אַ גלות איז נאָר דאָרט, וווּ מ׳האַלט דיך פֿאַר אַ פֿרעמדן און דו האָסט ניט די זעלבע רעכט ווי אַלע אַנדערע איינוווינערס. אין אַמעריקע אָבער, לעבן דאָך די ייִדן מיט דער פֿולער פֿרײַהייט — און דאָס איז ניט קיין גלות. מעגלעך, אַז ס׳איז פֿאַראַן אין דעם אַ ביסל אמת, אָבער ניט דער גאַנצער אמת. — וואָס איז אײַער מיינונג?

און דאָס ביסל אמת איז, אַז די ייִדן אין אַמעריקע לעבן טאַקע ווי פֿרײַע אַמעריקאַנער בירגער. זיי זײַנען פֿאַרטראַטן[2] אויף אַלע געביטן[3] פֿון דעם אַמעריקאַנער לעבן: אין די וויסנשאַפֿטן, אין דעם פּאָליטישן לעבן, אין דעם קולטורעלן לעבן, אין דעם עקאָנאָמישן לעבן, און אַזוי ווײַטער...

צווישן די אַמעריקאַנער ייִדן און קאַנאַדער ייִדן איז פֿאַראַן אַ נאָענטע פֿאַרבינדונג. מיר וועלן דאָס לערנען אין די קומענדיקע לעקציעס און זיך באַקענען מיט דעם לעבן פֿון די אַמעריקאַנער ייִדן אין דער איצטיקער צײַט.

די ערשטע ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן

מיר ווייסן ניט ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען די ערשטע ייִדן קיין אַמעריקע. מעגלעך, אַז נאָך פֿאַר קאָלומבוסעס צײַטן זײַנען שוין געווען ייִדן אין אַמעריקע.

ס׳איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז אין יאָר 1886 האָבן אַרכעאָלאָגן אין טענעסי געפֿונען אַ שטיין מיט אַן אומפֿאַרשטענדלעכער אויפֿשריפֿט. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַן אַלטע צייכנשריפֿט פֿון די „טשעראַקי" אינדיאַנער. דער שטיין איז געלעגן אין וואַשינגטאָנער אינסטיטוט אַ לאַנגע צײַט און קיינער האָט זיך מיט אים ניט געקימערט. ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט פּראָפֿע־

---

[2] נעמען אָנטייל.
[3] וויכטיקע טיילן.

סאַר מ. גאָרדאָן אויסגעפֿונען, אַז די שריפֿט אויפֿן שטיין איז אַן אַלט־העברעיִשע. אַ שריפֿט, וואָס די ייִדן האָבן גענוצט מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק. און די שריפֿט אויפֿן שטיין לייענט זיך: — „פֿאָרן לאַנד פֿון יהודה״. פֿון דעם דאָזיקן פֿאַקט ווילן אייניקע געלערנטע זאָגן, אַז ייִדן זיינען שוין געווען אין אַמעריקע מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

דאָס איז אָבער אַן השערה — אַ שפּעקולאַציע. דער געשיכט־לעכער פֿאַקט איז, אַז די ערשטע ייִדן זיינען אָנגעקומען קיין אַמע־ריקע מיט קאָלומבוסעס שיפֿן, אין 1492. אויף זיינע שיפֿן זיינען אויך געווען אַנוסים־ייִדן. דער ערשטער פֿון קאָלומבוסעס עקספּעדי־ציע, וואָס איז אַראָפּ אויף דער אַמעריקאַנער ערד, איז געווען דער אַנוס לויִ דע־טאָרעס. מיר ווייסן אָבער זייער ווייניק פֿון אָט די דאָזיקע ייִדן. פֿאַרשריבענע דאַטעס און דאָקומענטן פֿון די ערשטע ייִדן אין אַמעריקע הייבן זיך ערשט אָן אין דעם יאָר 1654.

אין דעם דאָזיקן יאָר זיינען מיט דער שיף סט. טשאַרלס אָנגעקומען אין דעם פּאָרט פֿון ניי־אַמסטערדאַם (ניו־יאָרק) דריי און צוואַנציק ייִדן. זיי זיינען געקומען פֿון דער האָלענדישער קאָלאָניע „רעסיפֿע״ אין בראַזיל. די פּאָרטוגעזער האָבן דעמאָלט ווידער פֿאַרכאַפּט די קאָלאָניע פֿון די האָלענדער און די ייִדן האָבן זיך געמוזט ראַטעווען פֿון דער פּאָרטוגעזישער אינקוויזיציע.

אַ לאַנגן און שווערן וועג האָבן זיי דורכגעמאַכט. אַ וועג פֿון פּיין און ליידן. פֿיל פֿון זיי זיינען באַרויבט געוואָרן און אומגעקומען פֿון פּיראַטן אויפֿן ים. נאָר אַ קליינע גרופּע האָט זיך דערשלאָגן צו די ברעגן פֿון ניי־אַמסטערדאַם. און ערשט דאָ ווידער — נייע שוועריקייטן, נייע צרות...

דער גובערנאַטאָר פֿון ניי־אַמסטערדאַם, פּיטער סטייוועסענט, איז ניט געווען פֿון די גרויסע ייִדנפֿריינד. ער האָט די אויסגעמאַ־טערטע ייִדן פֿאַרהאַלטן און זיי ניט אַראָפּגעלאָזט אויף דעם נייעם לאַנד. ער האָט אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו די דירעקטאָרן פֿון דער וועסט־אינדיע געזעלשאַפֿט אין אַמסטערדאַם, אַז זיי זאָלן אים דערלויבן צוריקשיקן די ייִדן פֿון וואַנען זיי זיינען געקומען. די דאָזיקע געזעלשאַפֿט האָט פֿאַרוואַלטעט[1] און איז געווען דער פֿאַקטישער בעל־הבית (באַלעבאָס) פֿון ניי־אַמסטערדאַם.

[1] אָנגעפֿירט מיט די געשעפֿטן.

ווען די ייִדן אין אַמסטערדאַם האָבן זיך דערוווּסט פֿון דעם דאָזיקן בריוו, האָבן זיי ניט גערוט. זיי האָבן געזוכט פֿאַרשיידענע וועגן צו ראַטעווען זייערע פֿאַרפֿאָלגטע ברידער. אין דער בקשה, וואָס זיי האָבן באַלד אַוועקגעשיקט צו די דירעקטאָרן פֿון דער געזעלשאַפֿט, האָבן זיי אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע אומגליקלעכע ייִדן זײַנען געטרײַע בירגערס פֿון האָלאַנד. מיט זייער בלוט און געלט האָבן די דאָזיקע ייִדן אין בראַזיל געקעמפֿט קעגן די פּאָרטוגעזער. זיי האָבן די דירעקטאָרן אויך דערמאָנט, אַז ייִדן האָבן אויך אַקציעס אין דער וועסט-אינדיע געזעלשאַפֿט און האָבן זיך תּמיד [1] באַמיט צו שטאַרקן די געזעלשאַפֿט. די ייִדן האָבן אַפֿילו פֿאַרלאָרן גרויסע סומעס געלט פֿון זייערע אַקציעס (שערס), ווען פּאָרטוגאַל האָט פֿאַרכאַפּט די קאָלאָניע אין בראַזיל. מיר בעטן דעריבער — האָבן זיי געשריבן — ניט אויסצושליסן דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון דעם נײַעם לאַנד, נאָר פֿאַרקערט, דערלויבן זיי זיך צו באַזעצן אין דעם לאַנד און געניסן פֿון דער פֿרײַהייט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע בירגערס.

די בקשה פֿון די אַמסטערדאַמער ייִדן האָט געהאַט אַ ווירקונג [2] און דער ענטפֿער פֿון די דירעקטאָרן צו סטייוועסאַנטן איז געווען: — נאָך דעם ווי מיר האָבן באַטראַכט און באַהאַנדלט דעם ענין, וואָלט אַזאַ האַנדלונג ווי איר בעט, ניט געווען יושרדיק. די ייִדן האָבן גלײַך מיט אַנדערע זייער אַ סך געליטן אין דער מלחמה מיט פּאָרטוגאַל. דעריבער — נאָך דעם ווי מיר האָבן באַהאַנדלט אַ פּעטיציע פֿון אונדזערע ייִדישע בירגערס אין אַמסטערדאַם — האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דעם דאָזיקן פֿאָלק ווערט דערלויבט צו בלײַבן וווינען אין נײַ-נידערלאַנד...

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פֿון די ערשטע ייִדן אין אַמעריקע. די ערשטע ייִדישע אימיגראַנטן זײַנען אַזוי אַרום געווען די ספֿרדישע ייִדן פֿון נאָך דער שפּאַנישער תּקופֿה. דאָס מיינט, נאָך דעם ווען קאָלומבוס האָט שוין געהאַט אַנטדעקט אַמעריקע. זיי זײַנען געקומען פֿון בראַזיל און פֿון אַנדערע דרום-אַמעריקאַנער לענדער. צו די דרום-אַמעריקאַנער לענדער זײַנען זיי מלכתּחילה [3] געקומען פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. ווען זיי האָבן זיך

---

[1] שטענדיק. [2] ס׳האָט געהאָלפֿן. [3] פֿריִער

אַרויסגעכאַפּט פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל צו די דרום־אַמעריקאַנער לענדער האָבן זיי געמיינט, אַז זיי וועלן דאָרט קענען לעבן ווי פֿרײַע ייִדן און ניט ווי אַנוסים.* אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די קאַטוילישע אינקוויזיציע פֿון פּאָרטוגאַל און שפּאַניע האָט זיך אויך אַריבער־געטראָגן אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער און די ייִדן האָבן אויף ס'נײַ געדאַרפֿט זוכן פֿאַר זיך אַ רויִקן ווינקל. איצט איז דאָס געווען — אַמעריקע.

פֿון נײַ־אַמסטערדאַם צו ניו־יאָרק

ווען די 23 ייִדן זײַנען אָנגעקומען קיין נײַ־אַמסטערדאַם, האָבן שוין דאָרט געוווינט אַרום פֿופֿצן הונדערט מענטשן. מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער און שפּראַכן. די ערשטע צײַט האָט מען ניט געהאַט קיין צוטרוי צו די ייִדן. דאָס אײַנאָרדענען זיך איז אָנגעקו־

* דאָס וואָרט „אַנוסים" איז דער טײַטש: געצוווּנגענע. מ'האָט ייִדן געצוווּנגען, אַז זיי זאָלן זיך שמדן און ווערן קריסטן. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס אין שפּאַניע אין סוף פֿון 14טן יאָרהונדערט. די קאַטוילישע קירך, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסע מאַכט האָט זייער שטאַרק פֿאַרפֿאָלגט די ייִדן. זייער ציל איז געווען, אַז די ייִדן זאָלן אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן.

האָבן טאַקע אַ סך ייִדן ניט געקענט אויסהאַלטן מער די גרויסע צרות און זיי האָבן זיך געשמדט לפּנים וועגן, וואָס מיינט: אַז אין דעם עפֿנטלעכן לעבן, אין דרויסן, זײַנען זיי אָנגעגאַנגען ווי קריסטן, אָבער אין דער היים — ווען קיינער האָט ניט געזען און ניט געוווּסט — האָבן זיי געלעבט ווי ייִדן. שבת און יום־טובֿ פֿלעגן זיך די אַנוסים צוזאַמענקומען אין פֿאַרבאָרגענע ערטער צו תּפֿילה און לימוד התּורה. אָבער דאָס לעבן פֿון די אַנוסים איז אויך געוואָרן שווער און שווערער. מ'האָט זיי געהיט אויף טריט און שריט. זייער לעבן און דאָס לעבן פֿון זייערע משפּחות איז אַלע מאָל געווען אין גרויס סכּנה.

אין דעם יאָר 1492, ווען ס'איז אַרויס די גזירה, אַז אַלע ייִדן מוזן פֿאַרלאָזן שפּאַניע, זײַנען צוגעקומען נײַע אַנוסים — ייִדן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ניט געקענט שיידן פֿון זייערע פֿאַרמעגנס און משפּחות אין שפּאַניע.

אין דעם יאָר 1530 האָט די קאַטוילישע קירך פֿון שפּאַניע — דערנאָך אויך אין פּאָרטוגאַל — אײַנגעשטעלט אַן אינקוויזיציע־טריבונאַל. דאָס איז געווען אַ טרי־בונאַל פֿון מאָנאַכן און בישאָפֿן, וואָס האָט געפּײַניקט און פֿאַרמשפּט יעדן איינעם, וואָס מען האָט חושד [2] געווען, אַז ער איז ניט קיין גלויביקער קריסט. און גאָר שלעכט איז געווען, ווען מ'האָט געכאַפּט אַ ייִד אָפּהיטן ייִדישקייט באַהאַלטענערהייט...

אַזוי האָבן די אַנוסים געלעבט און געליטן. זיי האָבן געליטן און געהאָפֿט אויף דער מינוט צו קענען זיך אַרויסראַטעווען פֿון דעם גיהנום און געפֿינען ערגעץ אַ פֿרײַען ווינקל אין דער וועלט, וווּ זיי זאָלן קענען לעבן אָן פּחד.[3]

[2] באַשולדיקט. [3] שרעק.

מען מיט שווערקייטן. זיי האָבן געדאַרפֿט אויסקעמפֿן פֿאַר זיך די רעכט צו קענען אַרבעטן בײַ זייערע מלאכות, צו קענען האַנדלען, און די רעכט צו קענען קויפֿן אַ שטיקל לאַנד אויף בויען אַ הויז. אויסצוקעמפֿן אַזאַ עלעמענטאַרע מענטשלעכע רעכט — ספּעציעל פֿאַר ייִדן — האָט מען אין יענער צײַט געדאַרפֿט האָבן קוראַזש און מוט. מ'האָט געדאַרפֿט אויפֿקלערן און באַווײַזן, אַז ייִדן זײַנען אַרבעטזאַמע ערלעכע מענטשן און די רייד פֿון אַלע אונדזערע שונאים זײַנען פֿאַלש.



נײַ־אַמסטערדאַם (ניו־יאָרק), אין יאָר 1654.

אשר לעווי, איינער פֿון די ערשטע 23 ייִדן, האָט אויף זיך גענומען די דאָזיקע אַרבעט. ער איז געווען אַ שטאָלצער און מוטיקער ייִד. ניט קיין צעשראָקענער. ער האָט געקעמפֿט פֿאַר די רעכט פֿון די ייִדן, וועלכע זײַנען געווען האָלענדישע בירגערס. ער איז געוואָרן זייער פֿאָרשטייער, זייער וואָרטזאָגער.[1] ער איז געגאַנגען פֿאַר זיי צו די שטאָט־באַאַמטע, צו די ריכטערס, און געקעמפֿט פֿאַר זייער רעכט.

אשר לעווי איז געווען אַ פֿרומער ייִד. ער האָט געהאַנדלט מיט

[1] גערעדט פֿאַר זיי.

פֿלייש. מעגלעך, אַז ער איז אויך געווען אַ שוחט און פֿאַרזאָרגט די ייִדן מיט כּשר פֿלייש. ער איז געווען אַן ערלעכער און גוטער מענטש און זײַן נאָמען איז פֿאַרצייכנט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע מיט ליבע און רעספּעקט.

בלויז צען יאָר זײַנען די ייִדן דאָרט געווען אונטער דער האָלענדישער הערשאַפֿט. אין די צען יאָר האָבן זיך די ייִדישע משפּחות פֿאַרמערט. ס'זײַנען צוגעקומען ייִדן פֿון די דרום-אַמעריקעס, פֿון האָלאַנד און פֿון די בריטישע אינדזלען.

אין אָנהייב פֿון 17טן יאָרהונדערט האָט ענגלאַנד געעפֿנט פֿאַר זיך אַ וועג צו דעם צפֿון-אַמעריקאַנער קאָנטינענט און געגרינדעט ענגלישע קאָלאָניעס. און אין דעם חודש סעפּטעמבער פֿון יאָר 1664 זײַנען בריטישע שיפֿן שוין צוגעשוווּמען צו די ברעגן פֿון מאַנהעטן אינדזל (ניו-יאָרק). דער בריטישער קאָמאַנדיר, ריטשאַרד ניקאָלס, האָט געשיקט אַן אולטימאַטום צו דעם האָלענדישן גובערנאַטאָר זיך אונטערצוגעבן. די האָלענדער האָבן ניט געהאַט קיין ברירה. זיי זײַנען געווען צו שוואַך צו קעמפֿן קעגן דעם בריטישן פֿלאָט. האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן. די האָלענדישע קאָלאָניע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן בערך פֿופֿציק יאָר, איז געפֿאַלן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די בריטישע אָקופּאַציע. נײַ-אַמסטערדאַם האָט באַקומען דעם נאָמען ניו-יאָרק — אויפֿן נאָמען פֿון דזשיימס יאָרק, דער ברודער פֿון ענגלישן קיניג טשאַרלס דעם צווייטן.

ייִדן קומען קיין אַמעריקע

די ערשטע אימיגראַציע פֿון ייִדן קיין אַמעריקע איז אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פֿון ספֿרדישע ייִדן.* זיי זײַנען געקומען פֿון פּאָרטוגאַל, פֿון האָלאַנד, פֿון די „וועסט-אינדיעס”, פֿון די דרום-אַמערי-

* אין דעם אַלטן העברעיִש איז דאָס לאַנד שפּאַניע אָנגערופֿן געוואָרן „ספֿרד”. אַלע ייִדן, וואָס שטאַמען פֿון די ייִדישע קהילות אין שפּאַניע, רופֿן זיך ספֿרדישע ייִדן. זייער שפּראַך איז געווען „לאַדינאָ” (אַלט-שפּאַניש געמישט מיט העברעיִשע ווערטער) און טיילווײַז אויך העברעיִש.

די אַשכּנזישע ייִדן זײַנען די אָפּשטאַמיקע פֿון די קהילות אין דײַטשלאַנד. דײַטשלאַנד איז אָנגערופֿן געוואָרן „אשכּנז”. אויך די ייִדן פֿון פּוילן, רוסלאַנד, ליטע, רומעניע, אונגאַרן, עסטרײַך און פֿון אַנדערע מזרח-אייראָפּעיִשע לענדער, געהערן צו די אשכּנזישע ייִדן. זיי זײַנען די גרעסטע מערהײַט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק.

קעם און פֿון ענגלאַנד. זיי האָבן זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, ניו־פּאָרט, טשאַרלסטאָן, פֿילאַדעלפֿיע און באָסטאָן.

דאָס איז ניט געווען קיין מאַסן־אימיגראַציע, ווײַל אין יענער צײַט איז דאָס וואַנדערן איבער דער וועלט און איבער אָקעאַנען, געווען זייער אַ שווערע אונטערנעמונג. דעריבער איז די אימיגראַציע דעמאָלט אָנגעגאַנגען זייער לאַנגזאַם.[1]

ניו־יאָרק און ניופּאָרט זײַנען געווען די ערשטע קהילות אין אַמעריקע. אין 1695 האָבן שוין די ניו־יאָרקער ייִדן אײַנגעאָרדנט אין אַ פּריוואַטער דירה אַ קליינע שול צום דאַוונען. אַן אָפֿיציעלע ייִדישע קהילה אונטערן נאָמען „שארית ישראל" — איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1728. זיי האָבן אויסגעבויט אַ שול אויף מיל־גאַס (די הײַנטיקע וויליאַם־גאַס), און דאָס איז געווען די ערשטע שול אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.



די ערשטע שול אויף דעם צפֿון־אַמעריקאַנער קאָנטינענט; אויסגעבויט געוואָרן אין ניו־יאָרק אויף „מיל" גאַס אין יאָר 1729.

[1] פּאַמעלעך.

אינעם יאָר 1755-56 האָבן זיך אַ גרעסערע צאָל אַנוסים אַרויס־געכאַפּט פֿון פּאָרטוגאַל און זײַנען אָנגעקומען קיין ניופּאָרט. אין דער שטאָט ליסאַבאָן איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אַן ערד־ציטערניש און דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט אַרויסצוכאַפּן זיך פֿון דעם אינקוויזיציע־לאַנד. דער ייִדישער יישובֿ אין ניופּאָרט האָט זיך אַזוי אַרום פֿאַרמערט און אין יאָר 1763 האָבן שוין די ייִדן באַוויזן אויסצובויען דאָרטן אַ גרויסע שול; דאָס איז די באַרימטע טוראָ שול, וואָס שטייט נאָך ביז הײַנט צו טאָג.

גרויסע ייִדישע פּערזענלעכקייטן אין דער תּקופֿה פֿון דער ספֿרדישער אימיגראַציע

זייער אינטערעסאַנט און דראַמאַטיש איז די געשיכטע פֿון ד״ר שמואל נוניעז, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פֿון פּאָרטוגאַל קיין אַמעריקע אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט.

שמואל נוניעז איז געווען אַ באַרימטער דאָקטער אין ליסאַבאָן. ער איז געווען דער הויפֿדאָקטער אין קיניגלעכן פּאַלאַץ און געפֿירט זייער אַ ברייטן און רײַכן לעבן.

ער איז געווען פֿון די אַנוסים. פֿאַר דער דרויסנדיקער וועלט איז ער אַנגעגאַנגען ווי אַ קריסט. אין געהיים אָבער, איז ער געווען אַן אָפּגעהיטענער פֿרומער ייִד. אין די קעלערן פֿון זײַן רײַך הויז האָט ער מיט זײַן משפּחה אָפּגעהיט דעם שבת און יום־טובֿ אויף זייער אַ רײַכן אופֿן.

די שפּיאָנען פֿון דער אינקוויזיציע האָבן כּסדר נאָכשפּיאָנירט זײַן הויז. זיי האָבן געזוכט אַרײַנצוכאַפּן אים אין זייערע נעגל. און ס'האָט פּאַסירט, אַז אין אַ שבתדיקן טאָג פֿונעם יאָר 1730 האָבן זיך די אינקוויזיציע־שפּיאָנען אַרײַנגעריסן אין זײַן הויז און גענומען זוכן און נישטערן[2] אין אַלע ווינקלען. זיי האָבן געפֿונען אַ טלית, סידורים, אַ חומש, ייִדישע חפֿצים,[3] און די גאַנצע פֿאַמיליע איז אַרעסטירט געוואָרן.

---

[2] אַלץ איבערוואַרפֿן.

[3] זאַכן וואָס ווערן גענוצט פֿאַר רעליגיעזע צוועקן, ווי לײַכטערס, קידוש־בעכערס און אַנדערע.

שמואל נוניעז איז דאָך אָבער געווען פֿון די וויכטיקסטע דאָק־טוירים אין קיניגס פּאַלאַץ, זיי האָבן אים געמוזט האָבן, האָט דעריבער דער קיניג אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו דער אינקוויזיציע, אַז מ׳זאָל די גאַנצע משפחה באַפֿרײַען. איין זאַך האָט די אינקוויזי־ציע אויסגעפֿירט — אין נוניעזעס הויז זאָלן זיך שטענדיק געפֿינען צוויי מאָנאַכן, וואָס וועלן קענען אַכטונג געבן, אַז די משפחה זאָל זיך אויפֿפֿירן ווי גוטע קריסטן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס לעבן פֿון דער נוניעז־משפחה איז געוואָרן אומבאַקוועמער פֿון טאָג צו טאָג. די בייזע אויגן זײַנען זיי נאָכגעגאַנגען אויף טריט און שריט. זיי האָבן דאָס מער ניט געקענט אויסהאַלטן. האָבן זיי דעריבער פֿאַרטראַכט אַ פּלאַן צו אַנטלויפֿן פֿון פּאָרטוגאַל.

ווי מיר האָבן שוין פֿריִער דערציילט, האָט די נוניעז־משפחה געפֿירט זייער אַ רײַכע היים. זיי האָבן געלעבט אין אַ פּראַכטיקע ווילע, וואָס איז געשטאַנען בײַם ברעג פֿון טאָגוס־טײַך. דורך די פֿענצטער האָבן זיך געשפּיגלט די בלויע כוואַליעס פֿון טײַך און זעגלשיפֿן האָבן זיך דורכגעשניטן מיט שטילקייט.

די העכסטע אַריסטאָקראַטיע פֿון ליסאַבאָן פֿלעגן קומען אין דער דאָזיקער ווילע. אָבער לעצטנס איז אין נוניעזעס הויז געוואָרן פֿריילעכער. די באַנקעטן און בעלער — אָפֿטער. קיינער האָט ניט געוווּסט פֿאַר וואָס און קיינעם איז ניט אײַנגעפֿאַלן צו טראַכטן, אַז דאָ ווערט עפּעס געפּלאַנט.

איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען אין נוניעזעס הויז איז פֿאָרגעקו־מען אַזאַ באַנקעט, האָט זיך אויפֿן טײַך, פּונקט אַנטקעגן הויז, — באַוויזן אַן ענגלישע זעגל־שיף. ד״ר נוניעז האָט פֿאַרבעטן דעם קאַפּיטאַן פֿון שיף צו זיך אין הויז אַרײַן — זאָל ער אויך הנאה האָבן פֿון די גוטע פּאָרטוגעזישע ווײַנען. און אַזוי האָט מען גע־טרונקען און געהוליעט[1] ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַרײַן. און ווען די געסט האָבן אָנגעהויבן ווערן שיטערער, האָט דער קאַפּיטאַן פֿאַרבעטן צו זיך אויפֿן שיף די נוניעז־משפּחה און אירע נאָענטע פֿרײַנד, אַז זיי זאָלן אויך פֿאַרזוכן פֿון זײַנע גוטע ווײַנען... אַפֿילו די הייליקע פֿאָטערלעך פֿון דער אינקוויזיציע האָט ער פֿאַרבעטן.

[1] געטאַנצט.

זייערע פּיס האָבן זיך שוין סײַ־ווי־סײַ געוואַקלט [1] און זיי האָבן ניט געוווּסט וואָס דאָ קומט פֿאָר.

אַלץ איז געווען פֿון פֿריִער געפּלאַנט און צוגעגרייט. ווי נאָר זיי זײַנען אַרויף אויפֿן שיף און ס'האָבן זיך פֿריילעך גענומען הייבן די ערשטע גלעזלעך ווײַן — האָבן די מאַטראָזן בליץ־שנעל אויפֿגעהויבן דעם אַנקער און די זעגלען פֿון שיף האָבן זיך אַרײַנגעגליטשט אין דעם אַטלאַנטיק צו דער ריכטונג פֿון ענגלאַנד.

ווען די מאַנאַכן האָבן זיך אויסגעניכטערט [2] און דערזען וואָס דאָ קומט פֿאָר, איז שוין געווען צו שפּעט — די שיף איז שוין געווען אין די טיפֿע וואַסערן צו ענגלאַנד.

און אַזוי זײַנען די נוניעזעס געוואָרן פֿרײַע ייִדן. זיי האָבן זיך אין ענגלאַנד אויסגערוט פֿון דעם פֿינצטערן קאָשמאַר און זיי זײַנען שפּעטער אָפּגעפֿאָרן קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין דזשאָר־דזשיאַ.

אויך דאָ האָט זיך ד"ר נוניעז אָפּגעגעבן מיט היילן קראַנקע. ער איז שנעל באַרימט געוואָרן אַלס גרויסער דאָקטער. זײַנע גרויסע קענטעניש אין מעדיצין האָבן געבראַכט היילונג צו אַ סך מענטשן. ער האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט. געלאָפֿן פֿון איין קראַנקן צו דעם אַנדערן און זײַן נאָמען האָט געבראַכט כּבֿוד און פֿרײַנד־שאַפֿט פֿאַר ייִדן אין דזשאָרדזשיאַ.

גרשום מענדעס סעישעס (1816—1745)

ער איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער־געבאָרענער, וואָס איז געוואָרן אַ רבֿ אין אַמעריקע. זײַנע עלטערן, ספֿרדישע ייִדן, האָבן געוווינט אין ניו־יאָרק און זיי האָבן אים געגעבן אַ גוטע ייִדישע דערציִונג. אין זײַן פֿריִען עלטער איז שוין גרשום מענדעס געוואָרן דער חזן און בעל־קריאה [3] אין דער ערשטער ניו־יאָרקער שול „שארית ישׂראל". ער האָט ווײַטער ממשיך [4] געווען זײַן לערנען און איז שפּעטער באַשטימט געוואָרן אַלס גײַסטיקער פֿירער פֿון שול.

---

[1] געשאָקלט. [2] דאָס שיכּרות איז אַוועק.

[3] דער וואָס לייענט די תּורה אין שול. [4] אָנגעהאַלטן.

אין יאָר 1775, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד, האָט ר' גרשום מענדעס אָנגעפֿירט אַ פּראָפּאַגאַנדע, אַז מ'זאָל ניט קאָאָפּערירן מיט די בריטישע אָקופּאַנטן, וואָס האָבן פֿאַרנומען זייערע פּאָזיציעס אין ניו־יאָרק. ער אַליין האָט פֿאַרלאָזט די שטאָט און איז אַוועק קיין פֿילאַדעלפֿיע. ס'זײַנען דערנאָך אָנגעקומען קיין פֿילאַדעלפֿיע מערערע ייִדן פֿון ניו־יאָרק און מ'האָט דאָרט געגרינדעט אַ קהילה מיטן נאָמען „מקווה ישׂראל" — ייִדישע צונויפֿזאַמלונג.

אין יאָר 1784 איז די בריטישע אַרמיי אַרויס פֿון ניו־יאָרק. ר' גרשום מענדעס איז צוריקגעקומען צו זײַן קהילה. ער איז שטאַרק רעספּעקטירט געוואָרן פֿאַר זײַן אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם און ער איז פֿאַרבעטן געוואָרן צו דער אײַנשווערונג פֿונעם ערשטן פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן — דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

חיים סאַלאָמאָן

אין דער געשיכטע פֿון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע פֿאַרנעמט דער ייִד חיים סאַלאָמאָן אַ בכּבֿודיקן פּלאַץ.

ער איז געבאָרן געוואָרן אין פּוילן. אַפּנים, אַז זײַנע עלטערן זײַנען געווען פֿאַרמעגלעכע מענטשן, ווײַל ער האָט געהאַט אַ גוטע דערציִונג און ער האָט זיך דערלויבט אַרומצופֿאָרן איבער פֿאַרשיידענע לענדער.

קיין אַמעריקע איז ער אָנגעקומען אין די רעוואָלוציע־יאָרן. ער איז געווען יונג, אינטעליגענט, ענערגיש, און האָט באַהערשט עטלעכע שפּראַכן. ער איז צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציע און איז דאָרטן געוואָרן אַ גרויסער כּוח.

אין ניו־יאָרק איז זײַן לעבן געווען אין גרויס געפֿאַר. די בריטישע אָקופּאַנטן האָבן אים אַרעסטירט און געפּלאַנעוועט ווי אַזוי פֿון אים פּטור [1] צו ווערן. אין צווישנצײַט איז אים געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון אַרעסט און אָנקומען קיין פֿילאַדעלפֿיע. זײַנע גרויסע פֿעיִקייטן האָבן אים אין פֿילאַדעלפֿיע געבראַכט רײַכקייט און מיט זײַן געלט העלפֿט ער ווידער די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער קומט ער צוריק קיין ניו־יאָרק

---

[1] זיך צו באַפֿרײַען.

און האָט דאָרט חתונה מיט דער טאָכטער פֿונעם רײַכן סוחר משה פֿראַנקס. די ענגלישע גוואַרדיסטן האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער איז אין ניו־יאָרק, האָבן זיי אים געזוכט צו אַרעסטירן. ער אַנטלויפֿט ווידער קיין פֿילאַדעלפֿיע, איבערלאָזנדיק זײַן פֿרוי און אַ קינד פֿון אַ חודש אַלט.

זײַן אַרבעט און הילף פֿאַר דער רעוואָלוציע האָט זיך איצט מער אויסגעברייטערט. ער איז אויך געוואָרן דער געלט־פֿאַרמיטלער פֿון פֿראַנקרײַך און האָלאַנד, וואָס האָבן געשיקט גרויסע סומעס געלט פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. אַלע טראַנסאַקציעס[*] זײַנען דורכגעגאַנגען מיט דער פֿאַרמיטלונג פֿון חיים סאַלאָמאָן.

אויסער זײַן פּאַטריאָטישקייט, איז סאַלאָמאָן אויך געווען אַ וואַרעמער ייִד. ער האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט אַלע ייִדישע ענינים אין זײַן קהילה. ער איז געווען פֿון די ערשטע גרינדערס פֿון דער קהילה „מקווה ישׂראל" אין פֿילאַדעלפֿיע און אויך דער קאַסירער פֿון דער דאָרטיקער צדקה־אָרגאַניזאַציע.

חיים סאַלאָמאָן האָט געלעבט אַן אָנגעשטרענגט און שטורמיש לעבן. אין זײַן פֿריִען עלטער, אַרום 45 יאָר אַלט, איז ער פּלוצים קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. דאָס איז געווען אין יאָר 1785. ער האָט איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט צוויי קליינע ייִנגלעך. ער איז געווען אַן אידעאַלער מענטש, מיט ליבע פֿאַר פֿרײַהייט און גערעכטיקייט. און וועגן זײַן בײַטראַג צו דעם קאַמף פֿאַר דער דאָזיקער פֿרײַהייט, ווערט דערציילט אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע מיט ליוב און אָנערקענונג.

יהודה טוראָ

ער איז געווען אַ זון פֿון יצחק טוראָ, דער רבֿ פֿון ניופּאָרט, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פֿון פּאָרטוגאַל בעת די ערד־ציטערניש אין ליסאַבאָן. ער איז געבאָרן געוואָרן אין דעם זעלבן יאָר, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד, אינעם יאָר 1775.

דאָס איז געווען אַ זעלטענער מענטש, מיט אַ ברייט ייִדיש האַרץ, וואָס האָט געקלאַפּט מיט ליבע און רחמנות פֿאַר אַלע נויט־באַדערפֿטיקע[**] און לײַדנדע.

---

[*] הילפֿס־אָפּמאַכן. [**] די וואָס דאַרפֿן הילף.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז געווען די פּערזענלעכקייט פֿון יהודה טוראָ: — נידעריק אין וווּקס; שעמעוודיק; זייער באַשיידן און פּשוט אָנגעטאָן; שטיל און איינזאַם; קיין מאָל ניט חתונה געהאַט, און די גרעסטע מעלה — אַ גוטמוטיקער און ערלעכער מענטש.

אין עלטער פֿון 27 יאָר איז ער אַוועק פֿון ניופּאָרט קיין ניו־אָרלינס. דאָרט האָט ער געעפֿנט אַ געשעפֿט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן

אינערלעכער אויסזען פֿון דער טוראָ־שול אין ניופּאָרט.

העכער פופציק יאָר. זײַנע פאַרדינסטן האָט ער אינוועסטירט אין אַנדערע געשעפטן. ער האָט מצליח[1] געווען און ער האָט אָנגעזאַמלט גרויסע קאַפּיטאַלן, וואָס ער האָט זיי ניט געהאַלטן פאַר זיך אַליין. אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט איז געווען צו העלפן מענטשן. און געהאָלפן האָט ער מיט אַ ברייטער האַנט. זײַן הילף איז געגאַנגען צו ייִדישע אינסטיטוציעס און ניט ייִדישע. ער האָט געגרינדעט די ייִדישע קהילה אין ניו־אָרלינס און געגעבן פערציק טויזנט דאָלער אויפצובויען אַ שול. (אין יענע יאָרן איז דאָס געווען אַ קאָלאָסאַלע סומע.) ער האָט געהאָלפן בויען שפּיטאָלן אין שטאָט, ביבליאָטעקן, קינדערהיימען פאַר יתומים, שטאָטגערטנער, און פיל אַנדערע זאַכן, וואָס קיינער האָט אַפילו ניט געוווּסט.

ניט פאַר כּבֿוד־וועגן האָט ער דאָס געטאָן; ער האָט דאָס געטאָן שטיל און באַשיידן — אָן פּירסום.[2] ער פלעגט העלפן מענטשן און זיי האָבן אַפילו ניט געוווּסט ווער ס'האָט זיי די הילף געגעבן. ער האָט דאָס געטאָן, כּדי די מענטשן זאָלן ניט זײַן געפאַלן בײַ זיך.

אין יענער צײַט איז אַזאַ מענטשלעכע פילאַנטראָפּיע געווען ווי אַ ליכטיקער שטראַל אין דער פינצטער. אַזעלכע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס מיר האָבן הײַנט אין אַמעריקע, זײַנען דעמאָלט נאָך ניט געווען. ווען אַ מענטש האָט געליטן נויט, איז ניט געווען צו וועמען זיך צו ווענדן. איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס דער נאָמען פון יהודה טורא איז אַזוי ווײַט און ברייט באַוווּסט געוואָרן.

ווען יהודה טורא איז געשטאָרבן, אין יאָר 1854, האָט מען ערשט געקענט אָפּשאַצן די גוטסקייט פון אַזאַ איידעלער נשמה. ווײַל ערשט נאָך זײַן טויט האָט מען זיך דערוווּסט פון די אינסטיטוציעס, וואָס ער האָט געהאָלפן בויען און שאַפן.

אין זײַן צוואה האָט ער איבערגעלאָזט העכער אַ מיליאָן דאָלער. אַ גרויסן טייל פון דעם האָט ער איבערגעלאָזט צו זײַנס אַ קריסטלעכן פרײַנד, וואָס האָט אַמאָל געראַטעוועט זײַן לעבן. אין דער צוואה זײַנען געווען פאַרשריבן ייִדישע און ניט ייִדישע אינסטיטוציעס. די צאָל פון די ייִדישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געקראָגן אויסגעצאָלט פון דער ירושה, איז געווען 65.

[1] געהאַט גליק.

[2] פאַרעפנטלעכן, פּובליקירן.

יהודה טוראָ, דער באַשיידענער, ערלעכער ייִד, דער גרויסער הומאַניסט און אַמעריקאַנער פּאַטריאָט, איז באַערדיקט געוואָרן אין זײַן היימשטאָט ניופּאָרט. ער איז פֿאַראייביקט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע מיט דעם אַקט, וואָס די טוראָ-שול אין ניופּאָרט איז דעם 31סטן אויגוסט 1947 פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס נאַציאָנאַלער מאָנומענט פֿון דעם אַמעריקאַנער פֿאָלק.

מרדכי עמנואל נח — דער טרוימער פֿון אַ ייִדישער מלוכה (1785—1851)

וווּנדערלעך זײַנען געווען די וועגן פֿון אונדזערע ייִדישע בעלי-חלומות.[1] זיי פֿלעגן קומען צו אונדז מיט אָדלער-פֿליגל און קיינער איז זיי ניט נאָכגעפֿלויגן; זיי האָבן געוואָלט אויפֿהייבן די געפֿאַלענע און קיינער האָט צו זיי קיין האַנט ניט אויסגעשטרעקט; זיי האָבן גערופֿן און געוועקט און ס'זײַנען ניט געווען קיין אויערן צו הערן...

צו אַזעלכע טרוימער געהערט אָן ספֿק מרדכי עמנואל נח — אַ קינד פֿון דער ספֿרדישער תּקופֿה אין אַמעריקע. ער איז געווען אַן אוראייניקל פֿון דעם באַרימטן דאָקטער שמואל נוניעז, וואָס מיר האָבן וועגן אים פֿריִער דערציילט.

מרדכי עמנואל האָט זיך דערצויגן בײַ זײַן זיידן, יאָנאַס פֿיליפּס, וואָס איז געווען אַ נאָענטער פֿרײַנד פֿון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. זײַן מוטער איז געשטאָרבן ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג און זײַן פֿאָטער איז פֿאַרשווונדן געוואָרן ערגעץ ווי אָן אַ שפּור.

דער יונגער נח לערנט פֿלײַסיק, פֿאַראינטערעסירט זיך מיט ביכער, מיט טעאַטער, מיט זשורנאַליסטיק, מיט פּאָליטיק, און ווערט — נאָך זייער יונג — אַ רעדאַקטאָר פֿון אַ צײַטונג. זײַן נאָמען ווערט גיך באַקאַנט אין די פּאָליטישע קרײַזן; אָט זעט מען שוין אים ווי אַ „שעריף" אין ניו-יאָרק און אָט איז ער שוין אַ ריכטער.

ס'ווערט דערציילט, אַז זײַענדיק אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון רע-גירונגס-מענטשן, האָט ער געהערט ווי איינער האָט אַ זאָג געטאָן

---

[1] פֿאַנטאַזיאָרן.

צום צווייטן: — צו וואָס מיר האָבן שוין דערלעבט... אַ ייִד וועט איצט קענען הענגען אַ קריסט!... האָט זיך עמנואל נח צו אים אויסגעדרייט און שאַרף אַ זאָג געטאָן: — וואָס פֿאַר אַ קריסט קען שוין דאָס זײַן, אויב מען דאַרף אים הענגען?...

אין 1813, אין דער צײַט פֿון אַמעריקאַנער קריג מיט ענגלאַנד, האָט אים פּרעזידענט מעדיסאָן באַשטימט פֿאַר אַמעריקאַנער קאָנסול אין טוניס, צפֿון־אַפֿריקע. דאָרטן, אין טוניס, האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט נײַע ייִדן. אָריענטאַלישע ייִדן. ייִדן — ווי זיי וואָלטן איצט פֿון אַלטן תּנ״ך אַרויסגעשפּאַנט. ייִדן, וואָס לעבן אין געטאָס און ייִדן באַרויבטע פֿון מענטשלעכער פֿרײַהייט.

ניט לאַנג אָבער איז אים אויסגעקומען צו זײַן אין טוניס. מ׳האָט אים צוריקגערופֿן פֿון זײַן אַמט מיטן אויסרייד, אַז ער גיט אויס צו פֿיל געלט אויסצולייזן אַמעריקאַנער געפֿאַנגענע פֿון פּי־ראַטן. עמנואל נח האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד; ער האָט געוווּסט, אַז זײַנע פֿײַנט העצן קעגן אים.

ער איז צוריקגעפֿאָרן אַהיים אַנטוישט און באַליידיקט. פֿאַר זײַנע אויגן זײַנען אויך געשטאַנען די באַליידיקטע ייִדן פֿון טוניס. און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז די ייִדן וואָלטן זיך געדאַרפֿט צוריקקערן צו זייער אַלטער היים און ניט זײַן אויסגעשטעלט אויפֿן חסד פֿון אַנדערע...

— און ווו דאַרף זײַן די אייגענע היים? — אַוודאי וואָלט גוט געווען, ווען די היים וואָלט געווען ארץ־ישׂראל, דאָס לאַנד פֿון אונדזערע אָבֿות... אָבער די צײַט איז נאָך ניט גרייט פֿאַר אַזאַ פּלאַן — און ער האָט פֿאַרטראַכט אַ נײַעם פּלאַן: — אָפּקויפֿן אַ שטח [1] לאַנד אין אַמעריקע און שאַפֿן אַן אייגענע ייִדישע אויטאָ־נאָמיע. פֿאַרפֿאָלגטע ייִדן פֿון אומעטום וועלן קומען און בויען דאָ זייער היים, אײַנשטעלן אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן מיט אַן אייגענער אַדמיניסטראַציע און געזעצן, צו קענען לעבן ווי אין אַן אייגענער מלוכה.

אינעם יאָר 1825 האָט עמנואל נח, מיט דער הילף פֿון זײַנעם

---

[1] אַ שטיק לאַנד, אַ שטרעקע.

אַ קריסטלעכן פֿרײַנד, אָפּגעקויפֿט פֿון דער שטאַט ניו־יאָרק דעם שטח לאַנד „גרענד אײַלאַנד" בײַם ניאַגראַ־טײַך, ניט ווײַט פֿון באַפֿאַלאָ. ער האָט דאָס אַ נאָמען געגעבן „אררט" — דער נאָמען פֿון בארג וווּ נחס תיבֿה האָט זיך אָפּגעשטעלט.

בריוו און אויפֿרופֿן זײַנען צעשיקט געוואָרן איבער ייִדישע קהילות אין דער וועלט, אַז זיי זאָלן קומען און זיך באַזעצן אין דער נײַער מדינה „א ר ר ט". און אין די זעלבע אויפֿרופֿן איז געשריבן געוואָרן, אַז אין דעם טאָג נאָך ראש השנה, ג׳ תשרי תקפ״ו, דעם 15טן סעפּטעמבער 1825, וועט געלייגט ווערן דער ווינקלשטיין פֿון „אררט".

אין דער באַשטימטער דאַטע איז עמנואל נח געקומען קיין באַפֿאַלאָ. מ׳האָט זיך געגרייט צו דער פֿײַערונג מיט אַ גרויסער פּראָצעסיע. ניט אויפֿן אינדזל, נאָר אין באַפֿאַלאָ, ווײַל מ׳האָט ניט צוגעגרייט קיין שיפֿן אַריבערצופֿירן די מענטשן אויפֿן אינדזל.

צום באַדויערן איז דאָס געווען אַ פּראָצעסיע אָן ייִדן. דער איינציקער ייִד אין דער פּראָצעסיע איז געווען מרדכי עמנואל נח. ער איז געגאַנגען אין זײַן ריכטער־טאָגע [2] און געפֿירט די פּראָצעסיע ביז דעם ניאַגראַ־טײַך. די גאַנצע פֿײַערונג פֿון לייגן דעם ווינקל־שטיין איז פֿאָרגעקומען אין אַ קירך. קיין אַנדער אָרט איז ניט געווען. עמנאל נח האָט געהאַלטן אַ רעדע און געזאָגט:

— „מיט דער ברכה פֿון גאָט רוף איך צו די ייִדן אין דער וועלט, אַז אַן אייגענע טעריטאָריע איז פֿאַר זיי צוגעגרייט געוואָרן, אונטערן שוץ פֿון דער קאָנסטיטוציע און געזעצן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע... און איך רוף צו אַלע אונדזערע חשובֿע רבנים און צו אַלע אונדזערע ייִדישע וואָרטזאָגערס אין דער וועלט, צו פֿאַרשפּרייטן די דאָזיקע בשׂורה, צו קומען און בויען דאָ זייער היים"...

מיליאָנען ייִדן זײַנען שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע, אָבער די אררט־מלוכה איז געבליבן אַ פֿאַנטאַסטישער טרוים, וואָס האָט ניט געפֿונען קיין אָפּקלאַנג.

---

[2] אַ כאַלאַט, וואָס ריכטער טראָגן.

קאַרגע צוויי הונדערט יאָר יידישע איינוואַנדערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. ס׳זיינען נאָך אַפֿילו ניט געווען קיין פֿינף טויזנט יידן אין אַמעריקע. אינעם יאָר 1775, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, זיינען געווען ניט מער ווי צוויי טויזנט פֿינף הונדערט יידן אין אַמעריקע.

ווי מיר ווייסן שוין פֿון פֿריִער, איז דער גרעסטער טייל פֿון דער ערשטער אימיגראַציע געווען ספֿרדישע יידן. ס׳איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן, אַז צווישן די ערשטע אימיגראַנטן זיינען אויך געווען אַשכּנזישע יידן; יידן פֿון פּוילן און דייטשלאַנד. די ספֿרדישע יידן זיינען געווען די גרינדערס און פֿירערס פֿון די ערשטע יידישע קהילות.

אינעם יאָר 1800 זיינען געווען דרייצן יידישע קהילות איבער די שטאַטן פֿון אַמעריקע. אין יאָר 1840 זיינען שוין געווען 25 יידישע קהילות.

אַ קהילה האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער גרינדונג פֿון אַ שול און אַ בית־עולם. אויך אַן אָפּטייל פֿאַר צדקה איז געווען אַ טייל פֿון דער קהילה. יידישע אינסטיטוציעס ווי מיר האָבן היינט — האָבן דעמאָלט ניט עקסיסטירט. צו דערציִען אַ יידיש קינד מיט אַ ביסל יידישקייט, האָט מען זיך אַליין געדאַרפֿט באַזאָרגן מיט אַ פּריוואַטן לערער. אין אייניקע קאָנגרעגאַציעס פֿלעגט דער חזן — אויב ס׳איז געווען אַ חזן — לערנען מיט די קינדער עבֿרי [1] און חומש.

[1] דאַוונען פֿון סידור.

פֿראַגעס און קאָמפּאָזיציעס צום קאַפּיטל ב׳

א) וואָס מיינט דער אויסדרוק: „קיבוץ גלויות״?
ב) ווי אַלט איז שוין דער יידישער ישוב אין אַמעריקע?
ג) פֿאַר וואָס זײַנען די ייִדן פֿון בראַזיל געפֿאָרן קיין נײַ־אַמסטער־דאַם?
ד) וועלכע ייִדן זײַנען געווען פֿון דער ערשטער אימיגראַציע אין אַמעריקע?
ה) אויב אײַער ענטפֿער איז ריכטיק, קענט איר דאָס דערקלערן פֿאַר וואָס?
ו) מיט וועלכע אַרגומענטן האָבן די אַמסטערדאַמער ייִדן גע־ווירקט, אַז מען זאָל דערלויבן די ייִדן צו לאַנדן אין נײַ־אַמסטערדאַם?
ז) אין וועלכע שטעט זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן די ערשטע קהילות?

שריפֿטלעכע אַרבעטן

1) ניו־יאָרק אַמאָל און ניו־יאָרק הײַנט; פֿון 23 ייִדן צו דרײַ מיליאָן ייִדן.
2) יהודה טוראָ: זײַן פּערזענלעכקייט, זײַן כאַראַקטער, זײַן באַ־שיידנקייט, זײַן ערלעכקייט, זײַן גוטסקייט, און זײַן הומאַני־טאַרע הילף.
3) מרדכי עמנואל נח — אַ חלום, וואָס איז ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן.

קאַפּיטל ג

די צווייטע אימיגראַציע — אַשכּנזישע ייִדן אין אַמעריקע

אין 19טן יאָרהונדערט זײַנען אין אייראָפּע געווען שלעכטע און אומרויִקע צײַטן; סײַ עקאָנאָמיש און סײַ פּאָליטיש. דאָס זײַנען געווען יאָרן פֿון אָרעמקייט, פֿון רעוואָלוציעס, פֿון גזירות [1] און פּאָגראָמען.

האָבן זיך מענטשן אַרויסגעלאָזט אין דער ברייטער וועלט אַרײַן. שטראָמען פֿון וואַנדערערס האָבן פֿאַרפֿלייצט אַלע וועגן פֿון דער פֿרײַער וועלט און מאַסן מענטשן זײַנען אָנגעקומען קיין אַמעריקע. אַמעריקע איז געוואָרן דער שמעלצטאָפּ פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער און קולטורן.

מיט דעם גרויסן שטראָם וואַנדערערס אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט איז אויך געגאַנגען דער שטראָם פֿון ייִדישע עמיגראַנטן. דאָס מאָל — אַשכּנזישע ייִדן פֿון דײַטשלאַנד. אין די יאָרן פֿון 1840 ביז 1880 זײַנען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע אַרײַנגעקומען העכער צוויי הונדערט טויזנט ייִדן.

אַ גרויסער טייל פֿון די דאָזיקע דײַטש-ייִדישע אימיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן מיט פּעדלערײַ.[2] זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט צו די ווײַטסטע ווינקלען פֿון די שטאַטן. זיי זײַנען געווען מיט די גאָלד-זוכערס אין קאַליפֿאָרניע און מיט די נאַפֿטזוכערס אין טעקסעס נײַע ייִדישע ייִשובֿים זײַנען אויפֿגעקומען אין סאַן-פֿראַנציסקאָ, אָלבאַני, באַלטימאָר, פּענסילוויניע, אילינאָי, סינסינעטי און אַנדערע.

---

[1] באַפֿעלן, געזעצן. [2] פֿאַרקויפֿן פֿון הויז צו הויז.

ס׳ווערט דערציילט, אַז אין 1816, ווען ס׳איז אָנגעקומען דער ערשטער ייִד אין סינסינעטי — דזשאָזעף יאָנאַס — זײַנען מענטשן געקומען צולויפֿן זען ווי ס׳קוקט אויס אַ ייִד... זיי האָבן מיט באַווּנדערונג אויסגערופֿן: — ער זעט דאָך אויס ווי אַלע אַנדערע מענטשן!...

אין 1830, ווען שיקאַגאָ איז נאָך געווען אַ דערפֿל, איז דאָרט אָנגעקומען דער ערשטער ייִד, יעקבֿ גאָטליב. און מיט פֿופֿצן יאָר שפּעטער איז שוין אין שיקאַגאָ געווען אַן אַשכּנזישע קהילה מיט צוויי הונדערט ייִדן.

די אַשכּנזישע קהילות פֿון דער דײַטש־ייִדישער אימיגראַציע זײַנען זיך זייער שנעל צעוואַקסן. ס׳זײַנען צווישן זיי געווען פֿעיִקע געשעפֿטס־מענטשן, פּראָפֿעסיאָנעלע מענטשן, אינטעלעקטועלע מענטשן און גרויסע ייִדישע געלערנטע, וואָס האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט נײַע אידעען.

במשך פֿון עטלעכע צענדליק יאָר זײַנען זיי איבערגעוואַקסן די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע קהילות סײַ אין צאָל און סײַ אין אײַנפֿלוס. דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע איז אַוועק אויף נײַע וועגן. דאָס רעליגיעזע לעבן, ווי דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן, האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן אויף אַ נײַעם אַמעריקאַנער שטייגער.[3]

דער אויפֿקום פֿון צענטראַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס

אין די ערשטע יאָרן פֿון דער ספֿרדישער תּקופֿה אין אַמעריקע זײַנען די איינציקע ייִדישע אינסטיטוציעס געווען די קאָנגרעגאַציעס. זיי האָבן אויך געהאַט אַן אָפּטיילונג פֿאַר צדקה אַרויסצוהעלפֿן די נײַ־געקומענע. די קאָנגרעגאַציעס האָבן ניט געהאַט קיין פֿאַרבינדונגען צווישן זיך. דאָס מיינט, אַז די קאָנגרעגאַציעס זײַנען נאָך ניט געווען אָרגאַניזירט אין אַ פֿאַרבאַנד, וואָס זאָל קענען רעפּרעזענטירן די ייִדן אין לאַנד.

דאָס איז אויך געווען אַ צײַט, וואָס די מערהײַט ייִדן אין דער

---

[3] סיסטעם.

וועלט האָבן געלעבט אונטער דיקטאַטאָרישע רעזשימען.[1] אַלע צרות האָט מען אויסגעגאָסן אויף דעם ייִדנס קאָפּ. אַלע מאָל נײַע גזירות און אַלע מאָל נײַע פּאָגראָמען.

אין פֿעברואַר פֿון 1840 איז פֿאָרגעקומען אַ שווידערלעכער בלוט-בילבול[2] אויף די ייִדן אין דמשׂק, סיריע. עס איז דאָרט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דער קריסטלעכער מאָנאַך טאַמאַסאָ און באַלד האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ייִדן האָבן אים דערהרגעט. אַ צאָל ייִדן, צווישן זיי דרײַ רבנים, זײַנען אַרעסטירט געוואָרן ווי די שולדיקע אין דעם מאָרד. די אַרעסטירטע ייִדן זײַנען שווידערלעך געפּײַניקט געוואָרן און צוויי פֿון די אַרעסטירטע ייִדן זײַנען געשטאָרבן פֿון די שרעקלעכע יסורים. ווער ווייסט וואָס ס׳וואָלט געשען מיט די ייִדן אין דמשׂק, ווען משה מאָנטעפֿיאָרע וואָלט ניט אָנגעהויבן קיין אַקציע זיי צו באַפֿרײַען...

אַזאַ פּאַסירונג האָט אויפֿגערודערט דאָס געוויסן פֿון אַלע ייִדן אין דער וועלט און אויך אין אַמעריקע. די ייִדן האָבן זיך דאָ אַרומגעזען, אַז ס׳איז נייטיק צו שאַפֿן אַן אָרגאַניזירטן כּוח, וואָס זאָל זײַן גרייט צו קענען העלפֿן אונדזערע געליטענע ברידער און שוועסטער אין דער וועלט.

אין יאָר 1843 זײַנען אַ גרופּע דײַטשע ייִדן זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ קאַפֿעטעריע אין ניו-יאָרק. זיי האָבן דיסקוטירט די ייִדישע לאַגע אין דער וועלט און אויך די דיסקרימינאַציעס קעגן ייִדן אין די אַמעריקאַנער „פֿראַטערנאַלע אָרדנס”. אויף דער דאָזיקער זיצונג איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו גרינדן אַ ייִדישן „פֿראַטערנאַלן אָרדן”, וואָס זאָל שאַפֿן אַחדות[3] און באַשיצן און העלפֿן אַלע אונדזערע געליטענע.

דאָס איז געווען די גרינדונג פֿון דער בני-ברית אָרגאַניזאַציע. אין די ערשטע יאָרן פֿון איר גרינדונג איז זי געווען אַ דײַטש-ייִדישע ברודערשאַפֿט מיטן נאָמען „בונדעס ברידער”. און ס׳האָט גאָר ניט לאַנג גענומען ווי זי איז אויסגעוואַקסן צו אַ ייִדישער וועלט-אָרגאַניזאַציע, מיט הונדערטער טויזנטער מיטגלידער אין אַמעריקע און אַ ריי אַנדערע לענדער. דאָס איז געווען די ערשטע

[1] אין לענדער ווו ס׳הערשן דיקטאַטאָרן.

[2] אַ פֿאַלשע באַשולדיקונג. [3] אייניקייט.

יידישע אָרגאַניזאַציע מחוץ די קאָנגרעגאַציעס, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן בעת דער צווייטער אימיגראַציע פֿון דײַטשע ייִדן.

אין יאָר 1913 האָט די ב״ב געשאַפֿן די „אַנטי־דעפֿאַמיישאָן ליג״ — דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס באַקעמפֿט אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע.

די דײַטש־ייִדישע אימיגראַציע האָט אויך אַריבערגעבראַכט פֿון דײַטשלאַנד קיין אַמעריקע די רעפֿאָרם־ייִדישקייט. צווישן די אימיגראַנטן פֿון יענעם דור זײַנען געווען די ראַבינערס: ד״ר מאַקס ליליענטאַל, יצחק מאיר ווײַז, דוד אײַנהאָרן, און אַנדערע. זיי זײַנען געווען די לערערס און גרינדערס פֿון די ערשטע רעפֿאָרם־טעמפּלען אין אַמעריקע. אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט זײַנען שוין געווען רעפֿאָרם־קהילות אין באַלטימאָר, ניו־יאָרק, אַל־באַני און אין סינסינעטי. סינסינעטי איז געוואָרן דער צענטער פֿון דער רעפֿאָרם־באַוועגונג. דאָרט געפֿינט זיך היינט דער „היברו יוניאָן קאַלעדזש״, וואָס איז אַ סעמינאַר פֿאַר רעפֿאָרם־ראַבײַנס.



די ערשטע פֿרוי וואָס האָט גראַדויִרט אַלס ראַבײַ פֿון רבנישן רעפֿאָרם־סעמינאַר אין סינסינעטי.

אייבראַהאַם לינקאָלן און די ייִדן

ווען אייבראַהאַם לינקאָלן איז שוין אַלט געווען פֿערציק יאָר, האָט ער זיך צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן באַקענט מיט אַ ייִד. דער ייִד האָט אויך געהייסן אייבראַהאַם — אַבֿרהם יאָנאַס.

אַבֿרהם יאָנאַס איז געווען אַ ברודער פֿון יוסף יאָנאַס, דער ערשטער ייִד אין סינסינעטי, וועמען די שכנים זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן זען ווי ס'קוקט אויס אַ ייִד.

אַבֿרהם איז געקומען צו זײַן ברודער מיט נאָך אַנדערע ענגלישע ייִדן אין יאָר 1819. ער איז געווען אַ פֿעיִקער בחור. ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען און איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט אין דעם שטעטל קווינסי, אילינאָי. ער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער בירגער אין דעם שטעטל, ער האָט אַרויסגעגעבן אַן אייגענע ענגלישע צײַטונג און איז געווען אַ פֿאָרשטייער אין דער אילינאָיער לעגיסלאַטור.

אין יאָר 1854 האָט לינקאָלן באַזוכט קווינסי. ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַבֿרהם יאָנאַסן און ס'האָט זיך צווישן זיי פֿאַרבונדן אַ נאָענטע פֿרײַנדשאַפֿט.

ווען אייבראַהאַם לינקאָלן איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט פֿאַר פּרעזידענט, האָט אַבֿרהם יאָנאַס זייער שטאַרק אַגיטירט[1] און געאַרבעט פֿאַר לינקאָלנען. שוין זײַענדיק דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, פֿלעגן זיך ביידע פֿרײַנד אָפֿט דורכשרײַבן. דער פּרעזידענט האָט יאָנאַסן באַשטימט פֿאַר פּאָסטמאַסטער פֿון קווינסי. און ווען אַבֿרהם יאָנאַס איז געשטאָרבן, אין 1863, האָט לינקאָלן באַשטימט די אַלמנה יאָנאַס פֿאַר פּאָסטמאַסטערין אויף איר מאַנס אָרט.

אַ צווייטער ייִדישער פֿרײַנד פֿון פּרעזידענט איז געווען אַבֿרהם קאָהן פֿון שיקאַגאָ. ווען לינקאָלן איז געקומען קיין וואַשינגטאָן אַלס פּרעזידענט, האָט אַבֿרהם קאָהן אים צוגעשיקט אַ זײַדענע פֿאָן, אויסגעהאַפֿטן[2] מיט גאָלדענע פֿעדים דעם פּסוק פֿון ספֿר יהושוע: „חזק ואמץ אל־תערץ, ואל תחת כי עמך ה' אלהיך בכל אשר תלך" — זײַ שטאַרק און פֿעסט, שרעק זיך ניט און וואַקל זיך ניט, ווײַל דײַן האַר גאָט איז מיט דיר, ווּ נאָר דו גייסט.

---

[1] געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע. [2] אויסגענייט.

אַבֿרהם יאָנאַס, אַ נאָענטער פֿרײַנד פֿון אייבראַהאַם לינקאָלן.

אין די יאָרן פֿון אַמעריקאַנער בירגערקריג פּאַר דער באַפֿרײַונג פֿון שקלאַפֿערײַ, איז די גרעסטע מערהייט ייִדן געשטאַנען אויפֿן צד[1] פֿון פרעזידענט לינקאָלן.

הונדערט און צוואָנציק טויזנט ייִדן זײַנען דעמאָלט געווען אין די צפֿון־שטאַטן. און אַרום זעקס טויזנט ייִדן האָבן געקעמפֿט אין די

[1] זײַט.

„יוניאָן־אַרמייען". ס'זײַנען געווען אַפילו ייִדישע אָפיצירן און גע־נעראַלן.

ווען דער ייִדישער גענעראַל ניומאַן, פון ניו־יאָרק, איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, איז פּרעזידענט לינקאָלן געשטאַנען בײַ זײַן בעט ביז די לעצטע מינוטן פון זײַן לעבן.

ווי נאָר דער בירגערקריג האָט זיך געענדיקט און ס'איז געקו־מען די פרייד פון זיג און פרײַהייט, איז די פרייד פּלוצים פאַרפינצ־טערט געוואָרן פון אַ מערדערלעכן שאָס — דער שאָס, וואָס האָט פאַרשניטן דאָס לעבן פון אַ פרײַהייטלעכן קעמפער און מענטשן־פרײַנד — אייבראַהאַם לינקאָלן.

דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק איז געבליבן אין שרעק און אין טרויער, און צוזאַמען מיט זיי — דער יונגער ייִדישער יישוב אין אַמעריקע.

די דריטע און גרעסטע עמיגראַציע פון ייִדן קיין אַמעריקע

ס'קומען אָן די אַכציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. די ייִדן פון רוסלאַנד לײַדן פון כּסדרדיקע רדיפות * און פּאָגראָמען. ענדיקט זיך איין צרה — הייבט זיך באַלד אָן אַ צווייטע.

אין 1882 האָט די צאַרישע רעגירונג פון רוסלאַנד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע ייִדן מוזן פאַרלאָזן די דערפער און קליינע שטעט־לעך. ס'האָט גאָר ניט געהאָלפן; ייִדן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע הײַזער, דאָס שטיקל פעלד אָדער קרעמל און לויפן אין די גרעסערע שטעט אַרײַן. ס'איז ניט געווען ווּ זיך אַהינטאָן. די היימלאָזע און הונגעריקע זײַנען געוואָרן אַלץ מער און מער און דאָס האָט דער־פירט צו דער מאַסן־אויסוואַנדערונג פון מיליאָנען ייִדן.

ניט בלויז פון רוסלאַנד האָט מען אויסגעוואַנדערט, נאָר אויך פון רומעניע, אונגאַרן, עסטרײַך און גאַליציע, האָבן כוואַליעס מענטשן געצויגן צו די פרײַע אַמעריקאַנער לענדער. דער גרעסטער שטראָם פון די וואַנדערערס האָט זיך געצויגן קיין צפון־אַמעריקע.—

---

* פאַרפאָלגונגען.



ייִדישע וואַנדערונגען אין פאַרשיידענע תּקופות פון אונדזער געשיכטע. אין ערשטן צירקל — די וואַנדערונגען פון יהודה נאָך דעם צווייטן חורבן; אין דעם צווייטן צירקל — די וואַנדערונגען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל אין 15טן און אין 16טן י״ה; אין דריטן צירקל — די גרויסע עמיגראַציע פון מערבֿ־ און מזרח־אייראָפּע אין סוף פון 19טן י״ה. (געפינט אויס די לענדער וואָס זײַנען אויף די מאַפּעס ניט באַצייכנט).

דאָרט איז אַ פֿרײַ לאַנד, ניטאָ קיין פּאָגראָמען, וועט מען אַרבעטן און לעבן ווי מענטשן.

זײַנען טאַקע מאַסן ייִדן אָנגעקומען צו די ברעגן פֿון אַמעריקע. די אַמעריקאַנער ייִדן האָבן געשאַפֿן הילפֿס־קאָמיטעטן, מ'האָט געזאַמלט געלט, קליידער, שפּײַז און געהאָלפֿן די נײַע אימיגראַנטן מיט וואָס מ'האָט געקענט.

זיי זײַנען געווען שווערע יאָרן, סײַ פֿאַר די אימיגראַנטן און סײַ פֿאַר די הילפֿס־קאָמיטעטן. ס'פֿלעגן אַרײַנקומען יעדן חודש קאַרגע צוויי טויזנט מענער, פֿרויען און קינדער. בלויז אין די ערשטע צען יאָר — פֿון 1880 ביז 1890 — זײַנען אָנגעקומען העכער צוויי הונדערט טויזנט ייִדן. די צאָל האָט זיך שפּעטער פֿאַרטאָפּלט.
— וואָס פֿאַר אַ ייִדן זײַנען זיי געווען? ווי אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן לעבן און אַרבעטן אין דעם נײַעם לאַנד? ווי אַזוי האָט זיך דאָס ייִדישע לעבן דאָ אָרגאַניזירט? — וועגן דעם וועלן מיר ווײַטער לערנען.

עמאַ לאַזאַרוס און די סטאַטוע פֿון פֿרײַהייט

צו די טויזנטער אימיגראַנטן, וועלכע זײַנען אין סוף 19טן יאָרהונדערט געקומען קיין אַמעריקע, איז צוגעקומען אַ נײַע אימיגראַנטקע. ניט פֿון רוסלאַנד איז זי געקומען — זי איז געקומען פֿון ניו־יאָרק און איר נאָמען איז געווען: עמאַ לאַזאַרוס.

עמאַ איז געבאָרן געוואָרן אין ניו־יאָרק, דעם 22סטן יולי 1849. אירע עלטערן זײַנען געווען פֿאַרמעגלעכע מענטשן און האָבן גע־שטאַמט פֿון ספֿרדישן יִחוס.[1] און כאָטש זיי זײַנען געווען שטאָלץ מיט זייער ייִדישן יִחוס, האָט מען אָבער די קינדער ניט געגעבן קיין ייִדישע דערציִונג.

איר דערציִונג האָט זי געקראָגן פֿון פּריוואַטע לערערס — ווי אַלע אַריסטאָקראַטישע קינדער אין יענער צײַט. זי האָט געלערנט דײַטש, פֿראַנצויזיש און געלייענט אַ סך. איר פֿעיִקייט צו שרײַבן האָט זי אַרויסגעוויזן ווען זי איז נאָך געווען זייער יונג; אין

[1] אָנגעזעענע משפּחה.

עלטער פֿון זיבן יאָר פֿלעגט זי איבערשרײַבן מעשׂהלעך אין געגראַמטע פֿערזן, און אין עלטער פֿון זעכצן יאָר — האָט זי שוין געהאַט גרייט צום דרוק אַ בוך לידער און איבערזעצונגען. זי איז געוואַקסן מיט טאַלאַנט און מיט אַ נאָמען אַלס פּאָעטעסע.

פֿון ייִדן און ייִדיש לעבן האָט זי נאָר געוווּסט פֿון דעם, וואָס זי האָט געלייענט בײַ דעם דײַטש־ייִדישן דיכטער הײַנריך הײַנע און נאָך אַזעלכע ענלעכע ביכער.

איינער פֿון אירע פֿרײַנד האָט איר אַ מאָל געפֿרעגט פֿאַר וואָס זי שרײַבט ניט אויף קיין ייִדישע טעמעס... האָט זי געענטפֿערט:

— איך בין טאַקע שטאָלץ מיט מײַן ייִדיש בלוט און אָפּשטאַם, אָבער די ייִדישע אידעאַלן זײַנען ניט מײַנע...

און מיט אַ מאָל — ניט וויסנדיק פֿון וואַנעט און פֿאַר וואָס — האָט די איידעלע פּאָעטישע ייִדישע נשמה אַ צאַפּל געטאָן... ווער ווייסט?... אפֿשר האָט דאָס דער ייִדישער קרעכץ פֿון די טויזנטער לײַדנדע אימיגראַנטן אָפּגעקלונגען אין איר האַרץ?...

ס׳איז געווען אינעם זומער פֿון 1881. יעדן טאָג קומען אָן שיפֿן מיט נײַע אימיגראַנטן; אָרעמע, היימלאָזע, אויסגעמוטשעטע,[1] און צעבראָכענע מענטשן. אַ גרופּע ניו־יאָרקער ייִדישע פֿרויען וואַרטן צו באַגעגענען אַ שיף אימיגראַנטן אין „קעסל־גאַרדן". און מיט דער דאָזיקער גרופּע איז געווען — עמאַ לאַזאַרוס.

דאָס איז אפֿשר געווען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, וואָס זי איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט אירע פֿאַרפֿאָלגטע און היימלאָזע ברידער און שוועסטער. זי האָט אין זיך פֿלוצים דערפֿילט דעם גאַנצן צער און פּײַן פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז איר אַזוי נאָענט און אייגן... און אירע מילדע אויגן האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט טרערן...

פֿון דעם טאָג און ווײַטער האָט עמאַ לאַזאַרוס אויפֿגעלעבט מיט נײַע ייִדישע כּוחות. איר האַנט פֿון אַרבעט און הילף פֿאַר די נײַ־געקומענע האָט ניט גערוט. איר שאַרפֿע פּען האָט געמאַנט און געוועקט דאָס ייִדישע געוויסן און דאָס געוויסן פֿון דער פֿרײַער וועלט. זי האָט גענומען אויף זיך בערג מיט אַרבעט: געהאָלפֿן

[1] זייער מידע.

צו באַקליידן זיי, היילן די קראַנקע, לערנען זיי מלאכות און זיי פֿאַרזאָרגן מיט באַשעפֿטיקונג.

פּלוצים — ווי פֿון דער העלער הויט אַרויס — האָט עמאַ דערפֿילט אַ שוואַכקייט אין אירע ביינער, אַ מידקייט אַזאַ. די דאָקטוירים ווייסן ניט וואָס דאָס איז. זיי זאָגן, אַז זי דאַרף אַן אָפּרו. און עמאַ נעמט איר שוועסטער דזשאָזעפֿין און מ׳פֿאָרט אויף אָפּרו קיין אייראָפּע.

עמאַ לאַזאַרוס און די פֿרײַהייט־סטאַטוע.

קומענדיק צוריק אַהיים, האָבן שוין געוואַרט אויף איר פּעק מיט בריוו. זי איז אָבער געווען שוואַך און מיד אַוועקצוזעצן זיך לייענען, האָט זי צונויפֿגענומען די בריוו און זיי דערווײַל אַוועק־געלייגט אויף שפּעטער. אָבער איין בריוו האָט זיך איר אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן, וואָס האָט איר שטאַרק אינטערעסירט; אַ בריוו פֿון „קאָמיטעט פֿון דער פֿרײַהייט־סטאַטוע”. זי האָט אים

באַלד געעפּנט און איבערגעלייענט. דאָס איז געווען אַ ווענדונג און אַ בקשה, אַז זי זאָל אָנשרײַבן אַ ליד פֿאַר דער סטאַטוע, וואָס מען האָט געגרייט אויפֿצודעקן.

עמאַ האָט באַלד פֿאַרגעסן, אַז זי איז קראַנק. ס'האָט אין איר אויפֿגעלויכטן דאָס דיכטערישע פֿײַערל און איר פּען — ווי אויף שטיין געקריצט — האָט געגומען אויסדיכטן די פֿערזן פֿאַר „די מוטער פֿון די פֿאַרטריבענע" — אַזוי האָט עמאַ לאַזאַרוס אָנגעגערופֿן די סטאַטוע.

„די מוטער פֿון די פֿאַרטריבענע" באַגריסט די נײַ־געקומענע און רופֿט צו דער אַלטער וועלט:

„גיט מיר בעסער אײַערע מידע, מיט בלוט־פֿאַרלאָפֿענע,
דעם הילפֿלאָזן אָפּפֿאַל פֿון אײַער איבערגעפֿילטן ברעג...
שיקט מיר די היימלאָזע, די פֿון שטורעם געטראָפֿענע
און כ'וועל מיט מײַן לאָמפּ זיי באַלײַכטן דעם וועג!"

שרײַבנדיק די דאָזיקע שורות, האָט די דיכטערין ניט געוווּסט און ניט געטראַכט, אַז זי וועט דורך זיי ווערן וועלט־באַוווּסט. ס'איז איר אַפֿילו ניט געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז איר נאָמען וועט מיט דעם פֿאַראייביקט ווערן אַלס נאַציאָנאַלע אַמעריקאַנער דיכטערין און געטרײַע יידישע טאָכטער.

איין זאַך האָט די דיכטערין שוין יאָ געוווּסט — אַז אירע טעג זײַנען געציילטע...

זי האָט נאָך אַפֿילו באַוויזן צו מאַכן אַ צווייטע נסיעה[1] קיין אייראָפּע. צוגעשיקט לידער און אַרטיקלען פֿאַר צײַטונגען און זשורנאַלן. זי באַגעגנט זיך אין אויסלאַנד מיט פֿאַרשיידענע הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס לטובֿת די ייִדישע אימיגראַנטן. אָבער... מ'ברענגט זי אַהיים פֿון פּאַריז אַ געפֿערלעך קראַנקע — דער קאַנצער האָט זי באַזיגט...

אין בלי'ענדיקן עלטער פֿון 38 יאָר איז עמאַ לאַזאַרוס געשטאָרבן. זי איז באַערדיקט געוואָרן אויף דעם לאַזאַרוס בית־עולם אין ניו־יאָרק, דעם 19טן נאָוועמבער 1887.

---

[1] רײַזע.

די שווערע יאָרן אין דעם גאָלדענעם לאַנד

ווען די גרויסע יידישע עמיגראַציע פֿון מזרח־אייראָפּע איז אָנגעגאַנגען קיין אַמעריקע, זיינען שוין די דייטש־יידישע אימי־גראַנטן געווען אויסגעגרינט און גוט איינגעאָרדנט אין לאַנד. צווישן זיי זיינען שוין געווען רייכע סוחרים, פֿאַבריקאַנטן, פּראָפֿעסיאָנאַלן, און אַפֿילו באַנקירן.

דאָס רעליגיעזע לעבן, ווי דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן, האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער קאָנגרעגאַציע. יעדער קאָנגרעגאַציע איז געווען ווי אַ באַזונדערע קהילה. די גרעסטע צאָל פֿון די דאָזיקע קהילות זיינען געווען רעפֿאָרם־קהילות. קאָנסערוואַטיווע און אָרטאָדאָקסישע קהילות זיינען געווען ווייניקער, זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט שפּעטער.

פֿאַר די נייע אימיגראַנטן איז דאָס אַלץ געווען פֿרעמד. זיי זיינען לרובֿ* געווען פּשוטע פֿאָלקסמענטשן, מיט אַ יידיש־פֿאָלקס־טימלעכן שטייגער לעבן, וואָס זייער מוטערשפּראַך איז געווען יידיש.

איז דאָס לעבן אין די ערשטע יאָרן געווען פֿרעמד; שווער און ביטער. צו פֿאַרדינען פֿינף־זעקס דאָלער אַ וואָך האָט מען געדאַרפֿט אַרבעטן זעכצן שעה אַ טאָג. ס'איז דאָך אָבער ניט געווען קיין ברירה — האָט מען געקרעכצט און געאַרבעט. מ'האָט געאַרבעט מיט פּעדלעריי, ביי די באַנען, אין די פֿאַבריקן, און מ'האָט געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן, כּדי צו קענען קויפֿן אַ שיפֿסקאַרטע פֿאַר אייגענע און נאָענטע.

זייער אַ גרויסער טייל פֿון די נייע אימיגראַנטן איז אויסגע־קומען צו אַרבעטן ביי שניידעריי אין קליידער־פֿאַבריקן. אַרום די גרעסערע קליידער־פֿאַבריקן זיינען אויפֿגעקומען קלענערע פֿאַבריק־לעך אין פּריוואַטע היימען, אָדער אין געדונגענע ניט היגיענישע לאָקאַלן. די אונטערנעמערס פֿון אַזעלכע פֿאַבריקלעך פֿלעגן סוב־קאָנטראַקטירן אַרבעט פֿון די גרעסערע פֿאַבריקן. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז זיי פֿלעגן אַרויסנעמען צוגעשניטענע פּעקלעך אַרבעט פֿון די קליידער־פֿאַבריקן און דאָס אויפֿנייען אין זייערע פּריוואַטע

---

* אין דער מערהייט.

שנײַדער־װאַרשטאַטן. אַט די פּריװאַטע שנײַדער־װאַרשטאַטן זײַנען געװען די באַװוּסטע „שװיץ־פֿאַבריקן" (סװעט שאָפּס), װוּ די באַדינגונגען פֿון אַרבעט זײַנען געװען שװידערלעכע.

מאָריס ראָזענפֿעלד, אײנער פֿון די ערשטע ייִדישע פּאָעטן אין אַמעריקע, װאָס האָט אַלײן געאַרבעט אין אַזאַ פֿאַבריק, האָט דאָס געשילדערט אין זײַנס אַ ליד, װאָס הײסט טאַקע „דער סװעט־שאָפּ":

„עס רױשן אין שאַפּ אַזױ װילד די מאַשינען,
און אָפֿט מאָל פֿאַרגעס איך אין רױש אַז איך בין;
איך װער אין דעם שרעקלעכן טומל פֿאַרלױרן,
מײַן „איך" װערט דאָ בטל,[1] איך װער אַ מאַשין;
איך אַרבעט און אַרבעט, און אַרבעט אָן חשבון,[2]
עס שאַפֿט זיך און שאַפֿט זיך, און שאַפֿט זיך אָן צאָל,
פֿאַר װאָס? און פֿאַר װעמען? איך װײס ניט, איך פֿרעג ניט —
װי קומט אַ מאַשין צו דענקען אַמאָל?

אַזעלכע „סװעטשאָפּס" זײַנען אױפֿגעקומען װי שװאָמען נאָך אַ רעגן. מ'האָט אױסגענוצט דעם נײַ־געקומענעם, װאָס האָט געזוכט עפּעס צו פֿאַרדינען; יאָ שנײַדער, ניט שנײַדער — דאָ איז אַ נײַ־מאַשין און אַרבעט!...

האָט מען געשװיצט און געאַרבעט פֿאַר זײער אַ קלײנעם לױן. **ביז — ביז די אַרבעטער זײַנען** קליגער געװאָרן און האָבן זיך אָרגאַניזירט אין „יוניאָנס", אַרבעטער־פֿאַראײנען. די יוניאָנס זײַנען אַרױס אין אַ סטרײק. זײ האָבן געפֿאָדערט בעסערע לױנען און װײניקער שעהען אַרבעט. און דאָס האָט טאַקע געהאָלפֿן; די באַדינגונגען פֿון אַרבעט זײַנען בעסער געװאָרן און די פֿאַרדינסטן האָבן זיך געהעכערט.

פֿון דעם האָט מען אױך געלערנט, אַז מיט אַן אָרגאַניזירטן **כּוח קען מען** אױפֿטוען. האָבן זיך שױן אױך גענומען אָרגאַניזירן די פּוטערװאַרג־אַרבעטערס, די היטל־מאַכערס, די אַרבעטערס אין די לעדער־פֿאַבריקן, און אַזױ װײַטער.

---

[1] פֿאַרלאָרן. [2] רעכענונג.

און אַז די צײַטן זײַנען געוואָרן בעסער, דאָס לעבן אַ ביסל לײַכטער, האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן ייִדישע צײַטונגען, זשורנאַלן, כּדי די מענטשן זאָלן וויסן וואָס ס׳טוט זיך. ס׳האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן די לאַנדסמאַנשאַפֿטן, די פֿראַטערנאַלע אָרדנס, רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס און דערציִונגס־אינסטיטוציעס.

אַזעלכע וויכטיקע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן במשך פֿון אַ 30—40 יאָר. פֿון זיי זײַנען אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן פֿאַרנעם און שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דעם ייִדישן לעבן אין אונדזער צײַט.

וואָס האָבן מיר געלערנט אין די לעצטע לעקציעס?

מיר האָבן געלערנט:

פֿון דער דײַטש־ייִדישער אימיגראַציע; — די קאָנגרעגאַציעס ווי באַזונדערע קהילות; — די ערשטע אָרגאַניזאַציע מחוץ די רעליגיעזע קהילות; — די יאָרן פֿון אַמעריקאַנער בירגער־קריג; — די דריטע גרויסע אימיגראַציע; — עמאַ לאַזאַרוס קומט צו הילף די ייִדישע אימיגראַנטן; — די שווערע יאָרן פֿון די ערשטע אימיגראַנטן; — אַרבעט און לוין אין יענע יאָרן; — און דער אָנהייב פֿון בעסערע צײַטן.

ווייסט איר —

א) וועלכע ייִדן רופֿן מיר ספֿרדישע און וועלכע אשכּנזישע?
ב) אין וועלכע יאָרן ס'איז געווען די דײַטש־ייִדישע אימיגראַציע?
ג) וועלכע ערשטע אָרגאַניזאַציע די דײַטשע ייִדן האָבן געגרינדעט?
ד) די יאָרן פֿון אַמעריקאַנער בירגערקריג און פֿאַר וואָס?
ה) די פֿערזענלעכע ייִדישע פֿרײַנד פֿון אייבראַהאַם לינקאָלן?
ו) ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אימיגראַציע פֿון מזרח־אייראָפּע?
ז) די סיבות וואָס האָבן געפֿירט צו אַזאַ מאַסן־אויסוואַנדערונג?
ח) וואָס אַזעלכעס איז אַ „סוועטשאַפּ"?
ט) דער דיכטער וואָס האָט דאָס געשילדערט אין זײַנע לידער?
י) וועלכע מיטלען האָבן געענדערט די דאָזיקע סיטואַציע?

אײן שריפֿטלעכע אַרבעט:

דערציילט עפּעס (אין שריפֿט) פֿון די אַרבעטס־באַדינגונגען אין סוף 19טן יאָרהונדערט און די אַרבעטס־באַדינגונגען אין די איצטיקע יאָרן. ווי: שעהען פֿון אַרבעט, געהאַלט, פֿאַרזיכערונג, וואַקאַציע, און אַזוי ווײַטער.

אַמעריקע ווערט דער גרעסטער ייִדישער קיבוץ אין דער וועלט

דער ייִדישער קיבוץ אין אַמעריקע האָט זיך צעוואַקסן און אַנטוויקלט במשך פֿון 50—60 יאָר. אינעם יאָר 1900 איז געווען איין מיליאָן ייִדן אין אַמעריקע, און אין 1950 — זײַנען שוין געווען פֿינף מיליאָן. איצט, אין די זיבעציקער יאָרן פֿון 20סטן יאָרהונדערט, איז שוין דער ציפֿער מער ווי זעקס מיליאָן.

אַ גרויסער טייל פֿון די ייִדן אין אַמעריקע וווינען אויף דעם מזרחדיקן ברעג פֿון אַטלאַנטיק. ניו־יאָרק איז הײַנט דער גרעסטער ייִדישער צענטער. אין דער דאָזיקער שטאָט וווינען אַרום דרײַ מיליאָן ייִדן. דאָרט געפֿינען זיך אַלע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס פֿירן אָן מיט דעם לאָקאַלן און נאַציאָנאַלן ייִדישן לעבן.

ייִדן אין אַמעריקע זײַנען געקומען פֿון אַלע עקן וועלט; פֿון די ווײַטסטע און עקזאָטישסטע ווינקלען פֿון אונדזער ערד־פּלאַנעט. און אַרום אַכציק פּראָצענט פֿון די ייִדן אין אַמעריקע זײַנען אַשכּנזישע ייִדן. די אַנדערע צוואַנציק פּראָצענט — זײַנען די ספֿרדישע ייִדן און די אָריענטאַלישע ייִדן.

פֿון די ספֿרדישע און אַשכּנזישע ייִדן האָבן מיר שוין פֿריִער דערציילט, אָבער וואָס פֿאַר אַ ייִדן זײַנען די אָריענטאַלישע ייִדן?

— דאָס זײַנען די ייִדן, וואָס זײַנען געבליבן וווינען אין די לענדער, וואָס ליגן צו מזרח־זײַט פֿון מיטללענדישן ים. „אָריענט" איז אַ לאַטײַניש וואָרט און מיינט: מזרח.

די געשיכטע דערציילט אונדז, אַז פֿאַר דעם צווייטן חורבן זײַנען שוין געווען ייִדישע קהילות אין מצרים, אין בבֿל, אין סיריע, אין פּערסיע, און אין צפֿון־אַפֿריקע. נאָך דעם צווייטן חורבן, אין ערשטן און אין צווייטן יאָרהונדערט, זײַנען דאָרטן אָנגעקומען נײַע וואַנדערערס פֿון יהודה. זיי האָבן דאָרט געלעבט ווי געטרײַע ייִדן און אויפֿגעהיט די אַלטע ייִדישע מנהגים און שטייגער לעבן פֿון זייער אַלטער היים. זיי האָבן דאָרט געלעבט הונדערטער — און אפֿשר טויזנטער — יאָרן, ווײַט פֿון די גרויסע ייִדישע ייִשובֿים אין אייראָפּע. זייער לעבן, זייערע מנהגים האָבן זיך וויניק וואָס געענדערט.

זייער שפּראַך איז געווען אַראַביש, אַ ביסל העברעיִש, און טייל ייִדן האָבן אויך גערעדט אַראַמעיִש. אָט די דאָזיקע ייִדן ווערן באַצייכנט מיטן נאָמען: אָריענטאַלישע ייִדן.

ייִדיש לעבן אין אַמעריקע

דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן אין אַמעריקע איז ניט אָרגאַניזירט אונטער איין צענטראַלער ייִדישער קהילה. אַלע ייִדישע אַקטיוויטעטן ווערן אָנגעפירט פֿון הונדערטער באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס: רע־ליגיעזע, נאַציאָנאַלע, קולטורעלע, דערציִונג־ און הילפֿס־אָרגאַניזאַ־ציעס. און די סיבות[1] פֿאַר וואָס דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע איז ניט אָרגאַניזירט אונטער איין צענטראַלער קהילה, וואָס זאָל אַרומנעמען די קהילות פֿון די באַזונדערע שטעט — קען מען אויך דערקלערן אויף זייער אַ פּשוטן[2] אופֿן:

ערשטנס, ווײַל די שטראָמען פֿון עמיגראַציע קיין אַמעריקע זײַנען אָנגעגאַנגען מיט אַ צו שנעלן טעמפּאָ; דאָס איז געווען ווי אַן איבערפֿליסנדיקער[3] טײַך, וואָס איז זייער שווער צו קענען קאָנטראָ־לירן די פֿלײַצנדיקע ברעגן. צווייטנס, ייִדן זײַנען געקומען אין אַמעריקע פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און לענדער. דאָס לעבן איז דאָ אין די ערשטע צײַטן געווען נײַ און פֿרעמד. יעדער איינער האָט געזוכט די נאָענטקייט פֿון אייגענע מענטשן; מענטשן פֿון דעם זעלבן לאַנד, פֿון דער זעלבער שטאָט אָדער געגנט. מ׳האָט זיך דורכגע־רעדט, געהאַלטן אַן עצה און אַרויסגעהאָלפֿן איינער דעם אַנדערן. און אַזוי אַרום זײַנען אויפֿגעקומען די לאַנדסמאַנשאַפֿטן.

אין אַ פֿרעמד לאַנד, מיט אַ פֿרעמדער שפּראַך, איז דאָס פֿאַר די נײַ־געקומענע געווען זייער וויכטיק. דאָס האָט זיי געגעבן אַ געפֿיל פֿון היימישקייט. די לאַנדסמאַנשאַפֿט איז פֿאַר זיי געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער. זי האָט זיי אַרויסגעהאָלפֿן צו קריגן אַרבעט, אַרויסגעהאָלפֿן ווען מען האָט ניט געהאַט קיין אַרבעט, און געהאָלפֿן אַריבערברענגען לאַנדסלײַט פֿון אייראָפּע.

---

[1] מאָטיוון

[2] איינפֿאַכן.

[3] די וואַסערן גייען אַריבער.

מיט דער צײַט איז די לאַנדסמאַנשאַפֿט געוואָרן ווי אַ קליינע קהילה: מ'האָט אײַנגעשטעלט אַן אייגענעם מנין, מ'האָט אָנגעשטעלט אַ חזן, מ'האָט אָרגאַניזירט אַ קולטור־אָוונט, און מ'האָט געזאַמלט געלט פֿאַר הילפֿס־צוועקן.

אַזעלכע לאַנדסמאַנשאַפֿטן זײַנען שפּעטער אויפֿגעקומען אין די טויזנטער. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פֿעדעראַציעס. דאָס מיינט: די לאַנדסמאַנשאַפֿטן פֿון די פּוילישע ייִדן — אין איין פֿעדעראַציע; די גאַליציאַנער לאַנדסמאַנשאַפֿטן — אין אַ צווייטער פֿעדעראַציע, און אַזוי אויך די ליטווישע, די רומענישע, און די אונגאַרישע לאַנדסמאַנשאַפֿטן.

פֿון די דאָזיקע פֿעדעראַציעס זײַנען אויסגעוואַקסן גרויסע און וויכטיקע אינסטיטוציעס. אָבער ווידער אויף אַ צעטיילטן אופֿן און ניט אין איין אָרגאַניזירטן כּוח, ווײַל מיט אַזאַ סיסטעם האָט זיך אָנגעהויבן און מיט אַזאַ סיסטעם האָט זיך שוין געפֿירט און פֿירט זיך דאָס אַקטיווע ייִדיש לעבן אין אַמעריקע.

פֿונדעסטוועגן, זײַנען די ייִדישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע פֿאַרצווײַגט[1] אויף אַלע געביטן פֿונעם ייִדישן לעבן. זייער אַרבעט, זייער הילף און זייער אײַנפֿלוס — גייען ווײַט אַריבער די גרענעצן פֿון אַמעריקע. און כּדי צו זען ווי ריכטיק דאָס איז, וועלן מיר אײַך באַקענען מיט אייניקע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זײַנען געגרינדעט געוואָרן פֿון ייִדן אין אַמעריקע.

די הדסה

דאָס איז אַ זעלבסטשטענדיקע ציוניסטישע פֿרויען־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט הײַנט הונדערטער צווײַגן איבער אַלע ייִדישע ישובֿים אין דער וועלט. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין אַמעריקע, אין די ערשטע יאָרן פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט. קודם־כּל,[2] וועלן מיר אײַך פֿאָרשטעלן איר גרינדערין, הענריעטאַ סאָלד — איינע פֿון די וועלט־באַרימטסטע פֿרויען.

אינעם יאָר 1859 איז געקומען קיין אַמעריקע פֿון שטאָקהאָלם, שוועדן, אַ יונגער רבֿ מיט זײַן פֿרוי — ד"ר בנימין סאָלד. ער האָט זיך באַזעצט אין באַלטימאָר און איז געוואָרן דער רבֿ פֿון דער קאָנ־

---

[1] אויסגעשפּרייט. [2] פֿריִער פֿאַר אַלץ.

גרעגאַציע „אוהבֿ שלום". מיט איין יאָר שפּעטער איז געבאָרן געוואָרן זיַין טאָכטער הענריעטאַ — די ערשטע פֿון אַכט טעכטער.

הרבֿ ד"ר סזאָלד איז געווען אַ גוטהאַרציקער און זייער געלערנטער מענטש. זיַין הויז איז געשטאַנען אָפֿן פֿאַר יעדן איינעם. ווער ס'איז געקומען צו אים נאָך הילף, איז ניט אַוועק ליידיק. אין

הענריעטאַ סזאָלד, די גרינדערין פֿון „הדסה".

די יאָרן פֿון דער גרויסער אימיגראַציע, איז זיַין הויז געווען אַ באַוווּסטער אַדרעס פֿאַר אַלע נויטבאַדערפֿטיקע.[1]

צו דרײַ זאַכן האָט ד"ר סזאָלד אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע ליבשאַפֿט: צו דער העברעיִשער שפּראַך, צו דעם הייליקן שבת און צו זיַין טאָכטער הענריעטאַ, וואָס איז געוואַקסן מיט חכמה און גוטסקייט.

---

[1] די וואָס דאַרפֿן הילף.

הענריעטאַ האָט געקראָגן זייער אַ גוטע יידישע דערציִונג. זי איז געווען די איינציקע און די ערשטע פֿרוי, וואָס האָט שטודירט אין דעם „יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר" (אַ סעמינאַר פֿאַר קאָנסער־וואַטיווע ראַבײַים). זי האָט אין אירע יונגע יאָרן געאַרבעט אַלס לערערין און אויך אַלס סעקרעטאַרין פֿון דער „יידישער פֿאַרלאַג־געזעלשאַפֿט" (דזשויִש פּאַבליקיישאַן סאָסײַעטי אָוו אַמעריקאַ).

איר ליבע צו ישׂראל האָט זי געקראָגן אין איר פֿאָטערס הויז. זי האָט געהאַט אַן אַמביציע צו פֿאָרן קיין ישׂראל און אַרבעטן אין אַ קיבוץ. עס זײַנען אָבער אַלע מאָל אונטערגעקומען נײַע סיבות, וואָס האָבן צעשטערט אירע פּלענער. ערשט ווען זי איז שוין געווען אין אַן עלטער פֿון 49 יאָר האָט זי באַוויזן צו מאַכן איר ערשטן באַזוך אין לאַנד.

הענריעטאַ פֿאָרט קיין ישׂראל

אין יאָר 1909 איז זי געפֿאָרן זיך באַקענען מיט דעם יונגן יישובֿ אין ישׂראל און זען מיט וואָס זי קען העלפֿן. זי האָט באַזוכט די נײַע מושבֿים און קיבוצים, וואָס האָבן געאַרבעט שווער און געליטן פֿון דער מאַלאַריע־קראַנקייט. מעדיצינישע הילף איז געווען ווייניק און שפּיטאָלן נאָך ווייניקער. ניין! קראַנקע מענטשן וועלן ניט קענען בויען, אַקערן, זייען און פֿלאַנצן! — האָט זי געזאָגט. ס'איז אומבאַדינגט נייטיק צו שאַפֿן אַ מעדיצינישע פֿאַרזאָרגונג, וואָס זאָל אָפּהיטן דאָס געזונט פֿון דעם נײַעם יישובֿ.

הענריעטאַ קומט צוריק אַהיים באַלאָדן מיט נײַע פּלענער, וואָס קענען ניט אָפּגעלייגט ווערן. זי לאָזט זיך אַרום איבער דער לענג און ברייט פֿון אַמעריקע און אָרגאַניזירט די יידישע פֿרויען פֿאַר מעדיצינישער הילף אין ישׂראל. און דאָ ווערט שוין, אין יאָר 1910, געשאַפֿן אַ נײַע און זייער וויכטיקע פֿרויען־אָרגאַניזאַציע — די הדסה־אָרגאַניזאַציע.

אין יאָר 1917, דאָס יאָר פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פֿירט הענריעטאַ סזאָלד אַוועק קיין ישׂראל אַלע וויכטיקע זאַכן פֿון אַ שפּיטאָל מיט פֿופֿציק בעטן. אין 1919 איז שוין אין ישׂראל געווען אַ שול אויסצובילדן אייגענע קראַנקן־שוועסטער. און אין 1933 האָט מען שוין אָנגעהויבן בויען אין ירושלים דעם גרויסן הדסה־שפּיטאָל.

די הדסה־אָרגאַניזאַציע איז זייער שנעל געוואַקסן און זיך פֿאַרצווייַגט אין אַמעריקע, אין קאַנאַדע און אין פֿיל אַנדערע לענ־דער. אויך איר הילפֿסאַרבעט ווערט אויסגעברייטערט: זי עפֿנט פֿאַכשולן פֿאַר מיידלעך, זי אָרגאַניזירט די יוגנט־עליה און גרינדעט ספּעציעלע שולן פֿאַר פּראָבלעמאַטישע קינדער.

הענריעטאַ סאָלד פֿלעגט האָבן אַ ווערטל: — „מיר ייִדן שרייַבן צוריקוועגס, אָבער גיין מוזן מיר פֿאָרויס"... און זי אַליין איז געווען דער בייַשפּיל פֿון גיין פֿאָרויס: אין עלטער פֿון 81 יאָר האָט זי נאָך געגרינדעט די אָפּטיילונג „למען הילד והנוער" — אַכטונג צו געבן, צו באַשפּייַזן, צו באַקליידן און צו דערציִען די אָרעמע און היימלאָזע קינדער. טויזנטער קינדער געפֿינען זיך הייַנט אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דער הדסה אין ישׂראל.

איז דעריבער ניט קיין וווּנדער, אַז ווען די אינטערנאַציאָנאַלע פֿרויען־אָרגאַניזאַציעס האָבן געפֿייַערט זייער הונדערטסטן יובל, איז הענריעטאַ סאָלד אויסגעקליבן געוואָרן אַלס איינע פֿון די הונדערט באַרימטסטע פֿרויען אין דער וועלט.

הענריעטאַ איז געשטאָרבן אין ישׂראל, אין 1945. איר נאָמען איז פֿאַראייביקט געוואָרן דורך אירע מעשׂים טובֿים[1] און מיט אַ ייִשובֿ אין ישׂראל אויף איר נאָמען: — „כּפֿר סאָלד". די גרויסע אַרבעט, וואָס זי האָט אָנגעהויבן, איז איצט די ירושה פֿון דער הדסה־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויסגעוואַקסן געוואָרן פֿון דעם אַמע־ריקאַנער ייִדישן ייִשובֿ.

דער אַרבעטער־רינג און דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד

אויך די צוויי גרויסע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן איצט זייערע אָפּטיילונגען אין קאַנאַדע, זייַנען געשאַפֿן געוואָרן פֿון ייִדן אין אַמעריקע. דער אַרבעטער־רינג איז געגרינדעט געוואָרן אין סוף פֿון 19טן יאָרהונדערט און דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד — מיט עטלעכע יאָר שפּעטער.

---

[1] גוטע און ווichטיקע אַרבעט.

ביידע אָרגאַניזאַציעס זײַנען געגרינדעט געוואָרן פֿון פּשוטע, ייִדישע פֿאָלקס־מענטשן. זיי האָבן אײַנגעזען, אַז דער נײַער ייִדישער אימיגראַנט פֿון אייראָפּע דאַרף האָבן אַ סבֿיבֿה,[1] וווּ ער זאָל זיך קענען אויסלעבן און וווּ ער זאָל קענען קריגן הילף; הילף פֿאַר אַ קראַנקן, אַ גמילות־חסד[2] ווען ס'איז נייטיק, דערציִען אַ קינד און ניט אָפּגעפֿרעמדט ווערן פֿון דעם קולטור ייִדישן לעבן.

דער אַרבעטער־רינג איז ניט קיין פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אַ משפּחהדיקע געזעלשאַפֿט, וואָס טראָגט אַ הומאַניטאַרן און קולטור־ייִדישן כאַראַקטער.

פֿון גרויס וויכטיקייט איז דער דערציִונגס־דעפּאַרטמענט פֿונעם אַרבעטער־רינג, וואָס האָט געשאַפֿן אַ נעץ פֿון ייִדישע שולן אין אַמעריקע און קאַנאַדע; ייִדיש־וועלטלעכע שולן, וווּ ס'ווערט אויפֿגעהיט דאָס ייִדיש לשון. ייִדישע שולן אין אַ צאָל לענדער האָבן געלערנט און לערנען די טעקסט־ביכער, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן פֿון אַרבעטער־רינג. אויך די „קינדער־צײַטונג" ווערט אַרויסגעגעבן פֿון דעם דערציִונגס־אָפּטייל בײַם אַרבעטער־רינג.

בכלל איז דער אַרבעטער־רינג אַ פֿעסטונג פֿאַר דאָס ייִדישע וואָרט אין אַמעריקע; די ייִדישע כאָרן, די דראַמאַטישע סעקציעס פֿאַר ייִדיש טעאַטער, די זומער־קאָלאָניעס פֿאַר קינדער — איז אַ כּוח, וואָס ווירקט און שטאַרקט דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע.

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד איז שוין אַנדערש מיט דעם, וואָס ער האָט אַ פּאַרטייִשע ריכטונג[3] פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג — די פּועלי ציון. אַזוי אַרום, איז דער „פֿאַרבאַנד" אַ ציוניסטישע פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציע, וואָס אַרבעט פֿאַר ישׂראל און פֿאַר דעם ייִדישן קיום[4] דאָ־הי. זי אָנערקענט, אַז ייִדיש און העברעיִש זײַנען די שוועסטער־לשונות פֿון ייִדישן פֿאָלק און ייִדישע דערציִונג איז דער כּוח, וואָס קען דאָס שטאַרקן.

מיט דעם דאָזיקן געדאַנק האָט אויך דער „פֿאַרבאַנד" געעפֿנט אַ דערציִונגס־אָפּטייל, וואָס האָט הײַנט אַ נעץ פֿון ייִדיש־העברעיִשע פֿאָלקשולן אין אַמעריקע און קאַנאַדע; אַזעלכע ווי די פּרץ־פֿאָלק־

---

[1] אַ געזעלשאַפֿט.
[2] באָרגן געלט אָן פּראָצענט.
[3] אַ ציל.
[4] אויפֿהאַלט, עקסיסטענץ.

שולן אין מאָנטרעאַל, וויניפּעג, און אין אַנדערע שטעט. אויך די „כּנרת״-שול אין ניו-יאָרק איז אַ טאָגשול פֿון „פֿאַרבאַנד״.

ווי אַ צוגאָב צו די דאָזיקע שולן שטייען אונטערן רשות[1] פֿון פֿאַרבאַנד די זומער-קאָלאָניעס „קינדערוועלט״ אין אַמעריקע און אין קאַנאַדע. אונטער אַ בשותּפֿותדיקער השגחה, פֿון „פֿאַרבאַנד״ און „אַרבעטער-רינג״, איז דער ייִדיש-העברעיִשער לערער-סעמינאַר אין ניו-יאָרק.

סײַ דער „פֿאַרבאַנד״ און סײַ דער „אַרבעטער-רינג״ איז אַ פּראָדוקט פֿון דער גרויסער אײַנוואַנדערונג אין סוף 19טן יאָרהונ-דערט. ביידע אָרגאַניזאַציעס שטייען נאָך אַלץ מיט זייער עקשנות אין דעם ייִדישן לעבן פֿון אַמעריקע, קעגן שטראָם פֿון אַסימילאַציע.

„היאַס״ און „דזשאָינט״

צדקה איז אַ באַקאַנט וואָרט. אַלע ווייסן וואָס דאָס מיינט. געבן צדקה, אַרויסהעלפֿן אַ נויטבאַדערפֿטיקן, איז אַ גרויסע מצווה. אָבער ווער האָט געהערט פֿון די ווערטער „היאַס״ און „דזשאָינט״?

די דאָזיקע ווערטער זײַנען באַקאַנט צו מיליאָנען מענטשן — ייִדן און ניט-ייִדן. זיי זײַנען די נעמען פֿון גרויסע ייִדישע הילפֿס-אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געהאָלפֿן און העלפֿן ייִדן אין אַ גרעסערער צאָל לענדער איבער דער וועלט.

דער „היאַס״ (היברו אימיגראַנט אייד סאָסײַעטי — ייִדישע אימיגראַנטן-הילף-געזעלשאַפֿט) איז אויפֿגעקומען אין די יאָרן פֿון דער גרויסער אימיגראַציע קיין אַמעריקע, אינעם יאָר 1887. זייער אַרבעט איז געווען: אָפּצוּוואַרטן די אימיגראַנטן בײַם אָנקומען; אויפֿנעמען זיי מיט ברידערלעכקייט און פֿרײַנדלעכקייט; געבן זיי די ערשטע נייטיקע הילף און פֿאַרזאָרגן זיי מיט אַ מאָלצײַט און נאַכטלעגער...

אין אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט, ווען כוואַליעס פֿון ייִדישע וואַנדערערס האָבן זיך באַוועגט[2] איבער די לענדער פֿון אייראָפּע, דאַן האָט דער „היאַס״ אויך געעפֿנט אָפּטיילונגען אין די אייראָפּע-יִשע לענדער. דער „היאַס״ איז געוואָרן דער אַדרעס פֿון יעדן עמי-

[1] השגחה, אויפֿזיכט.   [2] געוואַנדערט פֿון לאַנד צו לאַנד.

גראַנט און געהאָלפֿן אים בעת זײַן אַרויספֿאָרן פֿון אַ לאַנד און בעת זײַן אָנקומען אין אַ לאַנד. דער „היאַס" איז נאָך הײַנט פֿון די וויכטיקע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט אירע אָפּטיילונגען אין פֿיל לענדער, צו העלפֿן דעם ייִדישן עמיגראַנט.

**
*

די גרעסטע ייִדישע הילפֿס-אָרגאַניזאַציע איז, בלי ספק,[1] דער „דזשאָינט" („דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" — פֿאַראייניקטער פֿאַרטיילונגס-קאָמיטעט). אַזאַ גרויסער פֿאַרנעם פֿון הילף, וואָס דערגרייכט צו נויטבאַדערפֿטיקע ייִדן אין די ווײַטסטע ווינקלען פֿון דער וועלט — האָט נאָך קיין אַנדער פֿאָלק אין דער וועלט ניט געשאַפֿן.

דער „דזשאָינט" איז געגרינדעט געוואָרן ערבֿ דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין 1914. די נויט פֿון ייִדן אין די אייראָפּעיִשע לענדער איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט געמוזט האָבן שנעלע הילף. צווישן די גרינדערס זײַנען געווען אָנגעזעענע באַרימטע ייִדן און אויך גרויסע מיליאָנערן. אַזעלכע ווי: לוי מאַרשאַל, פֿעליקס וואַרבורג און יוליוס ראָזנוואַלד.

ס'איז אוממעגלעך איבערצוגעבן אין אַ קורצן טעקסט די קאָלאָסאַלע הילפֿס-אַרבעט פֿון „דזשאָינט". ס'איז אָבער וויכטיק צו וויסן, אַז דער „דזשאָינט" האָט געראַטעוועט הונדערטער טויזנטער פֿון הונגער און אומקום; ער שפּײַזט הונגעריקע, שאַפֿט היימען פֿאַר היימלאָזע, האַלט אויס קינדערהיימען פֿאַר אָרעמע קינדער און יתומים, העלפֿט די קראַנקע און אַלטע לײַט, האַלט אויס און שטיצט פֿאַכשולן, שולן, ישיבֿות און אַנדערע אינסטיטוציעס.

בלויז אינעם יאָר 1970 האָט דער „דזשאָינט" אַרויסגעהאָלפֿן 325,000 ייִדן פֿון די יישובֿים אין: ישׂראל, מערבֿ-אייראָפּע, מיזרח-אייראָפּע, אַראַבישע לענדער, מאַראָקאָ, טוניס, פּערסיע און אין דרום-אַמעריקע. די הילף האָט דערגרייכט אַ סומע פֿון העכער איין און צוואָנציק מיליאָן דאָלער.

אַזאַ הילפֿס-אַרבעט געהערט צו די ליכטיקסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פֿון די אַמעריקאַנער ייִדן.

---

[1] אָן צווייפֿל.

אַ קורצע רעזומירונג:

זיך צו באַקענען מיט אַלע צווײַגן פֿון ייִדישן לעבן אין אַמע־ריקע, האָבן מיר דאָ ניט גענוג צײַט. ס'איז וויכטיק צו וויסן, אַז דאָס ייִדישע לעבן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז ווי אַ גרויסע קאָמ־פּליצירטע מאַשין; אַ צענטער פֿון אַ סך ייִדישע צענטערס, וואָס האָבן זיך דאָ איבערגעפּלאַנצט פֿון די אַלטע ייִדישע צענטערס אין אייראָפּע.

אַמאָל, פֿאַר דעם גרויסן חורבן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זײַנען די ייִדישע ייִשובֿים אין אייראָפּע געווען די צענטערס פֿון: תּורה, חסידות, קולטור, דערציִונג, פּרעסע, טעאַטער — און וואָס ניט?... צום באַדויערן, איז דאָס אַלץ אונטערגעגאַנגען. זייער ווייניק, און נאָר קליינע טיילן פֿון די דאָזיקע ייִדישע צענטערס אין אייראָפּע, האָבן זיך געראַטעוועט און אָנגעהויבן אויף דאָס נײַ דאָרטן, ווו זיי האָבן זיך געראַטעוועט און באַזונדערס אין אַמעריקע.

דאָ, אין אַמעריקע, געפֿינען זיך הײַנט די רעליגיעזע צענטערס פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען: די רעפֿאָרמער מיט זייער צענטער פֿון „היברו יוניאָן קאַלעדזש" אין סינסינעטי; די קאָנסערוואַטיוון מיט זייער צענטער פֿון „ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר" אין ניו־יאָרק; די אָרטאָדאָקסן מיט זייער צענטער פֿון „רבי יצחק אלחנן ישיבה־אוניווערסיטעט" אין ניו־יאָרק און די חסידישע צענטערס מיט זייערע רביים אין וויליאַמסבורג און ברוקלין.

אַ צײַט לאַנג (ניט אין אונדזערע טעג) איז דאָ געווען דער צענטער פֿון דער ייִדישער פּרעסע און ליטעראַטור. דאָ האָבן געלעבט און געשאַפֿן די שרײַבערס און דיכטערס: יהואש (איבערזעצער פֿון תּנ"ך), דוד פּינסקי, מאַני לייב, י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, אַ. רייזען, פּרץ הירשביין און פֿיל אַנדערע. דאָ, אין אַמעריקע, האָט שלום עליכם געלעבט זײַנע לעצטע דרײַ יאָר פֿון לעבן און געשריבן זײַן בוך „פּונעם יאַריד".

גרויסע ייִדישע צענטערס, מיט אַ פֿאַרשיידנאַרטיק ייִדיש לעבן, זײַנען פֿאַראַן אין פֿילאַדעלפֿיע, שיקאַגאָ, לאָס־אַנדזשעלעס, באָסטאָן, באַלטימאָר, קליוולאַנד, דעטראָיט, סאַן פֿראַנציסקאָ און אין פֿיל אַנדערע שטעט.

מיט וואָס האָבן מיר דאָ פֿאַרענדיקט?

מיט דעם:

ווי אַזוי דער ייִדישער קיבוץ אין אַמעריקע איז געוואַקסן; ווי ס׳קאָנצענטרירן זיך מער ייִדן; די אָריענטאַלישע ייִדן; די לאַנדסמאַנשאַפֿטן; די הדסה־אָרגאַניזאַציע; דער אַרבעטער־רינג; דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד; דער „היאַס״; דער „דזשאָינט״; און פֿאַרשיידענע ייִדישע צענטערס אין אַמעריקע.

ווער געדענקט?

א) די דרײַ עפּאָכעס פֿון די ייִדישע וואַנדערונגען קיין אַמעריקע.
ב) די גרעסטע פֿון אַלע דרײַ אימיגראַציעס.
ג) וועלכע ייִדן זײַנען די אָריענטאַלישע ייִדן.
ד) פֿאַר וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט לאַנדסמאַנשאַפֿטן.
ה) ווער איז געווען הענריעטאַ סזאָלד.
ו) אָרגאַניזאַציעס וואָס זײַנען געגרינדעט געוואָרן אין אַמעריקע.
ז) מיט וואָס איז אַנדערש דער „פֿאַרבאַנד״ פֿון אַרבעטער־רינג.
ח) וואָס איז די אַרבעט פֿון „היאַס״.
ט) וואָס איז די אַרבעט פֿון „דזשאָינט״.
י) וואָס איז אַ רבֿ און וואָס איז אַ רבי.

אַ שריפֿטלעכע אַרבעט

מאַכט אַ פֿאַרגלײַך צווישן די ייִדן אין קאַנאַדע און די ייִדן אין אַמעריקע. — די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אָפּטיילונגען אין קאַנאַדע. — די געאָגראַפֿישע נאָענט־קייט, די שפּראַכלעכע נאָענטקייט, די ענלעכקייטן און די אַנדערשקייטן.

פֿאַראייניקטע שטאַטן
מעקסיקאַנער גאָלף
מעקסיקע
מאָנטעריי
גואַדאַלאַכאַראַ
שטאָט מעקסיקע
יוקאַטאַן
פּאַציפֿיק

קאַפּיטל ד

יִדן אין מעקסיקע — אַ לאַנד פֿון אַלטע ציוויליזאַציעס

אַ קלײנער יִדישער יִשוב. אַ סימפּאַטישער יִשוב. ער באַ־וועגט זיך יִדישלעך אין אַלע יִדישע ריכטונגען: אין יִדיש און אין העברעיִש; אין דער אַרבעט פֿאַר ישׂראל און אין דער אַרבעט פֿאַר די לאָקאַלע יִדישע אינסטיטוציעס.

און כאָטש מעקסיקע איז אַזוי נאָענט פֿון די פֿאַראײניקטע שטאַטן, איז די כאַראַקטעריסטיק פֿון דעם גאַנצן לעבן דאָרט נאָך אַלץ אַן אײגנאַרטיקע — אַ מעקסיקאַנישע. אַפֿילו דאָס יִדישע לעבן אין מעקסיקע איז אויך אײגנאַרטיק — אַנדערש ווי דאָס יִדישע לעבן אין אַמעריקע אָדער אין קאַנאַדע. אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט אַזאַ יִשוב.

געאָגראַפֿיע

מעקסיקע איז געאָגראַפֿיש געבונדן מיט די פֿאַראײניקטע שטאַטן און מיט צענטראַל־אַמעריקע. זי איז הײַנט אַ שמאָלער פּאַס לאַנד, וואָס ליגט צווישן פּאַציפֿיק און מעקסיקאַנער גאָלף. ביז דער מלחמה מיט אַמעריקע, 1846, האָבן די גרויסע שטחים[1] לאַנד פֿון טעקסאַס, נײַ־מעקסיקע און קאַליפֿאָרניע, באַלאַנגט צו מעקסיקע. אין די דאָזי־קע אַמעריקאַנער געגנטן לעבן נאָך הײַנט אַ סך מעקסיקאַנער, און שפּאַניש איז דאָרט אַזוי נאַטירלעך ווי אין מעקסיקע גופֿא.

[1] שטרעקעס.

מיט מעקסיקע הייבט זיך אָן די גרופּע שפּאַניש־ריידנדיקע לענדער, וואָס ציט זיך אויף דעם דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט. ווי זיי, האָט זי אויך מיטגעמאַכט דעם זעלבן גורל אונטער שפּאַני־שער הערשאַפט.

די ערשטע פאַרשוווּנדענע ייִדן אין מעקסיקע

ווען דער שפּאַנישער קאָנקיסטאַדאָר (באַצווינגער, דעראָבער־רער) הערנאַנדאָ קאָרטעז האָט אין יאָר 1521 איינגענומען מעק־סיקע, זיינען מיט אים געווען אַנוסים־ייִדן. ס׳זיינען אַוועק ניט מער ווי צוויי יאָר, וואָס די שפּאַניער זיינען געווען אין מעקסיקע — און ס׳האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אינקוויזיציע־פּראָצעסן קעגן ייִדן. דער געיעג אויף די אַנוסים איז געווען אַזוי גרויס, אַז במשך פון אַ קורצער צייט זיינען אין מעקסיקע פאַרגעקומען פיר און זיבעציק פּראָצעסן קעגן אַנוסים. איינער פון די פאַרפּייניקטע אַנוסים — לוּיס דע קאַרוואַכאַל, איז אַפילו געווען דער גובערנאַטאָר פון לעאָן. די פּראָצעסן זיינען אַ באַווייז, אַז דער ייִשוב פון די אַנוסים־ייִדן אין מעקסיקע איז שוין געווען אַ גרויסער.

אַ סך פון די אַנוסים־ייִדן זיינען באמת געווען פרומע ייִדן און זייער ייִדישקייט איז ביי זיי געווען טייערער ווי דאָס לעבן. זיי זיינען געווען מאַרטירערס און דער טויט האָט זיי ניט געשראָקן. אַ ביישפּיל פון נאָך אַזאַ מאַראַן געפינען מיר אין די אַרכיוון פון דער מעקסיקאַנער אינקוויזיציע. זיין נאָמען איז אויך געווען: לוּיס דע קאַרוואַכאַל.

דאָס איז נישט דער זעלבער קאַרוואַכאַל, וואָס איז געווען אַ גובערנאַטאָר אין לעאָן; דער נאָמען איז דער זעלבער און ער איז אויך געווען דעם גובערנאַטאָרס אַ פּלימעניק — זיין שוועסטערס אַ זון. און כדי ניט צו פאַרבייטן זיי, וועלן מיר זיי דאָ אָנרופן: דער אַלטער קאַרוואַכאַל און דער יונגער.

ווען דער אַלטער קאַרוואַכאַל האָט געקראָגן אַ קיניגלעכע פול־מאַכט [1] צו פאָרן קיין ניי־שפּאַניע (מעקסיקע), האָט ער מיט זיך מיטגענומען די גאַנצע קאַרוואַכאַל משפּחה. מיט זיי איז אויך געווען

---

[1] דערלויבעניש.

דער יונגער קאַרוואַכאַל — פֿערצן יאָר אַלט. אַן ערנסטער און אינטעליגענטער בחור. ער איז דערצויגן געוואָרן ווי אַ קריסט און ניט געוווּסט זײַן ריכטיקן אָפּשטאַם. ערשט פֿאַרן אַרויספֿאָרן פֿון שפּאַניע האָבן זײַנע עלטערן אים אַנטפּלעקט[2] דעם סוד, אַז זיי זײַנען אַלע ייִדן און פֿאַרוואָס זיי מוזן טראָגן די מאַסקע פֿון קריסטן.

דער יונגער לויִס האָט דאָס גענומען זייער ערנסט. ער האָט אין מעקסיקע ווײַטער געמוזט לעבן ווי אַ מאַראַן. אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט ער באַהאַלטענערהייט געלערנט ייִדישע געשיכטע און ייִדישע טראַדיציעס. און פּאַסירט האָט, אַז ניט זײַענדיק גענוג אָפּגעהיט — האָט אים די אינקוויזיציע געכאַפּט און אַרעסטירט. ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין זייער שווערע פֿאַרברעכנס:
— אַז ער היט אָפּ דעם שבת, ער פֿאַסט אין יום־כּפּור און ער האַלט אין איין זינגען קאַפּיטלעך תּהילים...

אויפֿן פּראָצעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1590, איז דער יונגער לויִס זייער קראַנק געוואָרן און מען האָט אים דערווײַל פֿאַרמשפּט צו זיצן אין שפּיטאָל, אונטער דער השגחה פֿון אַ מאָנאַך. יעדן טאָג האָט ער געמוזט זאָגן די תּפֿילה „אַווע־מאַריאַ" הונדערט און פֿופֿציק מאָל. אין צוויי יאָר אַרום האָט מען אים באַפֿרײַט פֿון שפּיטאָל מיט דער רעקאָמענדאַציע, אַז ער איז אַ פֿרומער קריסט.

ער וואַנדערט צווישן די פֿאַרוואָרפֿענע אינדיאַנער־ייִשובֿים. לערנט מיט זיי שפּאַניש און דערציילט זיי פֿון די העלדישע געשטאַלטן אין תּנ"ך. שפּעטער, ווען ער קומט צוריק אין דער הויפּטשטאָט, דערמוטיקט ער אויף ס'נײַ די מאַראַנען און לערנט מיט זיי ייִדישקייט. גראָד דעמאָלט איז איינער פֿון זײַנע פֿרײַנד אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער אינקוויזיציע. מ'האָט אים דאָרט אַזוי שרעקלעך געפּײַניקט — ביז ער האָט אַרויסגעגעבן דעם נאָמען לויִס קאַרוואַכאַל, אַז ער איז דער פֿירער פֿון די אַנוסים.

שוין דאָס צווייטע מאָל, וואָס ער געפֿינט זיך אין די נעגל פֿון דער אינקוויזיציע. מען פּײַניקט אים שוידערלעך כּדי ער זאָל אַרויסגעבן די נעמען פֿון די אַנוסים. ער שווײַגט, ער וויינט ניט און שרײַט ניט — אַפֿילו פֿון די ווייטיקן. צו להכעיס זײַנע פּײַניקערס, זינגט ער פּסוקים[3] פֿון תּהילים.

---

[2] אויסגעזאָגט. [3] זאַצן, פֿראַגמענטן.

אין תּפֿיסה האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זײַן מוטער און שוועס־טער זײַנען אַרעסטירט געוואָרן. ער שרײַבט צו זיי טרייסט־בריוו, אָבער זיי האָבן די בריוו קיין מאָל ניט געקראָגן.



אַ דאָקומענט פֿון דער מעקסיקאַנער אינקוויזיציע, וואָס האָט פֿאַרמשפּט דעם מאַראַן מיכאל (מיגעל) הערנאַנדעס דע אַלמעידאַ, אין יאָר 1590.

דעם אַכטן דעצעמבער פֿון 1596 האָט מען דעם יונגן לויִסן אַרויסגעפֿירט צום שײַטערהויפֿן. אויפֿן מאַרק פֿון דער מעקסיקאַנער הויפּטשטאָט איז שוין געזעסן דער וויצעקיניג אַרומגערינגלט מיט זײַנע מיליטער־לײַט און מאָנאַכן. לויִס איז געגאַנגען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און געזאָגט תהילים. זײַנע פֿיס האָבן זיך ניט געוואַקלט און זײַנע אויגן האָבן ניט געטרערט. ער איז געשטאָרבן מיט דעם שטאַרקן גלויבן אין דעם גאָט פֿון זײַנע אָבֿות און קיינער האָט דאָס פֿון אים ניט געקענט אַוועקנעמען.

די אינקוויזיציע־יאָרן אין מעקסיקע זײַנען געווען אַזוי שרעקלעך, אַז די געבליבענע ייִדן דאָרטן האָבן געמוזט ראַטעווען זייערע לעבנס און אַנטלויפֿן פֿון לאַנד. די, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפֿן, האָבן זיך צעשפּרייט איבער די ווײַטסטע ווינקלען פֿון מעקסיקע און זיך אויסגעמישט מיט דער אַרומיקער אינדיאַנער־באַפֿעלקערונג.

נאָענט צו דרײַ הונדערט יאָר האָט מען ווייניק וואָס געהערט פֿון ייִדן אין מעקסיקע. מעגלעך, אַז דורך די אַלע יאָרן האָבן זיך ערגעץ־ווו אויסבאַהאַלטן רעשטלעך פֿון די אַמאָליקע אַנוסים... מיר זאָגן: „מעגלעך", ווײַל דאָס וואָס מיר גייען ווײַטער דערציילן, האָבן די היסטאָריקער נאָך ניט באַשטעטיקט.

ייִדישע אינדיאַנער־דערפֿער

אין פֿאַרשיידענע געגנטן פֿון מעקסיקע זײַנען פֿאַראַן אַריבער טויזנט אינדיאַנער, וואָס האַלטן זיך פֿאַר ייִדן. זיי טענהן, אַז זיי זײַנען די אוראייניקלעך פֿון די אַמאָליקע אַנוסים.

איין דאָרף אַזאַ געפֿינט זיך לעבן דער שטאָט מעקסיקע. זיי האָבן דאָרטן אַ קליינע שול מיט אַ ספֿר־תּורה, ווו זיי קומען זיך צונויף שבת און יום־טובֿ. די מתפּללים — מענער, פֿרויען און קינדער מיט שטריכן פֿון טיפּישע מעקסיקאַנער, זינגען אויס די תּפֿילות אין שפּאַניש און העברעיִש. מ'רופֿט זיי אויף צו אַן עליה און זיי מאַכן די ברכה בײַ דער ספֿר תּורה, פּונקט ווי אַלע אַנדערע ייִדן. אייניקע פֿון זיי, די ייִנגערע, זײַנען שוין אַפֿילו געפֿאָרן קיין ישׂראל זיך לערנען, כּדי צו קענען ווערן די גײַסטיקע פֿירערס פֿון זייער קהילה.

אַ צווייטער דאָרף מיט אינדיאַנער־יִידן געפֿינט זיך אויף דרום־זײַט, לעבן פּאַטשוקאַ, ניט ווײַט פֿון דער גוואַטאַמאַלער גרענעץ. אַרום פֿופֿציק משפּחות לעבן דאָרט ווי יִידן. זיי האָבן אַ שול, עסן כּשר פֿלייש, פֿאַסטן אין יום־כּפּור און באַקן מצות אויף פּסח.

צי זיי זײַנען אמתע יִידן פֿון די אַמאָליקע אַנוסים, אָדער סתּם אינדיאַנער, וואָס האָבן מיט דער צײַט איבערגענומען געוויסע יִדישע מנהגים — ווייסן מיר ניט. זיי לעבן אָפּגעזונדערט[1] פֿון דעם אַלגעמיינעם יִדישן לעבן אין מעקסיקע און זיי האָבן מיט די געזעלשאַפֿטלעכע יִדישע אינסטיטוציעס קיין שייכות[2] ניט.

די ראָלע פֿון יִידן אין די יאָרן

פֿון שווערע רעוואָלוציעס אין מעקסיקע

די געשיכטע פֿון מעקסיקע ווײַזט אונדז, אַז אין דער צײַט פֿון די מעקסיקאַנער רעוואָלוציעס, נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון שפּאַניע, זײַנען געווען יִידן־יחידים,[3] וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מעקסיקע. איינער פֿון זיי איז געווען שמואל (זיגפֿריד) באַש, פֿון עסטרײַך, וואָס איז מיטגעקומען ווי אַ דאָקטער־כירורג מיט דעם פֿראַנצויזישן מיליטער.

עס איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז די מעקסיקאַנער געשיכטע זינט דער באַפֿרײַונג פֿון שפּאַניע אין יאָר 1821, איז געווען פֿול מיט רעוואָלוציעס און אומרוען. דאָס האָט דערפֿירט, אַז געוויסע אייראָפּעיִשע לענדער האָבן אַרײַנגעשיקט קיין מעקסיקע זייערע אַרמייען כּדי צו באַשיצן די אויסלענדישע בירגערס און זייערע פֿאַרמעגנס. מער פֿון אַלע האָט דאָס געטאָן פֿראַנקרײַך.

פֿון אַזאַ צושטאַנד האָט זיך אין יאָר 1865 געשאַפֿן אין מעקסיקע אַ קייזער־רײַך.[4] דער פּרינץ מאַקסימיליאַן — אַ יִינגערער ברודער פֿון קייסער פֿראַנץ־יאָזעף אין עסטרײַך — איז מיט דער שטיצע פֿון פֿראַנצויזישן מיליטער געוואָרן דער קייסער פֿון מעקסיקע.

---

[1] באַזונדער פֿאַר זיך אַליין.

[2] פֿאַרבינדונג.

[3] איינציקע.

[4] אַ מאָנאַרכיע.

אין די לעצטע חדשים פֿון מאַקסימיליאַנס הערשאַפֿט, איידער ער איז געוואָרן פֿאַרכאַפּט און פֿאַרמשפּט פֿון דער מעקסיקאַנער רעוואָלוציע, אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון בעניטאָ כואַרעז — איז ד״ר שמואל באַש געווען דער פּערזענלעכער דאָקטער פֿון מאַקסי־מיליאַנען. נאָך דעם ווי מאַקסימיליאַן איז דערשאָסן געוואָרן, האָט ד״ר באַש אַוועקגעפֿירט דעם טויטן קערפּער קיין עסטרייך.

עס איז וויכטיק אויך צו באַמערקן, אַז דער זעלביקער ד״ר באַש האָט דערפֿינדן דעם אַפּאַראַט צו מעסטן דעם בלוטדרוק פֿון מענטשלעכן קערפּער.

אין דער שפּעטערדיקער צײַט געפֿינען מיר אויך עטלעכע ייִדישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דעם מעקסיקאַנישן לעבן — ווי וויסנשאַפֿטלערס, פּאָליטיקערס און עקאָנאָמיסטן.

אין אָנהייב פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט האָט דער מעקסיקאַנער דיקטאַטאָר, פּאָרפֿיריאָ דיאַז (1903—1909), געפֿירט אונטערהאַנד־לונגען מיט אַ ייִדישער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן וועגן קאָלאָניזירן ייִדן אין מעקסיקע. אין פֿאַרבינדונג מיט דעם דאָזיקן פּלאַן איז געקומען אַ ייִדיש־אַמעריקאַנער זשורנאַליסט קיין מעקסיקע, וואָס זײַן נאָמען איז געווען וויקטאָר האַררים. דער דאָזיקער זשורנאַליסט דערציילט אין זײַנע זכרונות, אַז ווען ער איז געקומען צום דאָזיקן ראש־השנה און יום־כּפּור זײַנען דאָרט געווען פֿאַרזאַמלט קרובֿ צו פֿינף הונדערט מתפּללים.

די מעקסיקאַנער רעוואָלוציע פֿון 1910 קעגן פּאָרפֿיריאָ דיאַז האָט דערפֿירט צו בלוטיקע קאַמפֿן צווישן די פּאָליטישע פּאַרטייען און זי האָט געבראַכט כּמעט צו אַ פֿולער אויסוואַנדערונג פֿון ייִדן. ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה באַווײַזן זיך נײַע אימי־גראַנטן, איבערהויפּט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

דער נײַער ייִדישער ייִשובֿ אין מעקסיקע

אין ספֿר משלי, קאַפּיטל כז, ווערט געזאָגט: „כצפּור נודדת מן קנה, כן איש נודד ממקומו״ — ווי אַ פֿויגל וואַנדערט פֿון איר נעסט, אַזוי וואַנדערט דער מענטש פֿון זײַן היים. און דאָס מיינט

ניט דווקא[1] ייִדן; אויך פֿיל אַנדערע פֿעלקער וואַנדערן פֿון זייערע היימלענדער. קיינער טרײַבט זיי ניט, קיינער מאַכט ניט אויף זיי קיין פּאָגראָמען, און דאָך פֿלעגן זיי אויסוואַנדערן אין די מאַסן צו זוכן אַ בעסער לעבן.

אָבער אַנדערש פֿון אַלע עמיגראַנטן איז געווען דער ייִדישער עמיגראַנט. ער האָט ניט געפֿירט מיט זיך קיין באַגאַזש מיט מאַטעריעלע אוצרות, ער האָט געפֿירט מיט זיך אַלטע ייִדישע טראַדיציעס, אַ נאַציאָנאַל-ייִדישן באַוווּסטזײַן און אידעען — אַז בײַ דער ערשטער בעסטער מעגלעכקייט וועט מען בויען און שאַפֿן אַ נײַ ייִדיש לעבן. און צו זען ווי ריכטיק דאָס איז, דאַרף מען נאָר אַ קוק טאָן אויף דעם קליינעם ייִדישן ישובֿ אין מעקסיקע, וואָס האָט באַוויזן אין זייער אַ קורצער צײַט זיך צו פּאַרפֿעקטיקן מיט שיינע ייִדישע אינסטיטוציעס.

אַרום פֿערציק טויזנט ייִדן וווינען הײַנט אין מעקסיקע. ספֿרדישע ייִדן און אַשכּנזישע ייִדן. די ערשטע קהילות זײַנען געווען די ספֿרדישע. זיי זײַנען געקומען פֿון סיריע און טערקײַ אין די ערשטע יאָרן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די אַשכּנזישע ייִדן — ייִדן פֿון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, זײַנען אין זייער מערהייט אָנגעקומען אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט-מלחמות.

די ספֿרדישע ייִדן זײַנען צעטיילט אין צוויי קהילות: די „אוניאָן סעפֿאַראַדיטאַ" און די קהילה פֿון די אַראַבישע ייִדן. די אַשכּנזישע ייִדן — זײַנען אָרגאַניזירט אין דער קהילה „נדחי ישׂראל", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1922. חוץ דעם זײַנען נאָך פֿאַראַן דײַטשע און אונגאַרישע ייִדן, וואָס האַלטן זיך באַזונדער.

דער גרעסטער פּראָצענט ייִדן אין מעקסיקע זײַנען די אַשכּנזישע ייִדן. עס זעט זיך דעריבער אָן זייער השפּעה[2] אין אַלע געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוויטעטן; אינעם שולוועזן, אין דער ציוניסטישער אַרבעט, אין דעם רעליגיעזן לעבן און אין אַלע הילפֿס-אינסטיטוציעס.

כּמעט פֿינף און נײַנציק פּראָצענט פֿון אַלע ייִדן וווינען אין דער שטאָט מעקסיקע. גרעסערע און קלענערע ייִדישע ישובֿים געפֿינען זיך אויך אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך איבערן לאַנד:

---

[1] נאָר. [2] איינפֿלוס.

אין מאַנטערעי, גוואַדאַלאַכאַראַ, טיכואַנאַ, קוערנאַוואַקאַ און אין נאָך אַנדערע פּונקטן פֿון לאַנד. יעדער ייִדישער ישובֿ באַמיט זיך — אויף ווי ווײַט ס'איז מעגלעך — אַז זיי זאָלן ניט אָפּגעפֿרעמדט ווערן פֿון ייִדן און ייִדישקייט, אָבער דער שטאָלץ פֿון אַלע ייִדן אין מעקסיקע איז דער ייִדישער שולוועזן אין דער שטאָט מעקסיקע.

די ייִדישע שולן אין מעקסיקע

דער קליינער ייִדישער ישובֿ אין מעקסיקע האָט אויפֿן געביט פֿון ייִדישער דערציִונג איבערגעיאָגט אַ סך גרעסערע און עלטערע ייִדישע ישובֿים אין דער וועלט. דאָס איז אַ גאַנצע דערציִונג, וואָס שליסט אויך אײַן די רעגירונגס-פּראָגראַם. די דערציִונג הייבט זיך אָן אין קינדער-גאָרטן און פֿאַרענדיקט זיך מיט מיטלשול. טייל ייִדישע שולן האָבן אויך „פּרעפּאַראַטאָריעס" — דאָס איז אַ דרײַ-יאָריקער אוניווערסיטעט-קורס נאָך מיטלשול.

זעקס גרויסע טאָגשולן זײַנען פֿאַראַן אין דער שטאָט מעקסיקע. אחוץ די דאָזיקע שולן זײַנען נאָך פֿאַראַן: אַ תּלמוד תּורה, אַ ישיבֿה און אַ ייִדיש-העברעיִשער לערער-סעמינאַר. אין דער ישיבֿה לערנען אַרום הונדערט תּלמידים און אין לערער-סעמינאַר — בערך פֿופֿציק תּלמידות.

די ערשטע און גרעסטע ייִדישע שול אין מעקסיקע איז די „ייִדישע שול". זי איז געגרינדעט געוואָרן אין די ערשטע אימיגראַציע-יאָרן פֿון די רוסיש-פּוילישע ייִדן, אין 1924. קרובֿ צו פֿופֿצן הונדערט קינדער לערנען אין דער שול, וואָס הייבט זיך אָן מיט קינדער-גאָרטן און פֿאַרענדיקט זיך מיט דער דרײַ-יאָריקער פּרעפּאַראַטאָריע. דאָס איז אַ נאַציאָנאַלע ייִדישע פֿאָלקשול מיט אַ פּראָגראַם פֿון ייִדיש און העברעיִש. די „ייִדישע שול" האָט אַן אייגענעם צווייִ שטאָקיקן בנין, וואָס נעמט אַרום אַ גרויסן שול-הויף מיט אַ שווימבאַסיין פֿאַר ספּאָרט און גימנאַסטיק. אין פֿראָנט פֿון שול שטייט אַ לאַנגע שורה מיט אייגענע שול-אויטאָבוסן, וואָס ברענגען און פֿירן אָפּ די קינדער אין אַלע ריכטונגען פֿון שטאָט.

אַ צווייטע ייִדישע שול מיט אַזאַ ענלעכן דערציִונגס-פּראָגראַם איז די „נײַע ייִדישע שול י. ל. פּרץ". די שול איז אין 1950 געגרינדעט געוואָרן פֿון אַ גרופּע לערערס און שולטוערס, וואָס האָבן



די יידישע שול אין מעקסיקע

פּריִער מיטגעאַרבעט מיט דער גרויסער „ייִדישער שול". די שול האָט שוין היינט אַריבער פינף הונדערט תּלמידים און געפינט זיך אין אַן אייגענעם מאָדערנעם שול-בנין, פאַרזאָרגט מיט אַן אייגענער טראַנספּאָרטאַציע פון שול-אויטאָבוסן.

אין יאָר 1942 זיינען אין דער שטאָט מעקסיקע געעפנט געוואָרן צוויי נייע טאָגשולן: די „יבנה-שול" און די „תּרבות"-שול.

די „יבנה"-שול, וואָס איז געעפנט געוואָרן פון דער קהילה „נדחי ישראל", איז אַן אָרטאָדאָקסיש-רעליגיעזע שול, בעסער געזאָגט — אַ רעליגיעז-ציוניסטישע שול. זי פאַרנעמט אַ בכּבודיק אָרט אין שטאָט, מיט אַן ערך פון זעקס הונדערט תּלמידים. ס'איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז די לימודי קודש ווערן דאָרט אויסגעטייטשט אויף ייִדיש.

די „תּרבות"-שול איז אַ העברעיִשע טאָגשול, ניט קיין רעליגיעזע. זי שטייט אונטער דער השגחה פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין מעקסיקע און ס'לערנען דאָרט בערך טויזנט תּלמידים.

אין די יאָרן פֿון 1943-44 האָבן די ספֿרדישע ייִדן געעפֿנט צוויי טאָגשולן: די שול „תּרבות מאָנטע סיני" און „בית ספֿר עבֿרי-ספֿרדי". אין ביידע שולן צוזאַמען לערנען היינט אַריבער פֿופֿצן הונדערט תּלמידים.

די שולן זיינען באַזאָרגט מיט אוידאָוויזועלע הילפֿס-מכשירים[1] און לאַבאָראַטאָרישע איינריכטונגען. אויפֿצובויען און אויסצוהאַלטן אַזעלכע שולן איז אַ באַטרעף פֿון גרויסע סומעס געלט. די אָנשטרענגונג פֿאַר דעם איז זייער גרויס. אָבער די ייִדן אין מעקסיקע טוען דאָס מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט, ווײַל זיי האָבן ליב די ייִדישע שולן, וואָס זיינען אין אַ געוויסער מאָס אַ באַשיצונג פֿאַר זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן ניט אָפּגעפֿרעמדט ווערן פֿון ייִדישן פֿאָלק.

נאָך אַן אינסטיטוציע וואָס איז דער וווּנדער פֿונעם ייִשובֿ

ייִדן אין מעקסיקע לעבן זיך גאַנץ גוט. אַפֿילו ס'הערט זיך אַמאָל אַן אַנטיסעמיטישער אַרויסרוף, איז דאָס אויך ניט אַזוי ערנסט, אַז ייִדן זאָלן זיך דערפֿון דערשרעקן. זיי זיינען מאַטעריעל גוט איינגעאָרדנט און לעבן אויף אַ העכערן סטאַנדאַרד ווי דער דורכשניטלעכער מעקסיקאַנער.

ס'איז אפֿשר אויך אַ גרויסע מעלה[2] דאָס וואָס צווישן דעם מעקסיקאַנער און דעם ייִד ליגט אַ גרענעץ פֿון אַנדערשקייט. און דעריבער שטופּט מען זיך ניט אַזוי שטאַרק אין דער מעקסיקאַנער געזעלשאַפֿט. דאָס העלפֿט אַ ביסל, אַז ייִדן בכלל און די ייִדישע יוגנט בפֿרט, זאָלן זוכן זיך אויסצולעבן אין אַן אייגענער געזעלשאַפֿט.

עקסיסטירט טאַקע אין דער שטאָט מעקסיקע אַ פֿעדעראַציע פֿון יוגנט-אָרגאַניזאַציעס און יוגנט-קלובן. און פֿון די דאָזיקע יוגנט-קלובן — יונגע מעקסיקאַנער-געבוירענע ייִדן — איז געקומען די איניציאַטיוו אויסצובויען אַן אייגענעם ספּאָרטצענטער אין שטאָט.

---

[1] אַפּאַראַטן, עלעקטרישע מאַשינען.

[2] אַ גוטע זאַך.

דער יידישער ספאָרטצענטער איז היינט דאָס וווּנדערקינד פֿון דעם יידישן יישובֿ אין מעקסיקע. ער פֿאַרנעמט אַ ריזן־שטח לאַנד, מיט פּראַכטפֿולע מאָדערנע בנינים פֿאַר ספּאָרט, גימנאַסטישע איבונגען און אָלימפּישע שווימבאַסיינען; זאַלן פֿאַר אָפּרו און פֿאַר־ברענגען, אַ ביבליאָטעק־זאַל, אַ טעאַטער־זאַל, אַ קונסטזאַל, אַ קאַפֿע־הויז, אַ רעסטאָראַן און פֿיל אַנדערע אַקטיוויטעטן. ס'באַוועגן זיך דאָרט טויזנטער מענטשן און יוגנטלעכע, וואָס מאַכט דעם איינדרוק, אַז דער יידישער יישובֿ אין מעקסיקע איז ניט אין די טויזנטער, נאָר אין די הונדערט טויזנטער... דאָס איז אַן אינסטיטוציע מיט רחבֿות[3] און געשמאַק, וואָס מען זעט ניט אין קיין שום אַנדערן יידישן יישובֿ אין דער וועלט. און ווען יידישע טוריסטן פֿון אַמעריקע און פֿון אַנדערע לענדער באַזוכן דעם ספּאָרטצענטער, די שולן און די אַנדערע אינסטיטוציעס, שטייט מען און מע גאַפֿט און מע וווּנדערט זיך: — וואָס יידן קענען אַלץ אויפֿטאָן מיט אַ ביסעלע ווילן!...

דער נייער דור

דער ערשטער דור אימיגראַנטן אין מעקסיקע איז נאָך ניט קיין אַלטער. מ'זעט זיי נאָך אַלץ ביי דער פֿירערשאַפֿט פֿון דעם יידיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין מעקסיקע זיינען זיי געווען יונגע מענטשן. יידישע יידן. צווישן די דאָזיקע יידן זיינען געווען קולטור־מענטשן מיט אינטעליגענץ און וויסן.

איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס דער יישובֿ האָט זיך אַנטוויקלט היימיש־יידישלעך אויף אַלע געביטן: אין דעם יידישן שולוועזן, אין דער אַרבעט פֿאַר ישׂראל, קולטור־אַרבעט, הילפֿס־אַרבעט, און אַלץ וואָס דער יישובֿ האָט געשאַפֿן. אומעטום, האָט דאָס יידישע לשון פֿאַרנומען אַ בכּבֿודיק אָרט; יידיש האָט מען געהערט אויף די פֿאַרזאַמלונגען ביי די פּאַרטייישע דיסקוסיעס, אויף שׂמחות, און אַפֿילו אין הויז.

אַזאַ באַציִונג צו יידיש האָט געהאָלפֿן, אַז אין מעקסיקע זאָל

[3] ברייטקייט, פֿאַרנעם.

זיך אַנטוויקלען דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט. מ'האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן יידישע צײַטונגען, זשורנאַלן, חודש־שריפֿטן און פֿאַר־שיידענע בולעטינען.

דער ייִשובֿ אין מעקסיקע איז אויך געבענטשט מיט יידישע שרײַבערס, זשורנאַליסטן און פּאָעטן, וואָס זייערע נעמען זײַנען גוט באַקאַנט אין דער יידישער וועלט. דאָס אַלץ איז נאָך אין גרעסטן טייל אויף דעם חשבון פֿון דעם ערשטן דור אימיגראַנטן, וואָס זײַנען אָנגעקומען אין די דרײַסיקער יאָרן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

איצט, פֿאַרשטענדלעך, איז שוין אין מעקסיקע פֿאַראַן אַ נײַער יידישער דור, אַ געבוירענער און דערצויגענער אין מעקסיקע. זײַן נאַטירלעכע שפּראַך איז שפּאַניש. און כאָטש ער פֿאַרשטייט און קען נאָך ריידן יידיש, וועט ער בעסער ריידן שפּאַניש. מיט שפּאַניש איז ער אַקטיוו אין די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אין ספּאָרטצענטער און אין אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעטן. דאָרט ווו מען מוז, אָדער דאָרט ווו מ'וויל זיך חנדלען — וועט מען ריידן יידיש...

קוקט אויף דעם דער עלטערער דור און זאָרגט זיך: אַזוי פֿיל אַרבעט אַרײַנגעלייגט צו דערציִען אַ נײַעם דור און מען רעדט ניט קיין יידיש... זיי זײַנען געקומען אויף אַלעם גרייטן און נאָר אַ קליין הײַפֿעלע פֿאַראינטערעסירט זיך איצט מיט אונדזער געזעל־שאַפֿטלעכער אַרבעט... וואָס וועט זײַן? וואָס וועט דער מאָרגן ברענגען?

איז טאַקע שווער צו זאָגן וואָס דער מאָרגען וועט ברענגען; דער מאָרגן קען אַמאָל זײַן ליכטיקער און בעסער ווי דער הײַנט. די געשיכטע האָט אונדז אָבער אַלע מאָל געלערנט: אַז יִאוש, רעזיגנאַציע איז זייער אַ פֿויל פֿערד, וואָס מ'קען מיט דעם אין ערגעץ ניט דערפֿאָרן.



לאָמיר טראַכטן און ענטפֿערן

א) לייענענדיק די געשיכטע פֿון דעם מאַראַן לויִס דע־קאַרוואַכאַל, וואָס פֿאַר אַ געדאַנקען האָט דאָס ביי איין אַרויסגערופֿן?

ב) ווען זיינען געווען די מאַראַנען אָדער אַנוסים?

ג) וואָס געפֿעלט איך אַמבעסטן פֿון דעם ייִדישן ייִשובֿ אין מעקסיקע?

ד) וואָס איז אייער מיינונג וועגן די ייִדישע אינדיאַנער־דערפֿער אין מעקסיקע?

ה) מיט וואָס איז אַנדערש דער צווייטער דור ייִדן אין מעקסיקע פֿון דעם ערשטן דור?

אינטערעסאַנט צו וויסן

1) **טענאָטשטיטלאַן** — אַ שווער וואָרט אַרויסצורעדן — אַזוי האָבן די אַמאָליקע אַצטעקן פֿון מעקסיקע גערופֿן די הויפּטשטאָט, וואָס הייסט היינט „מעקסיקע סיטי״.

2) ס׳איז פֿאַראַן אַ לעגענדע, אַז די אַלטע איינוואוינערס פֿון מעקסיקע, די „מאַיאַס״ און די „אַצטעקן״, שטאַמען פֿון דעם קאָנטינענט „אַטלאַנטיס״. דאָס איז אַ לעגענדאַרישער קאָנטינענט, וואָס זאָל האָבן עקסיסטירט מיט טויזנטער יאָרן צוריק צווישן צענטראַל אַמעריקע און אייראָפּע און איז פֿאַרשלונגען געוואָרן דורכן אָקעאַן.

3) אין יאָר 1790 האָט מען צווישן די חורבות פֿון די אַלטע אַצטעקישע טעמפּלען אין מעקסיקע געפֿונען אַ גרויסן שטיינערנעם קאַלענדאַר. דער שטיין איז קיילעכדיק און ס׳איז אויף אים אויסגעקריצט וווּנדערלעכע פֿיגורן און צייכנס. ער פֿאַרנעמט צוועלף פֿוס אין דיאַמעטער און געפֿינט זיך איצט אין דער שטאָט מעקסיקע. ער איז אויך געוואָרן דער עמבלעם פֿון מעקסיקע.

4) דער מעכטיקער קעניג פֿון די אַצטעקן האָט געהייסן: **מאָנטעסומאַ.** די שפּאַניער האָבן אים פֿאַרנאַרט און געפֿאַנגען אַ לעבעדיקן און די אַצטעקן האָבן אים געהרגעט, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז ער האָט זיי פֿאַרראַטן.

קאַפּיטל ה

ייִדן אויף די קאַריבעיִשע אינדזלען און צענטראַל־אַמעריקע

צווישן דעם אַטלאַנטיק און דעם קאַריבעיִשן ים ליגן אַ גרופּע גרעסערע און קלענערע אינדזלען: קובאַ, דזשאַמייקאַ, האַיִטי, דאָמיניקאַנער רעפּובליק און פּוערטאָ־ריקאָ. זיי זײַנען וווּנדערלעך־שיינע אינדזלען מיט אַ סוב־טראָפּישן קלימאַט און זיי האָבן אַמאָל געדינט ווי די הויפּט־סטאַנציעס פֿאַר די שפּאַנישע דעראָבערער. פֿון די דאָזיקע אינדזלען פֿלעגן אַרויסגיין די שפּאַנישע שיפֿן צו פֿאַרכאַפּן די שכנותדיקע לענדער פֿון צענטראַל־אַמעריקע און דרום־אַמעריקע.

אויך אויף די דאָזיקע אינדזלען זײַנען פֿאַראַן ייִדישע יִשובֿים.

— וויפֿל ייִדן ס'לעבן דאָרט און ווי אַזוי זיי לעבן? — וועלן מיר אויסגעפֿינען לערנענדיק ווײַטער.

קובאַ

דער דאָזיקער אינדזל איז זייער נאָענט צו פֿלאָרידאַ. מיר ווייסן, אַז אין 16טן יאָרהונדערט זײַנען שוין דאָרט געווען ייִדן; זיי זײַנען געקומען פֿון בראַזיל און פֿון די האָלענדישע קאָלאָניעס. אָבער פֿון יענע ייִדן זײַנען געבליבן קנאַפּע ידיעות,[1] ווײַל ווי נאָר ס'איז אָנגעקומען די שפּאַנישע אינקוויזיציע זײַנען זיך די ייִדן צעלאָפֿן.

[1] ווייניק אינפֿאָרמאַציע.

קובאַ האָט זיך באַפרייט פון שפאַניע ערשט אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט. די אַמעריקאַנער אַרמיי איז איר געקומען צו הילף. אויף די פראָנטן פון דער באַפרייונגס־מלחמה זיינען געווען אַמעריקאַנער יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן. איייניקע פון זיי זיינען נאָך דער באַפרייונג געבליבן וווינען אין קובאַ און געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם נייעם לאַנד. דער ערשטער פינאַנץ־מיניסטער פון דער באַפרייטער קובאַ איז געווען עקיבא ראָלאַנד.

אין 1904 האָבן די אַמעריקאַנער יידן געגרינדעט די ערשטע קהילה אין קובאַ — די „יונייטעד היברו קאָנגרעגיישאָן”. מיט צען יאָר שפּעטער האָט זיך געשאַפן אַ צווייטע קהילה, אַ ספרדישע, מיטן נאָמען „שבת אחים”.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן באַגרענעצט די אימיגראַציע אין איר לאַנד, דאַן זיינען גרעסערע גרופּעס יידן פון מזרח־אייראָפּע אָנגעקומען קיין קובאַ. יידן האָבן געאַרבעט, געהאַנדלט, געעפנט געשעפטן, איינגעשטעלט פאַבריקלעך, און ס׳האָט זיך אָרגאַניזירט אַ נאָרמאַלער יידישער ישוב.

אַכט טויזנט יידן האָבן אין די לעצטע יאָרן געוווינט אין קובאַ; זעקס טויזנט יידן האָבן געלעבט אין דער הויפּטשטאָט האַוואַנאַ און צוויי טויזנט יידן אין די אַנדערע שטעט פון לאַנד. אין האַוואַנאַ האָבן די יידן אויסגעבויט אַ יידישן צענטער, וואָס האָט זיך גע־רופן: „צענטראָ איזראַעליטאַ”. דאָס גאַנצע יידישע לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום יידישן צענטער. מע האָט געעפנט יידישע שולן, ס׳האָבן זיך אָרגאַניזירט ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, קולטור־אָרגאַניזאַציעס, ס׳איז געווען אַ יידישע פּרעסע און שליחים פון ישראל און אַמעריקע פלעגן דאָ זיין אָפטע געסט ביי די יידן אין קובאַ.

אין די פופציקער יאָרן פון הייַנטיקן יאָרהונדערט זיינען אָנ־געקומען שווערע און אומרויִקע יאָרן אין קובאַ. דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע רעוואָלוציע — די קאַסטראָ־רעוואָלוציע. דער נייער קאָמוניסטישער רעזשים, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין לאַנד, האָט אוממעגלעך געמאַכט פאַר די יידן צו קענען וויי̆טער



צענטראַל־אַמעריקע און די קאַריבעישע אינדזלען.

בלײַבן װוינען אין קובאַ; די רעגירונג האָט נאַציאָנאַליזירט [1] אַלע געשעפֿטן און אויפֿגעלייזט אַלע אָרגאַניזאַציעס. די ייִדן האָבן אָנגעהויבן אַרויספֿאָרן פֿון לאַנד כּל-זמן זיי האָבן נאָך געקענט. מע האָט איבערגעלאָזט די פֿאַרמעגנס, די הײַזער, די אויפֿגעבויטע ייִדישע אינסטיטוציעס און מ׳איז געלאָפֿן זוכן אַ נײַעם ווינקל אָנצוהייבן פֿון דאָס נײַ. דער גרעסטער טייל קובאַנער ייִדן איז געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַנדערע האָבן זיך באַזעצט אין סאַן-כוּאַן, פּוערטאָ-ריקאָ, און אַנדערע זײַנען אַוועק קיין ישׂראל.

וויפֿל ייִדן זײַנען געבליבן אין קובאַ? — גענוי ווייסן מיר ניט. מע שאַצט, אַז אַרום פֿופֿצן הונדערט נפֿשות; עלטערע מענטשן און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן שוין ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטן אַרויסצופֿאָרן פֿון לאַנד. וואָס ס׳וועט זײַן מיט די געבליבענע ייִדן אין קובאַ איז שווער צו זאָגן נבֿיאות. אַ סך פֿון זיי וואַרטן נאָך אויף דער געלעגנהייט צו קענען אַרויספֿאָרן פֿון לאַנד.

דער אינדזל היספּאַניאָלאַ

אויף מזרח-זײַט פֿון קובאַ ליגט אַן אינדזל, וואָס קוקט אויס ווי אַ קאָפּ פֿון אַ חיה, מיט אַן אָפּן מויל צו קובאַ. צוויי מלוכות געפֿינען זיך אויף דעם אינדזל: אויף מערבֿ-זײַט — האַיִטי, און אויף מזרח-זײַט — די דאָמיניקאַנער רעפּובליק.

האַיִטי איז אַן אָרעם לאַנד, מיט אַ נעגערישער באַפֿעלקערונג און ס׳געפֿינט זיך דאָרט אַ קליינער ייִדישער ייִשובֿ — אַרום הונדערט פֿופֿציק נפֿשות. די גרעסטע מערהייט פֿון זיי זײַנען דײַטשע און פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון דעם היטלער-גיהנום.

ניטאָ קיין ייִדיש לעבן אין דעם דאָזיקן ייִשובֿ; ניט קיין שול צום דאַווענען און ניט קיין שול צום לערנען. די קינדער וואַקסן אָפּגעפֿרעמדט פֿון ייִדן און ייִדישקייט. די איינציקע פֿאַרבינדונג, וואָס זיי האָבן נאָך מיט די ייִדן אין דער וועלט, איז זאַמלען געלט פֿאַר ישׂראל און איין מאָל אַ יאָר, אין יום כּיפּור, ווערט אײַנגעאָרדנט אַ מנין צום דאַווענען.

---

[1] געוואָרן דאָס אייגנטום פֿון דער מלוכה.

אַ ביסל בעסער איז דער ייִדישער ייִשובֿ אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק. דאָ וווינען הײַנט דרײַ הונדערט און פֿופֿציק ייִדן, וואָס אַ גרויסער טייל פֿון זיי זײַנען גראַטעוועטע פֿון די נאַצישע פֿײַערן.

אין דער הויפּטשטאָט טרוכיליאָ וווינען צוויי הונדערט און פֿופֿציק ייִדן. זיי זײַנען אָרגאַניזירט אין אַ קהילה, וואָס האָט אַן אייגענעם לאָקאַל מיט אַ בית־מדרשל צום דאַוונען און זיי האָבן אויך אַן אייגענעם בית־הקבֿרות.

נאָך אַ הונדערט ייִדן וווינען אין דער שטאָט סאַנטיאַגאָ. דאָ איז ניט פֿאַראַן קיין קהילה, ניט קיין שול צום דאַוונען און ניט קיין בית־הקבֿרות. די קינדער זייערע, סײַ אין טרוכיליאָ און סײַ אין סאַנטיאַגאָ, זײַנען אָן אַ ייִדישער דערציִונג. ס׳זײַנען אָבער פֿאַראַן געציילטע ייִדישע משפּחות, וואָס שיקן זייערע קינדער צו לערנען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווײַל זיי ווילן ניט, אַז זייערע קינדער זאָלן אין גאַנצן אָפּגעפֿרעמדט ווערן פֿון ייִדישן פֿאָלק.

אינטערעסאַנט צו וויסן:

אין דער קאַטוילישער קאַטעדראַל פֿון טרוכיליאָ געפֿינען זיך די ביינער פֿון קריסטאָף קאָלומבוס. קאָלומבוס איז געשטאָרבן אין שפּאַניע אין יאָר 1506. זײַנע ביינער זײַנען דעמאָלט אַוועקגע־שטעלט געוואָרן אין דער קאַטעדראַל פֿון סעוויל. אין 1542 האָבן זײַנע פֿאַרערער אַרויסגעפֿירט די ביינער פֿון קאָלומבוסן און די ביינער פֿון זײַן זון דיעגאָ און זיי געבראַכט צו דעם אינדזל היספּאַ־ניאָלאַ. אין יאָר 1795, ווען די פֿראַנצויזן האָבן פֿאַרכאַפּט דאָס אינדזל, האָבן די שפּאַניער געוואָלט אַריבערפֿירן קאָלומבוסעס קאַסטן קיין קובאָ. זיי האָבן אָבער געמאַכט אַ קליינעם טעות: — אַנשטאָט צו נעמען קאָלומבוסעס קאַסטן, האָבן זיי גענומען דעם קאַסטן פֿון זײַן זון דיעגאָ... און אַזוי זײַנען שוין געבליבן קאָלומ־בוסעס ביינער אין טרוכיליאָ.

יאַמאַיקע (דזשאַמייקאָ)

דער אינדזל איז אויסערגעוויינלעך שיין. די לופֿט אַ וואַרעמע און אַ גוטע. די הויכע פּאַלמעס איבער די גאַסן פֿון קינגסטאָן וויגן

זיך אין ווינט ווי צעעפֿנטע לולבֿים. די ליכטיקע זון, די שוואַרץ־הויטיקע פּנימער, די קאָלירפֿולע קליידער פֿון די אײַנגעבוירענע פֿרויען — איז ווי אַן עקזאָטישער גאָרטן.

שוין אַזוי פֿרי ווי אין 1655, ווען די ענגלענדער האָבן אָקופּירט דעם אינדזל, האָבן שוין דאָ געלעבט ייִדן. אונטער דער בריטישער אַדמיניסטראַציע האָבן די ייִדן פֿאַרנומען וויכטיקע פּאָסטנס בײַ דער רעגירונג. זיי האָבן אַנטוויקלט דעם האַנדל פֿון עקספּאָרט און אימפּאָרט און אין דער זעלבער צײַט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ ייִדיש לעבן.

אין יאַמאַיקע האָבן אַמאָל געוווינט עטלעכע טויזנט ייִדן. זיי האָבן געהאַט אַ ספֿרדישע קהילה און אַן אשכּנזישע. ביידע קהילות האָבן זיך שפּעטער פֿאַראייניקט אין איין קהילה און געזאָרגט פֿאַר אַלע ייִדישע ענינים.

צוליב פֿאַרשיידענע סיבות האָבן די ייִדן אָנגעהויבן אַרויס־צופֿאָרן פֿון דער קאָלאָניע. זייער צאָל פֿאַרקלענערט זיך פֿון יאָר צו יאָר. ניט מער ווי זעקס הונדערט ייִדן ווױנען הײַנט אויף דעם אינדזל. דאָס ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכע לעבן איז זייער אָרעם. יונגע ייִדן ווערן אָפּגעפֿרעמדט פֿון ייִדישן פֿאָלק. און יענע ייִדן, וואָס בענקען נאָך אַ ביסל ייִדישקייט און זאָרגן זיך, אַז זייערע קינדער זאָלן ניט אָפּגעפֿרעמדט ווערן פֿון ייִדישן פֿאָלק — עמיגרירן צו גרעסערע ייִדישע ייִשובֿים.

אַן אַלטער ייִדישער ייִשובֿ
אויף דער קליינעם אינדזל קוראַסאַאָ

אויף דעם קאַריבעיִשן ים, נאָענט צו דעם דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, זײַנען פֿאַראַן דרײַ קלענערע האָלענדישע אינדזלען: אַרובאַ, קוראַסאַאָ און באָנײַרע. אויף אַלע דרײַ אינדזלען ווױנען ייִדן. אָבער אַ ייִחוסדיקער[1] אַלטער ייִשובֿ, וואָס עקסיסטירט נאָך ביז הײַנט צו טאָג — איז קוראַסאַאָ.

דאָס איז פֿון די סאַמע עלטסטע ייִדישע ייִשובֿים אין דער נײַער וועלט. נאָך איידער די ערשטע ייִדן פֿון בראַזיל זײַנען געקו־

[1] אָנגעזעענער, באַוווּסט מיט איר געשיכטע.

מען קיין ניי־אַמסטערדאַם, איז שוין אין קוראַסאַאָ געווען אַן אָרגאַניזירטע ספּרדישע קהילה פֿון פּאָרטוגעזישע ייִדן. אין יאָר 1634 האָבן די ייִדן פֿון קוראַסאַאָ געקעמפֿט אויף דער האָלענדישער זײַט קעגן שפּאַניע און זיי געהאָלפֿן אײַננעמען דעם אינדזל. די האָלענדישע רעגירונג האָט דאָס אָנערקענט און זיי געגעבן רעלי־גיעזע פֿרײַהייט און די רעכט צו באַשעפֿטיקן זיך מיט מסחר* און לאַנדווירטשאַפֿט.

קוראַסאַאָ איז אַמאָל געווען אַ שוץ און אַ רעטונגס־אָרט פֿאַר אַ סך וואַנדערנדיקע אַנוסים. זי האָט אויסגעשטרעקט אַ העלפֿנדיקע האַנט צו אירע וואַנדערנדיקע ברידער און שוועסטער. און ווען די ערשטע ספּרדישע קהילה אין ניו־יאָרק האָט אין 1729 געבויט די ערשטע שול „שארית ישׂראל", האָט די ייִדישע קהילה פֿון קוראַסאַאָ זיי אַרויסגעהאָלפֿן מיט געלט. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי אַליין גענומען אויסבויען אַ גרויסע שול, לויט דעם מאָדעל פֿון דער גרויסער אַמסטערדאַמער שול. די שול שטייט נאָך הײַנט און איז אַ באַווײַז, אַז ס'איז דאָרט געווען אַ גרויסער ייִדישער ייִשובֿ.

אין די איצטיקע טעג וווינען אין קוראַסאַאָ זיבן הונדערט ייִדן. האָלענדישע ייִדן, דײַטשע ייִדן און מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן. זיי זײַנען עקאָנאָמיש גוט אײַנגעאָרדנט. די האָלענדישע אַדמיניסטראַציע שאַצט אָפּ דעם בייטראַג פֿון די ייִדישע בירגערס פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דעם אינדזל. די ייִדן באַמיִען זיך אויך אָנצוהאַלטן אַ ייִדיש לעבן און אַז זייערע קינדער זאָלן קריגן אַ ייִדישע דערציִונג. דער ייִשובֿ איז שטאָלץ מיט איר פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פֿון קאַרגע דרײַ הונדערט און פֿופֿציק יאָר.

ייִדן אין צענטראַל אַמעריקע

דער שמאָלער פּאַס באַרגיק לאַנד, וואָס ציט זיך פֿון מעקסיקע ביז קאָלומביע — ווערט אָנגערופֿן צענטראַל אַמעריקע. דאָס ליגט ווי אַ בריק צווישן צפֿון־אַמעריקע און דרום־אַמעריקע, אויף אַ לענג פֿון צוועלף הונדערט (1,200) מײַל. אויף מערבֿ־זײַט פֿון צענטראַל אַמעריקע איז דער פּאַציפֿיק און אויף מזרח־זײַט דער קאַריבעיִשער ים, וואָס פֿירט אַרויס צום אַטלאַנטיק.

* האַנדל.

זעקס שפּאַניש־רײדנדיקע לענדער געפֿינען זיך אין צענטראַל־אַמעריקע: גוואַטאַמאַלאַ, האָנדוראַס, על־סאַלוואַדאָר, ניקאַראַגואַ, קאָסטאַ־ריקאַ און פּאַנאַמאַ. דער קלימאַט איז דאָ אַ טראָפּישער און די בערג — וווּלקאַנישע. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשראָקן די טויזנטער ייִדישע וואַנדערערס, וואָס האָבן געזוכט אַ באָדן אונטער זייערע פֿיס; זיי האָבן זיך באַזעצט אין די דאָזיקע לענדער, בײַגעקומען אַלע שוועריקייטן און באַמיִען זיך, ווי נאָר מעגלעך, אָנצוהאַלטן אַ ייִדיש לעבן.

אין אַלע זעקס לענדער צוזאַמען וווינען הײַנט אַרום זעקס טויזנט ייִדן. דער קלענסטער ייִשובֿ — ניט מער ווי אַ הונדערט און פֿופֿציק ייִדן — איז אין האָנדוראַס. דער גרעסטער און עלטסטער ייִשובֿ — פֿון אַרום צוויי טויזנט ייִדן — איז אין פּאַנאַמאַ.

די דאָזיקע לענדער פֿאַרמאָגן נאַטירלעכע שײנקייטן און אַלטע אינדיאַנישע קולטורן, אָבער צו לעבן אין די לענדער, ספּעציעל פֿאַר ייִדן, איז ניט אַזוי לײַכט: דער קלימאַט איז אַ הייסער און צע־שמעלצט די אבֿרים[1] פֿון גוף; די באַפֿעלקערונג איז אַ פֿאַנאַטיש־קאַטוילישע און די רעגירונגען טוישן זיך אַלע מאָל מיט נײַע רע־וואָלוציעס. פֿונדעסטוועגן, וווינען נאָך דאָרט ייִדן. מ'האָט זיך שוין צוגעוווינט צו ביסלעך צו דעם לעבן פֿון די לענדער. — מ'זוכט די נאָענטקייט פֿון איין ייִד צום אַנדערן, מ'וויל וויסן וואָס עס הערט זיך מיט ייִדן אין דער וועלט, וואָס עס הערט זיך אין ישׂראל, מע זאַמלט געלט פֿאַר ישׂראל, אָבער זיי אַליין — די ייִדן פֿון די דאָזיקע קליינע ייִשובֿים — ווערן אַלץ מער און מער אָפּגעריסן פֿון ייִדישן לעבן.

פֿיל ערגער און טרויעריקער איז די לאַגע מיט זייערע קינדער, וואָס וואַקסן דאָרט אויס. ניט אומעטום איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט פֿאַר ייִדישער דערציִונג; אַפֿילו אַ מינימום פֿון אַ ייִדישער דער־ציִונג. די קינדער לערנען און וואַקסן אויס אין די פֿאַנאַטיש־קאַטוי־לישע שולן. זייערע פֿאַרבינדונגען מיט ייִדן און ייִדיש לעבן איז זייער אַ קנאַפּע[2] אָדער אין גאַנצן גאָרניט. וואַקסט מען אַזוי ווי פֿרעמדע אין יענעמס גאָרטן, מ'נעמט פֿרעמדע טעכטער פֿאַר ווײַ־בער און מען האָדעוועט נײַע קריסטן מיט אַ ייִדישן אָפּשטאַם...

---

[1] גלידער. [2] אַ קליינע, אַ מינימאַלע.

מיר לערנען צו וויסן און געדענקען

א) וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם ייִדישן ייִשובֿ אין קובאַ?
ב) וועלכע לענדער געפֿינען זיך אויף דעם אינדזל „היספּאַניאָלאַ”?
ג) ווי האָבן ייִדן אויסגעבויט אַ שול, לויט דעם מאָדעל פֿון דער אַלטער אַמסטערדאַמער שול?
ד) וועלכע וועלט רופֿן מיר אָן די נײַע וועלט?
ה) וויפֿל ייִדן לעבן הײַנט אין די צענטראַל אַמעריקאַנער לענדער?

אַן אינטערעסאַנטע טעמע פֿאַר אַ שריפֿטלעכער אַרבעט

מיר האָבן דאָ געלערנט וועגן די קליינע ייִדישע ייִשובֿים אין צענטראַל אַמעריקע; ווי עס קוקט אויס די צוקונפֿט פֿון אַזעלכע ייִדן, וועלכע האָבן ניט די מעגלעכקייט צו דערציִען זייערע קינדער אין אַ ייִדישן וועג... דאָ וואָלט איר זיך געדאַרפֿט גוט פֿאַרטראַכטן און דערנאָך אָנשרײַבן אײַערע טראַכטענישן און מיינונגען.

ווענעזועלע
קאָלומביע
עקוואַ
פּערו
באָליוויע
בראַזיל
ריאָ־דע־זשאַנײראָ
ס.פּאַולאָ
פּאַראַגוואַי
אורוגוואַי
אַרגענטינע
בוענאָס־
איירעס
טשילע
פּאַציפיק
אַטלאַנטיק
דרום־אַמעריק

קאַפּיטל ו

ייִדן אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער

דעם דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, פּונקט ווי דעם צפֿון־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, רופֿן מיר אָן: די נײַע וועלט. מיט דער נײַער וועלט מיינען מיר די לענדער, וואָס זײַנען אַנטדעקט[1] געוואָרן פֿון קאָלומבוסעס רײַזעס אויפֿן ים און אויך די לענדער, וואָס די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע עקספּעדיציעס האָבן שפּעטער, נאָך קאָלומבוסן, דעראָבערט[2] און באַזעצט.

דאָס האָט פּאַסירט אין סוף 15טן יאָרהונדערט און אין 16טן יאָרהונדערט. אין די יאָרן האָבן טויזנטער ייִדן אַרומגעוואַנדערט איבער לענדער און איבער ימים זוכנדיק אַן אָרט ווו אַ פֿוס אַוועקצושטעלן. און פֿאַר וואָס? — נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי זײַנען געווען ייִדן און האָבן ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן דעם גלויבן פֿון זייערע עלטערן.

ס'איז דעריבער קיין ווונדער ניט, וואָס אין די נײַע אַנטדעקטע לענדער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן ייִדן. מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן געווויסע ייִדישע משפּחות באַוויזן אָנצוקומען אין די דאָזיקע לענדער, מיט דער האָפֿענונג — צו געפֿינען אַ ביסל רו אין זייער לעבן. זיי האָבן אָבער קיין רו ניט געפֿונען. די אינקוויזיציע־טריבונאַלן האָבן זיי געיאָגט און געפּלאָגט,[3] און זיי האָבן ניט

---

[1] געפֿונען. [2] אײַנגענומען. [3] פֿאַרפֿאָלגט.

אויפֿגעהערט צו לויפֿן. און די, וואָס האָבן מער ניט געהאַט קיין כּוחות צו לויפֿן, האָבן זיך מיט דער צײַט אויסגעמישט מיט די אַרומיקע שכנים.

לערנענדיק די געשיכטע פֿון ייִדן אין די דרום-אַמעריקאַנער לענדער, וועלן מיר זיך צו פֿיל ניט אָפּשטעלן בײַ די ערשטע אַנוסים-ייִדן אין די דאָזיקע לענדער, ווײַל פֿון יענע ייִדן איז כּמעט קיינער ניט געבליבן. עס זײַנען נאָר געבליבן רעשטלעך קריסטן, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט דעם יִחוס, אַז זיי שטאַמען פֿון ייִדן. כּמעט אין אַלע דרום-אַמעריקאַנער לענדער געפֿינט מען אַזעלכע קריסטן. און עס פּאַסירט גאַנץ אָפֿט, אַז אייניקע פֿון זיי, און אויך גרעסערע גרופּעס, קומען צוריק צו דער ייִדישער אמונה.¹

קליינע און גרויסע ייִדישע ייִשובֿים

די גרעסטע צוויי לענדער אין דרום-אַמעריקע זײַנען בראַזיל און אַרגענטינע. אין די לענדער געפֿינען זיך די גרעסטע ייִדישע ייִשובֿים מיט אַ גוט אָרגאַניזירט ייִדיש לעבן. אַרום די דאָזיקע צוויי לענדער ליגן די אַנדערע דרום-אַמעריקאַנער לענדער: ווענעזועלאַ, קאָלומביע, עקוואַדאָר, פּערו, באָליוויע, פּאַראַגוואַי און אורוגוואַי, אַחוץ בראַזיל — וווּ די שפּראַך איז פּאָרטוגעזיש — רעדט מען אין די אַנדערע לענדער שפּאַניש.

קיין בראַזיל און אַרגענטינע וועלן מיר קומען שפּעטער, דערווײַל וועלן מיר זיך באַקענען מיט זייערע שכנותדיקע לענדער. מיר וועלן די דאָזיקע לענדער אַוועקשטעלן אונטער איין גרופּע, ווײַל די ייִדישע ייִשובֿים דאָרטן זײַנען קליינע, און זייער געשיכטע האָט צווישן זיך אַן ענלעכקייט.

אין די אַכט לענדער, וואָס ליגן אַרום בראַזיל און אַרגענטינע, וווינען הײַנט אַרום הונדערט און זיבעצן טויזנט ייִדן. דער גרעסטער ייִדישער ייִשובֿ צווישן זיי, וואָס ציילט זיך אַרום פֿופֿציק טויזנט ייִדן, געפֿינט זיך דווקא אין דעם קלענסטן לאַנד — אורוגוואַי. דער צווייטער גרעסערער ייִשובֿ, פֿינף און דרײַסיק טויזנט ייִדן — אין

---

¹ גלויבן, רעליגיע.

טשילע. די קלענערע יִדישע יִשובֿים, פֿון טויזנט ביז צוויי טויזנט יִדן — זײַנען אין פּאַראַגוואַי, באָליוויע און עקוואַדאָר.

אין די דאָזיקע לענדער זײַנען שוין געווען יִדן מיט הונדערטער יאָרן צוריק. דאָס זײַנען געווען געציילטע וואַנדערנדיקע משפּחות, וואָס האָבן דאָ געלעבט איינזאַם און פֿרעמד און ניט געקענט אָנהאַלטן קיין יִדיש לעבן. ערשט אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט-מלחמות פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט האָבן זיך דאָ אויף ס'נײַ באַזעצט יִדישע משפּחות פֿון אייראָפּע.

פֿון אָנהייב איז דאָס לעבן דאָ געווען זייער שווער, אָבער ווען ס'איז אַוועק אַ שטיקל צײַט, און די שפּראַך איז געוואָרן היימישער, די פּרנסה אַ ביסל בעסער, אַריבערגעבראַכט צו זיך נאָענטע און אייגענע — דאַן איז שוין אויך געקומען די בענקשאַפֿט צו קענען לעבן ווי יִדן; זיי פֿלעגן זיך צונויפֿקומען, פֿאַרברענגען צוזאַמען, העלפֿן אַ נײַעם אימיגראַנט, און אַזוי אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן זייערע קהילות.

וואָס גרעסער דער יִשובֿ איז געוואַקסן, אַלץ מער האָט זיך אויסגעבריטערט[1] די אַרבעט פֿון דער קהילה: מ'האָט געעפֿנט יִדישע שולן פֿאַר קינדער; צענטערס פֿאַר יוגנט-קלובן און אָרגאַניזאַציעס און פֿאַרזאָרגט אַלע רעליגיעזע באַדערפֿענישן. די דערוויילטע מענטשן צו דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קהילה האָבן אויך געדאַרפֿט רעפּרעזענטירן דעם יִדישן יִשובֿ פֿאַר דער רעגירונג פֿון לאַנד, ווײַל אין די דרום-אַמעריקאַנער לענדער קומען אַלע מאָל אונטער נײַע פּראָבלעמען און די יִדן דאַרפֿן זײַן זייער וואַכיק.[2]

צום באַדויערן, איז ניט אין אַלע דרום-אַמעריקאַנער לענדער פֿאַראַן אַ געזונט יִדיש לעבן. עס זײַנען פֿאַראַן קלענערע יִדישע יִשובֿים אין פֿאַרוואָרפֿענע שטעט, וווּ גאַנצע יִדישע משפּחות ווערן אָפּגעריסן פֿון יִדן און יִדישקייט; אַ גרויסע צאָל פֿון זייערע קינדער און אייניקלעך לעבן שוין הײַנט ווי גויִם.

אין לענדער ווי קאָלומביע, ווענעזועלאַ, פּערו און אַנדערע,

---

[1] אַנטוויקלט, געוואָרן מער.

[2] שטיין אויף דער וואַך, וויסן וואָס ס'קומט פֿאָר.

זײַנען געװען פֿאַלן,[1] װאָס אַ באַװוּסטער רעגירונגס-מענטש, אָדער גאָר אַ גענעראַל פֿון דער אַרמײ — איז געקומען צו דער קהילה און געבעטן, אַז מ׳זאָל זײַן זײדן מקבר[2] זײַן אױפֿן ייִדישן בית-עולם... די משפּחה האָט גאָר ניט געװוּסט — דערצײלט ער — אַז דער זײדע שטאַמט פֿון ייִדן... — ער פֿלעגט דאָך גײן מיט אונדז יעדן זונטיק אין קירך!... ערשט עפֿענענדיק די צװאה,[3] געפֿינען מיר דאָרט זײַן פֿאַרלאַנג צו די קינדער, אַז מ׳זאָל אים ברענגען צו קבֿר ישׂראל, װײַל ער איז אַ ייִד...

אַ ייִדישער רײַזנדער, אַ פּליט[4] פֿון דער צװײטער װעלט-מלחמה, דערצײלט זײער אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פֿון ייִדן אין די דאָזיקע לענדער:

„װאַנדערנדיק איבער דרום-אַמעריקע, איז מיר אױסגעקומען צו זײַן אין אַ פֿאַרװאָרפֿענעם װינקל פֿון באָליװיע — סאַנטאַנאַ, װאָס איז נאָענט צו בראַזיל. די אײַנװױנער דאָרטן, אַרום צװײ טױזנט מענטשן פֿון שפּאַניש-אינדיאַנישן אָפּשטאַם, זײַנען פּרימיטיװע, אָבער שטילע און רויִקע מענטשן. דאָס גרעסטע פּראָבלעם מײַנס איז געװען די ברענענדיקע היץ, װאָס איך האָב ניט געקענט פֿון איר זיך אױסבאַהאַלטן. צום גליק האָב איך אױסגעפֿונען אין אַ געסל אַ קרעמל, װאָס פֿאַבריצירט אַלײן קאַלטע סאָדעװאַסער מיט אײַז און איך בין שױן דאָרטן געװאָרן אַ טאָג-טעגלעכער אַרײַנגײער.

דער באַלעבאָס פֿון קרעמל, אַ קלײן אײַנגעדאַרט מענטשעלע, מיט זײער אַן אַלט און צעקנײטשט פּנים, װאָס האָט אױסגעזען װי אַן אינדיאַנער, איז כּמעט אַלע מאָל געזעסן אױף זײַן שטרױענעם בענקל אין דער אָפֿענער טיר. אינעװײניק, אין קרעמל, װאָס איז געװען אָפֿן אין דער אַנדערער זײַט צו אַ גרױסן הױף, האָט זיך אַרומגעדרײט אַ גרױסע משפּחה פֿון אינדיאַנער און אינ-דיאַנערינס. מענטשן פֿלעגן דאָרטן כּסדר אַרײַנקומען צו כאַפּן אַ קאַלטן טרונק; געשמועסט מיט דעם אַלטיטשקן, װעמען זײ האָבן גערופֿן „טורקאָ" (טערק), און פֿלעגן זיך דינגען איבער אַ שטיקל אײַז.

---

[1] פּאַסירונגען.
[2] באַערדיקן.
[3] זײַנע לעצטע פֿאַרלאַנגען.
[4] אַ געראַטעװעטער.

מײַן אַרײַנקומען אין דעם דאָזיקן קרעמל האָט אַרויסגערופֿן נײַגעריקייט[5] און אינטערעס. יעדער איינער האָט געוואָלט וויסן וואָס פֿאַר אַ באַשעפֿעניש איך בין און ווי קום איך דאָ, אין אַזאַ פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל. און ווען איך האָב זיי דערציילט, אַז איך בין אַ ייִד און זיי אָנגעהויבן צו דערקלערן וואָס און ווער אַ ייִד איז — האָט מען אָנגעהויבן אַרויסווײַזן צו מיר פֿאַרווונדערונג און רעספּעקט.

איך האָב אָבער באַמערקט, אַז יעדעס מאָל בעת[6] איך רעד דאָ מיט די מענטשן, זײַנען אויף מיר געשטאַנען דעם אַלטנס אויגן, שמייכלדיקע און פֿול מיט טרערן, וואָס האָבן אַרויסגעגלאַנצט פֿון זײַן נאַסן שוויסיקן פּנים... דאָס האָט בײַ מיר אַרויסגערופֿן אַ מאָדנע געפֿיל און רחמנות צו דעם דאָזיקן אַלטיטשקן „טורקאָ", אַליין ניט וויסנדיק פֿאַר וואָס.

איין מאָל, ווען איך בין אַרײַן אין קרעמל און קיינער איז דאָרט ניט געווען, שטעלט זיך אויף דער אַלטיטשקער פֿון זײַן שטרויענעם בענקל, נעמט מיך מיט צערטלעכקייט[7] אָן פֿאַר אַ האַנט און פֿירט מיך אַרויס הינטער אַ זײַטיקער וואַנט, אַז קיינער זאָל ניט זען. ער באַמערקט מײַן אומרויִקייט און הייבט אָן ריידן צו מיר מיט אַ ציטערדיקן קול, אין שפּאַניש:

> „מײַן טײַערער פֿרײַנד, איך קען זיך שוין מער ניט אײַנהאַלטן צו דערשטיקן אין מיר די געפֿילן, וואָס האָבן זיך אין מיר אויפֿגעוועקט. איך פֿיל, אַז איך וועל פּלאַצן אויב איך וועל ניט עפֿענען פֿאַר דיר מײַן האַרץ. מײַן נשמה וויינט אין מיר... און צודעקנדיק זײַן קאָפּ מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אָנגעטאָן אַ יאַרמלקע — רײַסט זיך פֿון אים אַרויס אַ געוויין מיט די דאָזיקע ווערטער: — **„טע כוראָ פּאָר מאַריאַ פּוריסימאַ, קעי יאָ סאָי שמע ישׂראל"**... (איך שווער דיר בײַ דער הייליקער מאַריאַ, אַז איך בין אַ שמע ישׂראל).

בײַ די לעצטע ווערטער האָט ער זיך שוין זייער שטאַרק צעוויינט און איך האָב געוויינט מיט אים..."

---

[5] וווּנדער.
[6] ווען.
[7] ווייכקייט, גוטסקייט.

דאָס איז געווען אַ ייִד פֿון סיריע, וואָס איז דאָ פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן מיט אַ זיבעציק יאָר צוריק; חתונה געהאַט מיט אַן אינ־דיאַנערין, געהאָדעוועט[1] קינדער און אייניקלעך און געפֿירט זיי

אַ טיפּ פֿון אַן ערדאַרבעטער אין דער קאָלומביאַנער פּראָווינץ „אַנטיאָכע". די אַנטיאָכענער שטאָלצירן מיט זייער ייִדישן אָפּשטאַם.

[1] דערצויגן.

יעדן טאָג אין קירך אַרײַן. קײנער פֿון זײַן משפּחה האָט ניט גע־וווּסט, אַז ער איז אַ ייִד.

אַזעלכע אמתע פּאַסירונגען זײַנען אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער ניט קײן נײַעס. מ׳קען דאָ געפֿינען צענדליקער און הונ־דערטער קריסטלעכע משפּחות, וואָס באַרימען זיך מיט זײער אָפּשטאַם פֿון ייִדן.

די אַנטיאָכענער

אין קאָלומביע איז פֿאַראַן אַ שטאָט מיטן נאָמען מעדעלין. זי איז די הױפּטשטאָט פֿון דער פּראָווינץ אַנטיאָכע. די אַנטיאָכענער דערצײלן, אַז אין אָנהײב פֿון 17טן יאָרהונדערט האָבן זיך דאָ, אין דער באַרגיקער געגנט, אױסבאַהאַלטן אַנוסים, וואָס זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון דער אינקוויזיציע. זײ האָבן זיך דאָ באַגעגנט מיט דעם אינדיאַ־נער־שבֿט „קאַטיאַס״, אַ שטילער און אַרבעטזאַמער שבֿט. די אַנוסים מיט דעם אינדיאַנער־שבֿט האָבן געשלאָסן אַ שלום און מ׳האָט אָנגעהױבן לעבן און אַרבעטן צוזאַמען. אין דעם יאָר 1816 האָט מען אָנגעהױבן בױען די שטאָט מעדעלין און אירע אײַנוווינערס טראָגן זיך אַרום מיטן ייִחוס, אַז זײ שטאַמען פֿון ייִדן.

די אַנטיאָכענער קוקן טאַקע ניט אױס ווי די אַנדערע קאָלומ־ביאַנער. זײ האָבן אַ סך ייִדישע שטריכן. זײ זײַנען שײנע און אינטעליגענטע מענטשן. און כאָטש זײ זײַנען אַלע פֿאַנאַטישע[2] קאַטאָליקן, שטאָלצירן זײ נאָך אַלץ מיט זײער ייִדישן אָפּשטאַם.

אוראײניקלעך פֿון די אַנוסים קומען צוריק צו ייִדן

צווישן די בערג פֿון דעם ווײַטן דרום פֿון טשילעס הױפּטשטאָט, סאַנטיאַגאָ, ליגט אַ שטעטעלע מיטן אינדיאַנער־נאָמען **„קונקאָ״**.

אַ גרױסע צאָל פֿון די אײַנוווינערס אין „קונקאָ״ האָבן געוווּסט, אַז זײערע עלטערן און אורעלטערן זײַנען געווען אַנוסים. זײ און זײערע קינדער האָבן געלעבט ווי קריסטן, פּונקט ווי אַלע אײַנ־וווינערס פֿון שטעטל.

---

[2] שטאַרק־גלױביקע.

מיט עטלעכע צענדליקער יאָרן צוריק האָבן דאָרט עטלעכע משפּחות אָנגעהויבן אַרויסצוּוויַיזן אַ גרויסן אינטערעס פֿאַר ייִדיש־קייט. ווי פֿון אַ לאַנגן שלאָף האָבן זיך אָנגעהויבן אויפֿוועקן די אוראייניקלעך פֿון דעם ייִדישן אָפּשטאַם און האָבן זיך אָפּגעקערט[1] פֿון דער קאַטוילישער קירך. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערער ייִדישער קהילה, וואָס איז זייער שנעל געוואַקסן. און ניט בלויז פֿון שטעטעלע „קונקאַ" זיַינען צוריקגעקומען די קינדער פֿון די אַנוסים, נאָר אויך פֿון אַנדערע דערפֿער און שטעט זיַינען צוגעשטאַנען ניַיע אַנוסים־משפּחות.

די דאָזיקע ניַיע ייִדן האָבן באַשלאָסן זיך צו באַזעצן נאָענט פֿון אַ גרויסן ייִדישן ייִשובֿ, כּדי אַליין צו לערנען און צו דערציִען זייערע קינדער ווי ייִדן. זיי האָבן דעריבער אויסגעקליבן דאָס שכנותדיקע לאַנד אַרגענטינע. צוויי הונדערט און פֿופֿציק משפּחות זיַינען אָנגעקומען פֿון טשילע קיין בוענאָס־איירעס און האָבן זיך באַזעצט אין אַ פֿאָרשטאָט פֿון אַרגענטינעס הויפּשטאָט. זיי האָבן געבויט אַ בית־הכּנסת און געעפֿנט דאָרט אַ שולע פֿאַר זייערע קינדער מיט דעם קלינגענדיקן נאָמען „בני־ציון". דער גייַסטיקער פֿירער פֿון זייער קהילה איז אַ טשילענער פֿון דורות און אויך אַן אָפּשטאַמיקער פֿון די אַנוסים, וואָס איז איצט זייער אַ פֿרומער ייִד; זיַין נאָמען איז: רובערטאָ קאָרדאָבאַ.

און אַזוי וואָלט מען געקענט דערציילן איין עפּיזאָד נאָכן אַנדערן, וויַיל ס'איז ניט פֿאַראַן קיין ווינקל אויף דעם דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וווּ ס'זאָלן זיך ניט געפֿינען קיין אָפּ־שטאַמיקע פֿון ייִדן. אַ סך מאָל בליַיבט מען שטיין און מ'וווּנדערט זיך: — ווער זיַינען געווען די „עקספּלאָרערס", די שפּאַניער צי די ייִדן?...

דער גרויסער ייִדישער ייִשובֿ אין אַרגענטינע

אין דער ניַיער וועלט — אַחוץ די פֿאַראייניקטע שטאַטן — איז דער גרעסטער ייִדישער ייִשובֿ אין אַרגענטינע. עס איז אָנגענומען, אַז אין אַרגענטינע לעבן היַינט אַרום אַ האַלבן מיליאָן ייִדן; דריַי הונדערט און פֿופֿציק טויזנט ייִדן אין בוענאָס־איירעס און אַ הונדערט און פֿופֿציק טויזנט ייִדן אין די אַנדערע שטעט פֿון לאַנד.

[1] זיַינען אַוועק.

אַרגענטינע איז אַ גרויס לאַנד, מיט ריזיקע פּעלדער — „פּאַמ-פּאַס" — רופט מען דאָס דאָרט, און איז דעריבער אַלע מאָל געווען אַ לאַנד פון אַגריקולטור און פּיצוכט.[1] אַרגענטינע האָט היינט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 25 מיליאָן מענטשן. אין דער שטאָט בוּ-ענאָס-איירעס וווינען אַרום פינף מיליאָן מענטשן.

אויך אין אַרגענטינע זיינען שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק געווען פאַרבלאַנדזשעטע יידישע משפחות; ספרדישע יידן פון צפון-אַפריקע און פון אַנדערע לענדער. אין די ערשטע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט זיינען דאָרט געווען יידן פון ענגלאַנד און דייטש-לאַנד. פון די דאָזיקע יידן זיינען נים פאַרבליבן קיין פאַרצייכנטע דאָקומענטן פון אַ יידיש לעבן. דער ערשטער פאַרצייכנטער דאָקו-מענט איז פון אַ יידישער חתונה אין יאָר 1860. אין יאָר 1868 האָבן די יידן אין בוענאָס-איירעס אויסגעבויט די ערשטע שול „לאַ לי-בערטאַד", וואָס איז נאָך היינט פון די שענסטע שולן אין שטאָט. אָבער אויך די דאָזיקע יידן האָבן נים געבויט דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע.

דער געשיכטלעכער אָנהייב פון דעם היינטיקן יישובֿ

דער אָנהייב פון יידן אין אַרגענטינע איז פאַרצייכנט מיט דער דאַטע 1889. אין דעם יאָר איז אָנגעקומען אַ שיף מיט אַכט הונ-דערט און פיר און צוואַנציק יידן פון רוסלאַנד. זיי זיינען געקומען מיט אַ פּלאַן צו ווערן ערדאַרבעטערס אויפן לאַנד, וואָס זייערער אַ פאַרשטייער האָט געקויפט ביי דעם אַרגענטינער קאָנסול אין פּאַריז.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין אַרגענטינע, האָט די רעגירונג געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן אין די וויסטענישן פון דער פּראָווינץ „טשאַקאָ". דער סוף איז געווען, אַז זיי זיינען אַוועק אין דער פּראָווינץ פון סאַנטאַ-פע, אויף צפון פון בוענאָס-איירעס, אין אַן אָרט מיטן נאָמען „פּאַלאַסיאָס".

די פעלדער אַרום דער באַן-סטאַנציע פּאַלאַסיאָס זיינען געווען רוי און ווילד. די נייע קאָלאָניסטן האָבן נים געהאַט קיין דאַך

[1] האָדעווען בהמות.

איבערן קאָפּ, האָבן ניט געהאַט קיין אַרבעטס־כּלים און אויך ניט קיין געלט. די לאַגע איז געווען טרויעריק און שרעקלעך. די קליינע קינדער פֿלעגן שטאַרבן פֿון היץ און הונגער. און ווען ס׳וואָלט דעמאָלט ניט אונטערגעקומען די שנעלע הילף פֿון באַראָן הירש פֿון פּאַריז, וואָלט אין אַרגענטינע ניט געווען קיין ייִדישע קאָלאָניזאַציע.

ווער איז געווען באַראָן הירש?

באַראָן מאָרים הירש איז געבוירן געוואָרן אין מינכען, דײַטשלאַנד. זײַנע עלטערן זײַנען געווען רײַכע באַנקירן. ער אַליין איז אין זײַנע שפּעטערדיקע יאָרן אין פּאַריז געווען פֿון די רײַכסטע מענטשן אין יענער צײַט. מיט זײַן רײַכקייט האָט ער געהאָלפֿן און געשטיצט שפּיטאָלן, קינדערהיימען, אוניווערסיטעטן און פֿיל אַנדערע אינסטיטוציעס. מיט ייִדן איז ער נאָך דעמאָלט ניט געווען אין קיין גרויסער נאָענטקייט.

ערשט אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט ער זיך דערנענטערט צו די נויטן פֿון זײַנע אייגענע ברידער ייִדן און זיי אָנגעהויבן העלפֿן מיט גרויסע סומעס געלט. זײַן נאָענטקייט צו די ייִדישע נויטן איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען אין 1887 איז פּלוצים געשטאָרבן זײַן איינציקער זון. איך האָב פֿאַרלוירן מײַן זון — האָט ער געזאָגט — וועט דעריבער דאָס ייִדישע פֿאָלק זײַן מײַן יורש...

זײַן פּלאַן איז געווען צו העלפֿן די ייִדן פֿון די אונטערדריקטע לענדער, אַז זיי זאָלן זיך קאָלאָניזירן אין די פֿרײַערע לענדער און קענען לעבן אַ רויִק לעבן. פֿאַר דעם דאָזיקן צוועק האָט ער מיט גרויסע סומעס געלט געגרינדעט די „יִקאַ״־געזעלשאַפֿט (ייִדישע קאָלאָניזאַציע אַסאָסיאַציע). די „יִקאַ״ האָט געעפֿנט אירע אָפּטיילונגען אין אַ ריי לענדער ווו זי האָט געקויפֿט גרויסע שטחים[1] לאַנד בײַ די רעגירונגען פֿאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע. זי האָט דאָס געטאָן אין דרום־אַמעריקע און אויך אין צפֿון־אַמעריקע, אָבער די גרעסטע ייִדישע קאָלאָניזאַציע איז געווען אין אַרגענטינע.

[1] אַ סך לאַנד.

מאָזעסוויל — דאָס ערשטע שטעטל, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן געבויט

מיט דער הילף פֿון יק״אַ זײַנען די ערשטע קאָלאָניסטן פֿון פּאָלאַסיאָס אַוועק אויף די פֿעלדער, וואָס זײַנען געלעגן אַ צען מײַל ווײַטער פֿון פּאָלאַסיאָס. מ׳האָט אָנגעהויבן פֿאַרצײַען געצעלטן, בויען שטיבלעך פֿון ליים, גראָבן אַ ברונעם, און מ׳האָט דעם יישובֿ אַ נאָמען געגעבן „מאָזעסוויל״ — משהס ווילע. מיט מאָזעסוויל האָט זיך אָנגעהויבן די ייִדישע קאָלאָניזאַציע און אויך דער נײַער ייִדישער יישובֿ אין אַרגענטינע. מאָזעסוויל איז גאַנץ שנעל אויסגעוואַקסן געוואָרן צו אַ טיפּיש ייִדיש שטעטעלע, וואָס איז אַ זעלטנהייט[2] אין די גלות־לענדער.

דאָס שטעטל איז באַשטאַנען פֿון אַ מאַרק־צענטער (אַ סקווער), וואָס מ׳האָט פֿאַרפֿלאַנצט מיט ביימלעך און אַוועקגעשטעלט בענק צו קענען זיצן און רוען. אַרום און אַרום פֿון מאַרק זײַנען געווען הײַזער, קראָמען און דאָס קולטור־הויז „קדימה״, וווּ ס׳געפֿינט זיך אויך די ביבליאָטעק. פֿון מאַרק אַרויס האָבן זיך דורכגעשניטן די געסלעך. אין די נאָענטע געסלעך אַרום מאַרק איז געווען די ייִדישע שול, די בתי־מדרשים, די מקווה, די פּאָטשט, אַ פּאָליציי־סטאַנציע — אַלץ וואָס אַ שטעטל דאַרף האָבן.

אינטערעסאַנט איז, אַז אין מאָזעסוויל האָט מען זיך געקענט אויסלעבן אין גאַנצן מיט ייִדיש; ייִדיש האָט מען געקענט ריידן מיטן בירגער־מײַסטער (מעיאָר) און מיטן ריכטער; מיטן פּאָליציאַנט און מיטן פּאָסטמײַסטער. אַפֿילו צווישן די טיפּישע אַרגענטינער, וואָס האָבן געאַרבעט בײַ די ייִדן אויף די פֿעלדער, זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גערעדט אַ גוטן ליטווישן ייִדיש...

טײַערע גוטע ייִדן זײַנען געווען אין מאָזעסוויל. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פֿון דער אַלטער היים פֿאַרוואָרצלטע טראַדיציעס פֿון אַ קולטורעל זאַפֿטיק ייִדיש לעבן, וואָס ס׳האָט זיך געפֿילט און אָנגעזען אין אַלע ווינקעלעך פֿון מאָזעסוויל.

---

[2] אַן אויסנאַם, שווער צו געפֿינען.

ווּ איז הײַנט מאָזעסוויל ?

מאָזעסוויל שטייט נאָך אַלץ אויף דעם זעלבן אָרט. זי האָט נישט געביטן איר ייִדישן נאָמען. אָבער זי איז שוין נישט דאָס, וואָס זי איז געווען מיט יאָרן צוריק. אין מאָזעסוויל וווינען הײַנט מער גוייִם ווי ייִדן; צוויי טויזנט ייִדן און פֿינף טויזנט קריסטן. הויכע קלויסטער־שפּיצן קוקן אַרוים פֿון די מאָזעסווילער געסלעך. די שפּראַך אין גאַס איז שפּאַניש, און אַפֿילו די בלאָטיקע געסלעך זײַנען שוין הײַנט אַספֿאַלטירטע¹...

אָבער שפּורן פֿון דעם אַלטן מאָזעסוויל זײַנען נאָך אַלץ פֿאַרבליבן. די ייִדישע כאַראַקטעריסטיק איז נאָך אין גאַנצן נישט פֿאַרשוווּנדן. די צוויי טויזנט ייִדן אין שטעטל זײַנען נאָך אַלץ שטאָלץ מיט זייער מאָזעסוויל, וואָס איז געבויט געוואָרן מיט ייִדישע הענט. און די קרוין פֿון ייִדישן מאָזעסוויל הײַנט — איז די קינדער־שול „יהדות" און דער העברעיִשער לערער־סעמינאַר.

יהדות־שול אין מאָזעסוויל

¹ געדעקט מיט סמאָלע.

וואָס איז געוואָרן מיט דער קאָלאָניזאַציע
אין אַרגענטינע ?

ייִדישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך אויסגעברייטערט אין עטלעכע פּראָווינצן. ס׳זײַנען אויפֿגעקומען קאָלאָניסטישע דערפֿער און שטעטלעך און די יק״אַ האָט געבויט שולן און געשיקט לערערס פֿאַר זייערע קינדער. די קאָלאָניסטן האָבן געבויט קאָאָפּעראַטיוון וווּ זיי האָבן געקענט ברענגען זייערע תּבֿואות[2] צו פֿאַרקויפֿן און קענען אײַנקויפֿן אַלץ, וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט. אָבער דער גרויסער חלום פֿון באַראָן הירש וועגן אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע — איז ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן.

ניט אַלע האָבן געקענט אויסהאַלטן אַזאַ שווערע פּיאָנערישע אַרבעט. ניט אַלע זײַנען פֿיזיש געווען צוגעגרייט פֿאַר ערדאַרבעט. מ׳האָט געדאַרפֿט האָבן גענוג כּוחות און אויסדויער,[3] אויסצוהאַלטן די שווערע יאָרן פֿון מי און מאַטערניש.

די, וואָס האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן, זײַנען אַוועק פֿון די קאָלאָניעס און זיך באַזעצט אין די שטעט. נאָר די געזינטערע קאָלאָניסטן זײַנען ווײַטער פֿאַרבליבן און געלעבט אַ געזונט פּויעריש לעבן. זייערע קינדער אָבער, האָבן שוין ניט געוואָלט פֿאַרבלײַבן פּויערים. אַנשטאָט פּויערים — איז געוואַקסן אַ דור פֿון דאָקטוירים, אינזשעניִרן, אַדוואָקאַטן, סוחרים און פֿאַבריקאַנטן. פֿון דער גרויסער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע זײַנען נאָר פֿאַרבליבן אַרום פֿופֿצן הונדערט משפּחות, וואָס לעבן פֿון ערדאַרבעט.

פֿונדעסטוועגן, האָבן די ייִדישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע פֿאַרשריבן אַ וווּנדערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון די אַרגענטינער ייִדן. דאָס איז געווען אַ גרויסער בײַטראָג פֿאַר דעם פּרעסטיזש פֿון די ייִדן אין לאַנד. אַלע האָבן געוווּסט, אַז די ייִדן האָבן גענומען ווילדע סטעפּעס[4] און פֿון זיי געמאַכט בליִענדיקע פֿעלדער.

---

[2] קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער.

[3] געדולד.

[4] וויסטע פֿעלדער.

פֿון די ייִדישע קאָלאָניסטן איז אַרויסגעקומען אַ דור באַוווּסט־זיניקע ייִדישע ייִדן; אַ יוגנט מיט אַ חלוצישן גײַסט, וואָס אַ סך פֿון זיי געפֿינען זיך היינט אויף אַלע פּאָזיציעס אין ישׂראל; און אַ ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס איז אַלע מאָל געשטאַנען בײַ דער פֿירערשאַפֿט פֿון דעם לאָקאַלן ייִדישן לעבן.

די נײַע אימיגראַציעס

פֿון דעם יאָר 1905 ביז 1935 זײַנען אַרײַנגעקומען קיין אַרגענטינע גרעסערע גרופּעס ייִדן פֿון אייראָפּע. ס'זײַנען אויך אַרײַנגעקומען ייִדן פֿון טערקײַ, גריכנלאַנד, אַלזשיר און מאַראָקאָ. אין 1935 האָט די אַרגענטינער רעגירונג געשלאָסן די אימיגראַציע און זייער ווייניק ייִדן האָבן געקענט אַרײַנקומען אין לאַנד. ס'זײַנען אָבער אַרײַנגעקומען ייִדן פֿון די קלענערע ייִדישע ייִשובֿים אין די שכנותדיקע לענדער. בײַם הײַנטיקן טאָג איז שוין דער גרעסטער פּראָצענט ייִדן געבוירענע אין לאַנד.

ווי אַזוי לעבן די ייִדן אין אַרגענטינע?

ארגענטינע, ווי מיר ווייסן, איז אַ לאַטײַן־אַמעריקאַנער לאַנד. דאָס אַלגעמיינע לעבן באַוועגט זיך דאָ מיט שנעלקייט און מיט טעמפּעראַמענט. ייִדן זײַנען ניט קיין אויסנאַם און דערפֿאַר איז דער ייִדישער ייִשובֿ אויך אַ רירעוודיקער, אַ לעבעדיקער, אַ פּראָדוקטיווער און אַ געזעלשאַפֿטלעכער. זיי האָבן אַנטוויקלט אין דעם לאַנד האַנדל און אינדוסטריע. זיי האָבן געשאַפֿן און אויסגעבויט גרויסע אינסטיטוציעס: ייִדישע שולן, קולטור־צענטערס, יוגנט־צענטערס, סאָציאַלע הילף, שפּיטאָלן, היימען פֿאַר עלטערע מענטשן און פֿיל אַנדערע.

אַ מוסטער פֿאַר אַלע ייִדישע ייִשובֿים אין דער וועלט איז די צענטראַלע ייִדישע קהילה־פֿאַרוואַלטונג אין בוענאָס־איירעס. די קהילה פֿירט אָן מיט אַלע ייִדישע באַדערפֿענישן — רעליגיעזע און קולטורעלע. די קהילה איז דער אַדרעס פֿון אַלע ייִדן אין אַרגענטינע.

אַלע אַנדערע ייִשובֿים איבערן לאַנד זײַנען אויך אָרגאַניזירט

אין קהילות. אונטער זייער השגחה שטייען די בתי־מדרשים, די רבנים, כּשרע שחיטה, דערציִונג, סאָציאַלע הילף און קבֿורה.[1] אַלע קהילות פֿון לאַנד זײַנען אָרגאַניזירט אין אַ „וועד הקהילות״. דאָס איז געשאַפֿן געוואָרן כּדי צו קאָאָרדינירן[2] דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן איבערן לאַנד און צו קענען אַזוי אַרום אַרויסהעלפֿן די קלענערע קהילות אין די ווײַטע פּונקטן פֿון לאַנד.

ווי קוקט אויס דאָס ייִדישע לעבן אין אַרגענטינע?

די ייִדן אין אַרגענטינע האָבן אַ שטאַרקן געפֿיל פֿאַר מדינת ישׂראל. אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אַרײַנרעכענענדיק די ציוניסטישע פֿרויען־אָרגאַניזאַציעס, האָבן גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון ישׂראל. פּראָפּאָרציאָנעל האָט דער ייִדישער ייִשובֿ אין אַרגענטינע געגעבן די גרעסטע צאָל חלוצים און עולים.

אויך אויפֿן געביט פֿון פּרעסע און ליטעראַטור איז אַרגענטינע אויפֿן ערשטן אָרט. דער פֿאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״ האָט שוין אַרויסגעגעבן אַרום צוויי הונדערט ייִדישע ביכער. דער ייִוו״אָ — ייִדיש־וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — פֿאַרמאָגט אין בוענאָס־איירעס אַ קאָלאָסאַלע[3] ביבליאָטעק מיט אַ קונסט־מוזיי און העלפֿט אַרויסגעבן די מוסטערווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס ווערן רעדאַגירט פֿון דעם שרײַבער און לערער, שמואל ראָזשאַנסקי.

צוויי ייִדישע טאָגצײַטונגען דערשײַנען אין בוענאָס־איירעס — „די ייִדישע צײַטונג״ און „די פּרעסע״. אויסער דעם דערשײַנען אויך צענדליקער וואָכנבלעטער און חודשלעכע שריפֿטן און זשור־נאַלן פֿון זייער אַ הויכן ניוואָ.

די גרעסטע אַמביציע פֿון די אַרגענטינער ייִדן איז געווען אויפֿצובויען אַ שטאַרקן שולוועזן מיט אַ מאָדערנער ייִדישער דער־ציִונג פֿאַר זייערע קינדער. צו דערציִען די נײַע דורות, אַז זיי זאָלן ווײַטער וועלן און קענען לעבן אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן. פֿאַר דעם דאָזיקן צוועק האָט מען אויסגעבויט גרויסע מאָדערנע שולן און לערער־סעמינאַרן, וואָס שטייען אונטער דער השגחה[4] פֿון אַ צענטראַלן וועד החינוך בײַ דער קהילה אין בוענאָס־איירעס.

---

[1] באַערדיקן.
[2] אָרגאַניזירן, אַרײַנברענגען אָרדענונג.
[3] זייער אַ גרויסע.
[4] אויפֿזיכט.

יִידישע דערציִונג אין אַרגענטינע איז אַלע מאָל געווען מיט די טראַדיציעס פֿון העברעיִש און יִידיש; דאָס איז געווען די שיינקייט און די וואַרעמע פֿאָלקסטימלעכקייט פֿון די אַרגענטינער יִידן.

יִידן אין בראַזיל

פֿון בראַזיל הייבט זיך אָן די געשיכטע פֿון יִידן אין אַמעריקע. בדרך כּלל [1] איז וועגן דער געשיכטע פֿון יִידן אין בראַזיל געשריבן געוואָרן אַ סך מעשׂיות און לעגענדעס.

דאָס לאַנד בראַזיל פֿאַרנעמט אַ העלפֿט פֿון גאַנץ דרום-אַמעריקע. די שפּראַך איז פּאָרטוגעזיש, ווײַל די ערשטע אַנטדעקער און באַהערשער זײַנען געווען פּאָרטוגעזער; פּעדראָ קאַבראַל מיט זײַן עקספּעדיציע פֿון פּאָרטוגאַל איז אָנגעקומען קיין בראַזיל אינעם יאָר 1500.

אין קיין לאַנד פֿון דרום-אַמעריקע זײַנען ניט געווען אַזוי פֿיל אינדיאַנער-שבֿטים ווי אין בראַזיל. אַפֿילו נאָך הײַנט איז דאָרט די אינדיאַנישע באַפֿעלקערונג זייער אַ געדיכטע. אין די טראָפּישע דזשאַנגלען פֿון די אַמאַזאָנען, אויפֿן צפֿון פֿון לאַנד, לעבן צענדליקער אינדיאַנער-שבֿטים, צו וועלכע מ׳קען אַפֿילו ניט צוקומען.

צווישן די אינדיאַנער-שבֿטים אין בראַזיל זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס רופֿן אַרויס פֿאַרוווּנדערונג; זיי זײַנען זייער סימפּאַטישע און געשטאַלטיקע [2] מענטשן, מיט אַ נאַטירלעכער גוטסקייט און פֿרײַנדלעכקייט. ס׳איז געווען אַ מיינונג, אַז די אינדיאַנער אין בראַזיל שטאַמען פֿון יִידן. זייער טעאָריע איז געוועזן: אַז ווען סנחריבֿ מלך אַשור האָט באַלאַגערט ירושלים מיט קאַרגע צוויי טויזנט זיבן הונדערט יאָר צוריק, זײַנען דעמאָלט פֿיל יִידן אַנטלאָפֿן פֿון לאַנד און דורך צפֿון-אַפֿריקע האָבן זיי מיט זייערע שיפֿן דערגרייכט דעם צפֿון-מיזרחדיקן טייל פֿון בראַזיל.

אַ פּאָרטוגעזישער מאָנאַך, אַנטאָניאָ וואַסקעז דע עספּינאָזאַ, וואָס האָט אין 16טן יאָרהונדערט אַרומגעוואַנדערט צווישן די אינדיאַנער אין בראַזיל, האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אַ בוך. ער האָט

[1] אין אַלגעמיין. [2] מיט אַ גוטן אויסזען.

געגלייבט, אַז זיי שטאַמען פֿון ייִדן און ער האָט פֿאַרשפּרייט אַ סך מעשׂיות און לעגענדעס וועגן זייער לעבן.

אויך דער ייִדישער שרײַבער פֿון בראַזיל, צ. ב. משה כּהן, האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן די ערשטע ייִדן אין בראַזיל און ער באַמיט זיך צו באַווײַזן, אַז דער אינדיאַנער־שבֿט „טופּי" שטאַמט פֿון ייִדן. אַ באַווײַז — זייער שפּראַך האָט אין זיך ווערטער, וואָס זײַנען זייער ענלעך צו העברעיִש.

אַזעלכע מעשׂיות און לעגענדעס זײַנען פֿאַראַן זייער אַ סך. זיי געהערן ניט צו די היסטאָרישע פֿאַקטן. דער היסטאָרישער פֿאַקט פֿון ייִדן אין בראַזיל איז, אַז ווען פּעדראָ קאַבראַל איז מיט זײַן עקספּעדיציע צוגעשוווּמען צום בראַזיליענער ברעג, אין יאָר 1500, איז מיט אים מיטגעקומען דער ייִד גאַספּאַר דע גאַמאַ — דער ערשטער ייִד אין בראַזיל.

די געשיכטע פֿון די ערשטע ייִדן אין בראַזיל

אין דעם יאָר 1503 איז אָנגעקומען די ערשטע גרופּע ייִדן קיין בראַזיל. זיי האָבן זיך באַזעצט אין דער געגנט פֿון רעסיפֿע, אויפֿן צפֿון־מזרח פֿון לאַנד. די דאָזיקע ייִדן זײַנען געווען די ערשטע, וואָס האָבן געשאַפֿן די צוקער־פּלאַנטאַציעס אין בראַזיל; זיי זײַנען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן עקספּאָרטירן[1] צוקער און האָלץ און אײַנגעשטעלט האַנדלס־באַציִונגען מיט אַנדערע לענדער; און זיי זײַנען געווען די ערשטע, וואָס האָבן צוגעצויגן צו דער אַר־בעט די אַרומיקע אינדיאַנער־שבֿטים. דער ייִד זשאַן קאַמאַליד איז געווען פֿון די, וואָס האָבן געגרינדעט די שטאָט סאַן־פּאַולאָ, אין יאָר 1578.

אונטער האָלענדישער הערשאַפֿט

ביז די האָלענדער זײַנען געקומען קיין בראַזיל זײַנען דער־ווײַל אַוועק הונדערט און דרײַסיק יאָר. און כאָטש ס'איז דאָ פֿאַר די ייִדן געווען בעסער צו לעבן ווי אין פּאָרטוגאַל — האָבן זיי נאָך אַלץ געלעבט ווי אַנוסים.

---

[1] אַרויסשיקן.

ערשט אין יאָר 1630, ווען האָלענדישע עקספּעדיציעס האָבן איַינגענומען די געגנט פֿון רעסיפֿע, זיַינען די ייִדן איבערגעגאַנגען צו אַן אָפֿענעם ייִדישן לעבן. זיי האָבן באַלד געגרינדעט די ערשטע ייִדישע קהילה אין פֿערנאַמבוקאָ — רעסיפֿע, און דאָס האָט געעפֿנט דעם וועג פֿאַר נייַע ייִדישע אימיגראַנטן פֿון האָלאַנד. זיי האָבן געבראַכט אַ רבֿ — ר׳ יצחק אַבוהבֿ דע פֿאָנסעקאַ, און דעם חזן משה דע אַגוליאַר. די קהילה איז זיך שנעל צעוואַקסן און אין אַ קורצער ציַיט זיַינען אויסגעבויט געוואָרן צוויי שולן.

די ייִדן האָבן זיך דאָרטן גוט איַינגעאָרדנט. זיי האָבן קולטיווירט[2] דאָס לאַנד מיט גרויסע צוקער־פּלאַנטאַציעס. די קהילה

רעסיפֿע אין יאָר 1654. (אַ מאָלעריַי פֿון ז. וואַגנער).

[2] באַאַרבעט.

איז געװאָרן באַװוּסט און געהאַט אַ גוטן נאָמען פֿאַר איר הילף צו אַנדערע קהילות. און דער באַרימטער געלערנטער, ר׳ מנשה בן ישׂראל, פֿון אַמסטערדאַם, האָט געמאַכט אַ רײַזע קײן בראַזיל, כּדי צו באַקענען זיך מיט דער דאָזיקער קהילה.

צוריק צו פּאָרטוגעזישער הערשאַפֿט

ניט מער װי פֿיר און צװאָנציק יאָר האָט האָלאַנד געהערשט אין רעסיפֿע. אינעם יאָר 1649 האָבן די פּאָרטוגעזער אַטאַקירט די האָלענדישע קאָלאָניע. די ייִדן פֿון רעסיפֿע, צוזאַמען מיט די האָלענדער, האָבן העלדיש געקעמפֿט קעגן די אָנפֿאַלערס. פֿינף יאָר האָט אָנגעהאַלטן די מלחמה, און װען פּאָרטוגאַל האָט געזיגט און אַרויסגעטריבן די האָלענדער פֿון בראַזיל — האָבן די ייִדן געמוזט אַנטלויפֿן פֿון רעסיפֿע. אַ טייל ייִדן זײַנען צוריק אַװעק קײן האָלאַנד, אַנדערע זײַנען אַװעק צו די האָלענדישע אינדזלען: סורי־נאַם און קוראַסאַאָ, און אַכט שיפֿן מיט ייִדן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפֿן אָפֿענעם ים מיט דער האָפֿענונג — צו געפֿינען ערגעץ אַ זיכערן ברעג.

פֿון די אַכט שיפֿן מיט ייִדן אויפֿן ים האָט נאָר אַ קלײנע גרופּע באַװיזן אָנצוקומען צו די ברעגן פֿון נײַ־אַמסטערדאַם. און דאָס איז געװען די גרופּע ייִדן, װאָס האָבן געלײגט דעם פֿונדאַ־מענט פֿון דעם גרויסן ייִדישן ייִשובֿ אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן.

געניו װיפֿל ייִדן ס׳זײַנען געװען אין רעסיפֿע — װײסט מען ניט. מיר װײסן אָבער, אַז מער װי פֿינף טויזנט ייִדן זײַנען דער־מאָלט אַרום פֿון בראַזיל. דאָס איז אַ באַװײַז, אַז אין רעסיפֿע איז געװען אַ גרויסע ייִדישע קהילה. ס׳איז נאָך דאָרטן געבליבן אַ גאַנץ גרויסע צאָל ייִדן, װאָס האָבן ניט באַװיזן אַרויסצופֿאָרן. די דאָזיקע געבליבענע ייִדישע משפּחות האָבן זיך צעשפּרײט איבער די װײַטסטע װינקלען פֿון לאַנד, געלעבט װי אנוסים און מיט דער צײַט — זיך אויסגעמישט מיט די אײַנװוינערס פֿון לאַנד.

און אַזוי אַרום האָט זיך פֿאַרענדיקט דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון ייִדן אין בראַזיל. אַ װוּנדערלעכע און טראַגישע געשיכטע פֿון ייִדן, װאָס האָבן זיך אַװעקגעלאָזט אין אַ לאַנד פֿון זומפּן, דזשאָנג־לען און אינדיאַנער. אָבער ניט די זומפּן, ניט די דזשאַנגלען און

ניט די אינדיאַנער — האָבן זיי געיאָגט און געטריבן... נאָר די שׂנאה און האַס פֿון אַ פֿאַנאַטישן גלויבן — האָט פֿאַרפֿאָלגט[1] זייערע טריט.

דער אָנהייב פֿון דעם נײַעם ייִדישן ייִשובֿ אין בראַזיל

אויך אין בראַזיל האָט די יִק"אַ־געזעלשאַפֿט פֿון באַראָן הירש געמאַכט אַ פּרוּוו צו באַזעצן ייִדישע אימיגראַנטן אַלס ערדאַרבע־טערס. אין די יאָרן פֿון 1903—1910 האָט די יִק"אַ געקויפֿט לאַנד אין דרום פֿון בראַזיל און אויפֿגעשטעלט די קאָלאָניעס „פֿיליפּזאָן" און „פֿיר ברידער" (קוּאַטראָ אירמאַנס). די קאָלאָניזאַציע האָט דאָ ניט מצליח[2] געווען און מ'האָט אויפֿגעגעבן דעם פּלאַן.

ביז דעם יאָר 1920 איז אין בראַזיל געווען אַ קליינע ייִדישע באַפֿעלקערונג. אַ קליינע און אַן עלטערע ייִדישע קהילה פֿון מאַראָקאַנער ייִדן איז געווען אין דער שטאָט „בעלעם" (בית־לחם), די הויפּטשטאָט פֿון דער פּראָווינץ „פּאַראַ", אין צפֿון פֿון לאַנד. אַ צווייטע קהילה איז אויפֿגעקומען אין דער שטאָט „פּאָרטאָ־אַלעגרע" — געשאַפֿן פֿון די ייִדן, וואָס זײַנען אַוועק פֿון די דער־מאָנטע קאָלאָניעס.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן 1920—1935, זײַנען געקומען נײַע ייִדישע אימיגראַנטן קיין בראַזיל. אַרום פֿערציק טויזנט מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן זײַנען אין די יאָרן אַרײַנגעקומען קיין בראַזיל און די דאָזיקע ייִדן זײַנען געווען די בויערס פֿון דעם איצטיקן ייִשובֿ אין בראַזיל.

דאָס איצטיקע ייִדישע לעבן אין בראַזיל

בראַזיל איז אַ לאַנד מיט העכער נײַנציק מיליאָן אײַנוווינערס. אין דעם לאַנד וווינען הײַנט אַרום הונדערט און פֿופֿציק טויזנט ייִדן. ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע קולטורן און טראַדיציעס. ייִדן פֿון מאַ־ראָקאָ און פֿון אינדיע; ייִדן פֿון די אַראַבישע לענדער און ייִדן פֿון דײַטשלאַנד, עסטרײַך, רומעניע, רוסלאַנד, פּוילן, ליטע און אַנדערע לענדער. די מערהייט ייִדן אין לאַנד זײַנען די מזרח־אייראָפּעיִשע — די אַשכּנזישע ייִדן פֿון דײַטשלאַנד, פּוילן, ליטע, רומעניע.

---

[1] נאָכגעיאָגט. [2] ניט געהאַט קיין דערפֿאָלג.

ייִדישע ייִשובֿים זײַנען הײַנט פֿאַראַן אין די ווײַטסטע פּונקטן פֿון לאַנד; — פֿון דער שטאָט פּאָרטאָ-אַלעגרע אין דרום-זײַט, ביז דער שטאָט בעלעם אין צפֿון-זײַט. כּמעט אין אַלע ייִשובֿים זײַנען די ייִדן אָרגאַניזירט אין אַ ייִדישן צענטער, וואָס זאָרגט פֿאַר די געזעלשאַפֿטלעכע און רעליגיעזע באַדערפֿענישן. אויך אין דער היסטאָרישער שטאָט רעסיפֿע וווינען הײַנט אַ צוויי טויזנט ייִדן, וואָס האָבן אַ ייִדישן צענטער מיט אַ שול פֿון אַרום צוויי הונדערט תּלמידים.

די גרעסטע ייִדישע קהילה איז אין דער שטאָט סאַן-פּאַולאָ. פֿינף און זעכציק טויזנט ייִדן וווינען אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס האָט אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַרום פֿיר מיליאָן מענטשן. דאָס ייִדישע לעבן איז דאָ אָרגאַניזירט אין צענדליקער אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס און דער הויפּט-צענטער פֿון אַלע אָרגאַניזאַציעס איז די „פֿעדעראַציע פֿון ייִדישע אינסטיטוציעס אין בראַזיל". דאָס איז ווי אַ קהילה-פֿאַרוואַלטונג, וואָס רעפּרעזענטירט אַלע אָרגאַ־ניזאַציעס אין שטאָט. די דאָזיקע פֿעדעראַציע פֿירט אָן מיט די געלט-קאַמפּיינען פֿאַר די לאָקאַלע אינסטיטוציעס און פֿאַר ישׂראל. בײַ דער פֿעדעראַציע איז פֿאַראַן דער וועד-החינוך, וואָס האָט די השגחה איבער דער ייִדישער דערציִונג און שטיצט די בודזשעטן פֿון די ייִדישע שולן.

דער צווייטער גרויסער ייִדישער ייִשובֿ איז אין דער שטאָט ריאָ-דע-זשאַנײראָ, איינע פֿון די שענסטע שטעט אין דער וועלט. דאָ וווינען אַרום פֿופֿציק טויזנט ייִדן. און אויך דאָ זײַנען אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אונטער דער פֿעדעראַציע פֿון ייִדישע אינ־סטיטוציעס. אַ דריטע שטאָט מיט אַ גרעסערער ייִדישער באַפֿעל־קערונג — איז פּאָרטאָ-אַלעגרע; אַ ייִשובֿ מיט אַ צוועלף טויזנט ייִדן, וואָס האָבן אַן אָרגאַניזירטן ייִדישן צענטער מיט אַ שול פֿון אַרום זעקס הונדערט תּלמידים.

דאָס אַלגעמיינע בילד פֿון ייִדן אין בראַזיל

ייִדן פֿאַרנעמען אין בראַזיל אַן אָנגעזען אָרט אין אַלע עקאָנאָ־מישע צווײַגן און אויך אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס. קיין אָפֿיציעלער אַנטיסעמיטיזם איז אין לאַנד ניט פֿאַראַן. זיי לעבן דאָרט ווי פֿרײַע

בירגערם און נעמען אַנטייל אין דעם פּאָליטישן לעבן פֿון לאַנד. אין פּאַרלאַמענט פֿון בראַזיל זײַנען פֿאַראַן ייִדישע דעפּוטאַטן[1] און זיי נעמען אויך אַן אַקטיוון אַנטייל אין די שטאַטראַטן[2] אויף די פּראָווינצן.

אויפֿן געביט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן — זײַנען די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס זייער אַקטיוו. אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס: די רעליגיעזע ציוניסטן, די אַלגעמיינע ציוניסטן, דער אַרבעטער־ציוניזם, די פּרויען־אָפּטיילונגען, די יוגנט־גרופּעס — זײַנען פֿאַראייניקט אין איין ציוניסטישע פֿעדעראַציע, וואָס רופֿט זיך דאָרט „אוניפֿיקאַדע" (פֿאַראייניקטע). זייער אַרבעט פֿאַר ישׂראל איז מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט און ס'איז אויך פֿאַראַן אַ חלוצישע יוגנט־באַוועגונג מיטן ציל פֿון עליה קיין ישׂראל.

ס'זײַנען אָבער אויך פֿאַראַן אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע און ייִנגערע מענטשן געבוירענע אין לאַנד, וואָס זײַנען זייער פּאַסיוו[3] צו דעם ייִדישן לעבן. אַפֿילו דאָס ייִדישע שולוועזן אין בראַזיל איז ניט ווי די ייִדן וואָלטן דאָס געוואָלט זען. איבערן גאַנצן לאַנד זײַנען פֿאַראַן אַרום צוואָנציק ייִדישע שולן, וואָס אין אַלע שולן צוזאַמען לערנען זיך אַרום זעקס טויזנט קינדער. דאָס ווײַזט, אַז דער גרעסערער פּראָצענט פֿון קינדער אין שולעלטער קריגן ניט קיין ייִדישע דערציִונג.

די פֿירערס פֿון דעם ייִדישן ייִשובֿ אין בראַזיל באַמיִען זיך זייער שטאַרק צו פֿאַראינטערעסירן דעם ייִנגערן דור מיט דעם נאַציאָנאַלן ייִדישן לעבן. זיי האָבן פֿאַר דעם צוועק אויסגעבויט אין סאַן־פּאַולאָ און אין ריאָ־דע־זשאַניירע שיינע און באַקוועמע ספּאָרט־צענטערס, ווו ס'קומען פֿאַר קולטורעלע אונטערנעמונגען און פּראָגראַמען פֿאַר דער יוגנט. די ייִדישע פּרעסע אין בראַזיל, אויף ייִדיש און אויף פּאָרטוגעזיש, לאָזט די דאָרטיקע ייִדן ניט פֿאַרגעסן, אַז נאָר מיט אַ גוטער ייִדישער דערציִונג קען מען פֿאַרהיטן אונדזערע קינדער פֿון אַסימילאַציע.

---

[1] דערווײלטע צום פּאַרלאַמענט.

[2] פֿאַרוואַלטונג פֿון שטאָט.

[3] גלײַכגילטיקייט, ניט פֿאַראינטערעסירט.

טראַכט און ענטפֿער

א) אין וועלכן דרום־אַמעריקאַנער לאַנד געפֿינט זיך דער גרעסטער ייִדישער ייִשובֿ?

ב) וואָס איז געווען דער פּלאַן פֿון די ערשטע ייִדישע אימיגראַנטן אין אַרגענטינע?

ג) וואָס פֿאַר אַ געזעלשאַפֿט איז געווען די יק"אַ?

ד) ווער האָט געגרינדעט די דאָזיקע געזעלשאַפֿט?

ה) וואָס פֿאַר אַ שטעטל איז געווען מאָזעסוויל?

ו) פֿאַר וואָס איז די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע פֿאַרקלענערט געוואָרן?

ז) ווי אַזוי שטעלט איר זיך פֿאָר די אַרבעט פֿון אַ קהילה־פֿאַרוואַלטונג?

ח) וועלכעס לאַנד אין דרום־אַמעריקע האָט הינטער זיך אַ היסטאָרישע פֿאַרגאַנגענהייט?

ט) אין וועלכער געגנט פֿון בראַזיל איז אַמאָל געווען אַ גרויסער ייִדישער ייִשובֿ?

י) וועלכעס לאַנד אין דרום־אַמעריקע האָט אויף אייך געמאַכט דעם בעסטן אײַנדרוק?

טעמעס פֿאַר קאָמפּאָזיציעס

1) אַנוסים: זייערע ליידן, זייערע וואַנדערונגען, זייער אמונה; די, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ פֿרײַען ייִדישן לעבן, און די, וואָס זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און אויסגעמישט געוואָרן צווישן די ניט־ייִדן.

2) דער דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט:
די ערשטע ייִדן, וואָס זײַנען דאָ געקומען; די ערשטע ייִדישע ייִשובֿים; די אויפֿלעבונג אונטער האָלענדישער הערשאַפֿט; די שרעק פֿאַר דער פּאָרטוגעזישער הערשאַפֿט; די נײַע וואַנדערונגען און דער אויפֿקום פֿון נײַע ייִדישע ייִשובֿים מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער.

מיטללענדישער ים
אַזיע
מאַראָקאָ
אַלזשיר
ליביע
מצרים
מאַריטאַניע
מאַלי
ניגער
טשאַד
סודאַן
ניגעריע
קאַמערון
צענטראַל אַפריקע
עטיאָפּיע
גאַנאַ
קעניע
קאָנגאָ
גאַבאָן
טאַנגאַניקע
זאַמביע
אַנגאָלע
מאָזאַמביק
ראָדעזיע
דרום-אַפריקע
אַטלאַנטישער אָקעאַן
אָקעאַן
אַפריקע

קאַפּיטל ז

ייִדן אויף דעם שוואַרצן קאָנטינענט אַפֿריקע

אין די לענדער פֿון אַפֿריקע וווינען היינט אַרום הונדערט זיבן און ניינציק טויזנט ייִדן. אין אַפֿריקע זיינען פֿאַראַן לענדער, וווּ ייִדישע ייִשובֿים זיינען דאָרט אויפֿגעקומען ערשט מיט אַ 40—50 יאָר צוריק און ס'זיינען פֿאַראַן לענדער — ווּ ייִדישע ייִשובֿים זיינען שוין דאָרט געווען מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

די געשיכטע פֿון די אַלטע ייִדישע ייִשובֿים אין אַפֿריקע איז זייער אינטערעסאַנט. מיר באַקענען זיך דאָ מיט אַן אַלטער געשיכטע, וואָס פֿירט אונדז צוריק אויף טויזנטער יאָרן. דאָס ווייַזט אונדז, אַז מענטשן זיינען אַלע מאָל געווען וואַנדערערס און זוכערס, מיט אַ נייַגעריקייט צו אומבאַקאַנטע וועלטן.

די ערשטע ייִדן אין צפֿון־אַפֿריקע

אויפֿן צפֿון־מערבֿ פֿון ארץ־ישׂראל, בייַם ברעג פֿון ים־התיכון, איז געזעסן דאָס פֿעניצישע פֿאָלק. אין תּנ"ך ווערן די פֿעניציער אָנגערופֿן „צידונים", ווייַל זייערע הויפּטשטעט בייַם ים זיינען געווען צור און צידון.

די פֿעניציער זיינען געווען אַ ציוויליזירט פֿאָלק. זיי האָבן גערעדט אַ שפּראַך, וואָס איז געווען זייער נאָענט צו דעם אַלטן העבֿרעיִש. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע געוואַגטע[1]

[1] אומדערשראָקענע.

עקספּעדיציעס אַרום די ברעגן פֿון מיטללענדישן ים. זיי זײַנען געווען די ערשטע, וואָס האָבן מיט זייערע זעגלשיפֿן דערגרייכט די ברעגן פֿון צפֿון־אַפֿריקע און זיי באַזעצט מיט אייגענע מענטשן.

די שכנים אַרום פֿעניציע זײַנען געווען די שבֿטים פֿון בני ישׂראל. זיי האָבן געלעבט צווישן זיך בשלום. אין שלמה המלכס צײַטן האָט חירם, דער מלך פֿון צור, געשיקט האָלץ צו בויען דעם בית־המקדש. אַחאָב, דער מלך פֿון מלכות יהודה, האָט גענומען פֿאַר אַ ווײַב די פֿעניציִשע פּרינצעסין איזבל. און ס'איז פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז אויך מענטשן פֿון די ייִדישע שבֿטים האָבן אָנטייל גענומען אין זייערע עקספּעדיציעס אויפֿן ים; ספּעציעל די שבֿטים זבולון און אפֿרים, וואָס זײַנען געזעסן בײַם ים.

דער שבֿט אפֿרים האָט געהאַט העלדישע קריגערס. זיי פֿלעגן זײַן אויסגעצייכנטע בויגן־שיסערס און שפּיזן־וואַרפֿערס. זיי פֿלעגן זיך פֿאַרדינגען פֿאַר סאָלדאַטן. און ס'איז דעריבער גאַנץ מעגלעך, אַז די בני־אפֿרים זײַנען געווען צווישן די געדונגענע פֿעניציִשע סאָלדאַטן אין די קאָלאָניעס פֿון קאַרטאַגאָ (אַפֿריקע), אויף מערבֿ־זײַט פֿון מיטללענדישן ים. אַ באַווײַז אויף דעם געפֿינען מיר אין תּנ"ך — דער נבֿיא הושע קלאָגט אויף די בני־אפֿרים און זאָגט: „ווי צו דיר, אפֿרים! איך האָב געזען צור (די מענטשן פֿון צור) פֿאַרפֿלאַנצט אין זייערע היימען, אָבער אפֿרים איז גרייט אַרויס־צופֿירן זײַנע זין געהרגעט צו ווערן..."

עס איז דעריבער גאַנץ מעגלעך, אַז אַ טייל פֿון די דאָזיקע ייִדן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די עקספּעדיציעס קיין אַפֿריקע, זײַנען דאָרט געבליבן וווינען. און אַזוי אַרום האָבן מיר דאָ די ערשטע ייִדן אין אַפֿריקע.

מיט יאָרן שפּעטער, אין דעם 3טן יאָרהונדערט פֿאַר דער קריסטלעכער צײַט, האָט תּלמי, דער קיניג פֿון מצרים, אַרויסגעפֿירט אַ סך ייִדן פֿון יהודה קיין מצרים. פֿון מצרים האָבן אַ טייל פֿון די דאָזיקע ייִדן אויסגעוואַנדערט און זיך באַזעצט אין צפֿון־אַפֿריקע און אויך אין מזרח־זײַט פֿון אַפֿריקע.

אין די צײַטן פֿון צווייטן בית־המקדש, מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק, איז שוין געווען אַ גרויסער ייִדישער ישובֿ אין ליביע. מיר ווייסן דאָס פֿון דער געשיכטע, וואָס דערציילט אונדז, אַז ווען

די רוימער זײַנען אַרײַן קיין אַפֿריקע, האָבן די ייִדן אין ליביע געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד קעגן די רוימישע באַדריקערס. אַ סך ייִדן זײַנען אומגעקומען אין דעם אויפֿשטאַנד און די, וואָס זײַנען געבליבן לעבן — זײַנען אַוועק מער צום מערבֿ פֿון אַפֿריקע.

ייִדישע שבֿטים מיט אַ ייִדישער מלכּה אין אַפֿריקע

ווען די ייִדן זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון די רוימער צו די מערבֿ-לענדער פֿון אַפֿריקע — די הײַנטיקע אַלזשיר און מאַראָקאָ — האָבן זיי זיך דאָרטן באַגעגנט מיט די בערבערישע שבֿטים (אַפֿריקאַנער נעגערס). די בערבערן האָבן זיך דערנענטערט צו די ייִדן מיט פֿרײַנדשאַפֿט, געלערנט פֿון זיי, געאַרבעט מיט זיי צוזאַמען און האָבן זיך אָנגעהויבן פֿירן ווי ייִדן. זיי האָבן זיך מיט דער צײַט דערנענטערט צו דעם ייִדישן גלויבן און האָבן זיך מגייר געווען.

די ייִדן מיט די בערבערישע שבֿטים האָבן געלעבט אַרום די אַטלאַס-בערג פֿון צפֿון-מערבֿ אַפֿריקע. זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע שופֿטים און רעגירערס. די שכנים אַרום האָבן זיי רעספּעקטירט, ווײַל זיי זײַנען געווען העלדישע און בראַווע [1] מענטשן.

אין 7טן יאָרהונדערט, ווען די אַראַבער האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן דעם איסלאַם מיטן כּוח פֿון דער שווערד, זײַנען זיי אויך אָנגעקומען קיין אַפֿריקע. די ייִדן האָבן שוין גאַנץ גוט געוווּסט וואָס זיי קענען דערוואַרטן פֿון דער מאַכמעדאַנישער תּורה. זיי האָבן שוין געהאַט געהערט פֿון די טויזנטער ייִדן, וואָס זײַנען אומגעקומען פֿון דער אַראַבישער שווערד, ווײַל זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן צו דעם נײַעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. האָבן זיי דעריבער באַשלאָסן צו קעמפֿן קעגן די אַראַבישע באַצווינגערס.

אין יענער צײַט האָבן די פֿאַראייניקטע ייִדישע שבֿטים אין מערבֿ-אַפֿריקע געהאַט אַ ייִדיש-בערבערישע קיניגן, דאַסיה אַל-כּאַהינה — דאַסיה די נבֿיאה. זי איז געווען אַ העלדישע פֿרוי און זי האָט אָנגעפֿירט מיט דעם קריג קעגן די אַראַבישע אַרײַנדרינגערס. זי האָט געקעמפֿט מיטן שווערד אין האַנט און זי איז אומגעקומען אין דער דאָזיקער מלחמה, אינעם יאָר 707.

---

[1] מוטיקע.

אונטער אַראַבישער הערשאַפט

ווען די אַראַבער האָבן איינגענומען די ברעגן פון צפון־אַפריקע — אין סוף פון 7טן יאָרהונדערט — זיינען שוין דאָרט געווען גרויסע יידישע קהילות. די קהילות האָבן זיך אַנטוויקלט מיט תורה און פרומקייט, ווייל ס'זיינען אַריינגעקומען תלמידי־חכמים[1] פון בבל, מצרים און שפּאַניע.

אָבער דאָס לעבן פון די יידן אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבישע כאַליפן איז אַלע מאָל געווען ווי אַ שיף אויפן ים — אַט גייט זיך די שיף רויק און שטיל און אַט שטורעמט שוין דער ים און וואַרפט די שיף מיט גרויס סכנה[2]...

אין 9טן און 10טן יאָרהונדערט זיינען אין די שטעט פון צפון־אַפריקע: קיירואַן און פעז — געווען גרויסע ישיבות. אין דער שטאָט פעז (מאַראָקאָ) האָט געוווינט דער רמב"ם אַרום פופצן יאָר; ערשט פון פעז איז דער רמב"ם אַוועק קיין מצרים.

יאָרן לאַנג האָבן די יידן געלעבט אין צפון־אַפריקע בשלום ושלווה.[3] כל־זמן מ'האָט זיי נישט געשטערט צו לעבן מיט זייער תורה און אמונה, האָבן זיי אַלע אַנדערע שוועריקייטן אָנגענומען באהבה און מיט אַ דאַנק צו גאָט דערפאַר. אָבער אין דער צווייטער העלפט פון 12טן יאָרהונדערט זיינען אָנגעקומען יאָרן פון גזירות השמד. די פאַנאַטישע אַראַבישע הערשערס האָבן געוואָלט, אַז די יידן זאָלן אָננעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. מ'האָט זיי גע־צוווּנגען צו טראָגן ספּעציעלע שוואַרצע קליידער מיט אַ געלן הוט אויפן קאָפּ, און זיי געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די גרענעצן פון די דאָזיקע לענדער, אויב זיי ווילן ניט ווערן קיין מאַכמעדאַנער.

אונטער טערקישער און פראַנצויזישער הערשאַפט

אין אָנהייב פון 16טן יאָרהונדערט זיינען גרעסערע גרופּעס ספרדישע יידן — די פאַרטריבענע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל — געקומען קיין צפון־אַפריקע. דאָס איז שוין געווען אונטער טערקישער

[1] געלערנטע.

[2] געפאַר.

[3] מיט פרידן און רו.

הערשאַפֿט. פֿאַר ייִדן איז דאָס לעבן דאָרט נאָך אַלץ געווען מיט גרויסע שוועריקייטן. די ייִדישע קהילות האָבן כּסדר זיך געדאַרפֿט אויסקויפֿן פֿון די דאָרטיקע הערשערס מיט גרויסע שטײַערן; זיי האָבן געלעבט אין געטאָס, געטראָגן ספּעציעלע קליידער, ניט געטאָרט רײַטן אויף אַ פֿערד, געטראָגן שיך אָן קנאָפּל און נאָך אַנדערע אַזעלכע נאַרישע גזירות, וואָס האָבן געהאַט די כּוונה[1] צו דערנידעריקן דעם ייִדישן כּבֿוד.

ערשט אין 19טן יאָרהונדערט, ווען פֿראַנקרײַך האָט איבערגענומען די הערשאַפֿט איבער צפֿון־אַפֿריקע (פֿריִער אַלזשיר און דערנאָך טוניס און מאַראָקאָ), איז די לאַגע פֿון די דאָרטיקע ייִדן געוואָרן בעסער. די פֿראַנצויזישע ייִדן, צוזאַמען מיטן אַמעריקאַנער דזשאָינט, האָבן אַרײַנגעבראַכט הילף און געעפֿנט שולן פֿאַר די קינדער.

מיטן אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל האָט זיך בײַ די ייִדן אין צפֿון־אַפֿריקע אויפֿגעוועקט די בענקשאַפֿט צו ציון און די האָפֿענונג אויסגעלייזט צו ווערן פֿון אַראַבישן גלות. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמיגראַציע פֿון די דאָרטיקע ייִדן; זיי זײַנען געפֿאָרן קיין ישׂראל, קיין פֿראַנקרײַך און אין לענדער, וווּ זיי האָבן געהאַט קרובֿים און פֿרײַנד. די אַלטע ייִדישע קהילות פֿון עגיפּטן, אַלזשיר, ליביע, מאַראָקאָ — האָבן זיך אָנגעהויבן אויסליידיקן[2] פֿון ייִדן. דאָס איינציקע לאַנד אין צפֿון־אַפֿריקע, וווּ ס'איז נאָך הײַנט פֿאַראַן אַ גרעסערער ייִדישער ייִשובֿ, איז מאַראָקאָ, וואָס ציילט נאָך אַרום 40—45 טויזנט ייִדן. אין די לעצטע פֿופֿצן יאָר זײַנען פֿון די צפֿון־אַפֿריקאַנער לענדער אַרויסגעפֿאָרן אַ פֿערטל מיליאָן ייִדן.

אין דער זעלבער צײַט, בלויז אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, האָט זיך אויפֿן ברעג פֿון דרום־אַפֿריקע אַנטוויקלט[3] אַ נײַער ייִדישער ייִשובֿ, וואָס ציילט שוין הײַנט אַרום הונדערט און פֿופֿציק טויזנט ייִדן. מיר וועלן שפּעטער צוקומען צו דעם דאָזיקן ייִשובֿ, אָבער פֿריִער וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אין מזרח־אַפֿריקע; אין דעם לאַנד, וואָס סימבאָליזירט מיטן לייב פֿון יהודה.

---

[1] דעם מיין, דעם ציל.

[2] געוואָרן ווייניקער און ווייניקער.

[3] אָנגעהויבן אויפֿקומען.

אין עטיאָפּיע — די פֿאַלאַשן

פֿון די שוואַרצע ייִדן אין עטיאָפּיע האָבן מיר זייער ווייניק געוווּסט. אין ספֿר מלכים א׳ פֿון תנ״ך האָבן מיר געלערנט, אַז די מלכּה פֿון שבֿא איז געקומען קיין ירושלים צו הערן די חכמה פֿון שלמה המלך און זען ווי אַזוי ער פֿירט די מלוכה. דאָס לאַנד „שבֿא״ איז די איצטיקע עטיאָפּיע, וואָס ליגט אויף מזרח-זײַט פֿון אַפֿריקע, בײַם אויסגוס פֿון רויטן ים (ס׳איז פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז „שבֿא״ איז דאָס לאַנד תימן).

אין 9טן יאָרהונדערט האָט געלעבט אַ מאַן מיטן נאָמען: אלדד הדני, וואָס פֿלעגט אַרומוואַנדערן איבער די לענדער פֿון אַזיע און אַפֿריקע און דערציילן פֿאַנטאַסטישע געשיכטעס פֿון ייִדן אין די דאָזיקע לענדער. ער האָט דערציילט, אַז אין דעם לאַנד כּוש — עטיאָפּיע, וואוינען פֿיר שבֿטים פֿון די פֿאַרלוירענע צען שבֿטים: דן, נפֿתּלי, גד און אשר. זיי לעבן דאָרטן אין געצעלטן, מיט אַן אייגענעם מלך און פֿירן אָפֿטע מלחמות מיט די אַרומיקע פֿעלקער.

ביז דעם סוף פֿון 19טן יאָרהונדערט האָבן מיר ניט געוווּסט צי ס׳זײַנען באמת פֿאַראַן אַזעלכע ייִדן אין עטיאָפּיע, אָדער דאָס איז ניט מער ווי אַ לעגענדע. ערשט אין דעם יאָר 1868 האָט פּראָפֿעסאָר יוסף הלוי פֿון פֿראַנקרײַך געמאַכט אַ רײַזע קיין עטיאָפּיע, כּדי צו שטודירן און באַקענען זיך מיט די פֿאַלאַשן.

אַ צווייטער געלערנטער, וואָס איז אַוועק קיין עטיאָפּיע צו באַקענען זיך מיט דעם לעבן פֿון די פֿאַלאַשן — איז געווען הלויס אַ תּלמיד, ד״ר יעקבֿ פֿייטלאָוויטש. ער איז אַוועק קיין עטיאָפּיע אין 1904 און געלעבט מיט די פֿאַלאַשן אַ לענגערע צײַט. ער האָט געפֿאָרשט זייער לעבן, זייער געשיכטע, זייער גלויבן, זייערע מנהגים און זייער פֿאָלקלאָר.

נאָך אַ ייִדישער געלערנטער, וואָלף לעסלוי, איז געווען אין עטיאָפּיע מיט אַ פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק; ער האָט געלעבט צווישן די פֿאַלאַשן אַ יאָר צײַט און זיך צוגעקוקט צו זייער לעבן.

פֿאַר אונדז וועט זײַן זייער אינטערעסאַנט צו וויסן וואָס די דאָזיקע געלערנטע דערציילן וועגן די פֿאַלאַשן אין עטיאָפּיע.

פֿון ד״ר פֿייטלאָוויטשעס בוך

ד״ר פֿייטלאָוויטש דערציילט, אַז זײַן גרעסטע איבערלעבונג איז געווען דער קבלת־פּנים,[1] וואָס ער האָט געקראָגן פֿון די פֿאַלאַשן אין „האַראַוואַ״ — אַ יִישובֿ אויף אַ הויכן באַרג. די פֿאַלאַשן האָבן אים באַגעגנט הינטערן שטאָט מיט מוזיק און טענץ. זיי האָבן געשפּילט אויף פֿאַרשיידענע אינסטרומענטן, מיט טענץ און געזאַנגען פֿון תּהילים.

אַ סך פֿון די עלטערע פֿאַלאַשן, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געזען אַ ווײַסן ייִד, האָבן געמיינט, אַז ער איז משיח. זיי זײַנען געפֿאַלן צו זײַנע פֿיס און געבעטן, אַז ער זאָל זיי אויסזאָגן צי ער איז טאַקע זייער אויסלייזער. אַנדערע האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ שליח פֿון דעם מלך אין ארץ ישׂראל צו די ברידער אין אַפֿריקע, אַז ער זאָל זיי באַפֿרײַען פֿון גלות.

ד״ר פֿייטלאָוויטשן איז געווען זייער שווער אויפֿצוקלערן[2] זיי, אַז ער איז ניט קיין „טעאָדאָראָס״ (משיח, אויף זייער לשון), נאָר אַ ייִד פֿון אייראָפּע, וואָס איז געקומען זען ווי אַזוי זײַנע ווײַטע ברידער און שוועסטער לעבן אין דעם דאָזיקן לאַנד. שפּעטער, ווען זיי האָבן שוין פֿאַרשטאַנען דעם אמת פֿון זײַנע רייד, האָבן זיי אים גערופֿן „ווײַסער פֿאַלאַש״ — אַ ברודער פֿון אַן אַנדער לאַנד.

איין מאָל, ווען ד״ר פֿייטלאָוויטש איז אָנגעקומען קיין גוראַבאַ — אַ צווייטער פֿאַלאַשן־יִישובֿ — איז ער קראַנק געוואָרן פֿון דער שטאַרקער היץ אין דעם אָרט און געמוזט ליגן אין בעט אַ געוויסע צײַט. ווען די פֿאַלאַשן האָבן געהערט, אַז ער איז קראַנק, האָבן זיי זיך פֿאַרזאַמלט אין זייער שול און מתפּלל געווען פֿאַר זײַן געזונט. אויך זייערע ווײַבער האָבן זיך פֿאַרזאַמלט פֿאַרן טויער פֿון דער שול און אויף אַ הויכן וויינענדיקן קול געזאָגט די דאָזיקע תּפֿילה:

„אונדזער האַר, האָב ניט קיין זאָרג, גאָט וועט דיך
צוריקפֿירן אין דײַן לאַנד, ווו ישׂראל איז דײַן ברודער;

---

[1] די אויפֿנאַמע.

[2] געבן זיי צו פֿאַרשטיין.

גאָט וועט דיך ניט צונעמען צו זיך. זײַ געשטאַרקט, ברודער אונדזערער! די פֿאַלאַשן זײַנען מיט דיר און מיר אַלע בעטן פֿאַר דיר"...

אַ גרוס צו די ייִדן פֿון דער וועלט

אין דעם שטעטל „וואַלעקאַ" האָבן זיך די פֿאַלאַשן פֿאַרזאַמלט אין שול צו געזעגענען זיך מיט ד"ר פֿייטלאָוויטשן און איבערשיקן מיט אים אַ גרוס צו זייערע ווײַסע ברידער. אויבנאָן איז געזעסן דער כּהן און דער חכם און לעבן זיי — רבי יעקבֿ — אַזוי האָבן זיי אים גערופֿן.

און דאָס איז דער גרוס, וואָס זיי האָבן מיט אים געשיקט:

„איר, אונדזערע ברידער, בעט גאָט פֿאַר אונדז! זאָל גאָט זיך דערבאַרעמען און אונדז אויסלייזן פֿון אונדזער פּײַן. צוליב די צרות און רדיפֿות[1] פֿון אַזוי פֿיל יאָרן, האָבן מיר פֿאַרלאָרן אונדזערע ספֿרים; פֿאַרגעסן לשון־קודש; אונדזערע קינדער זײַנען געבליבן אָן תּורה; אונדזערע חדרים זײַנען שוין לאַנג צעשטערט געוואָרן און מיר האָבן ניט קיין מענטשן זיי אויפֿצוריכטן... ווען רבי יעקבֿ איז געקומען צו אונדז און געבראַכט פֿון אײַך אַ גרוס, אַז איר ווילט אונדז העלפֿן מיט לע־רערס און ספֿרים, איז דאָס פֿאַר אונדז געווען אַ גרויסע פֿרייד. מיר בעטן אײַך, טוט דאָס וואָס גיכער, ווײַל אונדזער צאָל ווערט קלענער.

זינט רבי יעקבֿ איז צו אונדז געקומען, האָבן אונ־דזערע הערצער אויפֿגעלויכטן מיט שׂמחה און האָפֿענונג. רבי יעקבֿ איז געשטאַנען מיט אונדז אַ גאַנצן ווינטער און האָט געלערנט מיט אונדזערע קינדער לשון־קודש. מיר בעטן אײַך, אַז איר זאָלט זיך ניט דערווײַטערן פֿון אונדז, כּדי דער נאָמען פֿון ישׂראל זאָל ניט אונטערגיין אין דעם לאַנד וווּ מיר זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן".

אַפּפֿאָרנדיק פֿון עטיאָפּיע האָט ד"ר פֿײַטלאָוויטש מיטגענומען מיט זיך צוויי יונגע פֿאַלאַשן און איז מיט זיי געפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, כּדי זיי זאָלן דאָרטן לערנען און זיך צוגרייטן צו ווערן די לערערס פֿון זייערע ברידער אין עטיאָפּיע.

וואָס וואָלף לעסלוי דערציילט וועגן די פֿאַלאַשן

דער נאָמען „פֿאַלאַשאַ" שטאַמט פֿון דעם עטיאָפּישן וואָרט „פֿאַללאַסאַ", וואָס מיינט: אויסוואַנדערן — אויסגעוואַנדערט פֿון אַן אַנדער לאַנד. די פֿאַלאַשאַס אַליין ניצן ניט דעם דאָזיקן נאָמען, זיי רופֿן זיך מיט דעם נאָמען: „בעטאַ איסראַעל".

---

[1] פֿאַרפֿאָלגונגען.

די פֿאַלאַשאַס וווינען אין אייגענע באַזונדערע דערפֿער און אויך אין געמישטע דערפֿער מיט אַנדערע אײַנוווינערס; נאָר זייערע שטיבלעך שטייען באַזונדער.

אַ פֿאַלאַשאַ-דאָרף געפֿינט זיך אַלע מאָל לעבן אַ טײַך, ווײַל לויט זייערע רעליגיעזע מנהגים דאַרפֿן זיי זיך גאַנץ אָפֿט טובֿלען[2] אין וואַסער.

די שטיבלעך אין פֿאַלאַשאַ-דאָרף זײַנען געבויט פֿון ליים אָדער צווײַגן, אין אַ קײַלעכדיקער פֿאָרעם; ניטאָ קיין קוימענס, קיין פֿענצטער — די איינציקע עפֿענונג איז די טיר.

אין יעדן פֿאַלאַשאַ-דאָרף זײַנען פֿאַראַן ספּעציעלע שטיבלעך, וואָס באַלאַנגען צו אַלע אײַנוווינערס: — דאָס שטיבל פֿון שול, דאָס שטיבל פֿון דער יולדת[3] און דאָס שטיבל פֿון בלוט. ווען אַ פֿרוי דאַרף געבאָרן אַ קינד — גייט זי אין שטיבל פֿון דער יולדת; און ווען אַ פֿרוי האָט איר צײַט פֿון די בלוטיקע טעג — גייט זי וווינען אין שטיבל פֿון בלוט.

דער צענטער פֿון דעם רעליגיעזן לעבן איז די שול. די פֿאַלאַשאַס רופֿן דאָס „מאַסגיד". דער „מאַסגיד" איז אַ קײַלעכדיק שטיבל פֿון ליים, דעקאָרירט פֿון אינעווייניק מיט קאָלירטע פֿאַרהאַנגען. אויף שבת און יום-טובֿ שפּרייט דער שמש אויס פֿרישע גראָזן אויף דער ערד און דאָס גיט אַ שמעקענדיקן ריח.

אין „מאַסגיד" שטייט אַ מזבח פֿאַר קרבנות און אויף דער מזרח-וואַנט, אין אַן אָפֿענער שאַפֿע — ליגט די ספֿר תּורה און דעם כּהנס קליידער.

יעדער פֿאַלאַשן-יישובֿ האָט אַ כּהן. דער כּהן איז דער גײַסטיקער פֿירער פֿון זײַן עדה[4]; ער פֿירט אָן מיט די תּפֿילות אין שול, מיט דעם ריטואַל פֿון די קרבנות, ער מאַכט די הזכּרה[5] נאָך אַ טויטן, ער איז מתפּלל פֿאַר די קראַנקע, ער בענטשט דאָס קינד בײַם ברית, און בענטשט חתן-כּלה בײַ דער חופּה.

---

[2] אונטערטונקען.

[3] אַ פֿרוי וואָס גייט האָבן אַ קינד.

[4] קהילה (קאָמיוניטי).

[5] אַ תּפֿילה צו דערמאָנען די געשטאָרבענע.

די פֿאַלאַשאַס דעקן ניט צו זייערע קעפּ בײַ די תּפֿילות אין שול, נאָר דער כּהן טראָגט אַ ספּעציעלן טורבאַן אויפֿן קאָפּ, און בײַ אַ יום־טובֿדיקער געלעגנהייט — טראָגט ער אויך קאָלירפֿולע קליידער.

די ספֿר תּורה און די תּפֿילות זײַנען ניט געשריבן מיט דער העברעיִשער שפּראַך, נאָר אויף דעם אַלטן עטיאָפּישן לשון „געעז". געוויסע תּפֿילות דערקלערט דער כּהן אויף „אַמאַהאַריש" — די שפּראַך, וואָס זיי ריידן.

די פֿאַלאַשאַס ווייסן ניט פֿון די דינים און מנהגים, וואָס זײַנען אויפֿגעקומען נאָך דעם צווייטן חורבן; זיי היטן אָפּ די געזעצן און מנהגים פֿון דער תּנ"כישער תּקופֿה. זיי ווייסן ניט פֿון קיין טלית, פֿון תּפֿילין, פֿון פֿיר כּוסות ווײַן בײַם סדר, פֿון קידוש, פֿון הבֿדלה און אַזוי ווײַטער. זיי היטן אָבער אָפּ זייער שטרענג דעם שבת, פּסח, שבֿועות, יום־כּיפּור, סוכּות און אַלע מצוות, וואָס זײַנען דײַטלעך אָנגעזאָגט געוואָרן אין דער תּורה. זייערע ייִדישע מנהגים זײַנען אויך אַנדערש ווי אונדזערע, ווײַל זיי האָבן יאָרן לאַנג געלעבט אָפּגעזונדערט פֿון די ייִדן אין דער וועלט. זיי האָבן געלעבט אַ פּרימיטיוון לעבן צווישן פּרימיטיווע שכנים און ס'איז דעריבער גאַנץ מעגלעך, אַז אין זייערע מנהגים זײַנען פֿאַראַן אײַנפֿלוסן פֿון דעם עטיאָפּישן לעבן.

פֿון וואַנען קומען די עטיאָפּישע ייִדן און וואָס איז זייער געשיכטע?

די געשיכטע פֿון די ייִדן אין עטיאָפּיע איז נאָך ניט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן. די סיבה איז, ווײַל ס'זײַנען ניט פֿאַראַן בײַ זיי קיין פֿאַרשריבענע דאָקומענטן פֿון די פֿריִערדיקע יאָרן. בײַ די עטיאָפּיער ייִדן איז נאָר פֿאַראַן אַ „מסורה" — אַ מינדלעכע[1] געשיכטע מיט מעשׂיות און לעגענדעס, וואָס גייט איבער פֿון דור צו דור. מיר ווייסן אָבער, אַז די ייִדן אין עטיאָפּיע האָבן הינטער זיך אַ געשיכטע פֿון טויזנטער יאָרן. מעגלעך, אַז זיי זײַנען די געראַטעוועטע פֿון אַשור און בבֿל — פֿון חורבן מלכות־ישׂראל און מלכות־יהודה. שפּעטער זײַנען דאָרטן אָנגעקומען ייִדן פֿון אַראַביִע און פֿון צפֿון־אַפֿריקע.

[1] איבערגעגעבן מיט ווערטער, בעל־פּה.

ווען די דאָזיקע ייִדן זײַנען אָנגעקומען קיין עטיאָפּיע, האָבן זיי זיך גרופּירט[1] אין משפּחות. די משפּחות פֿלעגן זיך דערנאָך פֿאַראייניקן מיט אַנדערע ייִדישע משפּחות, כּדי צו קענען זיך באַשיצן פֿון ווילדע אָנפֿאַלערס. פֿון אַזעלכע צוזאַמענגענומענע משפּחות זײַנען אויפֿגעקומען גרעסערע ייִשובֿים, וואָס פֿלעגן זיך באַפֿעסטיקן אויף די הויכקייטן פֿון די בערג. און מיט דער צײַט האָבן די שכנותדיקע ייִדישע ייִשובֿים אַרום די בערג געגרינדעט אַן אייגענע ייִדישע מלוכה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן הונדערטער יאָרן.

אויך די עטיאָפּישע געשיכטע דערציילט וועגן אַזאַ פֿאַלאַשן־מלוכה אין די סעמיען־בערג, ווו ס'האָט געקיניגט אַ מלך מיט אַ מלכּה. יאָרן לאַנג זײַנען אָנגעגאַנגען שווערע מלחמות אײַנצו־נעמען די דאָזיקע מלוכה.

צווישן פֿאָלק — סײַ בײַ די פֿאַלאַשן און סײַ בײַ די עטיאָפּיער — איז זייער באַוווּסט די לעגענדאַרישע געשיכטע וועגן דער קיניגין יהודית, וואָס האָט אין זיך אויך אַ געשיכטלעכן אמת.

די מעשׂה וועגן דער שיינער יהודית

אויף די הויכע בערג, וואָס אויפֿן צפֿון פֿון לאַנד כּוש, האָבן די זין פֿון יהודה, די פֿאַלאַשאַס, געהאַט זייערע מלוכות און קיין קראַפֿט האָט זיי ניט געקענט באַזיגן. אַפֿילו דעם „נעגוס נעגוס־טיס"[2] אַרמייען האָבן געליטן גרויסע מפּלות אין די קאַמפֿן מיט די פֿאַלאַשאַס.

זײַנען שפּעטער געקומען די קאַטוילישע מיסיאָנערן און האָבן דאָס דערציילט דעם פּויפּסט אין רוים. דאָס האָט בײַ אים אַרויסגערופֿן פֿאַרדראָס אויף די זינדיקע ייִדן און ער האָט געשיקט אַ גאַנצע אַרמיי פֿון מיסיאָנערן, אַז זיי זאָלן די ייִדן באַקערן צום קריסטנטום. די מיסיאָנערן, צוזאַמען מיט די אַרמייען פֿון „נעגוס נעגוסטיס", האָבן זיך אַרויסגעלאָזט קעגן די ייִדן, חרובֿ געמאַכט זייערע דערפֿער און די געפֿאַנגענע — געצוווּנגען צום שמד.

---

[1] צונויפֿגענומען.

[2] דער הערשער פֿון לאַנד.

און איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז די מיסיאָנערן זײַנען געקומען אין דעם דאָרף, ווו ס'האָט געוווינט די שיינע יהודית, וואָס איר נאָמען איז געווען באַוווּסט איבערן לאַנד; זי איז געווען אַ זעלטענע שיינהייט און אַ גרויסע חכמה. די פֿאַלאַשן האָבן זיך געגרויסט מיט איר און אין יעדן הויז האָט מען געבענטשט איר נאָמען.

ווען די שיינע יהודית איז אַרײַנגעפֿאַלן צו די מיסיאָנערן, איז דאָס פֿאַר זיי געווען אַ גרויסע שׂמחה. מ'האָט גערעדט צו איר גוטע רייד און מ'האָט איר צוגעזאָגט גליק און רײַכטום — אויב זי וועט זיך שמדן. און ווען אַלע גוטע רייד האָבן ניט געהאָלפֿן, האָט מען פֿאַרוואָרפֿן אַ שטריק אַרום איר האַלדז צו שלעפּן זי אין קלויסטער אַרײַן מיט גוואַלד. אָבער יהודית האָט אויפֿגעהויבן אַזאַ געשריי, אַז די בערג האָבן געציטערט... און פֿון אַלע זײַטן זײַנען אָנגעלאָפֿן פֿאַלאַשן מיט געווער און זי אַרויסגעראַטעוועט פֿון די מיסיאָנערישע הענט.

די דאָזיקע איבערלעבונג האָט אויף יהודיתן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. זי האָט ניט געפֿונען קיין רו. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער די פֿאַלאַשן-יישובֿים, אין די דערפֿער און אין שטעט, און זיי געוועקט צום קאַמף מיט די מיסיאָנערן און די אַרמייען, וואָס העלפֿן זיי. אַ באַגײַסטערטער פֿלאַם איז אויפֿגעגאַנגען פֿון אירע רייד און מ'האָט זיך גענומען גרייטן צו אַ מלחמה מיטן „נעגוס נעגוסטים" — דער קיניג איבער אַלע קיניגן.

אַרום די בערג פֿון די פֿאַלאַשן-דערפֿער האָט זיך געזאַמלט און געאיבט[1] די אַרמיי פֿון יהודיתן. יעדן טאָג זײַנען זיי געוואָרן מער און מער. אין דער אַרמיי האָבן זיך אַפֿילו אָנגעשלאָסן עטיאָפּיער — אַזעלכע, וואָס זײַנען ניט געווען צופֿרידן מיט זייער קיניג דעם „נעגוס". און ווען די מיסיאָנערן מיט זייערע סאָלדאַטן זײַנען געקומען צו די פֿאַלאַשן-דערפֿער, האָט זיך פֿון די אַרומיקע בערג אַראָפּגעלאָזט אַ גרויסע אַרמיי און אויף זיי אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד.[2] די מיסיאָנערן זײַנען זיך צעלאָפֿן און די סאָלדאַטן זײַנען אַוועק צו באַשיצן זייער קיניג.

---

[1] געמאַכט מיליטערישע איבונגען.

[2] שרעק.

ווי ס'האָט זיך געפֿירט אַמאָל אין עטיאָפּיע, פֿלעגט דער קיניג בויען זײַנע פּאַלאַצן און זײַן הויפּטשטאָט אויף אַ הויכן באַרג צווישן געדיכטע וועלדער, כּדי צו באַשיצן זיך פֿון אַ שׂונא. ווען יהודית מיט איר אַרמיי זײַנען צוגעקומען צו דעם באַרג פֿון דער הויפּטשטאָט, האָט מען זיי באַהאָגלט פֿון דעם באַרג מיט פֿײַלן און שטיינער. יהודית האָט זיך באַלד באַראָטן מיט אירע אָפֿיצירן און זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ נײַעם פּלאַן, וואָס איז פֿאָרגעשלאָגן געוואָרן פֿון דעם העלדישן אָפֿיציר גדעון. דער דאָזיקער פּלאַן איז געווען אַ גרויסער זיג פֿאַר יהודיתן.

די פֿאַלאַשן האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון דעם באַרג, וואָס זיי האָבן אַטאַקירט. אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט זײַנען זיי אַרויף אויף די נאָענטע שכנותדיקע בערג אַרום דער הויפּטשטאָט. נאָר אַ קליינע גרופּע איז געבליבן אויף דער פֿריִערדיקער פּאָזיציע און ווײַטער אַטאַקירט. דעם קיניגס אַרמיי האָט ניט געוווּסט און ניט געזען ווי די פֿאַלאַשן־אַרמיי איז אַוועק צו די הינטערשטע בערג פֿון שטאָט. יהודית מיט איר אַרמיי זײַנען אומבאַמערקט אַרײַן אין שטאָט און אַטאַקירט דעם קיניגס פּאַלאַץ. די גאַנצע קיניגלעכע משפּחה איז אומגעקומען און די שטאָט האָט זיך אונ־טערגעגעבן.

נאָך דעם דאָזיקן זיג האָבן די פֿאַלאַשן אַרויפֿגעזעצט יהודיתן אויפֿן טראָן אַלס זייער קיניגין און די קיניגין פֿון עטיאָפּיע. זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם אָפֿיציר גדעון און זיי האָבן ביידע געקי־ניגט איבער עטיאָפּיע גאַנצע פֿערציק יאָר.

בײַ די עטיאָפּיער איז פֿאַרשריבן, אַז דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 960. און פֿון דעמאָלט אָן האָבן אין עטיאָפּיע געהערשט אַ מלך מיט אַ מלכּה — דער מאַן און זײַן פֿרוי. דאָס איז געווען אַ דינאַסטיע פֿון קיניגלעכע פּאָרלעך, וואָס האָט אָנגעהאַלטן מער ווי דרײַ הונדערט יאָר.

דרײַצן קיניגלעכע פּאָרלעך האָבן געהערשט דורך דער דאָזי־קער צײַט. נאָך יהודיתן איז דער טראָן אַריבער צו איר טאָכטער, זמירא מיט איר מאַן. דער לעצטער ייִדישער קיניג איז געווען האַאַקונטאַ לאַאַב.

אינעם יאָר 1269 איז שוין אין עטיאָפּיע געקרוינט געוואָרן א קריסטלעכער קיניג, וואָס האָט געגלייבט, אַז ער שטאַמט פֿון שלמה המלך; יעקונאָ אַמלאַק איז געווען זײַן נאָמען. פֿאַר די פֿאַלאַשן האָט זיך אָנגעהויבן זייער אַ שרעקלעכע עפּאָכע פֿון פֿאַרפֿאָלגונגען און זייער עקסיסטענץ בײַם הײַנטיקן טאָג איז אַ גרויסער נס.

די פֿאַלאַשן באַגעגענען זיך מיט ווײַסע ייִדן

מער ווי צוויי טויזנט יאָר האָבן די פֿאַלאַשן ניט געוווּסט, אַז עס זײַנען פֿאַראַן ייִדן אויף דער וועלט. זיי האָבן געמיינט, אַז נאָר זיי אַליין זײַנען די איינציקע געבליבענע ייִדן פֿון מלכות ישׂראל און מלכות יהודה.

ווען זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט ווײַסע ייִדן, וואָס האָבן זיי געזאָגט, אַז די ייִדן פֿון די אַנדערע לענדער פֿאַר־אינטערעסירן זיך מיט זיי — האָבן זיי דאָס ניט געגלייבט. זיי האָבן געהאַט אַ חשד,[1] אַז די ווײַסע מענטשן זײַנען קריסטלעכע מיסיאָנערן און ווילן זיי פֿאַרנאַרן צום שמד.[2] ד״ר פֿייטלאָוויטש איז געווען דער ערשטער ווײַסער ייִד, וואָס האָט זיי געקענט איבערצײַגן,[3] אַז אין דער ברייטער וועלט לעבן מיליאָנען ייִדן מיט אַן אַקטיוו ייִדיש לעבן; זיי האָבן שולן און אַקאַדעמיעס; וויכ־טיקע ייִדישע אינסטיטוציעס; גרויסע ייִדישע געלערנטע; דאָס אַלטע לאַנד ארץ־ישׂראל ווערט אויף ס׳נײַ געבויט פֿון אַלע ייִדן אין דער וועלט און זיי ווילן אויך העלפֿן זייערע ברידער אין עטיאָפּיע.

פֿאַר די פֿאַלאַשן האָבן זיך מיט אַ מאָל געעפֿנט נײַע וועלטן. האָפֿענונג און פֿרייד האָט אָנגעפֿילט זייערע הערצער. זיי האָבן מיט דער הילף און אָנווײַזונג פֿון ד״ר פֿייטלאָוויטשן ארויסגעשיקט בריוו צו די ייִדן אין איראָפּע און אַמעריקע. אין אַמעריקע איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט צו העלפֿן די פֿאַלאַשן.

---

[1] זיי האָבן געמיינט.

[2] מאַכן זיי פֿאַר קריסטן.

[3] מאַכן גלייבן.

פֿאַלאַשן־קינדער אין ישׂראל.

מ׳האָט זיי געהאָלפֿן צו גרינדן שולן פֿאַר זייערע קינדער, וואָס האָבן זיך געפֿעפֿנט אין די שטעט: דעמבעאַ און אין אַדיס־אַבעבאַ. די פֿעיִקערע יונגע פֿאַלאַשן האָט מען געשיקט קיין אַמעריקע און ישׂראל, אַז זיי זאָלן זיך דאָרטן לערנען און זיך צוגרייטן צו ווערן די לערערס פֿון זייערע ברידער אין עטיאָפּיע.

אין גאַנץ עטיאָפּיע לעבן נאָך היינט אַרום דרייַצן טויזנט ייִדן. די מערהייט ייִדן זייַנען די פֿאַלאַשן. אין דער שטאָט אַדיס־אַבעבאַ וווינט אויך אַ קלענערע צאָל ווייַסע ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. אָבער די פֿאַלאַשן אין עטיאָפּיע האָבן צוגעגעבן אַ נייַ קאַפּיטל צו דער געשיכטע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אין דער וועלט.

אַ נייַער ייִדישער ייִשובֿ אין דרום־אַפֿריקע

אַפֿריקע ווערט אָנגערופֿן „דער שוואַרצער קאָנטינענט״, ווייַל די איינוווינערס זייַנען שוואַרצהויטיקע מענטשן. ווייַסע מענטשן אויף דעם קאָנטינענט, ספּעציעל אויפֿן דרום־טייל פֿון אַפֿריקע — האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין די לעצטע הונדערטער יאָרן. ס׳זייַנען געקומען מענטשן, וואָס האָבן געזוכט אַ פֿרייַ לעבן און

מענטשן, וואָס האָבן געזוכט די נאַטירלעכע אוצרות פֿון: אײַזן, קופּער, זילבער, גאָלד און דימענטן.

דרום־אַפֿריקע איז דאָס לאַנד ווי אָקעאַנען באַגעגענען זיך; דאָס לאַנד פֿון אַלערליי חיות און וווּנדערלעכע פֿייגל; דער גאָרטן פֿון פֿאַרביקע פֿלאַנצן, טײַכן און וואַסערפֿאַלן; דאָס לאַנד פֿון זון און גאָלד.

אין 18טן יאָרהונדערט האָט מען אין דרום־אַפֿריקע אַנטדעקט אַ סך גאָלד־פֿעלדער. די איצטיקע שטאָט יאָהאַנעסבורג איז געבויט געוואָרן אויף אַזאַ אויסגעשעפּט גאָלד־פֿעלד, וואָס האָט זיך פֿריִער גערופֿן: „ראַנדיעסלאַכטע" — אַ האָלענדישער נאָמען. ווי נאָר ס'איז אַרום די נײַעס, אַז אין דרום־אַפֿריקע געפֿינט מען טײַערע מינעראַלן — האָבן אָנגעהויבן קומען מענטשן פֿון האָלאַנד, פֿון דײַטשלאַנד, פֿון ענגלאַנד, און מיט זיי — אויך ייִדן.

צווישן די געלאַגן, אינזשענירן און גאָלדזוכערס, וואָס זײַנען געקומען קיין אַפֿריקע אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, איז שוין געווען אַ גרויסע צאָל ייִדן. אין יאָר 1887 אָרגאַניזירט זיך די ערשטע ייִדישע קהילה אַרום די גאָלד־פֿעלדער פֿון „וויטוואַטערס־ראַנד" — אַ געגנט פֿון הײַנטיקן יאָהאַנעסבורג. מיט איין יאָר שפּעטער האָבן די ייִדן דאָרטן אויפֿגעבויט אַ שול און געעפֿנט אַ תּלמוד־תּורה מיט אַרום צוויי הונדערט תּלמידים.

דער ייִשובֿ פֿון ליטווישע ייִדן

אין סוף פֿונעם 19טן יאָרהונדערט, ווען ס'איז געגאַנגען די גרויסע עמיגראַציע קיין צפֿון־אַמעריקע, זײַנען קיין דרום־אַפֿריקע אָנגעקומען די ערשטע ייִדן פֿון די ליטווישע שטעטלעך. זיי האָבן שפּעטער אַריבערגעבראַכט צו זיך אייגענע און נאָענטע, און ס'האָבן זיך דאָרט געגרינדעט אַנזעצן די ליטווישע ייִדן, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך תּורה און דרך־ארץ.[1] און כאָטש ס'זײַנען דאָרט פֿאַראַן ייִדן פֿון פּוילן, דײַטשלאַנד, ענגלאַנד, אַמעריקע — איז אָבער נאָך אַלץ די השפּעה[2] פֿון די ליטווישע ייִדן אַ גרויסער כּוח אין דעם ייִדישן לעבן פֿון דרום־אַפֿריקע.

---

[1] וועלטלעכע זאַכן. [2] אײַנפֿלוס.

פֿאַקטיש איז דאָס נאָך זייער אַ יונגער ייִשובֿ. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן און אַנטוויקלען ערשט אין די 20ער און 30ער יאָרן פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט. אָבער דער דאָזיקער ייִשובֿ איז זייער באַוווּסט צווישן די ייִדן אין דער וועלט. דאָס איז אַ רײַכער ייִדישער ייִשובֿ, וואָס האָט אויסגעבויט פֿאַר זיך וויכטיקע אינסטיטוציעס און גיט זייער אַ סך געלט צו העלפֿן ישׂראל.

דרום־אַפֿריקע איז אַ לאַנד, ווו די ווײַסע מינדערהייט רעגירט איבער די דרײַצן מיליאָן שוואַרצע אײַנוווינערס. די שוואַרצע באַפֿעלקערונג האָט ניט די זעלבע רעכט ווי די ווײַסע, אָבער די ייִדן ווערן ניט דיסקרימינירט[1] און ווערן פֿאַררעכנט ווי אַ טייל פֿון דער ווײַסער באַפֿעלקערונג.

אין דרום־אַפֿריקע וווינען הײַנט אַרום הונדערט און צוואַנציק טויזנט ייִדן. דער גרעסטער קיבוץ ייִדן, קרובֿ צו זעכציק טויזנט, וווינט אין דער הויפּטשטאָט יאָהאַנעסבורג, און די אַנדערע ייִדן — אין קייפּטאַון, דערבען, פּרעטאָריע, בלומפֿענטען און אין אַנדערע שטעט.

דער גאַנצער ייִדישער ייִשובֿ איז פֿאַראייניקט און אָרגאַניזירט אונטער אַ צענטראַלער קהילה, וואָס רופֿט זיך: „ייִדישער באַארד אָף דעפּיוטים". דער „באַארד אָף דעפּיוטים" נעמט אַרום: דאָס רעליגיעזע לעבן, דערציִונג, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, הילף פֿאַר ישׂראל, פֿרויען־אָרגאַניזאַציעס, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, קולטור־אַרבעט, און אַזוי ווײַטער.

אין די לעצטע צענדליקער יאָרן זײַנען דאָרט געבויט געוואָרן גרויסע ייִדישע טאָגשולן, ווו מען לערנט די ייִדישע לימודים אויף ענגליש און טיילווײַז אויף העברעיִש. די רעליגיעזע תּלמוד תּורה אין יאָהאַנעסבורג איז די איינציקע שול, ווו מען לערנט מיט דעם ייִדיש לשון.

אין יאָהאַנעסבורג איז אויך פֿאַראַן אַ „ייִדישע קולטור־פֿעדעראַציע", וואָס איז זייער אַקטיוו אויף דעם ייִדיש־קולטורעלן געביט. זיי גיבן אַרויס דעם ייִדישן זשורנאַל „דרום־אַפֿריקע" און פֿירן אָן מיט אַ ייִדישער נאָכמיטאָג־שול. אין דער „ייִדישער

---

[1] באַגרענעצן זייער רעכט.

קולטור-פעדעראַציע" קומען פֿאַר ייִדישע אונטערנעמונגען און לעקציעס פֿון באַרימטע גאַסט-רעדנערס, וואָס ווערן אַראָפּגעבראַכט פֿון אויסלאַנד. אין דעם דאָזיקן צענטער ווערט אויפֿגעהיט דאָס ייִדיש לשון, וואָס איז נאָך דאָס לשון פֿון מיליאָנען ייִדן אין דער וועלט.

ווו נאָך זײַנען פֿאַראַן ייִדן אין אַפֿריקע?

אַז איר וועט אַ קוק טאָן אויף דער מאַפּע פֿון אַפֿריקע וועט איר דאָרטן געפֿינען אַרום דרײַסיק לענדער און מער. און ווער ווייסט? — מעגלעך, אַז אומעטום קען מען געפֿינען ייִדן; יחידים[2] און אפֿשר אויך משפּחות׳ מיר ווייסן ניט פֿון זיי, ווײַל זיי לעבן אָפּגעזונדערט פֿון ייִדן און פֿון דעם ייִדישן לעבן. אָבער קלענערע ייִדישע יישובֿים, פֿון וועלכע מיר ווייסן, זײַנען פֿאַראַן אין ראָדיזיע — פֿינף טויזנט צוויי הונדערט ייִדן; אין קאָנגאָ — דרײַ הונדערט ייִדן; אין קעניאַ — אַרום הונדערט ייִדן; אין זאַמביע — פֿיר הונדערט ייִדן; און אין ליביע — אַרום הונדערט ייִדן.

אַ ייִד פֿון טוניס, צפֿון-אַפֿריקע.

[2] איינציקע.

אַ קיצור פֿון דעם וואָס מיר האָבן געלערנט
אין קאַפּיטל ז׳

ווי אַזוי די ייִדן אין דער גאָר אַלטער צײַט זײַנען געקומען צו די ברעגן פֿון צפֿון־אַפֿריקע; די ייִדן דאָרטן און די בערבערישע שבֿטים; די גײַסטיקע צענטערס פֿון קײַרואַן און פֿעז; דער אונטערגאַנג פֿון די ייִדישע ייִשובֿים אין צפֿון־אַפֿריקע; די פֿאַלאַשן אין מזרח־אַפֿריקע; ווי אַזוי די פֿאַלאַשן זײַנען געקומען קיין עטיאָפּיע; ווי זיי באַגעגענען זיך מיט די ווײַסע ייִדן; און דער נײַער ייִדישער ייִשובֿ אין דרום־אַפֿריקע.

טראַכט און ענטפֿער:

א) ווען זײַנען אונדזערע אורעלטערן געקומען קיין אַפֿריקע?
ב) וועלכע ייִדישע שבֿטים זײַנען אַוועק מיט די פֿעניציער קיין צפֿון־אַפֿריקע?
ג) אין וועלכע לענדער פֿון צפֿון־אַפֿריקע זײַנען אויפֿגעקומען גרעסערע ייִדישע ייִשובֿים?
ד) ווי אַזוי רופֿט מען די אַלט־אײַנגעזעסענע ייִדן אין עטיאָפּיע?
ה) מיט וואָס זײַנען די פֿאַלאַשן אַנדערש פֿון אַנדערע ייִדן?
ו) ווער האָט דערנענטערט די פֿאַלאַשן צו אונדזערע ייִדן?
ז) פֿאַר וואָס האָבן מיר פֿון זיי פֿריִער ניט געוווּסט?
ח) וויפֿל ייִדן לעבן הײַנט אויף דעם אַפֿריקאַנער קאָנטינענט?
ט) אין וועלכן אַפֿריקאַנער לאַנד געפֿינט זיך הײַנט דער גרעסטער און אָנגעזעענסטער ייִדישער ייִשובֿ?
י) פֿאַר וואָס גייען אונטער די ייִדישע ייִשובֿים אין צפֿון־אַפֿריקע?

באַמיט זיך אָנצושרײַבן אַ קאָמפּאָזיציע
אויף דער טעמע:

„מעשׂיות און לעגענדעס וועגן די פֿאַלאַשן אין אַפֿריקע".

קאַפּיטל ח

ייִדן אין אַזיע — אַמאָל און הײַנט

דאָס וויגעלע פֿון דער ייִדישער געשיכטע איז געשטאַנען אין אַזיע און דאָס גײַסטיקע מלכות פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק — אין ארץ ישׂראל.

אין פֿאָדער־אַזיע, בײַ די טײַכן פֿון פרת און חדקל, האָט אונדזער פֿאָטער אַבֿרהם דערהערט גאָטס רוף: „לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך" — גיי דיר אַוועק פֿון דײַן לאַנד, פֿון דײַן אָפּשטאַם און פֿון דײַן פֿאָטערס הויז, צו דעם לאַנד, וואָס איך וועל דיר ווײַזן.

און אַבֿרהם מיט זײַן ווײַב שׂרה, מיט פֿיל פֿון זײַנע משפּחה־מענטשן און זײַן פֿאַרמעגן, זײַנען געקומען אין דעם לאַנד כּנען. און ווי נאָר ער איז געקומען אין דעם לאַנד, איז געקומען צו אים די געטלעכע הבֿטחה:[1] „לזרעך אתן את הארץ הזאת" — צו דײַנע קינדער וועל איך געבן דאָס דאָזיקע לאַנד.

זינט אַבֿרהם איז געקומען קיין כּנען זײַנען שוין אַוועק פֿיר טויזנט יאָר. פֿון אַבֿרהמס קינדער זײַנען אויסגעוואַקסן די בני ישׂראל און דאָס לאַנד כּנען איז געוואָרן ארץ ישׂראל. ייִדן האָבן אין דעם לאַנד געבויט שטאַרקע מלוכות און די מלוכות זײַנען צוויי מאָל חרובֿ געוואָרן פֿון פֿײַנדלעכע אימפּעריעס. און איצט, נאָך אַ לאַנגן צוויי טויזנט יאָריקן גלות, האָט די געשיכטע פֿאַר אונדז ווידער אויפֿגעשײַנט און מיר האָבן זוכה געווען צו אַן אייגענער נאַציאָנאַלער היים אין דעם לאַנד פֿון אונדזערע אָבֿות.

---

[1] צוזאָג.

מדינת ישׂראל

אויב מיר לערנען אַמאָל פֿון ניסים, איז מדינת ישׂראל דער גרעסטער נס, וואָס ס'איז געשען אין אונדזערע טעג; דער נס פֿון אַ צוויי טויזנט יאָריקער חלום, וואָס איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן מיט דער פּראָקלאַמירונג פֿון מדינת ישׂראל אין יאָר 1948.

אין 1973 איז אין דער ברייטער יידישער וועלט געפּראַוועט געוואָרן דער 25סטער יום העצמאות. דורך דער דאָזיקער קורצער צײַט איז שוין ישׂראל דרײַ מאָל אַרויס דער זיגער פֿון די מלחמות מיט די אַראַבישע שכנים. און דורך דער דאָזיקער צײַט איז זי אויך געשטאַרקט געוואָרן און געוואַקסן מיט נײַע עליות: ס'זײַנען געקומען די ייִדן פֿון מזרח און מערבֿ, פֿון צפֿון און דרום; ייִדן פֿון קורדיסטאַן און ייִדן פֿון קאַווקאַז; ייִדן פֿון אַלזשיר און ייִדן פֿון בוכאַרע; ייִדן פֿון תּימן און ייִדן פֿון מצרים; ייִדן פֿון אַראַבישן מדבר־לאַנד און ייִדן פֿון אינדיע; ייִדן פֿון די אַמעריקעס און ייִדן פֿון פּוילן, גרוזיע און רוסלאַנד.

בעת דער פּראָקלאַמירונג פֿון מדינת ישׂראל, אין 1948, זײַנען אין ישׂראל געווען זעקס הונדערט און פֿופֿציק טויזנט ייִדן. און הײַנט, מיט פֿינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער, וווינען אין ישׂראל קרובֿ צו דרײַ מיליאָן ייִדן.

דאָס געאָגראַפֿישע אָרט פֿון ישׂראל

ישׂראל ליגט אויפֿן שוועל פֿון אַזיע, וואָס איז דער גרעסטער קאָנטינענט אויף דעם ערד־פּלאַנעט. זי איז אַ מזרח־לאַנד אין מיטל־אַזיע, ווײַל זי ליגט אויפֿן מזרח־ברעג פֿון מיטללענדישן ים. דאָס איז אַ שמאָלער פּאַס לאַנד, וואָס ציט זיך פֿון צופֿוסנס די בערג פֿון לבֿנון אויפֿן צפֿון, ביז דעם אילת־גאָלף אויף דרום. זי איז אַרומ־גענומען פֿון דרײַ קאָנטינענטן: אויפֿן צפֿון — איראָפּע; אויף מזרח — אַזיע; און אויף דרום — אַפֿריקע.

אין שטח איז ישׂראל אַ קליין לאַנד; ביז דער זעקס טאָגיקער מלחמה פֿון 1967 איז די טעריטאָריע געווען אַרום צוואַנציק טויזנט זעקס הונדערט קוואַדראַט קילאָמעטער (12,875 מייל). מע קען אָן שוועריקייטן דורכגיין דאָס לאַנד אין דער לענג און דער ברייט.



אַ היסטאָרישע מאַפּע פֿון די אַלטע צײַטן.

אָבער עס פֿאַרמאָגט אַ סך שײנקײטן: די בערג, דער ים, דער כּנרת, דער ירדן, דער ים המלח, דער ים סוף און אַפֿילו דער מדבר פֿון נגבֿ — שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ װוּנדערלעך בילד פֿון אונדזערע אַלטע חומש־מעשׂיות.

ס'איז אינטערעסאַנט צו װיסן, אַז כּמעט צװײ דריטל פֿון לאַנד (אַחוץ דעם נגבֿ) איז היכלאַנד — באַרגיק, און אײן דריטל — פֿלאַכלאַנד און טאָלן. דער העכסטער באַרג איז דער הר מירון אין גליל — 1,208 מעטער הויך. (דער חרמון־באַרג, װאָס געפֿינט זיך איצט אין דער ישׂראל־טעריטאָריע, איז 2,800 מעטער הויך).

פֿון די הויכקײטן אין גליל און ירושלים קאָן מען אַראָפּקומען צו דער נידעריקסטער אָזיערע אין דער װעלט — צו דעם ים המלח, װאָס ליגט אַרום פֿיר הונדערט מעטער נידעריקער פֿון ים־פֿלאַך.

אָט די פֿיזישע כאַראַקטעריסטיק פֿון דעם לאַנד ישׂראל שאַפֿט אין דעם לאַנד אַ װאַריאַציע פֿון פֿאַרשײדענע קלימאַטישע באַדינ־גונגען; דער קלימאַט אין מערבֿ, בײַם ים, איז אַנדערש װי אין מזרח בײַם ירדן אָדער בײַ דעם ים המלח; און דער קלימאַט אין גליל, אויף צפֿון, איז אַנדערש װי אין נגבֿ אָדער אין אילת, אויף דרום.

אָן אײגענע מדינה

אין דער װעלט זײַנען פֿאַראַן אַ סך פֿעלקער. גרעסערע פֿעלקער און קלענערע. יעדעס פֿאָלק האָט זיך זײַן אײגענע געשיכטע, זײַן קול־טור, זײַנע טראַדיציעס און זײַן שפּראַך. זײ האָבן אויך אַן אײגענע הײם — אַ לאַנד און אַ רעגירונג, װאָס זײ קלײַבן אויס אַלע עטלעכע יאָר אָנצופֿירן מיט דעם לעבן אין לאַנד.

װען אַ פֿאָלק האָט ניט קײן אײגן לאַנד און דאַרף לעבן צע־זײט און צעשפּרײט אין פֿאַרשײדענע לענדער, מײנט דאָס, אַז עס לעבט אונטער פֿרעמדע געזעצן און קולטורן. גרױסע טײלן פֿון אַזאַ פֿאָלק װערן מיט דער צײַט אַסימילירט; אויסגעמישט מיט די אַנדערע פֿעלקער.

דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט מער װי צװײ טויזנט יאָר געלעבט (און לעבט נאָך אַלץ) צװישן פֿרעמדע פֿעלקער. דורך דער צײַט האָבן זיך פֿיל ייִדן אַסימילירט און זײַנען פֿאַרלוירן געגאַנגען פֿון

דעם ייִדישן פֿאָלק. אָבער דער גרעסטער טייל פֿון ייִדן איבער דער וועלט זײַנען געבליבן געטרײַ צו זייער גלויבן און צו זייערע טראַדיציעס. ציון, דאָס היסטאָרישע לאַנד פֿון אונדזערע אָבֿות, האָט דער ייִד געטראָגן מיט זיך אין זײַן תּנ"ך, אין זײַנע ספֿרים, אין זײַן סידור און אין זײַנע מחזורים. פֿון די דאָזיקע ציון-תּפֿילות האָט זיך אויסגעצײַטיקט די נאַציאָנאַלע אידעע פֿון חיבת ציון און חלוציזם — צו בויען און קאָלאָניזירן די אַלטע פֿאַרלאָזטע ייִדישע היים ארץ ישׂראל, וואָס איז שוין הײַנט מדינת ישׂראל.

וואָס פֿאַר אַ לאַנד איז מדינת ישׂראל?

ישׂראל איז אַ דעמאָקראַטיש ייִדיש לאַנד. זי האָט אַ כּנסת (פּאַרלאַמענט), מיניסטאָרן, אַ פּרעמיער מיניסטער און אַ פּרעזי-דענט. אין דער כּנסת זיצן 120 פֿאָרשטייערס פֿון די פּאַרטייען אין לאַנד. זיי ווערן דערוויילט דורך אָפּגעגעבענע שטימען פֿון פֿאָלק, בעת די וואַלן וואָס קומען פֿאָר אַלע פֿיר יאָר. די פּאַרטיי וואָס האָט די גרעסטע צאָל פֿאָרשטייערס אין דער כּנסת, פֿאָרמירט די רעגירונג. דאָס מיינט: זי באַשטימט די מיניסטאָרן, וואָס פֿירן אָן מיט אַלע דעפּאַרטמענטן אין לאַנד און מחוץ פֿון לאַנד. די דעפּאַרטמענטן פֿון: קולטור און דערציִונג; האַנדל און אַרבעט; פֿינאַנץ; אַגריקולטור; רעליגיע; קריג; אויסערן פּאָליטיק און אַנדערע.

ישׂראל איז אַ לאַנד פֿון פֿולער פֿרײַהייט: פֿרײַהייט פֿון גע-דרוקטן וואָרט און פֿרײַהייט פֿון רעליגיע. אַלע פֿרעמדע רעליגיעס ווערן באַשיצט און רעספּעקטירט פֿון דער ישׂראל רעגירונג און דער ישׂראל באַפֿעלקערונג. ישׂראל, ווי איר ווייסט, איז אַ צענטער פֿון וועלט-רעליגיעס און רעליגיעזע סעקטעס. זיי האָבן אין לאַנד זייערע פֿאַרהייליקטע ערטער און טעמפּלען. די ישׂראל רעגירונג גאַראַנ-טירט זייער פֿרײַהייט מיט טאָלעראַנץ, ווײַל זי איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד.

מדינת ישׂראל איז הײַנט אָנערקענט פֿון די מערסטע פֿעלקער אין דער וועלט און איז אַ מיטגליד פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער (יו-ען), זינט 1949.

אַ מאַפּע פֿון מיטל־מזרח מיט די אַראַבישע לענדער אַרום ישׂראל בײַם מיטללענדישן ים.

אינטערעסאַנטע ייִדישע טיפּן : אַ ייִד פֿון קורדיסטאַן און אַ ייִד פֿון תּימן ; זייערע שבֿטים לעבן שוין הײַנט אין ישׂראל.

דאָס לאַנד פֿון קיבוץ גלויות

די ייִדן פֿון מדינת ישׂראל זײַנען אַ קיבוץ גלויות — געקומענע פֿון אַלע ייִדישע יישובֿים איבער גאָר דער וועלט. דאָ אין ישׂראל האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט די פֿאַרלוירענע און אומבאַקאַנטע ייִדישע שבֿטים און אויף דאָס נײַ זיך פֿאַרברידערט מיט דער אַרבעט פֿאַרן לאַנד.

מיט דעם דאָזיקן קיבוץ גלויות זײַנען מקוים געוואָרן די ווערטער פֿון נבֿיא ירמיהו, וואָס האָט געלעבט בעת דעם ערשטן חורבן: „הנני מבֿיא אותם מארץ צפֿון וקבצתים מירכתי ארץ" — אָט ברענג איך זיי פֿון צפֿון-לאַנד און וועל זיי אײַנזאַמלען פֿון די עקן ערד (ירמיהו לא).

און זיי האָבן זיך געזאַמלט מיט די עליות, וואָס האָבן זיך געצויגן פֿון אַלע עקן וועלט. זיי זײַנען געוועזן די כּוחות, וואָס האָבן געבויט ישׂראל; זיי האָבן געבויט דעם מושבֿ, דעם קיבוץ, די שטעט, די וועגן, די שולן, די הויכשולן, די אינדוסטריע, די באַדינונג פֿון וואַסער און ליכט, טראַנספּאָרטאַציע, די זיכערקייט אין לאַנד, און האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פֿון ישׂראלס אומאָפּהענגיקייט.

איז דעריבער זייער אינטערעסאַנט צו זען הײַנט אין ישׂראל אַזוי פֿיל פֿאַרשיידענע טיפּן ייִדן, וואָס זײַנען אַנדערש איינער פֿון אַנדערן; אַנדערש מיט זייער אויסזען, אַנדערש מיט זייער הלבשה[1] און אַנדערש מיט זייערע לעבנס-געוווינהייטן און טראַדיציעס. זיי זײַנען אָבער אַלע פֿון איין און דעם זעלבן פֿאָלק. זיי זײַנען פֿאַרבונדן צווישן זיך מיט אַ בשותּפֿותדיקער ירושה פֿון אַן אוראַלטער געשיכטע; פֿון תּורה און אמונה; פֿון לאַנד און באַנײַטער קולטור און שפּראַך.

און מיר ווייסן אויך, אַז הינטער אַלע עליות איז געשטאַנען (ווי מיר זעען דאָס הײַנט) די הילף פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, וואָס איז געבליבן וווינען מחוץ לארץ. ייִדן אין דער וועלט באַטראַכטן זיך ווי שותּפֿים אין דעם אויפֿבוי פֿון מדינת ישׂראל. זייער הילף איז אַ מאַטעריעלע און אַ מאָראַלישע. זיי האָבן דערצויגן זייערע קינדער מיט די אידעען פֿון חלוציזם און זיי האָבן דערמוטיקט און געהאָלפֿן די עליות קיין ישׂראל.

---

[1] קליידונג.

ירושלים — דער צענטער און דאָס האַרץ פֿון ישׂראל

ירושלים איז די הויפּטשטאָט פֿון מדינת ישׂראל. אַזוי איז גע־וועזן אין די אַלטע צײַטן פֿון די מלכים און חשמונאים און אַזוי איז זי אויך הײַנט אין אונדזערע טעג.

אין ירושלים געפֿינט זיך די כּנסת, די מיניסטעריומס, דאָס הויז פֿון נשׂיא, די סוכנות, דאָס העכסטע געריכט, דער אוניווערסיטעט, די קונסט־שול „בצלאל" און פֿיל אַנדערע קולטורעלע און רעגי־רונגס־אַדמיניסטראַציעס.

ירושלים סימבאָליזירט מיט זיך די הייליקייט פֿון גאַנצן לאַנד און די דורותדיקע בענקשאַפֿט צו ציון; סײַ אין די וואָכעדיקע טעג און סײַ אין די שבת־יום־טובֿדיקע טעג, פֿלעגן ייִדן מיט גרויס כּוונה מתפּלל זײַן „ולירושלים ברחמים תשובֿ"... ירושלים אָן ייִדן און ייִדן אָן ירושלים — וואָלט אַפֿילו מדינת ישׂראל אויסגע־זען ווי זי וואָלט געווען אין גלות.



אַ זיצונג פֿון דער ישׂראל־רעגירונג אין כּנסת.

די שטאָט ירושלים איז געבויט אויף צפֿון-זײַט פֿון די יהודה-בערג און טיילט זיך אויף אַלט-ירושלים און נײַ-ירושלים. אַלט-ירושלים איז אַרומגענומען מיט אַ שטיינערנער וואַנט, וואָס ציט זיך אַרום צוויי און אַ האַלבן מײַל לאַנג און האָט אַכט טויערן. די דאָזיקע וואַנט איז געבויט געוואָרן פֿון טערקישן סולטאַן סולײמאַן, מיט העכער פֿיר הונדערט יאָר צוריק. די מערסטע הייליקע ערטער, באַזונדערס די כּותל המערבֿי, געפֿינען זיך אין אַלט-ירושלים.

ביז דער באַפֿרײַונגס-מלחמה, האָבן אַ סך ייִדן — לרובֿ[1] רעליגיעזע ייִדן — געלעבט אין אַלט-ירושלים. ערשט ווען די שטאָט איז אַריבער אין רשות[2] פֿון ירדן, האָבן זיי געמוזט פֿאַרלאָזן זייערע אַלטע היימען און אַריבערגיין צו נײַ-ירושלים. ייִדן האָבן מער ניט געקענט צוקומען צו די הייליקע ערטער און צו דעם כּותל המערבֿי אין אַלט-ירושלים.

איצט, נאָך דער זעקס טאָגיקער מלחמה פֿון 1967, שטייט אַלט-ירושלים אַ באַפֿרײַטע פֿון ירדן און די שטאָט — אַלט און נײַ — שטייט ווידער אַ פֿאַראייניקטע מיט ברייט צעעפֿנטע טויערן פֿאַר יעדן איינעם.

נײַ-ירושלים מיט אירע ברייטע גאַסן און מאָדערנע שטיינערנע בנינים, איז שוין אַריבער הונדערט יאָר אַלט. אין יאָר 1860 האָט דער באַוווּסטער ייִדישער פֿילאַנטראָפּ פֿון ענגלאַנד משה מאָנטעפֿיאָרע געהאָלפֿן בויען די ערשטע ייִדישע שכונה[3] „משכּנות רעננים", וואָס איז געווען דער יסוד פֿון נײַ-ירושלים. דערנאָך זײַנען געבויט געוואָרן די שכונות: „ימין משה" אויפֿן נאָמען פֿון משה מאָנטעפֿיאָרע; „מאה שערים", „תּלפּיות", „מרחביה", „בית הכּרם" און אַנדערע. יעדער שכונה האָט זיך איר אייגענע כאַראַקטעריסטיק, לויט די מענטשן וואָס וווינען דאָרט.

נײַ-ירושלים האָט שוין הײַנט אַ באַפֿעלקערונג פֿון העכער צוויי הונדערט טויזנט נפֿשות.

---

[1] מערסטנס.

[2] אונטער דער הערשאַפֿט.

[3] ווינאָרט.

ירושלים העתיקה
אַלט־ירושלים



אַ געשיכטלעכער איבערבליק

ירושלים איז פֿון די עלטסטע שטעט אין דער וועלט. ווען אַבֿרהם אָבֿינו איז מיט פֿיר טויזנט יאָר צוריק געקומען קיין כּנען, איז שוין ירושלים געווען אַן אַלטע שטאָט פֿון אַרום טויזנט יאָר. די שטאָט האָט דעמאָלט געהייסן „שלם". מיט דעם דאָזיקן נאָמען ווערט די שטאָט דערמאָנט אין חומש בראשית.

יהושע בן נון האָט די שטאָט ניט איינגענומען; ערשט אין דער צייט פֿון די שופֿטים, האָט דער שבֿט יהודה איינגענומען די שטאָט און זיך ניט באַזעצט דאָרטן. ווען דוד בן ישי איז געוואָרן דער מלך פֿון ישׂראל, מיט אַרום דריי טויזנט יאָר צוריק, האָט ער נאָך אַ מאָל איינגענומען ירושלים און זי געמאַכט פֿאַר זיין הויפּטשטאָט. מיט פֿערציק יאָר שפּעטער האָט שלמה, זיין זון, אויסגעבויט דעם בית המקדש און זי איז פֿון דעמאָלט אָן געוואָרן די הייליקע שטאָט לדורות.

ירושלים איז פֿיל מאָל חרובֿ געוואָרן און אויף ס'ניי אויפֿגעבויט געוואָרן. זי איז חרובֿ געוואָרן פֿון בבֿל אין יאָר 586, פֿאַר דער נייער צייט-רעכענונג, און פֿון די רוימער אין יאָר 70, נייע צייט. פֿון די רוימער איז ירושלים אַריבער צו די מאַכמעדאַנער; פֿון די מאַכמעדאַנער צו די קרייצטרעגערס; פֿון די קרייצטרעגערס נאָך אַ מאָל צו די אַראַבער; פֿון די אַראַבער צו טערקיי; פֿון טערקיי צו ענגלאַנד; פֿון ענגלאַנד צו ירדן; און פֿון ירדן צו מדינת ישׂראל.

אַלט און ניי

ישׂראל איז אַ לאַנד ווו דאָס אַלטע מיט דעם נייעם באַהעפֿטן זיך צוזאַמען; אַלטע היסטאָרישע שטעט ווי אייביקע מאָנומענטן, שטייען בשכנות מיט נייע מאָדערנע דאָרפֿישע און שטאָטישע ישובֿים. אַזעלכע שטעט ווי: שכם, יריחו, בית-לחם, חבֿרון און באר שבֿע, שטייען שוין היינט באַפֿרייטע מיט אָפֿענע וועגן ווי אויסגעשטרעקטע אָרעמס, וואָס ציִען צו זיך טויזנטער באַזוכער פֿון דער גאַנצער וועלט.

כּמעט אַלע אַלטע שטעט, וואָס זיינען פֿריִער געווען אין די

גרענעצן פֿון מדינת ישׂראל, האָבן זיך אויסגעבויט מיט נײַע שכונות. פּונקט ווי אין ירושלים — אַזוי אויך אין עכּו, חיפֿה און באר־שבֿע.

דער גרעסטער מיזוג[1] פֿון אַלט און נײַ, איז הײַנט יפֿו און תּל־אָבֿיבֿ. יפֿו איז פֿון די עלטסטע שטעט אין לאַנד און תּל־אָבֿיבֿ איז פֿון די ייִנגסטע און די גרעסטע שטאָט אין לאַנד. ערשט אין 1909 זײַנען עטלעכע משפּחות אַרויס פֿון יפֿו און אָנגעהויבן בויען די ערשטע הײַזער אויף די זאַמדיקע ברעגן בײַם מיטללענדישן ים. דאָס איז געווען דער ערשטער שטאָטישער ייִשובֿ, וואָס ייִדן האָבן געבויט אין ישׂראל. די שטאָט איז זייער שנעל געוואַקסן. מיט פֿופֿצן יאָר שפּעטער זײַנען שוין אין תּל־אָבֿיבֿ געווען קרובֿ צו פֿופֿציק טויזנט ייִדן.

בײַם הײַנטיקן טאָג, איז תּל־אָבֿיבֿ־יפֿו שוין צוזאַמענגעוואַקסן אין איין שטאָט. דאָס נײַע מיט דעם אַלטן שפּיגלען זיך אין ים צוזאַמען און ווען גאָר אין גיכן האָבן אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַ האַלבן מיליאָן מענטשן.

תּל־אָבֿיבֿ איז די באַוועגלעכסטע און רעשיקסטע[2] שטאָט אין ישׂראל. זי איז דער צענטער פֿון האַנדל, פֿון טוריסטיק, פֿון די גרויסע האָטעלן, קאַפֿעען, טעאַטערס, מוזייען, קונסט־גאַלעריעס, גרויסע טאָגצײַטונגען, און אַלץ, וואָס נאָר אַ גרויסע שטאָט קען האָבן.

אַ שפּאַן אין דער געשיכטע פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט ביז דער איצטיקייט

ווען רוים האָט חרובֿ געמאַכט ארץ־ישׂראל (יאָר 70 נ. צ.), זײַנען נאָך אַלץ געבליבן ייִדישע ייִשובֿים אין לאַנד. יבֿנה, די שטאָט אויף מערבֿ־זײַט פֿון ירושלים, איז געוואָרן דער צענטער פֿון ייִדישקייט. רבי יוחנן בן זכּאי, וואָס האָט געלעבט אין דער צײַט פֿון חורבן, איז דאָרט געווען דער גײַסטיקער פֿירער. אין יבֿנה זײַנען געזעסן די גרויסע געלערנטע, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם סנהדרין (דאָס העכסטע געריכט פֿון ייִדישן געזעץ).

---

[1] צונויפֿגיסן, צוזאַמענברענגען.

[2] טומלדיקע.



די ערשטע מאַפּע ווייזט דעם באַפרייטן שטח אין דעם
ערשטן יאָר פון אויפשטאַנד. די געבראָכענע ליניעס
ווייזן ווי די רוימישע לעגיאָנען ווערן געטריבן פון



די צווייטע מאַפּע איז שוין פון דריטן און פירטן
יאָר פון אויפשטאַנד. די געבראָכענע ליניעס ווייזן
ווי די רוימישע לעגיאָנען אַטאַקירן ירושלים און די

איינער פֿון די באַרימטסטע געלערנטע און גרויסע פּערזענ־לעכקייטן אין יענער צײַט, איז געווען רבי עקיבֿא, וואָס איז אומ־געקומען מיט אַ שווידערלעכן טויט פֿון די רוימישע הערשערס, צו־זאַמען מיט פֿיל אַנדערע געלערנטע.

62 יאָר נאָך דעם חורבן, האָבן די געבליבענע ייִדן אין ארץ־ישׂראל זיך ווידער אָרגאַניזירט צו אַן אויפֿשטאַנד קעגן די רוימישע הערשערס אין לאַנד. דער פֿירער פֿון אויפֿשטאַנד איז געווען דער העלדישער שמעון בר כּוכבא. רבי עקיבֿא האָט געשטיצט דעם אויפֿשטאַנד. אין אָנהייב האָט דער אויפֿשטאַנד געזיגט. זיי האָבן אַפֿילו אַרויסגעגעבן אייגענע מטבעות לכּבֿוד דעם נצחון.[1] אָבער רוים האָט דאָס ניט געקענט אַראָפּשלינגען. זיי האָבן אַרײַנגעשיקט זייערע בעסטע לעגיאָנען צו דערשטיקן דעם אויפֿשטאַנד. שמעון בר כּוכבא מיט זײַנע מענטשן האָבן זיך באַפֿעסטיקט אין ביתּר. דאָרטן איז דער העלדישער קעמפֿער געפֿאַלן און די פֿעסטונג איז אײַנגענומען געוואָרן. דאָס לאַנד איז געבליבן אין חורבֿות. אויפֿן אָרט פֿון ירושלים האָבן די רוימער געבויט אַ נײַע שטאָט און זי אַ נאָמען געגעבן „עליאַ קאַפּיטאָלינאַ" און זיי האָבן פֿאַרבאָטן די ייִדן אַרײַנצוקומען אין דער דאָזיקער שטאָט.

מאַכמעדאַנישע הערשאַפֿט

אין יאָר 636 נ. צ. האָבן די מאַכמעדאַנער אײַנגענומען דאָס לאַנד און זײַנען געווען דאָרטן די הערשערס ביז סוף 11טן יאָרהונדערט. אין די דאָזיקע יאָרן האָבן זיך אין אייראָפּע אָרגאַניזירט די קריסט־לעכע קרײַצצוגן און זיך געלאָזט קיין ארץ־ישׂראל צו באַפֿרײַען די הייליקע קריסטלעכע ערטער פֿון די מאַכמעדאַנישע הענט. די מלחמות פֿון די קרײַצצוגן האָבן זיך געצויגן קאַרגע צוויי הונדערט יאָר (1099—1291). זיי האָבן דאָס לאַנד איבערגעלאָזט אין חורבֿות. אין יאָר 1291 זײַנען די אַראַבער ווידער געוואָרן די הערשערס פֿון לאַנד און האָבן דאָס אָנגעהאַלטן ביז 1516.

---

[1] זיג.

טערקישע הערשאַפט

פיר הונדערט יאָר, פון 1516 ביז 1917, האָט טערקײַ גע־הערשט אין ארץ־ישראל. ייִדן זײַנען אַלע מאָל געווען אויסגע־שטעלט צו די קאַפּריזן[1] פון די טערקישע סולטאַנען. די לאַגע פון די ייִדן איז קיין מאָל ניט געווען סטאַביל;[2] אַמאָל ערגער און אַמאָל בעסער.

דורך די יאָרן פון טערקישער הערשאַפט, זײַנען געקומען נײַע עליות[3] קיין ארץ־ישראל. אין 13טן יאָרהונדערט זײַנען הונדער־טער רבנישע משפחות געקומען אין לאַנד. זיי האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים, אין טבריה, אין עזה און חברון. אין 16טן יאָרהונ־דערט איז די שטאָט צפת אין גליל העליון, געוואָרן אַ צענטער פון תורה און קבלה.[4] דאָרטן האָט זיך באַזעצט דער באַוווּסטער מקובל ר' יצחק לוריא (גערופן: אר"י הקדוש) מיט זײַנע תלמידים. דאָרטן האָט זיך אויך באַזעצט דער למדן ר' יוסף קאָרו, דער מחבר פון שולחן ערוך.

דער אָנהייב פון ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל

אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, איז דער אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע, באַזונדערס אין צאַרישן רוסלאַנד, געווען זייער גרויס. דאָס האָט דערפירט צו די גרויסע עמיגראַציעס קיין צפון־אַמעריקע. אַ קלענער טייל פון די דאָזיקע עמיגראַציעס איז אויך געקומען קיין ארץ־ישראל און האָט געלייגט דעם יסוד[5] פאַר דעם אויפבוי פון לאַנד, ווײַל זיי האָבן געבראַכט מיט זיך די אידעע פון אַ ייִדישער היים.

די דאָזיקע אידעע איז אויפגעקומען מיט דער חיבת־ציון־באַוועגונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין רוסלאַנד אין די לעצ־טע צענדליקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. דער וויכטיקסטער פירער פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג איז געווען ד"ר לעאָן פינסקער.

[1] ווי זיי האָבן געוואָלט.
[2] נאָרמאַל.
[3] אימיגראַציעס.
[4] מיסטיק, די סודות אין דער תורה.
[5] פונדאַמענט.

ער האָט אין זײַן בראָשור „אויטאָעמאַנציפּאַציע" גערופֿן צו ייִדי־שער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל. אויף זײַן רוף האָבן זיך אָר־גאַניזירט די ערשטע חלוצים אונטערן נאָמען ביל"ו (בית יעקב לכו ונלכה), און זײַנען אַוועק קיין ישׂראל. זיי האָבן געקויפֿט אַ שטיק לאַנד ניט ווײַט פֿון יפֿו און געגרינדעט די קאָלאָניע „ראשון לציון". דערנאָך זײַנען געקומען ייִדן פֿון רומעניע און פֿון אַנדערע אייראָ־פּעיִשע לענדער. ס'זײַנען געגרינדעט געוואָרן די קאָלאָניעס: זכרון־יעקב, ראש־פּנה און פּתח־תּקווה. עס איז זיי געקומען צו הילף משה מאָנטעפֿיאָרע, באַראָן ראָטשילד, און אַזוי האָט זיך אָנגע־הויבן די קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל.

לעאָן פּינסקער, מחבר פֿון דער בראָשור „אויטאָעמאַנציפּאַציע".

דער פּאָליטישער ציוניזם

ס'האָט לאַנג ניט גענומען, און פֿון דער קליינער חיבת־ציון־באַוועגונג איז געוואָרן אַ ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע.

ד"ר הערצל, אַ ווינער זשורנאַליסט, האָט זיך פֿון דער אַסימי־

לאַציִע דערנענטערט צום יִדישן לעבן בעת ס'איז פֿאָרגעקומען דער דרייפֿוס־פּראָצעס אין פֿראַנקרייך. בײַ דעם פּראָצעס האָט ער גע־זען און דערפֿילט די פֿײַנדשאַפֿט צו יִדן, וואָס האָט דערפֿירט צו דער פֿאַלשער באַשולדיקונג פֿון דעם אָפֿיציר דרייפֿוס. הערצל האָט מער ניט געקענט רוען. ער איז געקומען צו זײַן פֿעסטער איבערצײַגונג, אַז דאָס יִדישע פֿאָלק קען ניט בלײַבן שטענדיק אין דער פֿרעמד, נאָר מוז בויען פֿאַר זיך אַן אייגענע היים.

די דאָזיקע געדאַנקען האָט ער אַרויסגעבראַכט אין זײַן בוך „יִדנשטאַט" און די אידעע האָט זיך פֿרשפּרייט צווישן די יִדן

ד"ר הערצל אין יאָר 1897.

אין דער וועלט. ער האָט אין 1897 צוזאַמענגערופֿן אַ קאָנגרעס אין דער שטאָט באַזעל; דאָס איז געווען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס ווו ס׳איז רײַף[1] געוואָרן דער געדאַנק פֿון אַן אייגענער נאַציאָנאַלער היים. אַ היים, וואָס זאָל אָנערקענט ווערן פֿון אַלע פֿרייע פֿעלקער און באַקומען פֿון זיי די פּאָליטישע אונטערשטיצונג.

ד״ר הערצל איז געווען די ריכטיקע פּערזאָן, וואָס איז געקומען אין דער ריכטיקער צײַט. ער האָט אויפֿגעוועקט דאָס געוויסן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק: מ׳האָט געזאַמלט געלט, ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די עליות פֿון אידעאַליסטישע פּיאָנערן, מ׳האָט געקויפֿט לאַנד, געבויט נײַע ישובֿים, געאַרבעט און מיטן לעבן פֿאַרטיידיקט די פּאָזיציעס.

אין יאָר 1914 איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. אַ סך פֿעלקער זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער מלחמה. ענגלאַנד האָט זיך געשלאָגן מיט טערקײַ. די ייִדן האָבן זיך געשטעלט אויף ענגלאַנדס זײַט און דאָס איז געווען דער סוף פֿון טערקײַס הערשאַפֿט אין ארץ־ישׂראל. ענגלאַנד האָט איבערגענומען דעם מאַנדאַט איבערן לאַנד און די ייִדישע פֿירערס האָבן זיך באַמיט בײַ ענגלאַנד, אַז זי זאָל העלפֿן און אָנערקענען די רעכט פֿון אונדזער אַרבעט אין ארץ־ישׂראל.

די באַלפֿור־דעקלאַראַציע

דער רעזולטאַט[2] פֿון די באַמיונגען בײַ ענגלאַנד איז געווען די „באַלפֿור־דעקלאַראַציע", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 2טן נאָוועמבער 1917, אין לאָנדאָן. די דעקלאַראַציע, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן צו לאָרד ראָטשילד, האָט זיך געלייענט:

„די רעגירונג פֿון זײַן מאַיעסטעט באַציט זיך מיט סימפּאַטיע צו דער שאַפֿונג אין פּאַלעסטינע פֿון אַ נאַציאָנאַלער היים פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק, און זי וועט זיך באַמיִען גרינגער צו מאַכן די פֿאַרווירקלעכונג פֿונעם

---

[1] צײַטיק.

[2] דער אויספֿיר, דער סוף.

דאָזיקן ציל. דערבײַ ווערט קלאָר פֿאַרשטאַנען, אַז עס
וועט גאָר ניט געטאָן ווערן, וואָס זאָל אָנרירן די צי-
ווילע און רעליגיעזע רעכט פֿון די עקסיסטירנדיקע ניט-
יידישע קהילות אין פּאַלעסטינע, אָדער די רעכט פֿון
פּאָליטישן סטאַטוס פֿון יידן, אין וועלכן ס'איז אַנדערן
לאַנד".



Foreign Office,
November 2nd, 1917.

Dear Lord Rothschild,

I have much pleasure in conveying to you, on behalf of His Majesty's Government, the following declaration of sympathy with Jewish Zionist aspirations which has been submitted to, and approved by, the Cabinet.

"His Majesty's Government view with favour the establishment in Palestine of a national home for the Jewish people, and will use their best endeavours to facilitate the achievement of this object, it being clearly understood that nothing shall be done which may prejudice the civil and religious rights of existing non-Jewish communities in Palestine, or the rights and political status enjoyed by Jews in any other country"

I should be grateful if you would bring this declaration to the knowledge of the Zionist Federation.

די באַלפֿור־דעקלאַראַציע פֿון 2טן נאָוועמבער 1917.

די דאָזיקע דעקלאַראַציע האָט אויף אַ ווײַלע געגעבן אַ נײַע האָפֿענונג צו די ייִדן אין ארץ־ישׂראל און אין חוץ לארץ. ענג־לאַנד האָט אָבער איר צוזאָג ניט געהאַלטן. אין מאַי, 1939, ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ענגלאַנד אַרויסגעגעבן אַ צווייטן דאָקומענט, וואָס רופֿט זיך: דאָס ווײַסע פּאַפּיר. דאָרטן זאָגט זיך: אַז זי וויל ניט שטעלן די אַראַבישע באַפֿעלקערונג אונטער דער מאַכט פֿון אַ ייִדישער מלוכה, און זי איז ניט גרייט צו דערלויבן אַ ווײַטערדיקע ייִדישע אימיגראַציע קיין ארץ־ישׂראל.

דאָס ווײַסע פּאַפּיר האָט געבראַכט אַנטוישונג און פֿאַרביטערונג פֿאַר אַלע ייִדן אין דער וועלט. עס איז דאָך געווען די צײַט, וואָס מ'האָט געדאַרפֿט אַרויסראַטעווען אונדזערע ברידער און שוועסטער פֿון דעם נאַצישן פֿײַער. מ'האָט ניט געקענט בלײַבן זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מסירת־נפֿשדיקע[1] אַקציע צו ראַטעווען וואָס מער ייִדן קיין ארץ־ישׂראל. די ענגלישע מאַכט אין לאַנד האָט מיט אַלע מיטלען געשטערט די אימיגראַציע. זי פֿלעגט פֿאַרשיקן די געכאַפּטע עולים אין תּפֿיסה און צו די בריטישע אינדזלען. אָבער דאָס האָט ניט געבראָכן דעם מוט און די אַרבעט צו ברענגען ייִדן קיין ארץ־ישׂראל.

די ישׂראל דעקלאַראַציע

די נאַצישע מלחמה־יאָרן האָבן געבראַכט דעם גרעסטן אומגליק אויפֿן ייִדישן פֿאָלק. דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום איז מערדערלעך אומגעבראַכט געוואָרן דורך בלוט און פֿײַער. דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק אין דער פֿרײַער וועלט איז געבליבן פֿאַריתומט. — די געראַטעוועטע פֿון די גאַז־אויוונס האָבן זיך געצויגן אַהיים — צו דער איינציק־געבליבענער היים ארץ־ישׂראל, ווו ס'איז צײַטיק געוואָרן דער געדאַנק פֿון זעלבסטשטענדיקייט.

דעם 29טן נאָוועמבער 1947, האָבן די פֿאַראייניקטע פֿעלקער אָנגענומען אַ באַשלוס אַז ענגלאַנד דאַרף אַרויס פֿון ארץ־ישׂראל ניט שפּעטער ווי דעם 1טן אויגוסט 1948, און ארץ־ישׂראל וועט צעטיילט ווערן אויף אַן אַראַבישער און ישׂראלדיקער מדינה.

[1] אײַנגעשטעלט דאָס לעבן.

דוד בן גוריון פראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט פון מדינת ישׂראל.

ישׂראל האָט זיך געהאַלטן ביַי דעם באַשלוס און איז געווען דעצידירט צו פּראָקלאַמירן איר זעלבסטשטענדיקייט, ניט קוקנדיק אויף די מיינונגען וואָס האָבן געהאַלטן אַז ס׳איז נאָך צו פרי און מ׳דאַרף דאָס אָפּלייגן אויף אַ מער פּאַסנדיקער צײַט.

דוד בן גוריון און פיל אַנדערע פאָרשטייערס פון פאָלק זײַנען געווען מיט דער פעסטער מיינונג, אַז דאָס קען ניט אָפּגעלייגט ווערן.

דער טאָג איז געקומען. ה׳ אייר תש״ח, דעם 14טן מאַי 1948, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די ישׂראל-דעקלאַראַציע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די זעלבסטשטענדיקייט פון מדינת ישׂראל. אַלע ייִדן אין דער וועלט האָבן מיט אַ שׂמחהדיק האַרץ זיך צוגעהערט צו בן גוריונס אויסרוף אין דער דעקלאַראַציע:

„אנו מכריזים בזאת על הקמת מדינה יהודית בארץ ישׂראל, היא מדינת-ישׂראל״ — מיט דעם פּראָקלאַמירן מיר דעם אויפשטעל פון אַ ייִדישער מדינה אין ארץ-ישׂראל און דאָס איז מדינת-ישׂראל.

וואָס ווייסן מיר וועגן מדינת ישׂראל?

א) נעם דעם „הר מירון“, דעם „כּנרת“, דעם „ים התיכון“, דעם „ים המלח“, דעם „ירדן“, און צעשטעל זיי (שריפֿטלעך) אויף די ריכטיקע ערטער, ווי למשל אַזוי: „דער באַרג „חרמון“ געפֿינט זיך אויף צפֿון-מזרח זײַט פֿון ישׂראל“.

ב) מיט וואָס איז ישׂראל אַ דעמאָקראַטיש לאַנד?

ג) וואָס מיינט „קיבוץ גלויות“?

ד) אַלט ירושלים און נײַ ירושלים, — מיט וואָס זײַנען זיי אַנדערש?

ה) אין ישׂראל זײַנען פֿאַראַן זייער אַלטע שטעט, טויזנטער יאָרן אַלט, — רעכנט אויס עטלעכע שטעט אַזעלכע און באַשרײַבט די היסטאָרישע פֿאַקטן, וואָס זיי דערמאָנען אײַך.

ו) יפֿו-תּל-אָבֿיבֿ איז שוין הײַנט איין גרויסע שטאָט, — וואָלט איר געקענט אויסגעפֿינען ווי אַלט ס׳איז יפֿו און ווי אַלט ס׳איז תּל-אָבֿיבֿ?

ז) וואָס פֿאַר אַ וויכטיקע געשעענישן דערמאָנען אײַך די נעמען: שמעון בר-כּוכבא, רבי עקיבֿא און ביתּר?

ח) די בילויִים זײַנען געווען די ערשטע חלוצים אין ישׂראל, — ווייסט איר פֿון וועלכן לאַנד זיי זײַנען געקומען און מיט וואָס זיי זײַנען געווען אַנדערש פֿון די עולים פֿאַר זיי?

ט) אין יאָר 1917 האָט ענגלאַנד אַרויסגעגעבן די „באַלפֿור דעקלאַראַציע“, — וואָלט איר געקענט דערקלערן פֿאַר וואָס מען רופֿט דאָס באַלפֿור-דעקלאַראַציע?

י) מיט 22 יאָר שפּעטער האָט ענגלאַנד אַרויסגעגעבן אַ פּאַפּיר, וואָס האָט אַרויסגערופֿן גרויס פֿאַרביטערונג בײַ די ייִדן אין ישׂראל און פֿאַר די ייִדן אין דער וועלט; — וואָס אַזעלכעס איז דאָס געווען?

זוכט און געפֿינט אויס:

ווער איז געווען דער ערשטער, צווייטער און דריטער פּרעזידענט פֿון מדינת ישׂראל? ווער איז געווען דער ערשטער פּרעמיער-מיניסטער פֿון מדינת ישׂראל און וועלכע פּרוי האָט פֿאַרנומען דעם העכסטן אַמט אין דער רעגירונג פֿון מדינת ישׂראל?

אַלטע ייִדישע ייִשובֿים אין אַזיע

שוין אין די גאָר אַלטע צײַטן האָבן ייִדן געוווינט אין פֿאַר־שיידענע טיילן פֿון אַזיע. פֿון תּנ״ך און פֿון דער געשיכטע ווייסן מיר, אַז אינעם יאָר 740 פֿאַר דער נײַער צײַט, האָבן די אַסירישע אַרמייען געהאַט אײַנגענומען בבֿל, אַררט און סיריע. די אַנדערע קלענערע מלוכות האָבן זיך אויסגעקויפֿט מיט צאָלן שטײַערן צו אַשור. אויך מלכות־ישׂראל האָט אַזוי געטאָן.

ווען הושע בן אלה איז געוואָרן דער מלך פֿון מלכות־ישׂראל, האָט ער געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט מצרים און אויפֿגעהערט צו צאָלן די שטײַערן צו אַשור. דאָס האָט דערצאָרנט דעם קיניג שלמנאסר און ער האָט געשיקט זײַנע אַרמייען אויף מלכות־ישׂראל און זי אײַנגענומען. די אײַנוווינערס פֿון שומרון און ישׂראל האָט

אַן אַשורישער מאָנומענט פֿון יאָר 825 פֿאַר דער ג. צ. וואָס ווײַזט ווי די ישׂראלים ברענגען צינזן צום קיניג שלמנאסר. (מוזיי אין לאָנדאָן).

ער אַוועקגעפֿירט אין ווײַטעווינקלען פֿון מעסאָפּאָטאַמיע און אויף זייער אָרט האָט ער באַזעצט מענטשן פֿון אַנדערע פֿעלקער.

דאָס איז געווען דער ערשטער גלות פֿון די צען שבֿטים. און אַזוי ווי מיר האָבן יאָרן לאַנג ניט געוווּסט וווּ די דאָזיקע ייִדן געפֿינען זיך, האָבן זיך דעריבער געשאַפֿן פֿאַרשיידענע וווּנדערלעכע לעגענדס וועגן די צען פֿאַרלוירענע שבֿטים.

מיט הונדערט און פֿינף און דרײַסיק יאָר שפּעטער, אינעם יאָר 586 פֿאַר דער נײַער צײַט, האָט בבֿל — וואָס האָט שוין באַהערשט אַסיריע — אײַנגענומען מלכות-יהודה, פֿאַרברענט דעם בית-המקדש אין ירושלים און אַוועקגעפֿירט מאַסן ייִדן קיין בבֿל.

אָט די אַלע פֿאַרטריבענע ייִדן פֿון מלכות-ישׂראל און מלכות-יהודה, האָבן געשאַפֿן נײַע ייִדישע ייִשובֿים אין די גלות-לענדער פֿון אַזיע און אַפֿריקע.

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל וועלן מיר זיך אויך באַקענען מיט דער געשיכטע פֿון די אַלטע ייִדישע שבֿטים אין אַזיע; וווּ און ווי אַזוי זיי האָבן געלעבט און ווי זיי דערנענטערן זיך איצט אויף דאָס נײַ צום ייִדישן פֿאָלק און צו דער ייִדישער מדינה.

וווּ געפֿינען זיך די פֿאַרלוירענע צען שבֿטים?

דער ענטפֿער איז אין תּנ״ך. אין ספֿר מלכים ב, קאַפּיטל יח, ווערט דערציילט:

„און דער מלך פֿון אַשור האָט פֿאַרטריבן ישׂראל
קיין אַשור, און האָט זיי אַוועקגעפֿירט אין חלח און
אין חבור בײַם טײַך גוזן, און אין די שטעט פֿון מדי״.

די דאָזיקע ערטער געפֿינען זיך אויף דרום-זײַט פֿון קאַספּישן ים, אין דעם הײַנטיקן לאַנד איראַן — פּערסיע. אין דער אַלטער צײַט האָט דאָס געמיינט „אין עק וועלט״. דורכצוגיין אַזאַ מהלך[1] האָט גענומען חדשים לאַנג און עס איז געווען פֿאַרבונדן מיט סכּנת-נפֿשות. און דערפֿאַר האָבן די פֿאַרטריבענע פֿון מלכות-ישׂראל פֿאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט די אַנדערע ייִדן אין דער וועלט.

---

[1] גאַנג.


אייראָפּע
רוסלאַנד
כינע
אינדיע
אַראַביע
פּערסיע
אינדישער אָקעאַן
אַפֿריקע
פיליפינען

נאָך מער אָפּגעזונדערט זײַנען געוואָרן די ייִדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער באַרגיקער געגנט פֿון קורדיסטאַן — אַ לאַנד וואָס איז געלעגן צווישן איראַן און איראַק; זיי זײַנען די קורדישע ייִדן. זיי ריידן נאָך אַפֿילו הײַנט, די אַראַמעיִשע שפּראַך, וואָס די ייִדן אין פּערסיע און בבֿל האָבן אַמאָל גערעדט.

בשכנות[1] פֿון קורדיסטאַן זײַנען שפּעטער צוגעקומען נײַע ייִדישע ייִשובֿים פֿון די פֿאַרטריבענע פֿון מלכות-יהודה. אַזוי אַרום האָבן די קורדישע ייִדן געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דער אַנטוויקלונג פֿון תּורה און מצוות, וואָס די חכמים האָבן געלערנט און אויסגעטײַטשט. אָבער די קורדישע ייִדן האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער; מיט באַזונדערע געוווינהייטן און טראַדי־ציעס און מיט אַ באַזונדערער שפּראַך. זיי האָבן געגלייבט, אַז זיי זײַנען די קינדער פֿון די צען שבֿטים, וואָס אשור האָט אַרויסגע־פֿירט פֿון מלכות-ישׂראל.

דער ערשטער ייִדישער רײַזנדער פֿון אייראָפּע, וואָס האָט באַזוכט די קורדישע ייִדן און געבראַכט פֿון זיי אַ לעבעדיקן גרוס, איז געווען ר׳ בנימין פֿון טודעלאַ (שפּאַניע). ער האָט אין 12טן יאָרהונדערט אַרומגערײַזט אין אַ סך לענדער פֿון אַזיע און אַפֿריקע און ער האָט אין זײַן טאָגבוך באַשריבן אַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט. „מסעות בנימין" — אַזוי הייסט זײַן טאָגבוך — און ער שרײַבט דאָרטן:

„אין די בערג פֿון ניסבור (קורדיסטאַן), לעבן פֿיר שבֿטים פֿון ישׂראל: דער שבֿט דן, דער שבֿט זבולון, דער שבֿט אשר און דער שבֿט נפֿתּלי. זיי שטאַמען פֿון ערשטן גלות, פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון שלמנאסר, דעם מלך פֿון אשור".

אין יענע יאָרן, נאָענט צו דער צײַט פֿון ר׳ בנימינס באַזוך אין קורדיסטאַן, האָט דוד אַלרואי אָרגאַניזירט אַן אויפֿשטאַנד קעגן דעם אַראַבישן קאַליף אין באַגדאַד. דוד אַלרואי איז געפֿאַלן אין קאַמף בעת ער האָט מיט זײַנע מענטשן אַטאַקירט די פֿעסטונג פֿון אַמאַדיאַ. ר׳ בנימין האָט דאָס באַשריבן אין זײַן בוך „מסעות".

---

[1] נאָענט.

אויך אַנדערע שרײַבערס האָבן פֿאַרצייכנט די דאָזיקע פּאַסירונג, אָבער דער אינהאַלט איז ניט אומעטום דער זעלבער. ר׳ שמואל אושקי, אַ פּאָרטוגעזישער ייִד, וואָס האָט געלעבט אין 16טן יאָר־הונדערט, דערציילט דאָס אַזוי:

דוד אלרואי — דער פֿאַלשער משיח

„אין דער שטאָט אַמאַדיאַ פֿון קורדיסטאַן, האָט געלעבט אַ קהל פֿון טויזנט ייִדישע משפּחות, וואָס זייער שפּראַך איז געווען תּרגום (אַראַמעיִש).

די דאָזיקע ייִדן, פֿון פּופֿצן יאָר און העכער, פֿלעגן צאָלן אַ יערלעכן קאָפּ־שטײַער פֿון אַ גאָלדענעם דוקאַט צו דעם קיניג. איז אין דער שטאָט אַמאַדיאַ אויפֿגעשטאַנען אַ ייִד מיטן נאָמען דוד אַלרואי און געזאָגט, אַז ער איז משיח. דער דאָזיקער דוד איז געווען אַ גרויסער קענער אין תּלמוד און אין אַנדערע חכמות — אַפֿילו כּישוף — און ער האָט צונויפֿגעזאַמלט אַ גרויסע עדה ייִדן און זיי געזאָגט, אַז ער איז משיח; גאָט האָט אים געשיקט אויסצולייזן זיי פֿון גלות און באַפֿרײַען ירושלים.

ווען דער קיניג האָט געזען די געפֿאַר פֿון אַן אויפֿשטאַנד, האָט ער אים מיט גוטע רייד פֿאַרבעטן אין פּאַלאַץ אַרײַן און ער האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז ס׳וועט אים קיין שלעכטס ניט געטאָן ווערן.

דוד אַלרואי איז געקומען אין פּאַלאַץ אַרײַן אָן פּחד.[1] דער מלך האָט אים זייער פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען און אים געפֿרעגט צי ס׳איז אמת, אַז ער איז דער משיח אויף וועמען ייִדן וואַרטן. דוד אַלרואי האָט מיט שטאָלץ געענטפֿערט, אַז ער איז דער משיח, און ווי אַ משיח — דאַרף אים דער קיניג באַהאַנדלען מיט דעם געהעריקן כּבֿוד.

דער חוצפּהדיקער ענטפֿער האָט אַרויסגערופֿן דעם קיניגס כּעס און ער האָט גלײַך אויפֿן אָרט באַפֿוילן, אַז מ׳זאָל אים אַרײַנוואַרפֿן אין תּפֿיסה. אָבער דוד אַלרואי האָט מיט עפּעס אַ געהיימען כּוח, צעריסן די קייטן פֿון זײַנע הענט און פֿיס און איז אַרויס פֿון תּפֿיסה ווי אַ „רואה ואינו נראה״ (ער קען זען און ניט געזען ווערן).

---

[1] שרעק.

האָט דער קיניג אַרויסגעשיקט רײַטערס, אַז זיי זאָלן אים צוריקברענגען אַ געפֿאַנגענעם. און דוד אַלרואי האָט זיך ווידער באַנוצט מיט זײַן קענטעניש פֿון כּישוף און ער איז אַרויס צום קיניגס מענטשן ווי אַ „רואה ואינו נראה״; זיי האָבן געהערט זײַן קול און אים ניט געזעען.

און אַז דער קיניג האָט געזען ווי הילפֿלאָז[2] ער איז קעגן דעם דאָזיקן ייִד, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו אַלע ייִדן פֿון זײַן מלוכה, אַז זיי מוזן ברענגען צו אים זייער משיח — אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן — און אויב ניט, וועלן זיי אומקומען דורך דער שווערד.

דער דאָזיקער באַפֿעל האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף די ייִדן אין קורדיסטאַן. זיי האָבן געשיקט ספּעציעלע שליחים צו דודן און אים געבעטן, אַז ער זאָל אויפֿגעבן זײַנע פּלענער און זיי ניט פֿאַר־שאַפֿן קיין נײַע אומגליקן; פֿאַר וואָס זאָל אַ גאַנצע עדה ייִדן דאַרפֿן אומקומען צוליב איין מענטש?... אָבער דוד האָט זיך צו זייער געבעט ניט צוגעהערט און ער האָט ווײַטער געזאַמלט אַרום זיך נײַע מענטשן נײַע אָנהענגערס.

און אַז די סכּנה איז געוואָרן גרעסער, די געפֿאַר, אַז טויזנטער אומשולדיקע ייִדן וועלן אומקומען דערנענטערט זיך, דאַן האָט דער אייגענער שווער זײַנער דורכגעשטאָכן דודס האַרץ בעת[3] ער איז געשלאָפֿן... און די ייִדן פֿון קורדיסטאַן זײַנען ניצול[4] געוואָרן פֿון אַ גרויסער צרה.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע געשיכטע האָט אין זיך אויך אַ סך פֿאַנטאַזיע, וואָס שרײַבערס און דערציילערס פֿלעגן צוגעבן. אָבער די מעשׂה האָט אויך אין זיך אַ געשיכטלעכן אמת. אַזאַ מענטש האָט טאַקע געלעבט און אומגעקומען אין קאַמף מיט די פּערסישע הערשערס. און דאָס ווײַזט אונדז, אַז די ייִדן פֿון יענעם אַלטן גלות האָבן קיין מאָל ניט אויפֿגעגעבן די האָפֿענונג אויסגעלייזט צו ווערן.

---

[2] ער קען גאָר ניט טאָן.

[3] אין דער צײַט.

[4] אָפּגעראַטעוועט.

די קורדישע ייִדן קומען צוריק צו זייער אַלטער היים

אין 19טן יאָרהונדערט, ווען די ייִדן אין רוסלאַנד האָבן גע־גרינדעט די חובֿבֿי־ציון באַוועגונג, איז דער געדאַנק פֿון שיבֿת־ציון אויך דערגאַנגען צו די באַרגיקע ייִדישע יישובֿים פֿון קור־דיסטאַן.

נאָך פֿאַר דער ערשטער עליה פֿון יאָר 1882, האָבן שוין אָנ־געהויבן קומען קורדישע ייִדן קיין ארץ־ישׂראל. זיי זײַנען געוואָרן טרעגערס, שטיינהאַקערס, בויערס און ערדאַרבעטערס.

מיטן אויפֿקום פֿון מדינת ישׂראל זײַנען כּמעט אַלע קורדישע ייִדן געקומען קיין ישׂראל. זיי האָבן געגרינדעט אייגענע דער־פֿער. און זיי האָבן אַפֿילו אַ דאָרף אויפֿן נאָמען פֿון דעם ייִדישן גיבור פֿון אַמאַדיאַ — דוד אַלרואי. די קורדישע ייִדן קען מען הײַנט זען אין ירושלים, טבֿריה, צפֿת און אין יפֿו.

מיט די קורדישע ייִדן זײַנען מקויים געוואָרן די ווערטער פֿון ישעיה הנבֿיא וואָס האָט געזאָגט: „והיה ביום ההוא... ובאו האובדים בארץ אשור...״ — און ס׳וועט זײַן אין דעם דאָזיקן טאָג... און ס׳וועלן קומען די, וואָס זײַנען פֿאַרלוירן גע־גאַנגען אין לאַנד פֿון אשור.

די ייִדן פֿון תּימן

תּימן (יעמען), איז אַן אַראַביש לאַנד, וואָס ליגט אויף דרום־מערבֿ זײַט פֿון אַזיע, בײַם אויסגוס פֿון ים־סוף.

העכער צוויי טויזנט יאָר האָבן ייִדן געלעבט אין תּימן. ווען און ווי אַזוי זיי זײַנען געקומען קיין תּימן און ווי אַזוי זיי האָבן דאָרטן געלעבט — איז אויך אײַנגעהילט אין פֿאַרשיידענע לע־גענדעס. אָבער אַז מיר וועלן אַרויסנעמען די געשיכטלעכע פֿאַקטן פֿון די לעגענדעס, וועלן מיר האָבן פֿאַר זיך אַ קלאָר בילד.

נאָך דעם ערשטן חורבן, ווען נבֿוכדנצר דער מלך פֿון בבֿל האָט אײַנגענומען ירושלים און פֿאַרברענט דעם בית המקדש (586 פֿ. ד. נ. צ.), זײַנען אַ סך ייִדן אַוועקגעפֿירט געוואָרן קיין בבֿל. יהודה איז געבליבן צעשטערט און וויסט. אַפֿילו די ייִדן, וואָס זײַנען ווײַטער געבליבן זיצן אין לאַנד, האָבן כּסדר געלעבט מיט

שרעק און אָרעמקייט. האָט מען אָנגעהויבן וואַנדערן און געזוכט א נײַעם ווינקל וווּ מען קען לעבן רויִק און זיכער. אַזעלכע וואַנדערנדיקע משפּחות זײַנען אָנגעקומען קיין מצרים, קיין ליביע, קיין פּערסיע און אויך קיין תּימן.

די ערשטע צײַטן איז דאָס לעבן אין תּימן געווען רויִק און שטיל. די ייִדישע וואַנדערערס האָבן דאָרטן אויפֿגעשטעלט זייערע געצעלטן און געלעבט במנוחה.[1] און אַז ס'איז געווען גוט, זײַנען געקומען מער ייִדן און דער ייִשובֿ אין תּימן איז אויסגעוואַקסן.

ס'איז אַפּילו געווען אַ צײַט, ווען די ייִדן אין תּימן האָבן געלעבט אונטער אַן אייגענער מלוכה, וואָס האָט עקסיסטירט יאָרן לאַנג. די השפּעה, וואָס די ייִדן האָבן געהאַט אויף זייערע אַראַבישע שכנים איז געווען אַ גרויסע און פֿיל אַראַבער האָבן אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן. אויך דער הערשער פֿון דעם האַלב-אינדזל תּימן, דו-נאָוואַס, איז אַריבער צו דער ייִדישער אמונה. דאָס האָט דעמאָלט זייער שטאַרק אויפֿגערעגט[2] דעם קריסטלעכן קיניג פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ער האָט אָנגערייצט די קריסטלעכע עטיאָפּיער אַנצופֿאַלן אויף תּימן. דו-נאָוואַס האָט ניט געוואָלט אַרײַנפֿאַלן אַ לעבעדיקער אין זייערע הענט און ער האָט זיך אַליין גענומען דאָס לעבן. דאָס האָט פּאַסירט אינעם יאָר 525 פֿון דער נײַער צײַט-רעכענונג.

שלעכטע צײַטן זײַנען אָנגעקומען פֿאַר די ייִדן אין תּימן אין אָנהייב פֿון 7טן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען די צײַט ווען דער אַראַבישער נבֿיא מאַכמעד האָט מיטן כּוח פֿון פֿײַער און שווערד געצוווּנגען אָנצונעמען זײַן נײַע רעליגיע. מאַכמעדס מענטשן האָבן באַלאַגערט די ייִדישע שטאָט צנעה, וווּ זיי האָבן אָנגעטראָפֿן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד פֿון די ייִדן. ערשט ווען מאַכמעד אַליין איז אָנגעקומען מיט זײַן רײַטער-אַרמיי, איז די שטאָט געפֿאַלן. פֿאַר די תּימנער ייִדן איז דאָס געווען דער שרעקלעכסטער חורבן אין זייער געשיכטע, ווײַל פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיי פֿאַרלוירן אַלע מענטשלעכע פֿרײַהייטן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿינצטערע תּקופֿה פֿון צרות, פֿון גזירות, פֿון דערנידערונג און אָרעמקייט.

---

[1] אין רו [2] אין כּעס געמאַכט.

אין די אָפּגעלאָזטע אָרעמע געטאָס, האָבן די תּימנער יִידן געאַרבעט און געלערנט. כּמעט אַלע יִידן האָבן געלעבט אַ פֿרום יִדיש לעבן. עס זײַנען פֿון זיי אַרויסגעקומען גרויסע געלערנטע און רעליגיעזע דיכטערס. אַ באַרימטער תּימנער משורר איז געווען ר׳ שלום שבזי. זײַן פּאָעזיע האָבן די תּימנער יִידן אַרײַנגענומען אין זייערע תּפֿילות.

די תּימנער יִידן האָבן ניט געהאַלטן פֿון רבנו גרשומס חרם,[1] אַז מען טאָר ניט נעמען מער ווי איין ווײַב, זיי פֿלעגן האָבן עט־לעכע ווײַבער. אַלע פֿלעגן אַרבעטן. שווער אַרבעטן. אַפֿילו די רבנים — די חכמי תּימן, האָבן שווער געאַרבעט פֿאַר דעם אָרע־מען לעבן. זיי זײַנען דאָרטן געווען זילבערשמידן, גאָלדשמידן, סטאָליערס, שוסטערס, טרעגערס, שטיינהאַקערס און פּאָרט־אַר־בעטערס.

די תּימנער יִידן קומען קיין ישׂראל

די גרויסע אָרעמקייט, רעכטלאָזיקייט און באַליידיקונגען, וואָס די תּימנער יִידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פֿון דער דאָרטיקער מאַכט, האָט בײַ זיי געשטאַרקט דעם גלויבן אין ביאת המשיח, אַז משיח וועט קומען און זיי אויסלייזן פֿון גלות. אין תּימן האָבן זיך אַפֿילו באַוויזן פֿאַלשע משיחים, וואָס האָבן צוגעזאָגט אויס־צולייזן זיי פֿון דעם שווערן לעבן און ברענגען זיי קיין ארץ־ישׂראל. עס איז פֿאַראַן אַ באַוווּסטער בריוו, וואָס דער רמב״ם האָט גע־שיקט צו די תּימנער יִידן פֿון מצרים, און ער שרײַבט צו זיי, אַז זיי זאָלן ניט נאָכגיין די פֿאַלשע משיחים.

אין די אַכציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען די ערשטע ביל״ויִים קיין ארץ־ישׂראל, האָט זיך בײַ די תּימנער יִידן פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז משיח איז געקומען קיין ארץ־ישׂראל און מע גייט דאָרטן אויפֿבויען דעם דריטן בית־המקדש. די דאָזיקע נײַעס האָט זיך געטראָגן פֿון מויל צו מויל, באַגלייט מיט פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות און לעגענדעס. פֿערציק משפּחות האָבן זיך צונויפֿגענומען און זיך אַרויסגעלאָזט אויף דעם לאַנגן געפֿערלעכן וועג קיין ארץ־ישׂראל.

---

[1] פֿאַרבאָט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז משיחן האָבן זיי אין ארץ־ישׂראל ניט געפֿונען. זיי האָבן געפֿונען אַן אָרעם לאַנד, וואָס איז נאָך געשטאַנען וויסט און פֿאַרלאָזן. אָבער זיי האָבן זיך ניט געקלאָגט און צו קיינעם ניט געהאַט קיין טענות. זיי האָבן דאָס אָנגענומען פֿאַר ליב און טײַער און אויף אַלץ געענטפֿערט מיטן „ברוך השם" — געבענטשט איז זײַן נאָמען...

די תימנער ייִדן זײַנען גוטע און שווערע אַרבעטערס. זיי האָבן געאַרבעט און אַרבעטן בײַ אַלערליי שוואַרצער אַרבעט און דער „ברוך השם" זייערער איז געוואָרן לעבעדיקער און פֿרייִלעכער. מיט דער צײַט, האָבן זיך שוין פֿיל אַנדערע משפּחות אַוועקגעלאָזט אין וועג אַרײַן קיין ארץ־ישׂראל און די תימנער האָבן זיך אָנגעהויבן אָנזעצן אין לאַנד.



אַ תימנער חדר מיט זייער מלמד.

נאָך דער פּראָקלאַמירונג פֿון מדינת ישׂראל, האָט די ישׂראל רעגירונג, צוזאַמען מיט דעם אַמעריקאַנער „דזשאָינט" אויסגעאַר־בעט אַ פּלאַן אַריבערצוּבערענגען אַלע ייִדן פֿון תּימן קיין ישׂראל — אַן אמתער יציאת תּימן. יעדע וואָך האָט אַ פּליִענדיקער „צויבער־טעפּיך" (אַזוי האָבן די תּימנער אַ נאָמען געגעבן די עראָפּלאַנען) געבראַכט הונדערטער עולים קיין ישׂראל. די תּימנער האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ נס מן השמים.

די תּימנער ייִדן אין ישׂראל זײַנען ניצלעכע און אַרבעטזאַמע מענטשן. צווישן זיי זײַנען פֿאַראַן געלערנטע מענטשן, קענערס פֿון תּנ"ך און תּלמוד. מ'קען זיי לײַכט דערקענען, ווײַל זיי זײַנען טונקל־הויטיקע, מאָגערע, און אַ סך פֿון די תּימנער מענער און ייִנגלעך האָבן לאַנגע געקרויזלטע פּאות.

די ייִדן פֿון קאַווקאַז און גרוזיע אין מיטל־אַזיע

קאַווקאַז געהערט הײַנט צו דעם אַזיאַטישן טייל, וואָס איז אין רוסלאַנד. דאָס ליגט צווישן קאַספּישן ים און שוואַרצן ים, נאָענט צו איראַן. אין די גאָר אַלטע צײַטן איז דאָרטן געווען דאָס לאַנד „אררט". אין חומש בראשית ווערט דערציילט, אַז נחס תּבֿה איז געבליבן שטיין אויף די בערג פֿון „אררט". די בערג פֿון „אררט" זײַנען הײַנט די קאַווקאַזער בערג.

אויף מזרח־זײַט און אויף מערבֿ־זײַט פֿון די קאַווקאַזער בערג, זײַנען פֿאַראַן אַלטע ייִדישע ייִשובֿים פֿון קאַווקאַזער ייִדן און גרוזינער ייִדן — (דער מערבֿ־טייל פֿון קאַווקאַז איז גרוזיע). און אויף דער צווייטער זײַט פֿון קאַספּישן ים, בײַ די גרענעצן פֿון איראַן און אַפֿגאַניסטאַן — איז דאָס רוסישע בוכאַרע־לאַנד. אויך דאָרטן האָט עקסיסטירט אַן אַלטער ייִשובֿ פֿון בוכאַרער ייִדן.

די ייִדן פֿון די דאָזיקע ייִשובֿים האָבן אַ טראַדיציע, אַז זיי שטאַמען פֿון די עשׂרת השבֿטים. און דאָס קען אויך זײַן ריכטיק, ווײַל דער טייל אַזיע איז אין די אַלטע צײַטן געווען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון אַשור און פּערסיע. די ייִדן וואָס אַשור האָט פֿאַר־טריבן זײַנען ניט געבליבן זיצן שטענדיק אויף איין אָרט; זיי האָבן געוואַנדערט צו די געגנטן פֿון אררט, ווו זיי האָבן געקענט לעבן פֿרײַ און זיכער אַרום די דאָרטיקע בערג — די בערג פֿון קאַווקאַז.

דער רייזנדער ר׳ בנימין פֿון טודעלאָ האָט באַזוכט די קאַווקאַזער און בוכאַרער ייִדן אין 12טן יאָרהונדערט און ער דערציילט, אַז די דאָזיקע ייִדן האַלטן אָן פֿאַרבינדונגען מיט די ייִדן אין באַגדאַד — די הויפּטשטאָט פֿון אַלטן בבֿל — און זיי אָנערקענען די אויטאָריטעט פֿון דעם באַגדאַדער ראש־הגולה.

וועגן די בוכאַרער ייִדן שרייבט ר׳ בנימין: „אין דער שטאָט כיווא פֿון בוכאַרע, לעבן אַכט טויזנט ייִדן. כיווא איז אַ גרויסע האַנדלס־שטאָט און ס׳קומען אַהין מענטשן מיט סחורות פֿון די אַרומיקע פֿעלקער. פֿון כיווא איז פֿינף טעג גאַנג ביז דער שטאָט סאַמאַרקאַנד. דאָרטן זײַנען שוין דאָ אַרום פֿופֿציק טויזנט ייִדן. ר׳ עובֿדיה איז זייער נשיא. און ס׳זײַנען דאָ בײַ זיי גרויסע חכמים און גבֿירים; און פֿון דער שטאָט סאַמאַרקאַנד איז פֿיר טעג גאַנג ביז טיבעט״.

אַ רוסישער שרײַבער, וואָס האָט באַזוכט די ייִדן אין קאַווקאַז אין סוף 19טן יאָרהונדערט, דערציילט אונדז אין זײַנע שריפֿטן, אַז די דאָרטיקע ייִדן זײַנען שטאַרקע און העלדישע מענטשן. זיי האָבן פֿעלדער און ווײַנגערטנער און פֿיטערן שאָף און רינדער. יעדער איינער טראָגט געווער און אַ סך פֿון זיי פֿאַרנעמען זיך מיט יעגערײַ. לעבן בית־המדרש איז פֿאַראַן אַ חדר פֿאַר ייִנגלעך; דער רבי און די ייִנגלעך זײַנען אויסגעזעצט אויף דער ערד, שאָקלען זיך און לערנען תּורה אויף אויסנווייניק.

בוכאַרער און קאַווקאַזער ייִדן קומען קיין ישׂראל

דאָס לאַנד פֿון זייערע אָבֿות איז אויפֿגעהיט געוואָרן אין זייער זכּרון. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן קומען צו זיי שליחים פֿון ארץ־ישׂראל און זיי האָבן מיט ליבע און נײַגעריקייט[1] אויפֿגעכאַפּט די לעבעדיקע גרוסן פֿון דעם הייליקן לאַנד.

ווען בוכאַרע און קאַווקאַז זײַנען אין 19טן יאָרהונדערט אײַנגענומען געוואָרן פֿון צאַרישן רוסלאַנד, האָט זיך פֿאַר די דאָזיקע ייִדן געעפֿנט אַ נײַער וועג צו די מער אַנטוויקלטע ייִדישע קהילות אין דעם אייראָפּעיִשן רוסלאַנד. זיי האָבן זיך דאָן דערוווּסט, אַז די

---

[1] אינטערעס.

יִדן גרייטן זיך אויפֿצולעבן ארץ־ישׂראל מיט עליה און קאָלאָניזאַציע. די דאָזיקע אידעע האָט בײַ זיי אויפֿגעוועקט די אַלטע בענקשאַפֿט צו ציון און פֿיל משפּחות זייערע זײַנען אַנגעקומען קיין ארץ־ישׂראל.

אין 1917, בײַם סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אין רוסלאַנד פֿאָרגעקומען אַ גרויסע רעוואָלוציע; מ'האָט אַראָפּגעזעצט דעם „צאַר"[1] און ס'איז געוואָרן אַ קאָמוניסטישע רעגירונג מיט אַ דיקטאַטור. ציוניזם און פֿאַרבינדונגען מיט יִדן אין דער וועלט, איז געוואָרן פֿאַרבאָטן. עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן „אײַזערנער פֿאָרהאַנג" איבער די יִדן פֿון רוסלאַנד. ס'איז איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט מיט די יִדן אין רוסלאַנד און אויך פֿון די קאַווקאַזער און גרוזינער יִדן — האָבן מיר מער ניט געהערט.

צײַטן אָבער בײַטן זיך; עס זײַנען אָנגעקומען נײַע צײַטן אין רוסלאַנד און די דיקטאַטור איז געוואָרן אַ ביסל מילדער. דאָס האָט דערמוטיקט די רוסישע יִדן אויסצודריקן זייער פֿרייד מיט מדינת ישׂראל און זייער פֿאַרלאַנג צו קענען עולה זײַן קיין ישׂראל. די יִדן אין דער פֿרײַער וועלט האָבן געשטיצט און געהאָלפֿן דעם דאָזיקן פֿאַרלאַנג. זיי האָבן אַפּילירט צו רוסלאַנד און צו אַלע פֿרײַע לענדער, אַז מען זאָל דערלויבן די יִדן אַרויסצופֿאָרן פֿון רוסלאַנד. אַ ביסל האָט דאָס געהאָלפֿן; צענדליקער טויזנטער פֿון די רוסישע יִדן געפֿינען זיך שוין איצט אין ישׂראל, און צוזאַמען מיט זיי — אויך די גרוזינער יִדן.

דורך די אַלע יאָרן אונטער דעם קאָמוניסטישן רעזשים וואָס רעליגיע און יִדישע דערציִונג איז געוואָרן באַקעמפֿט — זײַנען די גרוזינער יִדן נאָך אַלץ געבליבן געטרײַ צו זייערע יִדישע טראַדיציעס. איצט, ווען די וועגן פֿון ציון זײַנען פֿאַר זיי אָפֿן, קומען זיי צוריק צו זייער אַלטער היים פֿון וואַנען זייערע אור־עלטערן זײַנען מיט קאַרגע דרײַ טויזנט יאָר צוריק, פֿאַרטריבן געוואָרן.

[1] רוסישער קייסער.

ייִדן אין פּערסיע און אין בבֿל (איראַק)

אין דער איצטיקער צײַט, פֿאַרנעמען ניט די דאָזיקע לענדער קיין אָנגעזען אָרט אין דער וועלט. אויך ניט אין דער ייִדישער וועלט.

אין פּערסיע, ווו די פּאָליטישע לאַגע פֿאַר די ייִדן איז ניט אַזוי שלעכט, לעבן הײַנט אַרום אַכציק טויזנט ייִדן; אָריענטאַ־

אַ ייִד פֿון איראַק (דאָס אַלטע בבֿל), אין ישׂראל.

לישע יידן, וואָס ציען זייער יחוס[*] פֿון גלות בבֿל און יידן, וואָס זיינען שפּעטער אָנגעקומען פֿון אנדערע לענדער.

אין איראַק — דאָס אַמאָליקע בבֿל, ווו ס'איז ביז לעצטנס נאָך געווען אַ גרעסערער יידישער ישוב, ווינען היינט אַרום צוויי טויזנט יידן. כמעט אַלע יידן פֿון איראַק האָבן אויסגעוואַנדערט קיין ישׂראל נאָך דער באַגיינונג פֿון מדינת ישׂראל. די יידן, וואָס געפֿינען זיך נאָך אין דעם אַראַבישן לאַנד איראַק, לעבן דאָרטן אונטער זייער שרעקלעכע באַדינגונגען.

אין אונדזער אַלטער געשיכטע האָבן בבֿל און פּערסיע פֿאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פֿון דעם יידישן פֿאָלק. דאָרטן האָבן די יידן זיך דערווייטערט פֿון די פֿרעמדע השפּעות און האָבן אַנטוויקלט אַן אייגענעם לעבנס-שטייגער; אַ שטייגער פֿון לערנען, פֿון מצוות און טראַדיציעס און פֿון מאָראַל און עטיק.

די ערשטע יידן אין בבֿל

די גרויסע אַשורישע אימפּעריע, וואָס האָט צעשטערט מלכות-ישׂראל, איז באַזיגט געוואָרן פֿון בבֿל אינעם יאָר 606 פֿאַר דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג. דעמאָלט איז מלכות יהודה אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער הערשאַפֿט פֿון בבֿל און געמוזט צאָלן אַ יערלעכן שטייער.

ס'זיינען אַוועק דריי יאָר און יהויקים, דער מלך פֿון יהודה, האָט אָפּגעשטעלט די שטייערן צו בבֿל. דערווייל איז יהויקים געשטאָרבן און זיין זון יהויכין איז געוואָרן דער נייער מלך. אויך ער, האָט ניט געוואָלט צאָלן שטייערן צו בבֿל.

נבֿוכדנאצר דער קיניג פֿון בבֿל האָט געשיקט אַן אַרמיי קיין יהודה און באַלאַגערט די שטאָט ירושלים. און אַז יהויכין האָט געזען ווי שוואַך יהודה איז קעגן אַזאַ גרויסער אַרמיי, איז ער אַרויס מיט זיין מוטער צו דעם לאַגער פֿון שונא, כּדי צו דערקלערן

[*] באַרימטן אָפּשטאַם.

יהודהס אונטערטעניקייט.[1] אָבער נבֿוכדנאצר האָט געבערענט פֿון פּעם און ער האָט באַפֿוילן אַוועקצושיקן יהויכינען מיט זײַן מוטער קיין בבֿל. צוזאַמען מיט דער קיניגלעכער משפּחה, זײַנען דעמאָלט פֿאַרשיקט געוואָרן אַרום צען טויזנט אָנגעזעענע אײַנוווינערס פֿון ירושלים און צווישן זיי איז אויך געווען דער נבֿיא יחזקאל.

דאָ האָבן מיר די ערשטע פֿאַרטריבענע ייִדן פֿון יהודה קיין בבֿל. מיט פֿופֿצן יאָר שפּעטער, האָט יהודה זיך גענומען גרייטן צו אַן אויפֿשטאַנד קעגן בבֿל. דער נבֿיא ירמיהו, וואָס האָט גע־לעבט אין יענער צײַט, האָט געוואָרנט דעם מלך צדקיהו קעגן אַזאַ אויפֿשטאַנד, וואָס קען ברענגען צו אַ פֿולן חורבן.[2] דער מלך צדקיהו האָט זיך ניט צוגעהערט צום נבֿיאס רייד. ער האָט דערקלערט, אַז יהודה רײַסט זיך אָפּ פֿון בבֿל און אויפֿגעהערט צו שיקן די שטײַערן.

און ווידער האָט נבֿוכדנאצר אַרײַנגעשיקט זײַנע אַרמייען און באַלאַגערט ירושלים. די באַפֿעלקערונג פֿון שטאָט האָט זיך גע־גרייט מיט געווער, זי האָט זיך פֿאַרטיידיקט מיט העלדישקייט, אָבער די שטאָט האָט לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטן די באַלאַגע־רונג, ווײַל ירושלים האָט ניט געהאַט גענוג שפּײַז. די באַפֿעל־קערונג און די אַרמיי איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און נבֿוכדנאצרס אַרמייען האָבן דורכגעבראָכן די מויערן פֿון שטאָט. ירושלים איז חרובֿ געוואָרן, דער בית המקדש איז פֿאַרברענט געוואָרן, דער מלך צדקיהו איז שרעקלעך געפּײַניקט געוואָרן, און צענדליקער טויזנטער ייִדן זײַנען געפֿירט געוואָרן געפֿאַנגענע קיין בבֿל. דאָס איז געשען אינעם יאָר 586 פֿאַר דער קריסטלעכער צײַט־רעכע־נונג.

ווען די ייִדן זײַנען געקומען קיין בבֿל, האָבן זיי זיך גרופּירט מיט אייגענע און נאָענטע, לויט די משפּחות און לויט די ערטער פֿון וואַנען זיי זײַנען געקומען. אין דעם פֿרעמדן לאַנד איז מען געוואָרן נענטער איינער צום אַנדערן, געהאַלטן זיך צוזאַמען, און אויף אַזאַ אופֿן זײַנען אויפֿגעקומען די ערשטע ייִדישע יישובֿים אין בבֿל.

---

[1] זיי גיבן זיך אונטער. [2] אונטערגאַנג, צעשטערונג.

דער נבֿיא ירמיהו קלאָגט אויפֿן חורבן (פֿון אַן אַלט בילד).

אַ נײַער לעבנס־שטייגער

אין בבֿל האָט זיך גענומען ענדערן [1] דער לעבנס-שטייגער מיט וועלכן די ייִדן האָבן געלעבט אין יהודה. ווען דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען, האָט מען געדינט גאָט מיט קרבנות, און אין בבֿל האָט מען שוין אָנגעהויבן דינען גאָט מיט תּפֿילות. שבת איז געוואָרן אַ הייליקער טאָג פֿון תּפֿילה און פֿאַרזאַמלונגען; מ'האָט געלייענט טיילן פֿון דער תּורה, און די נבֿיאים אָדער סופֿרים — די געלערנטע, האָבן גערעדט צו די פֿאַרזאַמלטע און זיי געטרייסט. די דרײַ סעזאָן־ימים־טובֿים: פּסח, שבֿועות און סוכּות, וואָס פֿלעגן אויך געפֿײַערט ווערן מיט קרבנות אין בית־המקדש, זײַנען אין בבֿל געפֿײַערט געוואָרן מיט היסטאָרישע סימבאָלן און מיט אַ זכר למקדש.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער נײַער לעבנס-שטייגער פֿון די ייִדן אין גלות; זיי האָבן דאָרטן געבויט הײַזער, געפֿלאַנצט גערטנער, — ווי דער נבֿיא ירמיהו האָט זיי געבעטן צו טאָן. אָבער די בענקשאַפֿט צו זייער היימלאַנד — האָבן זיי קיין מאָל ניט אויפֿגעגעבן.

דער נבֿיא יחזקאל מיט די פֿאַרטריבענע אין בבֿל

יחזקאל איז געווען צווישן די געפֿאַנגענע, וואָס זײַנען פֿאַרשיקט געוואָרן קיין בבֿל מיט דעם מלך יהויכין, עלף יאָר פֿאַר דעם חורבן ירושלים. אין בבֿל האָט ער אָנגעהויבן זײַנע ערשטע נבֿיאות. ווי דער נבֿיא ירמיהו, האָט ער אויך געוואָרנט די אײַנוווינערס פֿון ירושלים, אַז זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן פֿון דעם אויפֿשטאַנד קעגן בבֿל. זײַנע ערשטע נבֿיאות זײַנען געווען רייד פֿון שטראָף און חורבן.

נאָך דעם חורבן ירושלים, ווען די צווייטע גרופּע פֿאַרטריבענע איז אָנגעקומען קיין בבֿל, דאַן איז יחזקאל געוואָרן דער נבֿיא פֿון טרייסט. ער האָט זײַנע טרייסט-ווערטער געשילדערט מיט פּאָעטישע וויזיעס און משלים. איינע פֿון זײַנע וווּנדערלעכע וויזיעס איז וועגן די טרוקענע ביינער:

---

[1] טוישן, ווערן אַנדערש.

יחזקאל זעט אַ פֿעלד מיט צעוואָרפֿענע טרוקענע ביינער פֿון מענטשן, און עס הערט זיך אַ פֿראַגע: — וועלן די דאָזיקע ביינער ווידער לעבעדיק ווערן?... און אָט זעט דער נבֿיא דעם ווונדער ווי די ביינער דערנענטערן זיך צו די ריכטיקע ערטער; ווערן אָנגעפֿילט מיט פֿלייש און הויט; עס גייט אַרײַן אין זיי אַ לע־בעדיקער אָטעם; זיי ווערן לעבעדיק און שטעלן זיך אויף זייערע פֿים — זייער אַ גרויסע מחנה... און דער נבֿיא הערט גאָטס שטים:

— „בן אדם! די דאָזיקע ביינער זײַנען דאָס גאַנצע הויז פֿון ישׂראל. זע, זיי (די געפֿאַנגענע) זאָגן: — אונדזערע ביינער זײַנען אויסגעטריקנט, אונדזער האָפֿענונג פֿאַרניכטעט, מיר זײַנען פֿאַרלאָרן. דערום זאָג נבֿיאות און זאָג צו זיי, אַזוי זאָגט דער האַר גאָט, איך וועל אויפֿמאַכן אײַערע קבֿרים און אײַך אַרויפֿ־ברענגען פֿון די קבֿרים און אַרײַנברענגען אין לאַנד פֿון ישׂראל. און איך וועל געבן מײַן גײַסט אין אײַך און איר וועט לעבעדיק ווערן און איך וועל אײַך מאַכן רוען אויף אײַער אייגן לאַנד, און איר וועט וויסן, אַז איך גאָט האָב עס גערעדט, און האָב דאָס אויך געטאָן".

שיבת ציון

נאָך נבֿוכדנאצרס טויט איז די באַבילאָנישע אימפּעריע אָפּ־געשוואַכט געוואָרן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אינערלעכע רײַסע־רײַען אַרום דעם קיניגלעכן טראָן, און אין דער זעלבער צײַט איז אויפֿגעקומען אַ נײַע מאַכט, אַ נײַע אימפּעריע — די אימפּעריע פֿון דעם מיזרחדיקן לאַנד פּערסיע.

אין דעם דאָזיקן לאַנד איז אַרויף אויפֿן טראָן אַ יונגער קיניג מיטן נאָמען כּורש. ער האָט אין זייער אַ קורצער צײַט אײַנגענומען און פֿאַראייניקט מיט זײַן לאַנד, טיילן פֿון קליין־אַזיע און דאָס האָט דערפֿירט צו אַ מלחמה מיט בבֿל.

די ידיעות וועגן כּורשעס דערנענטערן זיך צו בבֿל, האָט בײַ ייִדן אַרויסגערופֿן אַ צופֿרידענע שטימונג; זיי האָבן געהערט, אַז ער באַציט זיך גוט צו די באַזיגטע פֿעלקער און ער איז זייער טאָלעראַנט[1] צו זייערע באַזונדערע רעליגיעס און קולטורן.

[1] רעספּעקטירט.

אַ גרויסער נבֿיא, וואָס האָט אין יענער צײַט געלעבט צווישן די ייִדן אין בבֿל, ישעיה דער צווייטער, האָט געזען אין כּורשן אַ געטלעכע שליחות, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו באַפֿרײַען די פֿאַרטריבענע פֿון בבֿל. אין ספֿר ישעיה פֿון תּנ"ך, קאַפּיטל מה, זאָגט דער נבֿיא ישעיה:

„אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו זײַן געזאַלבטן, צו כּורשן, וואָס איך האַלט אים בײַ זײַן רעכטע האַנט, כּדי צו מאַכן אונטערטעניק פֿאַר אים פֿעלקער. איך וועל גיין פֿאַר דיר פֿאָרויס, און קרומע ערטער וועל איך אויסגלײַכן; קופּערנע טירן וועל איך צעברעכן, און אײַזערנע ריגלען וועל איך צעהאַקן... פֿון וועגן דעם קנעכט מײַנעם יעקבֿ, און ישׂראל מײַן אויסדער־וויילטן, האָב איך דיך גערופֿן בײַ דײַן נאָמען, דיך באַטיטלט (גרויס געמאַכט) אַפֿילו ווען דו האָסט מיך ניט געקענט".

ווען כּורשעס אַרמייען האָבן זיך דערנענטערט צו דער הויפּט־שטאָט בבֿל, איז דער באַבילאָנישער קיניג בלשאצר געווען זיכער, אַז כּורש וועט ניט קענען אײַננעמען די מויערן פֿון שטאָט. ער איז זיך געזעסן גאַנץ רויִק אין זײַן פּאַלאַץ און זיך געלאָזט ווילגיין מיט פֿריילעכע מאָלצײַטן. אין דעם ספֿר דניאל, קאַפּיטל ה, ווערט דערציילט:

„דער מלך בלשאצר האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָל־צײַט פֿאַר טויזנט פֿון זײַנע גרויסע לײַט. ער האָט באַפֿוילן צו ברענגען די גאָלדענע און זילבערנע כּלים, וואָס זײַן פֿאָטער נבֿוכדנאצר האָט אַרויסגענומען פֿון בית־המקדש. זיי האָבן געטרונקען ווײַן און געלויבט די געטער פֿון גאָלד און זילבער, פֿון קופּער, אײַזן, האָלץ און שטיין. אין דער אייגענער שעה זײַנען אַרויס פֿינ־גער פֿון אַ מענטשנס האַנט און האָבן געשריבן אויף דער וואַנט. דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע שרעק. קיי־נער פֿון דעם מלכס חכמים און שטערנזעערס האָבן ניט געקענט לייענען די שריפֿט פֿון דער וואַנט. האָט מען

געשיקט רופֿן דעם ייִדישן חכם דניאל און ער האָט
געלייענט: **מנה מנה תקל ופרסין**, — געציילט, אָפּ-
געוווויגן און צעטיילט... און ער האָט דאָס דערקלערט:
געציילט זײַנען די טעג פֿון דײַן הערשאַפֿט; אָפּגע-
וווייגן געוואָרן זײַנען דײַנע מעשׂים; און צעטיילט
וועט ווערן דײַן מלוכה צו פּרס און מדי".

די נבֿואה איז מקוים געוואָרן; אין דער זעלבער נאַכט איז בלשאצר געהרגעט געוואָרן און די פּערסישע אַרמייען האָבן פֿאַרנומען די שטאָט.

דער מלך כּורש, וואָס האָט שוין איצט געהערשט איבער בבֿל, איז געווען פֿרײַנדלעך צו די ייִדן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף, אַז די ייִדן וואָס ווילן זיך אומקערן קיין יהודה, זײַנען פֿרײַ זיך אומצוקערן צו זייער היימלאַנד און ווידער אויפֿבויען די חרובֿע שטאָט ירושלים און דעם בית־המקדש. ער האָט אויך באַפֿוילן צוריקגעבן די הייליקע כּלים פֿון בית־המקדש און העלפֿן די עולים מיט אַלץ, וואָס זיי דאַרפֿן אין זייער וועג.



די דעקלאַראַציע פֿון מלך כּורש, וואָס ער האָט אין יאָר 538 פֿאַר דער ג. צ. אַרויסגעגעבן צו די ייִדן אין בבֿל, אַז זיי קענען צוריקגיין קיין יהודה און אויפֿריכטן זייער חרובֿע היים.

אַ מחנה[1] פֿון אַרום פֿופֿציק טויזנט ייִדן זײַנען געווען די ערשטע עולים פֿון בבֿל קיין יהודה. בראש פֿון די עולים איז געווען דער פּרינץ זרובבֿל, אַן אייניקל פֿון מלך יהויכין, און דער כּהן יהושע בן יהוצדק, אַן אייניקל פֿון דעם ירושלימער כּהן גדול שריה, וואָס איז געטויט געוואָרן דורך נבֿוכדנאצרן.

דאָס איז געווען די ערשטע עליה פֿון די גולי בבֿל, אָבער די מערהייט ייִדן פֿון בבֿל איז פֿרײַוויליק[2] געבליבן וווינען אין לאַנד. זיי האָבן דאָרטן געבויט הײַזער, פֿאַראַקערט פֿעלדער, פֿאַרפֿלאַנצט גערטנער, דערצויגן משפּחות, און ס׳איז פֿאַר זיי געווען שווער דאָס צו פֿאַרלאָזן.

ווען עזרא הסופֿר האָט מיט 79 יאָר שפּעטער אָרגאַניזירט אַ צווייטע גרופּע עולים, האָבן זיך אָפּגערופֿן נאָר אַרום פֿופֿצן הונ־דערט מענער. און דאָס ווײַזט אונדז, אַז די ייִדישע ייִשובֿים זײַנען שוין געווען גוט פֿאַרוואָרצלט אין דער פּערסישער אימ־פּעריע און דער חשק[3] צו פֿאַרלאָזן זייער נײַע גלות־היים איז שוין ניט געווען קיין גרויסער.

אונטער פּערסישער הערשאַפֿט

ווען בבֿל איז געוואָרן אַ פּערסישע קאָלאָניע, האָבן זיך פֿאַר די דאָרטיקע ייִדן געעפֿנט די וועגן פֿון דער גרויסער אימפּעריע. ס׳זײַנען אויפֿגעקומען ייִדישע ייִשובֿים אין אַלע מדינות פֿון פּרס און מדי, וואָס זײַנען געשטאַנען אין אַ נאָענטער פֿאַרבינדונג מיטן גײַסטיקן צענטער אין ירושלים. זיי האָבן געשיקט זייער הילף פֿאַר דעם בית־המקדש און די מער פֿאַרמעגלעכע פֿלעגן פֿון צײַט צו צײַט עולה־רגל זײַן קיין ירושלים.

נאָך די ערשטע הונדערט יאָר פֿון פּערסישער הערשאַפֿט, ווייסן מיר זייער ווייניק פֿון די ייִדן אין פּערסיע. „מגילת אסתּר" דערציילט אונדז אַ ביסל פֿון די ייִדן אין פּערסיע — וועגן זייער

---

[1] אַ מאַסע.

[2] מיטן אייגענעם ווילן.

[3] ווילן.



דריוש (דאַריוס דער 2טער) פֿון פּערסיע. הינטער אים — אַחשורוש.

לעבן און וועגן דעם לאַנד ווו זיי האָבן געלעבט. לייענענדיק די מגילה דערוויסן מיר זיך: א) אַז די פּערסישע אימפּעריע האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אינדיע (הודו) אויף דרום־זײַט, ביז עטיאָפּיע (כּוש) אויף דרום־מערבֿ זײַט; ב) אַז ייִדישע ייִשובֿים זײַנען געווען צעשפּרייט און צעזייט איבער אַלע מדינות פֿון דער אימפּעריע; ג) אַז ייִדן האָבן געלעבט לויט זייערע אייגענע ייִדי־שע געזעצן און זייער שטייגער לעבן איז געווען אַנדערש ווי פֿון די שכנים אַרום זיי; ד) אַז ס'זײַנען געווען ייִדן, וואָס האָבן גע־האַט אַ צוטריט צום קיניגלעכן הויף און מיט זייער השפּעה[1] האָבן זיי געקענט באַשיצן די ייִדן פֿון אַ געפֿאַר; ה) אַז ס'איז געווען אַ געוויסע פֿאַרבינדונג צווישן די דאָרטיקע ייִדישע ייִשובֿים און זיי האָבן אָנערקענט די ייִדישע אויטאָריטעט, וואָס איז געווען אין שושן די הויפּטשטאָט.

[1] אײַנפֿלוס.

טראַכט און אַרבעט

אַט זײַנען 10 זאַצן. שרײַב זיי איבער אין דײַן העפֿט אָן ענדערונגען. דערנאָך קוק זיי נאָך אַ מאָל גוט איבער און זע, וואָס איז דאָ ריכטיק און וואָס ניט. די זאַצן וואָס זײַנען ניט ריכטיק, זאָלסטו זיי איבערשרײַבן מיט די ריכטיקע פֿאַקטן.

א) אשור און בבֿל זײַנען געווען צוויי געפֿאַנגענע ברידער בײַם פּערסישן גאָלף.

ב) די צען שבֿטים זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון מלכות יהודה.

ג) ר' בנימין פֿון טודעלאַ איז געווען אַ קריגספֿירער אין 12טן יאָרהונדערט.

ד) אין קורדיסטאַן בײַ די קאַווקאַזער בערג, האָבן געלעבט די תימנער ייִדן.

ה) דוד אַלרואי האָט געוואָלט באַפֿרײַען די קורדישע ייִדן.

ו) די גרוזינער ייִדן קומען איצט קיין ישׂראל פֿון דער ווײַטער אינדיע.

ז) דער לעצטער מלך פֿון יהודה איז געווען צדקיהו.

ח) דער נבֿיא ירמיהו האָט איבערגעלייענט די שריפֿט אויפֿן וואַנט.

ט) דער מלך כּורש האָט פֿאַרטריבן די ייִדן פֿון יהודה קיין פּערסיע.

י) עזרא הסופֿר האָט געפֿירט אַ גרופּע עולים פֿון בבֿל קיין יהודה.

אַ שמועס אין קלאַס

מיר האָבן זיך שוין ביז איצט באַקענט מיט אַלערליי ייִדן:

אַמעריקאַנער	תּימנער
אייראָפּעיִשע	בוכאַרער
אַשכּנזישע	גרוזינער
ספֿרדישע	בבֿלישע
קורדישע	פּערסישע

אַלע זײַנען ייִדן. און דאָך זײַנען זיי אַנדערש איינע פֿון די אַנדערע. — מיט וואָס זײַנען זיי אַנדערש? לאָמיר וועגן דעם שמועסן.



רי גרענעצן פֿון ישראל אין פֿאַרשיידענע תקופֿות און הײַנט

יהודה — נאָכן צוריקקומען פון בבל

ס'זיינען אַוועק הונדערטער יאָרן זינט כּורש האָט דערלויבט די ייִדן צוריקצוגיין קיין יהודה. דורך די דאָזיקע יאָרן זיינען אַלטע אימפּעריעס אונטערגעגאַנגען און נייע זיינען אויפגעקומען. 200 יאָר האָט פּערסיע געהערשט איבער יהודה. און אין יאָר 333 פאַר דער נייער צייט רעכענונג, האָט אַלכּסנדר מוקדון איינגענומען פּערסיע, יהודה און מצרים. יהודה איז שוין איצט געווען אונטער דער גריכישער הערשאַפט, און דאָס לעבן אין יהודה איז געווען רויִק און שטיל.

שלעכטע צייטן זיינען אָנגעקומען קיין יהודה, ערשט ווען די גריכיש-סירישע הערשערס, פון די סעלעווקירן-דינאַסטיע, האָבן פאַרכאַפּט יהודה פון די פּטאָלעמייער-דינאַסטיע, וואָס זייער מלוכה איז געווען אין מצרים. די גריכישע הערשערס פון סיריע האָבן זיך באַמיט צו העלעניזירן[1] די פעלקער, וואָס זיי האָבן באַהערשט, כּדי אַזוי אַרום צו פאַרשטאַרקן זייער הערשאַפט. די ייִדן האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער דאָזיקער העלעניזאַציע, ווייל זיי האָבן געזען אין דעם אַ גרויסע געפאַר פאַר דעם ייִדישן קיום.[2]

ווען אַנטיוכוס עפּיפאַנוס דער פערטער איז געוואָרן קיניג אין סיריע, האָט ער מיט גוואַלד געצוווּנגען די ייִדן, אַז זיי זאָלן זיך פירן ווי די גריכן און דינען צו די גריכישע געטער. אין בית-המקדש פון ירושלים האָט ער באַפוילן אויפצושטעלן אַ גרויסע סטאַטוע פון דעם גריכישן גאָט זעוס, כּדי די ייִדן זאָלן מער ניט קענען קומען אין בית-המקדש אַריין.

אין אַזאַ צייט, ווען די סכּנה[3] פאַר דעם ייִדישן קיום איז געווען גרויס, האָבן די קינדער פון דער חשמונאים-משפּחה אין מודיעין, בראש מיט זייער פאָטער מתּתיהו הכּהן, אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן די גריכישע הערשערס אין לאַנד. איינער פון מתּתיהוס העלדישע זין, יהודה המכּבי, האָט נאָך זיין פאָטערס טויט אָנגעפירט מיט דעם אויפשטאַנד און מיט זיין קליינער אַרמיי

---

[1] אַסימילירן, אָננעמען זייער שטייגער לעבן.

[2] עקסיסטענץ.

[3] געפאַר.

באזיגט די גריכן. זיבן יאָר האָט יהודה המכבי אָנגעפֿירט מיט דעם קאַמף, און ווען יהודה איז געפֿאַלן אין דער מלחמה, האָט זײַן ברודער יונתן ווײַטער געפֿירט דעם קאַמף, ביז יהודה איז באַפֿרײַט געוואָרן פֿון דער גריכישער הערשאַפֿט.

אַכציק יאָר האָבן די חשמונאים געהערשט אין לאַנד און יהודה איז געווען פֿרײַ און זעלבסטשטענדיק, ביז די רוימער זײַנען אָנגעקומען קיין אַזיע און אויך קיין יהודה.

אין די ערשטע יאָרן פֿון דער רוימישער הערשאַפֿט, פֿלעגן די רוימער נאָך באַשטימען ייִדישע פֿאַרוואַלטערס איבער יהודה — אַזעלכע וואָס זײַנען געווען געטרײַ צו רוים. איינער פֿון די פֿאַרוואַלטערס, דער ייִד הורדוס, וואָס האָט געשטאַמט פֿון די אדומים, איז פֿון די רוימער באַשטימט געוואָרן פֿאַר דעם ייִדישן מלך איבער יהודה. אָבער די ייִדן האָבן אים באַטראַכט פֿאַר אַ רוימישן קנעכט.

הורדוס האָט געקיניגט דרײַ און דרײַסיק יאָר. נאָך זײַן טויט, איז די פֿאַרוואַלטונג פֿון יהודה איבערגעגאַנגען צו רוימישע פֿאַרוואַלטערס, וואָס האָבן זיך גערופֿן „פּראָקוראַטאָרן״.

אַרום 70 יאָר האָבן געהערשט די רוימישע פּראָקוראַטאָרן אין לאַנד און דאָס לעבן פֿאַר די ייִדן איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. אין דער שטאָט קיסריה, ניט ווײַט פֿון ירושלים, איז געזעסן דער רוימישער פּראָקוראַטאָר מיט מחנות[1] רוימישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אונטערדריקט די אָרעמע באַפֿעלקערונג מיט רויב און מאָרד. אין אַזאַ צײַט, זײַנען צווישן פֿאָלק ווידער אויפֿגעשטאַנען פּאַטריאָטישע פֿירערס און זיך גענומען גרייטן צו אַן אויפֿשטאַנד. ווען דער קיסר נירון האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם אויפֿשטאַנד, האָט ער געשיקט אַ גרויסע אַרמיי קיין יהודה. די ייִדישע קעמפֿערס האָבן זיך באַפֿעסטיקט אין עטלעכע שטעט פֿון גליל און געוואָלט פֿאַרהאַלטן די אַרמיי, אַז זי זאָל ניט קענען קומען קיין ירושלים. זיי זײַנען אָבער באַזיגט געוואָרן פֿון די רוימישע אַרמייען.

---

[1] לאַגערן.

מסדה. אונטן זעט מען די רעשטן פון הורדוסעס פּאַלאַץ.

אין ירושלים האָט מען זיך געגרייט צום קאַמף. די רוימישע אַרמיי מיט זייער פֿירער טיטוס, האָבן באַלאַגערט די שטאָט, וואָס איז געווען באַפֿעסטיקט מיט דריי ווענט פֿון אַלע זייטן. מיטן קאַמף אין שטאָט, האָבן אָנגעפֿירט די גיבורים יוחנן פֿון גליל און שמעון בר־גיורא. די רוימער האָבן מיט שטורעם געבראָכן די ווענט און זיינען צוריקגעטריבן געוואָרן מיט קראַפֿט. די באַלאַגערונג האָט געדויערט חדשים. עס האָט אָנגעהויבן אויסגיין די צוגעגרייטע שפּייז אין שטאָט. די באַפֿעלקערונג איז אויסגעהונגערט געוואָרן און זיינען געפֿאַלן פֿון הונגער. דאַן האָבן זיך די רוימער אַריינגעריסן אין שטאָט, אונטערגעצונדן דעם בית־המקדש און חרובֿ געמאַכט די שטאָט.

אויך נאָך דעם חורבן ירושלים האָבן זיך די קעמפֿערס, די קנאים, באַפֿעסטיקט אין דריי אַנדערע פֿעסטונגען און ווייטער געקעמפֿט. איינע פֿון די פֿעסטונגען איז געווען „מסדה", וואָס געפֿינט זיך אויף דרום ביים ים המלח. דריי יאָר האָבן די קעמפֿערס זיך געהאַלטן אין מסדה און די רוימער האָבן זיי ניט געקענט באַזיגן. די קעמפֿערס האָבן צום סוף בעסער אויסגעקליבן דעם טויט, איידער אַריינצופֿאַלן לעבעדיקע אין די הענט פֿון די רוימער.

אין דעם יאָר 70 פֿון דער נייער צייט־רעכענונג, איז חרובֿ געוואָרן ירושלים, און מיט 62 יאָר שפּעטער, האָבן די יידן ווידער באַנייט זייער קאַמף קעגן די רוימער, אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון שמעון בר כּוכבֿא, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פֿון דעם גרויסן תּנא רבי עקיבֿא. דריי יאָר האָט דער העלדישער שמעון בר כּוכבֿא געקעמפֿט, ביז ער איז געפֿאַלן אין דער פֿעסטונג פֿון ביתּר.

די איבערגעבליבענע יידן אין יהודה האָבן דורכגעמאַכט זייער שווערע צייטן. די גרויסע יידישע חכמים אין יענער צייט האָבן פּרובירט איינצושטעלן אַ גייסטיקן יידישן צענטער אין יבֿנה, דערנאָך אין אושה, וואָס איז געווען אין גליל התּחתּון. פֿון אושה איז דער סנהדרין אַוועק קיין צפּורי און פֿון צפּורי קיין טבֿריה. אין צפּורי, האָט דער תּנא רבי יהודה הנשׂיא צוזאַמענגעשטעלט די משנה, און אין טבֿריה איז געשאַפֿן געוואָרן דער תּלמוד ירושלמי.



געפֿונענע כלים אין די הייל̄ן פֿון שמעון בר כוכבא.

דער ייִדישער צענטער אין בבֿל

דאָס לעבן פֿון די ייִדן אין בבֿל איז געווען רויִקער ווי אין יהודה. זיי האָבן ניט דורכגעמאַכט דעם שווערן יאָך און פּסדרדיקע קאַמפֿן מיט די אָקופּאַנטן, וואָס האָבן געריסן לעבעדיקע שטיקער פֿון יהודה. בבֿל איז געשטאַנען אונטער דער פּאַרטישער[1] הערשאַפֿט און ניט אונטער דער רוימישער. דערפֿאַר איז דער ייִדישער ייִשובֿ דאָרטן געוואַקסן און אָפּגעהיט זײַן אייגענעם לעבנס-שטייגער.

די שווערע יאָרן פֿון פֿאַר דעם צווייטן חורבן און נאָך דעם חורבן אין יהודה, האָט געפֿירט צו פּסדרדיקע אויסוואַנדערונגען. קיין בבֿל פֿלעגן אַלע מאָל אַרײַנקומען נײַע וואַנדערערס; און צווישן די אָנגעקומענע זײַנען אויך געווען גרויסע געלערנטע, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך אַ פֿרישן גײַסט פֿון תורה און חכמה.

די קהילות און דער ראש הגולה אין בבֿל

אין די שטעט: נהרדעא בײַם טײַך פּרת; פּומבדיתא, סורא און מחוזא בײַם טײַך חדקל, זײַנען געווען גרויסע ייִדישע קהילות. אויך אין די קלענערע שטעט און דערפֿער האָבן געוווינט ייִדן. זיי האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט ערדאַרבעט, מיט פֿיצוכט, מיט מלאכה און האַנדל. צו דער מלוכה האָבן זיי געדאַרפֿט צאָלן אַ יערלעכן קאָפּ-שטײַער און ערד-שטײַער. אויסער דעם, זײַנען זיי געווען פֿרײַע בירגערס און זיי האָבן אָנגעפֿירט מיט זייערע אייגענע אינסטיטוציעס.

די העכסטע אינסטאַנץ און פֿאָרשטייער פֿון די ייִדן אין בבֿל, איז געווען דער „ראש הגולה". ער האָט געדאַרפֿט אָפּשטאַמען פֿון דודס הויז און זײַן אַמט פֿלעגט איבערגיין בירושה פֿון פֿאָטער צום זון. דעם נייעם ראש-הגולה האָבן פֿריער געדאַרפֿט באַשטעטיקן די גרויסע געלערנטע — די ראשי ישיבֿות. דערנאָך האָט מען אים אָנגעטאָן אַ זײַדענעם גאָלד-געהאַפֿטענעם גאַרטל און מ'האָט אים מיט גרויס פּאַראַד באַגלייט אַהיים.

[1] אַלט-פּערסישע מלוכה.

דער ראש־הגולה פֿלעגט גאַנץ אָפֿט אויפֿגענומען ווערן אין דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ. ער האָט געהאַט די אויטאָריטעט צו באַשטימען די ייִדישע געריכטן און די רעכט צו באַשטראָפֿן, פֿאַר ניט אויספֿאָלגן אַ פּסק־דין.[1] ער איז געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די שטײַערן, וואָס די ייִדן האָבן געדאַרפֿט צאָלן צו דער מלוכה. ער אַליין האָט געוווינט אין אַ שיינעם פּאַלאַץ, געהאַט דינער און קנעכט, אַן אייגענע וואַך, און געפֿאָרן מיט אַ באַגילדעטער קאַרעטע.

גאָר פֿון אָנהייב, איז די רעזידענץ פֿון ראש־הגולה געווען אין דער שטאָט נהרדעא, דערנאָך איז זי איבערגעגאַנגען קיין סורא און באַגדאַד.

די ישיבֿות — תּורה־אַקאַדעמיעס

אין 3טן יאָרהונדערט, איז שוין בבֿל געווען אַ צענטער פֿון תּורה. עס זײַנען אויפֿגעקומען גרויסע ישיבֿות, תּורה־אַקאַדעמיעס ווו ס'האָבן געלערנט טויזנטער תּלמידים פֿון נאָענט און ווײַט. די ראשי ישיבֿות, וואָס זײַנען געווען די לערערס און די גײַסטיקע פֿירערס פֿון די דאָזיקע ישיבֿות, האָט מען אין בבֿל גערופֿן „אַמוראים״. מעגלעך, אַז דאָס קומט פֿון דעם וואָרט ״אָמור״, זאָגן; זאָגן תּורה פֿאַר די תּלמידים.

פֿון די ערשטע אַמוראים זײַנען געווען אַבא אַריכא — שפּעטער גערופֿן: רב (לערער) און שמואל. רב האָט געגרינדעט אַ גרויסע ישיבֿה אין דער שטאָט סורא. ער האָט מיט זײַן אייגן געלט געשפּײַזט אַ סך אָרעמע תּלמידים פֿון דער פֿרעמד. מ'האַלט אים אויך פֿאַרן מחבר[2] פֿון פֿיל תּפֿילות, וואָס מיר האָבן הײַנט אין אונדזערע סידורים און מחזורים. איינע פֿון די תּפֿילות איז „יהי רצון״.[3] אַחוץ די לאָגישע אויסטײַטשונגען פֿון געזעצן, פֿלעגט דער אַמורא רב אָנווײַזן זײַנע תּלמידים אויף די מאָראַלישע שיינקייטן פֿון לעבן. ער פֿלעגט זאָגן: „די געבאָטן

---

[1] ווי דאָס געריכט האָט באַשטימט.

[2] פּראָפֿעסאָר, אויטאָר.

[3] די תּפֿילה פֿון ראש־חודש בענטשן.



די ישיבֿה־צענטערס אין בבֿל

פֿון דער תּורה זײַנען געגעבן געוואָרן צו לײַטערן דעם מענטשן מאָראַליש".

רבס חבֿר שמואל, איז געווען ראש ישיבֿה אין דער שטאָט נהרדעא. אַ חוץ זײַן קענטשאַפֿט אין תּורה, איז שמואל אויך געווען אַ קענער פֿון: מאַטעמאַטיק, מעדיצין, נאַטור־וויסנשאַפֿט און אַסטראָנאָמיע. ער פֿלעגט זאָגן: „די הימלישע וועגן זײַנען מיר באַקאַנט ווי די גאַסן פֿון נהרדעא; נאָר וועגן קאָמעטן — ווייס איך ניט וואָס זיי זײַנען". שמואל האָט געלערנט די ייִדן, אַז זיי דאַרפֿן אָפּהיטן די געזעצן פֿון דער מלוכה אין יעדן לאַנד וווּ זיי וווינען. ער האָט דאָס אויסגעדריקט אין אַ קורצן זאָג: „דינא דמלכותא דינא" — דאָס געזעץ פֿון דער מלוכה איז געזעץ.

וואָס האָבן די ישיבֿות אין בבֿל געשאַפֿן?

רב און שמואל זיַינען געווען פֿון די ערשטע אַמוראים. זיי האָבן אויפֿגעשטעלט אַ דור פֿון תּלמידים, וואָס זיַינען שפּעטער געוואָרן די לערערס פֿון די ישיבֿות. אין די ישיבֿות האָט מען געלערנט, אויסגעטיַיטשט, דיסקוטירט און אויסגעברייטערט די געזעצן פֿון דער תּורה און פֿון דער משנה. (די משנה איז אַ זאַמלונג פֿון געזעצן, באַזירט אויף תּורת משה, וואָס איז מיט אַ סיסטעמאַטישער אָרדענונג געזאַמלט און צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אין ארץ־ישׂראל פֿון רבי יהודה הנשׂיא, אין 2טן יאָרהונדערט).

די אויסגעברייטערטע הלכות — געזעצן, זיַינען אָנגענומען געוואָרן לויט די מערהייט מיינונגען פֿון די חכמים. די סיסטעם פֿון לערנען איז געווען בעל־פּה — מינדלעך, ניט פֿון קיין טעקסטן; דאָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: „תּורה שבעל־פּה".

און אַזוי האָט זיך במשך פֿון העכער צוויי הונדערט יאָר אָנגעזאַמלט אַן אויסגעפֿאָרשטער מאַטעריאַל פֿון הלכות און מאַראַליש־עטישע געדאַנקען. עס איז אָבער געווען אַ געפֿאַר, אַז די גאַנצע אַרבעט זאָל מיט דער ציַיט פֿאַרגעסן ווערן, אויב דאָס וועט ניט ווערן פֿאַרשריבן. דעריבער האָבן די לעצטע אמוראים פֿון בבֿל באַשלאָסן צו זאַמלען אַלץ וואָס ס'איז געלערנט געוואָרן אין די ישיבֿות און פֿאַרשריַיבן דאָס לדורות.

דער ערשטער אָנצוהייבן די דאָזיקע גרויסע אַרבעט, איז געווען דער אַמורא רב אַשי, דער ראש ישיבֿה פֿון סורא. מיט דער הילף פֿון זיַינע תּלמידים האָט ער אָנגעהויבן זאַמלען, קאָרעגירן, צונויפֿשטעלן און פֿאַרשריַיבן אַלץ, וואָס איז נאָך געווען פֿריש אין זכּרון [1] פֿון די געלערנטע. דאָס איז געווען אַ גרויסע אונטערנעמונג, [2] וואָס האָט גענומען אַריבער הונדערט יאָר צו פֿאַרענדיקן.

אין סוף פֿון 5טן יאָרהונדערט האָט דער אַמורא רבינא, מיט דער הילף פֿון זיַינע חבֿרים און תּלמידים פֿאַרענדיקט די ריזיקע אַרבעט, וואָס איז באַוווּסט מיטן נאָמען: „תּלמוד בבֿלי".

---

[1] וואָס געדענקט זיך.

[2] אַ פּלאַן פֿון אַרבעט.

דער תלמוד

דער תלמוד איז אַ ווערק וועגן הלכות — דינים און מנהגים, וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן פֿון תנאים און אַמוראים.

דאָס איז ניט איין ספֿר, איין באַנד, נאָר עטלעכע צענדליקער בענד, וואָס מיר רופֿן אָן „מסכתות". אַ מסכתא מיינט אַ בוך


50 אלו מציאות פרק שני בבא מציעא

אַ דף (זײַטל) פֿון תלמוד בבלי.

ווי ס'ווערן געבראַכט די הלכות, וואָס האָבן צווישן זיך אַ פֿאַר־בינדונג.

דער גאַנצער תּלמוד איז איַינגעשטעלט געוואָרן אין זעקס טיילן — ששה סדרים. זיי ווערן אָנגערופֿן: 1) זרעים; 2) מועד; 3) נשים; 4) נזיקין; 5) קדשים; 6) טהרות.

יעדער טייל האָט עטלעכע מסכתות. זיי באַהאַנדלען די הלכות, וואָס האָבן צווישן זיך אַ נאָענטקייט. למשל: אַלע דינים וואָס זיַינען פֿאַרבונדן מיט דער אַרבעט אין פֿעלד און גאָרטן — געפֿינען זיך אין סדר זרעים; די דינים פֿון שבת און יום־טובֿ — אין סדר מועד; די דינים פֿון משפחה־לעבן — אין סדר נשים; די דינים פֿון שאָדנס און פֿאַרשיידענע געלט־ענינים — אין סדר נזיקין; די דינים פֿון קרבנות, שחיטה, כּשר און טריפֿה — אין סדר קדשים; די דינים פֿון ריינקייט און אומריינקייט — טומאה און טהרה — אין סדר טהרות.

דער גאַנצער תּלמודישער טעקסט איז, משנה און גמרא. די משנה איז געשריבן געוואָרן אין העברעיִש און גיט איבער קורץ און קלאָר געוויסע דינים. דערנאָך קומט דער לענגערער גמרא־טעקסט ווו ס'ווערן אויסגעטיַיטשט די הלכות אין משנה און ס'ווערן אָנגעגעבן די מיינונגען פֿון די חכמים, מיט זייערע דיסקוסיעס און באַשלוסן.

דער טעקסט פֿון דער גמרא איז שוין געשריבן אין אַראַמעיִש געמישט מיט העברעיִש. אין דער גמרא זיַינען אויך פֿאַראַן גע־דאַנקען און מיינונגען, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיט דער הלכה. דאָס איז אַ טייל פֿון די טעקסטן אין דער גמרא, וואָס מיר רופֿן דאָס „אגדה". דאָס איז אַן אַראַמעיִש וואָרט און האָט דעם זעלבן טיַיטש ווי דאָס העברעיִשע וואָרט „הגדה", וואָס מיינט — זאָגן, דערציילן.

דער טייל פֿון דער אגדה נעמט אַרום: אינטערעסאַנטע פֿאָלקס־מעשׂיות, משלים, שפּריכווערטער, פֿילאָזאָפֿישע שמועסן, מעדיצינישע עצות, וועגן כּישוף, וועגן חלומות, וועגן מאָראַל און עטיק, און אַזוי וויַיטער. אַ גרויסע זאַמלונג פֿון אַלע אַגדות אין תלמוד — האָט געמאַכט ח. נ. ביאַליק און י. ח. ראַווניצקי.

אַראַבישע הערשאַפֿט

אין אָנהייב פֿון 7טן יאָרהונדערט האָט זיך אין אַראַביע פֿאַר־שפּרייט אַ נײַע רעליגיע — די איסלאַמישע רעליגיע. אין דער שטאָט מעקאַ, דערנאָך אין דער שטאָט מעדינאַ, האָט מאַכמעד זיך דערקלערט פֿאַר דעם נבֿיא פֿון „אַלאַה״.[1] מיטן כּוח פֿון דער שווערד האָט ער פֿאַרשפּרייט אַ רעליגיע, וואָס איז אַ געמיש פֿון עטלעכע רעליגיעס.

אין יענער צײַט האָבן אויף דעם אַראַבישן האַלב־אינדזל גע־לעבט די ייִדישע שבֿטים: בני־קיינוקאַ, די בני־נאַדיר און אַנדערע. מאַכמעד האָט געוואָלט צוציִען די דאָזיקע ייִדן צו זײַן נײַער רעליגיע און ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון זײַנע טובֿות — האָט ער זיי גענומען פֿאַרפֿאָלגן מיט דער שווערד; אַ סך פֿון די דאָזיקע מדבר־ייִדן זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון זייערע היימען און אַ סך זײַנען אומגעקומען. מאַכמעד האָט אַזעלכע בלוטיקע אָנפֿאַלן באַצייכנט אין „קאָראַן״ ווי אַ „הייליקער קריג״.

נאָך מאַכמעדס טויט, האָבן זײַנע נאָכפֿאָלגערס נאָך מער צעפֿלאַקערט דעם הייליקן קריג. ווי אַ שטורעם האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די מוסולמענישע קריגער איבער קליין־אַזיע און צפֿון־אַפֿריקע און אַרויסגעשטויסן די פּערסישע און ביזאַנטישע הערשער. ס׳איז אויפֿגעקומען די אַראַבישע הערשאַפֿט פֿון אַ „כאַליפֿאַט״ און „כאַליפֿן״ — די יורשים און נאָענטע קרובֿים פֿון מוכאַמעדן.

די גאונים

דורך די יאָרן פֿון די אַראַבישע מלחמות, האָבן די ייִדישע קהילות אין בבֿל פֿאַרלוירן זייער גלאַנץ, זייער אָנזען. זיי האָבן ניט געקענט אָנגיין מיט דער אַרבעט ווי פֿריִער. ערשט ווען די „הייליקע מלחמות״ האָבן זיך אײַנגעשטילט און דאָס לעבן אין די מזרח־לענדער איז געוואָרן רויִקער — דאַן האָבן ווידער גענומען אויפֿלעבן די ייִדישע קהילות און די ישיבֿות פֿון סורא און פּום־בדיתא.

---

[1] גאָט.

בבל האָט אונטער דער אַראַבישער הערשאַפֿט באַקומען דעם אַראַבישן נאָמען „איראַק". דער כאַליף פֿון איראַק, אָמאַר, האָט צוריקגעגעבן די אויטאָנאָמישע רעכט צו די ייִדן און צו די אַנדערע מינדערהייטן אין זײַן מלוכה. עס איז אויף דאָס נײַ אײַנגעשטעלט געוואָרן די פֿאַרוואַלטונג פֿון די עקזילאַרכן — די ראשי הגולה.

אין איראַק האָט דעמאָלט געלעבט אַן אָפּשטאַמיקער פֿון די פֿריִערדיקע עקזילאַרכן מיטן נאָמען בוסתּנאי, און דער כאַליף האָט אים באַשטימט אַלס ראש הגולה.

ווען דער כאַליף אַלי (מאַכמעדס איידעם), האָט איבערגענומען איראַק, האָבן אים די ראשי־ישיבֿות פֿרײַנדלעך באַגריסט אין נאָמען פֿון די ייִדישע קהילות. אַלין איז געפֿעלן געוואָרן די פֿרײַנדשאַפֿט און ער האָט אָנערקענט די ראשי־ישיבֿות פֿאַר די העכסטע גײַסטיקע פֿירערס פֿון די ייִדן אין איראַק (בבל); מ'האָט זיי באַקרוינט מיט דעם טיטל „גאונים". דאָס וואָרט גאון, אין מערצאָל גאונים — מיינט געניאַלקייט, גרויס געלערנטקייט, אויטאָריטעט.

די גאונים האָבן געהאַט די השגחה[1] איבער די ישיבֿות וווּ מ'האָט איצט שטודירט דעם אָפּגעשלאָסענעם תּלמוד. צו די גאונים האָט מען זיך געוואַנדן פֿון נאָענטע און ווײַטע קהילות, מיט פֿאַרשיידענע שאלות וועגן רעליגיעזע און געזעלשאַפֿטלעכע ענינים. די גאונים זײַנען געווען די העכסטע ריכטערס אויף אַלע געביטן פֿון דעם גײַסטיקן ייִדישן לעבן. און די גאונים האָבן אויך געדאַרפֿט באַשטעטיקן דעם אַמט[2] פֿון ראש־הגולה.

די גרויסע אויטאָריטעט פֿון די גאונים האָט אָפֿט מאָל דערפֿירט צו שאַרפֿע קאָנפֿליקטן מיט דער אויטאָריטעט פֿון די עקזילאַרכן.

די קראים — קאַראַימער

די גאונים האָבן פֿאַרפֿעסטיקט די אויטאָריטעט פֿון תּלמוד, וואָס איז געוואָרן די קאָנסטיטוציע פֿון ייִדישן פֿאָלק. זיי האָבן

---

[1] אויפֿזע.

[2] פּאָסטן, פּאָזיציע.

די תלמודישע הלכות[3] אויסגעטײַטשט, אַז מ׳זאָל קענען מיט זיי לעבן אין דעם טאָג-טעגלעכן פּראַקטישן לעבן. דאָס האָט בײַ געוויסע מענטשן אַרויסגערופֿן אַ קעגנערשאַפֿט צום תלמוד און צו די גאונים. זייער מיינונג איז געווען, אַז די דינים און אויסטײַטשונגען פֿון די דינים אין תלמוד, זײַנען נאָר מיינונגען פֿון מענטשן און זיי האָבן ניט די זעלבע הייליקייט ווי די דינים פֿון תורת משה.

און עס האָט פּאַסירט אין יענער צײַט, אינעם יאָר 765, אַז דער ראש-הגולה פֿון בוסתנאים אָפּשטאַם, איז געשטאָרבן און ער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין זון צו פֿאַרנעמען דעם אַמט. די נאָענטסטע קרובים צו פֿאַרנעמען דעם אַמט, זײַנען געווען די ברידער: ענן, בן דוד און יהושע. ענן איז געווען דער עלטערער און ער איז דעריבער געווען אויפֿן ערשטן אָרט צו פֿאַרנעמען דעם אַמט פֿון ראש-הגולה. די גאונים האָבן אויסגעקליבן יהושען און ניט ענען, ווײַל ענן איז געווען פֿון די קעגנער צום תלמוד.

דאָס האָט זייער אויפֿגערייצט[4] ענען און זײַנע אָנהענגערס. ער איז איצט גאַנץ אָפֿן אַרויסגעטרעטן קעגן תלמוד און ער האָט געשאַפֿן די סעקטע „בני מקרא", אויך גערופֿן מיט דעם נאָמען „קראים", אין יידיש — קאַראַימער. זיי האָבן געהאַלטן נאָר פֿון „מקרא", תורת משה און ניט פֿון תלמוד.

די דאָזיקע סעקטע האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון דעם יידישן פֿאָלק. זיי האָבן מער ניט אָנערקענט די אויטאָריטעט פֿון תלמוד און פֿון די גאונים. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פֿירן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע יידן און דאָס האָט זיי אין גאַנצן אָפּגעריסן פֿון יידישן פֿאָלק; זיי זײַנען געבליבן אַ באַזונדערע סעקטע.

—מיט וואָס זײַנען די קאַראַימער געווען אַנדערש?

— אויף דער דאָזיקער פֿראַגע איז כדאי צו געבן עטלעכע בײַשפּילן:

א) די תורה זאָגט: איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פֿײַער אין שבת; האָבן די חכמים אויסגעטײַטשט און דערקלערט: אין

---

[3] געזעצן.

[4] בייז געמאַכט.

שבת טאָר מען טאַקע ניט, אָבער אָנגרייטן דאָס פֿײַער, די ליכט, ערבֿ שבת — מעג מען יאָ. די קאַראַימער אָבער, האַלטן נאָר פֿון דעם טעקסט ווי ס'איז געשריבן אין דער תּורה, — זיצן זיי שבת אין דער פֿינצטער.

ב) די תּורה זאָגט, אַז מ'דאַרף אָנבינדן ציצית אויף אַ מלבוש,[1] וואָס האָט פֿיר עקן כּדי צו זען זיי און געדענקען די מצוות פֿון דער תּורה; נעמען די קאַראַימער און הענגען אויף דעם טלית אויף דער וואַנט כּדי מ'זאָל קענען זען די ציצית, און טוען ניט אָן קיין טלית.

ג) אין דער תּורה ווערן די פּסחדיקע מצות באַצייכנט ווי „לחם עוני" — אָרעם ברויט; נעמען די קאַראַימער און באַקן מצות נאָר פֿון טונקעלע מעל, כּדי די מצות זאָלן זײַן פֿאַרשוואַרצט און אויסזען ווי אָרעם ברויט.

די קאַראַימער האַלטן אויך ניט פֿון די דינים וועגן מילכיקס און פֿליישיקס. זיי טוען אויך ניט אָן קיין תּפֿילין צום דאַווענען, וואָס בײַ רעליגיעזע ייִדן איז דאָס פֿון די גרויסע מצוות. זייערע תּפֿילות באַשטייען פֿון פּסוקים און קאַפּיטלען פֿון תּנ"ך.

די דאָזיקע סעקטע האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער פּערסיע, ישׂראל, מצרים און אויך איבער אייניקע אייראָפּעיִשע לענדער. אַ סך פֿון זיי, זײַנען מיט דער צײַט אויסגעמישט געוואָרן מיט איסלאַמישע און קריסטלעכע פֿעלקער. זיי זײַנען געבליבן אין זייער קליינע גרופּעס. אין ישׂראל וווינען נאָך הײַנט קאַראַימער, וואָס אַ טייל פֿון זיי זײַנען לעצטנס געקומען פֿון איראַק און מצרים.

די גאונים פֿלעגן שאַרף אַרויסטרעטן קעגן די קאַראַימער. דער גאון רבנו סעדיה פֿון סורא, וואָס האָט געלעבט אין 10טן יאָרהונדערט, האָט אָנגעשריבן אַ בוך מיט לאָגישע אַרגומענטן[2] קעגן דעם נײַעם דרך פֿון די קאַראַימער און דאָס האָט געהאָלפֿן, אַז די סעקטע זאָל זיך ניט צעוואַקסן צווישן ייִדן.

---

[1] אַ מאַנטל, אַן אָנגעטוענע זאַך.

[2] אויפֿקלערונגען.

רבנו סעדיה גאון איז געווען דער איינציקער גאון, וואָס האָט געשטאַמט פֿון מצרים. ער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער. ער האָט איבערגעזעצט דעם תּנ"ך אויף אַראַביש און צוגעגעבן דערקלערונגען. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ פֿילאָזאָפֿישן ספֿר מיטן נאָמען „אמונות ודעות" — גלויבנס און מיינונגען. אין דעם דאָזיקן ספֿר גיט ער צו פֿאַרשטיין, אַז די וועלט איז ניט קיין זאַך, וואָס עקסיסטירט שוין אַזוי פֿון אייביק אָן און האָט ניט קיין אָנהייב; די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן, און זי איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿון גאָר ניט... און יעדער באַשאַפֿענע זאַך — האָט ער געזאָגט — מוז האָבן אַ באַשעפֿער...

נאָך סעדיה גאונס טויט איז אונטערגעגאַנגען די ישיבֿה אין סוראָ. עס איז נאָר געבליבן די ישיבֿה אין פּומבדיתא. דאָס ייִדישע לעבן אין בבֿל האָט אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ. צווישן דעם ראש-הגולה און די גאונים פֿון פּומבדיתא איז אויך ניט געווען קיין שלום. און מיטן טויט פֿון לעצטן גאון, רב האַי, האָט זיך פֿאַרענדיקט אַ טויזנט יאָריקע תּקופֿה פֿון אמוראים און גאונים.

שרייבט דאָס איבער אין אייער העפֿט און פֿאַרענדיקט די ווערטער, וואָס פֿעלן אין די שורות

צוויי הונדערט יאָר האָט ——— געהערשט אין יהודה. דער נאָך איז יהודה אַריבער צו דער ——— הערשאַפֿט. דער אויפֿשטאַנד פֿון די ——— איז שפּעטער געווען קעגן די ———. די פֿרייע חשמונאים-מלוכה האָט אָנגעהאַלטן ביז די ——— זײַנען אַרײַן קיין יהודה. אין יאָר זיבעציק האָבן זיי חרובֿ געמאַכט ———. און אין יאָר הונדערט צוויי און דרײַסיק האָט ——— ——— ——— אַרויס מיט אַן אויפֿשטאַנד קעגן די רוימישע באַדריקער. דער גײַסטיקער צענטער פֿון ירושלים

איז נאָך דעם צווייטן חורבן אַריבער קיין ———— . דערנאָך קיין „אושה", „צפורי", און צום סוף קיין ————— . אין „צפורי" האָט דער תּנא ———— ————— ————— צוזאַמענגעשטעלט די משנה. אין יענער צײַט זײַנען שוין אין ———— געווען גרויסע ייִדישע קהילות. דער אָנערקענטסטער פֿאָרשטייער פֿון ייִדישע קהילות אין בבֿל איז געווען דער ———— ————— : די גײַסטיקע פּירערס, די לערערס פֿון די ישיבֿות אין בבֿל, האָט מען גערופֿן: ————— . פֿון די ערשטע באַרימטע אַמוראים, די וואָס האָבן אָנגעהויבן צונויפֿשטעלן דעם תּלמוד, זײַנען געווען: ————— ————— און ————— . דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס ייִדן האָבן קיין מאָל ניט אויפֿגעהערט צו לערנען, איז באַוווּסט מיטן נאָמען: ———— ———— . דער תּלמוד בבֿלי באַשטייט פֿון הלכה און ————— .

טראַכט און ענטפֿערט

א) ווער זײַנען געווען די גאונים אין בבֿל?
ב) ווער זײַנען געווען די ראשי ישיבֿות אין בבֿל פֿאַר די גאונים?
ג) וועלכע סעקטע איז אויפֿגעקומען אין בבֿל אין דער צײַט פֿון די גאונים?
ד) מיט וואָס איז די דאָזיקע סעקטע געווען אַנדערש פֿון אַנדערע ייִדן?
ה) פֿאַר וואָס האָבן זיי זיך גערופֿן „בני מקרא" אָדער „קראים"?
ו) וועלכער גאון האָט שאַרף באַקעמפֿט די קראים?
ז) פֿאַר וואָס איז בײַ די קאַראַימער ניט פֿאַראַן קיין תּפֿילין?
ח) לעבן נאָך הײַנט ערגעץ־ווּ קאַראַימער ייִדן?
ט) ווער זײַנען געווען די לעצטע גאונים אין בבֿל?
י) וואָס פֿאַר אַ גײַסטיקע ירושה איז אונדז פֿאַרבליבן פֿון די ייִדן אין בבֿל?

מיט אינטערעס און חשק וואָלט איר געקענט אויסגעפֿינען אַ ביסל מער אינפֿאָרמאַציע וועגן די קאַראַימער און אויך וועגן די שומרונים וואָס לעבן הײַנט אין ישׂראל.

וואָס ווייסן מיר וועגן די ייִדן אין אינדיע און כינע?

די אינדישע ייִדן, וואָס רופֿן זיך „בני ישׂראל“, האָבן אַ טראַדיציע, אַז זייערע עלטערן זײַנען אַרויף אויף אַ שיף און האָבן אַרויסגעוואַנדערט פֿון אַ לאַנד אין צפֿון. וואַנדערנדיק חדשים לאַנג אויפֿן ים, האָט אַ שטורעם פֿאַרכאַפּט די שיף און זי צעבראָכן. אַלע וואַנדערערס זײַנען פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון כוואַליעס אין ים און נאָר זיבן משפחות האָבן באַוויזן זיך אָנצוהאַלטן בײַ די הילצערנע ברוכשטיקער[1] פֿון דער שיף, וואָס האָט זיי שפּעטער געבראַכט צו די ברעגן פֿון אינדיע (באָמבעי).

אַ משפּחה פֿון קאָטשינער ייִדן אין אינדיע.

[1] געבליבענע טיילן פֿון שיף.

— אין וועלכער צײַט איז דאָס געשען?

— דאָס ווייסן מיר ניט.

איניקע פֿאָרשערס זאָגן אַז דאָס איז געווען אין יאָר הונדערט פֿינף און זיבעציק פֿאַר דער קריסטלעכער צײַט און דאָס לאַנד אין צפֿון, פֿון וואַנען זיי זײַנען געקומען, איז געווען מלכות ישׂראל.

דער פֿאַקט איז אויך, אַז די „בני ישׂראל" אין און אַרום באָמ־בעי וווינען אין אינדיע פֿון די גאָר אַלטע צײַטן. אויך די „קאָטשי־נער" ייִדן — טונקל־הויטיקע ייִדן, וואָס וווינען אין קאָטשין, בײַ דעם דרום־מערבֿ ברעג פֿון אינדישן אָקעאַן — זײַנען אַלטע תּושבֿים[2]



קופּערנע לוחות אין דער קאָטשינער שול, וואָס דערציילן, אַז דער קיניג פֿון מאַלאָבאַר גיט איבער די פּריווילעגיעס צו יוסף ראַבאַן. די לוחות שטאַמען פֿון 3טן י״ה נ. צ.

מיט אַ רײַכער פֿאַרגאַנגענהייט. די דאָזיקע ייִדן האָבן געלעבט אין אַן אייגענער מלוכה אין מערבֿ־אינדיע, אויפֿן ברעג פֿון מאַלאַבאַר. אין דער קאָטשינער שול געפֿינען זיך מעשענע לוחות מיט אויפֿ־שריפֿטן, וואָס דערציילן, אַז זייער פֿירער, יוסף רבן, האָט באַקומען אַ פֿרײַע טעריטאָריע פֿון דעם בראַמאַנישן קיניג, אירבי פֿאַרקוראַן. דאָס איז געווען ווי אַ פֿירשטנטום, מיט אַן אייגענער מלוכה, וואָס האָט עקסיסטירט בערך טויזנט יאָר און איז אונטערגעגאַנגען אין יאָר 1471.

[2] אײַנוווינער.

דער באַוווּסטער רײַזנדער פֿון 12טן יאָרהונדערט, בנימין פֿון טודעלאַ, האָט באַזוכט אינדיע און ער שרײַבט, אַז זיי היטן אָפּ די מצוות פֿון דער תּורה און אַ סך פֿון זיי קענען אַפֿילו דעם תּלמוד.

די „בני ישׂראל", ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, וווינען מערסטנס־טייל אין דער שטאָט באָמבעי. זיי קוקן אויס ווי די אינדיער, קליידן זיך ווי די אינדיער און רעדן די אינדישע שפּראַך „מאַראַטי" און אויך ענגליש. זיי זײַנען זייער שיינע מענטשן, אינטעליגענטע מענטשן, און אַ סך פֿון זיי זײַנען אָנגעזעענע פּראָפֿעסיאָנאַלן, וואָס פֿאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פֿון לאַנד.

מיט יאָרן שפּעטער, אין די צײַטן פֿון מיטל־אַלטער און אין דער נײַער צײַט, האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען קיין אינדיע ייִדן פֿון די אַראַבישע לענדער און אויך פֿון אייראָפּע. זיי האָבן געבראַכט מיט

די „בני ישׂראל" פֿון אינדיע אויף די פֿעלדער פֿון אַ קיבוץ.

זיך אַ נײַעם שטייגער פֿון ייִדיש לעבן און האָבן געשאַפֿן אַ ריי ייִדישע אינסטיטוציעס און ייִדישע שולן פֿאַר דער דערציִונג פֿון זייערע קינדער. די דאָזיקע נײַ-געקומענע ייִדן האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די „בני ישׂראל", אַז זיי זאָלן זיך דערנענטערן צו דעם ייִדישן פֿאָלק און זיך באַקענען מיט דעם אויפֿבוי פֿון ייִדישן לאַנד.

פֿאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה האָבן געוווינט אין אינדיע אַרום פֿינף און צוואַנציק טויזנט ייִדן. ווען עס איז אויפֿגעקומען מדינת ישׂראל, אין יאָר 1948, האָבן מערערע משפּחות פֿון די „בני ישׂראל" און אויך פֿון די קאָטשינער ייִדן, עולה געווען קיין ישׂראל. בײַם הײַנטיקן טאָג וווינען נאָך אין אינדיע אַרום פֿופֿצן טויזנט ייִדן.

כינע — דאָס לאַנד הינטער דער וואַנט

כינע און אינדיע זײַנען אַזיאַטישע לענדער. אויף צפֿון-זײַט איז כינע און אויף דרום-זײַט איז אינדיע. צווישן ביידע לענדער שטייען די הימאַלאַיען-בערג ווי ריזיקע וועכטערס.

ביידע לענדער פֿאַרמאָגן אַלטע ציוויליזאַציעס. די ייִדן פֿון אַלטן ארץ-ישׂראל, אין די תּקופֿות פֿון די נבֿיאים און מלכים, האָבן שוין געוווּסט פֿון די דאָזיקע לענדער. אין תּנ"ך ווערט אינדיע אָנגערופֿן מיטן נאָמען „הודו" — „מהודו ועד כּוש" (מגילת אסתּר) און כינע ווערט אָנגערופֿן „סינים". ווען דער נבֿיא ישעיה זאָגט: „הנה-אלה מרחוק יבֹאו והנה-אלה מצפֿון ומים, ואלה מארץ סינים" — זאָגן אייניקע געלערנטע, אַז סינים מיינט מען כינע.

ווען ייִדן אין כינע זײַנען אַרומגעגאַנגען אַ סך לעגענדעס. מ'האָט דערציילט, אַז הינטער דער כינעזישער מויער לעבן מיליאָנען ייִדן פֿון די צען פֿאַרטריבענע שבֿטים.

דער באַוווּסטער איטאַליענישער רײַזנדער, מאַרקאָ פּאָלאָ, דערציילט אין זײַנע באַשרײַבונגען, אַז אין דעם יאָר 1286 האָט ער געטראָפֿן אין כינע זייער אַ סך ייִדן. זייער אײַנפֿלוס אין דעם קייזערלעכן הויף האָט זיך גוט אָנגעזען. די כינעזער רופֿן די ייִדן מיטן נאָמען „טיאַאָ-קיו-קיאַאָ" — די אָדערן-ציִער, דאָס מיינט: די מענטשן, וואָס ציִען אַרויס די אָדערן פֿון פֿלייש פֿאַרן קאָכן.

געוווּסט האָבן מיר, אַז אין דער שטאָט „קאַי־פֿונג־פֿו" געפֿינט זיך זייער אַן אַלטע כינעזיש־ייִדישע קהילה. פֿון וואַנען זיי זײַנען געקומען, ווען זיי זײַנען דאָרט אָנגעקומען, וואָס פֿאַר אַ ייִדן זײַנען זיי, ווי אַזוי לעבן זיי דאָרטן — דאָס האָבן מיר ניט געוווּסט.

ערשט אין 1842, ווען ענגלאַנד האָט באַקומען אַ צוטריט צו כינע, זײַנען צוויי ענגלישע מיסיאָנערן אַוועק קיין „קאַי־פֿונג־פֿו" צו פֿאָרשן דאָס לעבן פֿון די דאָרטיקע ייִדן. די מיסיאָנערן האָבן געבראַכט צו זיי אַ העברעיִשן רעקאָמענדאַציע־בריוו פֿון אַ שאַנכאַיער ייִד, כּדי צו געווינען זייער צוטרוי; ווען די ייִדן וואָלטן געוווּסט, אַז די דאָזיקע מענטשן זײַנען קריסטלעכע מיסיאָנערן, וואָלט מען זיי פֿאַרטריבן פֿון דער קהילה און זיי וואָלטן פֿון קיינעם ניט געקענט קריגן קיין אינפֿאָרמאַציע.

פֿון די באַריכטן, וואָס די מיסיאָנערן האָבן שפּעטער אָנגעשריבן, דערוויסן מיר זיך, אַז די ייִדישע קהילה אין קאַי־פֿונג־פֿו האָט שוין אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט געהאַלטן בײַם אונטערגיין.

זיבן משפּחות, אַרום צוויי הונדערט נפֿשות, זײַנען נאָך געבליבן אין דער קהילה. אַלע ייִדן וווינען אַרום זייער טעמפּל, וואָס צעפֿאַלט זיך שוין פֿון אַלטקייט. זיי קענען ניט פֿאַרריכטן דעם טעמפּל, ווײַל זיי זײַנען אַלע גרויסע אָרעמע־לײַט. שוין פֿופֿציק יאָר ווי זיי האָבן ניט קיין רבֿ, קיין לערער, און זיי ווייסן שוין אַפֿילו ניט ווי אַזוי מל צו זײַן זייערע קינדער.

דער טעמפּל איז געווען 400 פֿוס לאַנג און 150 פֿוס ברייט. אַרום טעמפּל זײַנען געווען פֿיר הויפֿן. אין ערשטן הויף זײַנען געשטאַנען הײַזער פֿאַר די גאָר אָרעמע משפּחות. אין מיטן הויף זײַנען געווען וווּנדערלעכע שיינע ביימער. אין צווייטן הויף זײַנען געווען הײַזער מיט באָדצימערן, האַנטפֿאַסן, שיסלען און ברונימער. יעדער איינער האָט זיך געדאַרפֿט וואַשן און רייניקן, כּדי צו קענען אַרײַנגיין אין טעמפּל. אין דעם דריטן הויף זײַנען געשטאַנען צוויי גרויסע מירמלשטיינער מיט היסטאָרישע אויפֿשריפֿטן און אַ ספּעציעל הויז פֿאַר געסט און פֿאַרזאַמלונגען. דער פֿערטער הויף איז געווען דער וויכטיקסטער און דער הייליקסטער. אין דעם הויף

איז געווען דאָס שעכטהויז פֿאַר כּשר פֿלייש, אַ מזבח און דער טעמפל אַליין.

דער טעמפל איז געבויט געוואָרן מיט אַ פּערסיש־כינעזישן סטיל. דער דאַך פֿון טעמפל האָט געהאַט אַ גרויסן קופּאָל. פֿאַר די הויכע טרעפּ פֿון טעמפל, בײַם אַרײַנגאַנג, זײַנען געשטאַנען צוויי

אַ צייכענונג פֿון דעם טעמפל אין קאַי־פֿונג־פֿו. (אין טעאָלאָגישן סעמינאַר פֿון סינסינעטי)

גרויסע פּאָלירטע שטיינער, וואָס האָבן געהאַט כינעזישע אויפֿ־שריפֿטן און אויך דעם העברעישן אויפֿשריפֿט „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד.״

אין טעמפּל איז געשטאַנען אַ הויכע בימה, ווו דער רבֿ פֿלעגט זיצן אונטער אַ זײַדענעם שירעם און אַכטונג געבן, אַז אַלץ זאָל זײַן אין אָרדענונג. אין טעמפּל איז געווען אַ באַזונדער צימער ווי דער קדשי קדשים אין בית־המקדש. דאָס צימער איז געשטאַנען פֿאַרשלאָסן און נאָר דער רבֿ האָט געקענט אַרײַנגיין אין דעם צימער. אין דעם צימער האָבן זיך געפֿונען דרײַצן ספֿר־תּורות — צוועלף לויט דער צאָל פֿון די צוועלף שבֿטים און איינע לכּבֿוד משה רבינו.

זייער אינטערעסאַנט איז די געשיכטע פֿון די כינעזער־ייִדן, וואָס איז אויסגעקריצט געוואָרן אויף די גרויסע שטיינער בײַם אַרײַנגאַנג אין טעמפּל. דאָרטן דערציילט זיך, אַז די ייִדן זײַנען געקומען קיין כינע פֿון „טיען־טשו״, אינדיע, בערך צוויי טויזנט יאָר פֿאַר דער קריסטלעכער צײַט. זיבעציק משפּחות זײַנען זיי געווען ווען זיי זײַנען אָנגעקומען קיין כינע. זיי האָבן געבראַכט דעם אימפּעראַטאָר אַ מתּנה פֿון שטיקער טײַערע זײַד און זיי האָבן אים געבעטן די דערלויבעניש צו באַזעצן זיך אין זײַן לאַנד און קענען אָפּהיטן די דינים און מנהגים פֿון זייערע עלטערן. נאָך דעם ווי דער אימפּעראַטאָר האָט אויסגעפֿאָרשט די ייִדישע רעליגיע און זיך איבערצײַגט אַז די ייִדן זײַנען אָרנטלעכע מענטשן, האָט ער זיי דערלויבט זיך צו באַזעצן אין זײַן לאַנד.

זייער ערשטער טעמפּל אין „קאַי־פֿונג־פֿו״ איז אויפֿגעבויט געוואָרן אין יאָר 1163, אין דער צײַט פֿון אימפּעראַטאָר לו־סינג. אין דעם יאָר 1461 איז דער טעמפּל זייער שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן פֿון אַ פֿאַרפֿלייצונג און דער טעמפּל איז אויף דאָס נײַ איבערגעבויט געוואָרן.

אויף אַ צווייטן שטיין ווערט דערציילט די געשיכטע פֿון דעם ייִדישן אָפּשטאַם און זייער רעליגיע:

דער פּאַטריאַרך אַ־וואַ־לאַ־האַם (אברהם), איז געווען דער ערשטער ייִד. ער האָט געלערנט צו גלויבן אין איין גאָט. דער־נאָך איז געקומען דער גרויסער לערער און געזעצגעבער מיי־שע

(משה), ער האָט געקראָגן פֿון גאָט די הייליקע שריפֿטן אויפֿן באַרג שיי־נאַ (סיני). משה האָט איבערגעגעבן די הייליקע שריפֿטן צו יעט־שיי־לאַ (עזרא). עזרא האָט געלערנט צו דינען גאָט מיט אמת און ריינקייט.

אָט אַזוי איז די געשיכטע פֿון די אַמאָליקע כינעזישע ייִדן אויסגעהאַקט געוואָרן אויף שטיינער, וואָס דערציילט וועגן זיי ביז דעם יאָר 1653.

— ווי איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען?



אַ פּנקס מיט די רעגיסטרירטע משפּחות פֿון דער קהילה אין קאַי־פֿונג־פֿו.

— אין סוף 19טן יאָרהונדערט איז שוין דער טעמפּל געלעגן אין חורבות. בשכנות פֿון דעם דאָזיקן טעמפּל אין „קאַי־פֿונג־פֿו", האָט אַ קאַנאַדער קריסטלעכע מיסיע אָפּגעקויפֿט אַ שטיק לאַנד און אויפֿגעבויט דאָרט אַ קלויסטער. די היסטאָרישע שטיינער פֿון ייִדישן טעמפּל זיינען געוואָרן דאָס אייגנטום פֿון דער קאַנאַדער מיסיע. אַ סך פֿון די כינעזישע ייִדן, וואָס האָבן שוין פֿון ייִדיש־קייט זייער ווייניק געוווּסט, האָבן פֿאַרלאָזן די שטאָט און זיך באַזעצט אין אַנדערע שטעט און דערפֿער. דער גרעסטער טייל פֿון די דאָזיקע ייִדן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די כינעזער פֿון לאַנד און איינציקע משפּחות זיינען פֿאַרבליבן געטריייע ייִדן, אַ דאַנק די ניי־געקומענע ייִדן פֿון די אַראַבישע לענדער און רוס־לאַנד, וואָס האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט מיט די איבערגעבליבענע ייִדן פֿון „קאַי־פֿונג־פֿו".

אין אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט זיינען אויפֿגעקומען ספֿרדי־שע און אַשכּנזישע ייִדישע קהילות אין אַ סך שטעט פֿון כינע: אין ציציקאַר, אין כאַרבין, האָנג־קאָנג און שאַנכאַי. פֿאַר דעם צווייטן וועלט־קריג, אין יאָר 1937, האָבן אין כינע געוווינט אַרום צוואַנציק טויזנט ייִדן. זיי האָבן געבויט אינסטיטוציעס, שולן, בתּי־מדרשים, צדקה אָרגאַניזאַציעס און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. נאָך דער רעוואָלוציע אין כינע האָבן די ייִדן אויסגעוואַנדערט אין די פֿריייערע לענדער און אויך קיין ישׂראל. פֿון אַלע ייִדן אין כינע, לעבן נאָך היינט דאָרטן אַרום צוואַנציק ייִדישע נפֿשות.



טראַכט און ענטפֿערט

א) אין חומש ווערט זייער אָפֿט איבערגעחזרט דער אויסדרוק „בני ישראל״ — וועלכן ייִדן רופֿן זיך נאָך אַלץ מיט דעם דאָזיקן נאָמען?

ב) פֿאַר וואָס האָבן די כינעזער גערופֿן די ייִדן „אָדערן ציִער״?

ג) ווען און ווי אַזוי, האָבן מיר געקראָגן מער אינפֿאָרמאַציע וועגן די כינעזישע ייִדן אין קאַי־פֿונג־פֿו?

ד) אין ייִדישן טעמפּל פֿון קאַי־פֿונג־פֿו, האָבן זיך געפֿונען דרײַצן ספֿרי־תּורות; וואָס איז געווען זייער חשבון פֿון דרײַצן?

ה) קענט איר דערקלערן די סיבות, פֿאַר וואָס כינע איז הײַנט געבליבן אָן ייִדן?

באָרנעאָ
נײַ-גוינעע
פּאַציפֿישער אָקעאַן
צפון
אויסטראַליע
מערב-אויסטראַליע
דרום-אויסטראַליע
קוקטאַון
טאַונסוויל
ראָקהעמפּטאָן
בריסבײן
שאַרלעוויל
וויקטאָריע
דזשעראַלדטאָן
פּערטה
אַדעלײַדע
סידנעי
קאַנבערע
מעלבורן
פּאָרטלאַנד
טאַסמאַניע
אינדישער אָקעאַן
אויסטראַליע

קאַפּיטל ט

ייִדן אין דעם ווײַטן אויסטראַליע

שוין מער ווי הונדערט און פֿופֿציק יאָר ווי ייִדן לעבן אין אויסטראַליע. זיי זײַנען געקומען פֿון ענגלאַנד, פֿון מערבֿ אייראָפּע, פֿון מזרח אייראָפּע און געבויט פֿאַר זיך אַ לעבן, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט מיט רויִקייט, אונטער אַ דעמאָקראַטישער פֿרײַהייט.

ייִדן האָבן דאָרט אויפֿגעבויט קהילות אין די שטעט: מעלבורן, סידנעי, פּערט און אַנדערע. אויך דאָרטן זײַנען געווען — אין אַ קלענערער מאָס — יאָרן פֿון אימיגראַציע. דער ייִדישער ייִשובֿ איז געוואַקסן צו אַ צאָל פֿון אַרום פֿינף און זיבעציק טויזנט ייִדן, כּן ירבו.

די געשיכטע פֿון ייִדן אין אויסטראַליע איז ניט קיין געשיכטע פֿון אָריענטאַלישע און עקזאָטישע ייִדן, זי איז אַ געשיכטע פֿון היימיש-ייִדישע מענטשן מיט זייער אַן אינטערעסאַנטן געשיכטע-לעכן אָנהייב, וואָס דערציילט ווי אַזוי די ערשטע ייִדן זײַנען געקומען קיין אויסטראַליע.

געאָגראַפֿיע

דער פֿינפֿטער קאָנטינענט פֿון אונדזער פּלאַנעט, אויסטראַליע, איז פּראַקטיש ניט מער ווי אַ גרויסער אינדזל — דער גרעסטער אינדזל אויף דער וועלט. קוקנדיק אויף דער מאַפּע פֿון אויסטראַליע, אויף דער רעכטער זײַט, קוקט זי אויס ווי אַן אָראָפּגעבויגענער קאָפּ פֿון אַן אייזל, וואָס וויל עפּעס אַ כאַפּ טאָן אין מויל אַרײַן. דער דאָזיקער „עפּעס" איז דאָס אינדזעלע „טאַסמאַניע", אויפֿן

נאָמען פֿון דעם האָלענדישן רײַזנדער טאַסמאַן, וואָס איז מיט זײַן עקספּעדיציע צוגעקומען צו דעם אינדזל אין יאָר 1642.

אויסטראַליע ליגט אין דרום־מזרח פֿון אַזיע, צווישן דעם אינדישן אָקעאַן און דעם פּאַציפֿישן אָקעאַן. פֿון אויסטראַליע ביז דעם אַנטאַרטיק, זײַנען שוין מער ניט פֿאַראַן קיין מענטשן־ייִשובֿים; טאַסמאַניע איז דער לעצטער מענטשן־ייִשובֿ.

דער נאָמען „אויסטראַליע" ווי דער קאָנטינענט ווערט איצט אָנגערופֿן, איז אָנגענומען געוואָרן ערשט אין יאָר 1814. דער קאָנטינענט איז פֿריִער געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „נײַ האָ־לאַנד", ווײַל אין אָנהייב 17טן יאָרהונדערט זײַנען שוין דאָרטן געווען האָלענדישע עקספּעדיציעס. זיי האָבן דעם אינדזל ניט קאָלאָניזירט און זיי האָבן זיך דאָרטן ניט באַזעצט.

ערשט אין 1770, איז דער בריטישער קאַפּיטאַן און רײַזע־פֿאָרשער, דזשיימס קוק, אָנגעקומען מיט זײַן עקספּעדיציע צו די מזרח־ברעגן פֿון אויסטראַליע און פּראָקלאַמירט דעם אינדזל אַלס די טעריטאָריע פֿון דער בריטישער קרוין.

ווי אַזוי די ערשטע ייִדן זײַנען געקומען קיין אויסטראַליע

עס איז באַוווּסט, אַז ענגלאַנד פֿלעגט שיקן אַ גרויסן טייל פֿון אירע אַרעסטאַנטן קיין אַמעריקע. נאָך דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד, אין יאָר 1783, האָט ענגלאַנד זיך ניט געקענט קיין עצה געבן מיט אירע אַרעסטאַנטן, ווײַל זי האָט ניט געוווּסט וווּהין זיי צו שיקן.

דער נײַער קאָנטינענט אויסטראַליע, וואָס האָט זיך געעפֿנט פֿאַר ענגלאַנד, איז איצט געוואָרן דאָס נײַע פֿאַרשיקונגס־אָרט פֿון די ענגלישע אַרעסטאַנטן. לאָרד סידנעי, דער אינערן־מי־ניסטער פֿון ענגלאַנד, האָט אין יאָר 1787 אַוועקגעשיקט קיין אויסטראַליע דעם ערשטן פֿלאָט מיט עלף שיפֿן אַרעסטאַנטן. זיי האָבן זיך באַזעצט אויף דעם דרום־מזרחדיקן ברעג, ווו ס'געפֿינט זיך איצט די גרויסע שטאָט סידנעי — אויפֿן נאָמען פֿון לאָרד סידנעי.

און דאָ איז וויכטיק צו וויסן, אַז ניט אַלע פֿאַרשיקטע אַרעס־טאַנטן קיין אויסטראַליע זײַנען באמת געווען פֿאַרברעכערס; דער גרעסטער טייל פֿון די אַרעסטאַנטן זײַנען פֿאַקטיש געווען די קרבנות פֿון אוממענטשלעכע געזעצן, וואָס האָבן אין יענער צײַט געהערשט אין ענגלאַנד. פֿאַר אַ גנבֿה פֿון פֿינף שילינג האָט דער ריכטער געקענט באַשטראָפֿן מיט טויט־שטראָף. פֿאַר קליי־ניקייטן זײַנען מענטשן באַשטראָפֿט געוואָרן מיט לאַנגע יאָרן אין תּפֿיסה. האָט אַן אַרבעטער פּראָטעסטירט קעגן זײַן באַלעבאָס — איז ער פֿאַרשיקט געוואָרן אין תּפֿיסה; האָט ווער געזאָגט אַ שלעכט וואָרט קעגן דער בריטישער קרוין — איז ער שוין פֿאַר־שיקט געוואָרן אין תּפֿיסה.

ענגלאַנד האָט פּשוט ניט געהאַט גענוג תּפֿיסות צו קענען אַרײַננעמען אַזוי פֿיל אַרעסטאַנטן, האָט זי זיי דעריבער אַרויס־געשיקט צו די נײַע קאָלאָניעס. אין די קאָלאָניעס האָט מען זיי גענומען צו שקלאַפֿן־אַרבעט. און ווען ס׳האָבן זיך געענדיקט די יאָרן פֿון זייער תּפֿיסה, האָט מען זיי באַפֿרײַט און זיי זײַנען שוין געבליבן אין לאַנד.

אַ סך פֿון די דאָזיקע באַפֿרײַטע אַרעסטאַנטן האָבן שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם לעבן פֿון אויסטראַליע. עס זײַנען צווישן זיי אויך געווען ייִדן — די ערשטע ייִדן פֿון אויס־טראַליע.

איינער פֿון די דאָזיקע ערשטע ייִדן אין אויסטראַליע, וואָס זײַן נאָמען איז גוט באַוווּסט פֿון די ערשטע קאָלאָניזאַציע־יאָרן, איז געווען יעקבֿ (דזשיימס) דע־לאַראַ, וואָס איז געקומען קיין אויסטראַליע מיט דעם צווייטן טראַנספּאָרט אַרעסטאַנטן, אין יאָר 1790. צוליב זײַן גוטער אויפֿפֿירונג האָט מען אים מיט פֿיר יאָר שפּעטער באַפֿרײַט און ער איז געוואָרן איינער פֿון די אָנגעזעענ־סטע בירגערס אין דער נײַער קאָלאָניע.

דע־לאַראַ האָט געשטאַמט פֿון אַן אָנגעזעענער שפּאַניש־ייִדישער משפּחה, וואָס האָט זיך אין אָנהייב 16טן יאָרהונדערט אַרויסגע־ראַטעוועט פֿון דער אינקוויזיציע און זיך באַזעצט אין האָלאַנד, פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד. דאָס איז געווען אַ משפּחה פֿון רבנים, מוזיקערס און פֿינאַנסירן.

יעקב דע־לאַראַ האָט זיך אין אויסטראַליע אַרויפֿגעאַרבעט צו אַ גרויס פֿאַרמעגן. ער האָט שטאָלצירט מיט זײַן ייִדישקייט און געפֿירט זײַנע מסחרים[1] מיט ערלעכקייט. די אויסטראַליער האָבן אים גערופֿן: „דהי האָנעסט דזשו" — דער ערלעכער ייִד.

וויפֿל ייִדן ס'זײַנען אַרײַנגעקומען קיין אויסטראַליע ווי בריטישע אַרעסטאַנטן, ווייסן מיר ניט. מעגלעך, אַז אַרום עטלעכע הונדערט ייִדן. מיר ווייסן אָבער, אַז די ייִדישע קהילות אין אויסטראַליע האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן מיט די פֿרײַ־געקומענע ייִדישע אימיגראַנטן פֿון ענגלאַנד אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט. ס'האָבן אָנגעהויבן אויפֿקומען ייִדישע קהילות אין סידנעי, אַדעלייד, מעלבורן און אַנדערע. צווישן די ערשטע ייִדישע פּיאָנערן אין דעם דאָזיקן לאַנד, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע די באַרימטע מאָנטעפֿיאָרע משפּחה.

ווער זײַנען געווען די מאָנטעפֿיאָרעס?

די מאָנטעפֿיאָרעס שטאַמען פֿון אַן איטאַליעניש־ייִדישער משפּחה, וואָס האָט זיך באַזעצט אין ענגלאַנד אין אָנהייב פֿון 18טן יאָרהונדערט. דער נאָמען משה מאָנטעפֿיאָרע איז געווען באַקאַנט צו אַלע ייִדן אין דער וועלט. ער איז געווען אַ גרויסער פֿילאַנטראָפּ און אַן אָנגעזעענער בירגער אין דער ענגלישער אימפּעריע. די ענגלישע קיניגין, וויקטאָריאַ, האָט אים באַערט מיטן טיטל „סער", צוליב זײַנע גרויסע פֿאַרדינסטן.

משה מאָנטעפֿיאָרע איז געווען אַ ייִד מיט אַ ברייט ייִדיש האַרץ. ווו־נאָר ייִדן זײַנען געווען אין אַ צרה, איז משה מאָנטעפֿיאָרע געקומען צו הילף; ער איז געפֿאָרן העלפֿן די ייִדן אין רוסלאַנד און איז געפֿאָרן העלפֿן די ייִדן אין ארץ־ישׂראל. ער איז געווען דער ייִדישער אַמבאַסאַדאָר מיט אַ בריטישן פּאַספּאָרט, וואָס איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿון מלכים און מיניסטאָרן צו מאָנען יושר[2] פֿאַר זײַנע אומגליקלעכע ברידער.

---

[1] געשעפֿטן.

[2] גערעכטיקייט.

יעקבֿ מאָנטעפֿיאָרע, אַ שוועסטערקינד פֿון משה מאָנטעפֿיאָ-רע, איז געווען פֿון די ערשטע פּיאָנערן אין דעם ווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון אויסטראַליע בכלל און מיט גרויסע פֿאַרדינסטן אין דעם געשיכטלעכן אָנהייב פֿון די ייִדן אויף דעם דאָזיקן קאָנטינענט.

אינעם יאָר 1834, האָט דער קיניג וויליאַם דער פֿערטער באַשטימט צוועלף דירעקטאָרן פֿאַר דער דרום-אויסטראַליער קאָ-לאָניזאַציע און יעקבֿ מאָנטעפֿיאָרע איז געווען איינער פֿון די צוועלף דירעקטאָרן. די מאָנטעפֿיאָרע-משפּחה און אַנדערע אָנגעזעענע ייִדישע משפּחות פֿון ענגלאַנד — ווי די לייוויס, יוסף סאָלאָמאָן — האָבן געעפֿנט ברייטע שטחים [3] פֿאַר דער ווירטשאַפֿט פֿון לאַנד און פֿאַר אַ נײַעם ייִדישן ישובֿ, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען.

[3] שטרעקעס לאַנד.

דאָס איצטיקע ייִדיש לעבן אין אויסטראַליע

אין אויסטראַליע וווינען הײַנט קרובֿ צו דרײַ און זיבעציק טויזנט ייִדן. די גרעסערע מערהײַט וווינט אין די שטעט: מעל־בורן און סידנעי; פֿינף און דרײַסיק טויזנט ייִדן אין מעלבורן און אַרום דרײַסיק טויזנט אין סידנעי. קלענערע ייִדישע קהילות געפֿינען זיך אין בריזביין, אַדעלייד, פּערט, און אַנדערע.

ביזן אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט, ווען דער ייִשובֿ איז נאָך געווען אין אַ קליינער צאָל, האָט זיך דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן קאָנצענטרירט אַרום די רעליגיעזע באַדערפֿענישן און הילפֿס־אַרבעט פֿון צדקה און גמילות חסדים. פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אויסטראַליע מזרח־אייראָ־פּעיִשע און מערבֿ־אייראָפּעיִשע ייִדן. די דאָזיקע נײַע אימיגראַנטן האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ נײַע אויפֿלעבונג אין דעם ייִדישן לעבן. ס׳זײַנען אויפֿגעקומען נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפֿטן, קלובן פֿאַר יוגנטלעכע, קולטור־אָרגאַניזאַציעס און אַ מער מאָדער־נערע ייִדישע דערציִונג. דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן האָט באַקומען אַ פֿאָלקסטימלעכן כאַראַקטער.

הײַנט זײַנען שוין פֿאַראַן אין מעלבורן און אין סידנעי, ייִדיש־וועלטלעכע שולן, קאָנגרעגאַציע־שולן, תּלמוד־תּורות און ישיבֿות. דער שטאָלץ פֿון די ייִדן אין מעלבורן איז די גרויסע מאָדערנע טאָגשול „הר הצופֿים״ (מאונט סקאָפּוס), וואָס נעמט אַרום פֿון קינדער־גאָרטן ביז דער גראַדויִרונג פֿון מיטלשול און ס׳לערנען זיך דאָרטן קרובֿ צו צוויי טויזנט תּלמידים.

דער צענטער פֿון ייִדישן קולטור־לעבן אין מעלבורן איז די „קדימה״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1911. אין די זאַלן פֿון „קדימה״ קומען פֿאָר לעקציעס, קאָנצערטן, קונסט־אויסשטע־לונגען, טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען און געזעלשאַפֿטלעכע אונטערנע־מונגען. זי האָט אויך אַ ייִדישע ביבליאָטעק מיט אַ לייענזאַל, וווּ ס׳קומען טויזנטער לייענער אַ יאָר.

די דאָזיקע וויכטיקע אינסטיטוציע אין מעלבורן, היט אויף דאָס ייִדיש לשון אין דער ווײַטער אויסטראַליע.

„באָארד אָוו דעפּיוטיס" — קהילה־אַדמיניסטראַציעס

דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין די גרעסערע יידישע יישובים פון אויסטראַליע, ווערט קאָאָרדינירט און אָנגעפירט פון אַ „באָארד אָוו דעפּיוטיס". דאָס איז אַן ענגלישער סיסטעם פון אַ קהילה־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט די השגחה איבער די רעליגיעזע באַדערפעניש, יידישער דערציִונג, סאָציאַלער הילף, געלט־זאַמלונגען, און איבער אַלע וויכטיקע קהילישע ענינים.

אין „באָארד אָוו דעפּיוטיס" זיצן פאָרשטייערס פון אַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, כדי די אַרבעט זאָל געפירט ווערן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן. אַלע יידישע קהילות, דאָס מיינט די „באָארדס אָוו דעפּיוטיס", זיינען פאַרטראָטן אין איין צענטראַלן „עקזעקוטיוו קאָונסיל", וואָס רעדט אין נאָמען פון אַלע יידן אין אויסטראַליע.

יידן ווי אויסטראַליער בירגער

אויסטראַליע איז זייער אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. סימבאָליש איז זי נאָך פאַרבונדן מיט דער בריטישער קרוין, וואָס איר פאָרשטייער איז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

יידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון אויסטראַליע. דער ענגלישער ייד, יוסף סאָלאָמאָן, פון די ערשטע יידן אין טאַסמאַניע, איז געווען צווישן די גרינדערס פון דער שטאָט מעלבורן. ער האָט דאָרט געהאַט גרויסע שטחים לאַנד צו האָדעווען זיינע שאָף פאַר דער וואָל־אינדוסטריע.

יידן אין אויסטראַליע זיינען אַלע מאָל באַטראַכט געוואָרן ווי ערשט־קלאַסיקע בירגערס און האָבן קיין מאָל ניט געליטן פון דיסקרימינאַציעס. אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, האָט אויסטראַליע געהאַט אַ יידישן גענעראַל־גובערנאַטאָר (גאָווערנאָר־דזשענעראַל), אײַזיק אײַזיקס. אויך אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דער הויפּט־גענעראַל פון דער אויסטראַליער אַרמיי געווען דער ייד, דזשאָן מאָנאַש.

אויסטראַליער יידן ווערן דערוויילט סײַ צו די פּראָווינץ־פאַרלאַמענטן און סײַ צום פעדעראַלן פאַרלאַמענט. זיי פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס ניט בלויז אין דער רעגירונג, נאָר אויך אין אַלע צווײַגן פון דער אַלגעמיינער קולטור און קונסט.

עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז איינער פֿון די ערשטע און אָנערקענטסטע נאַציאָנאַלע קאָמפּאָזיטאָרן פֿון אויסטראַליע, איז געווען דער ייִד אײַזיק נייטען פֿון ענגלאַנד. ער איז געקומען קיין אויסטראַליע אין יאָר 1841 און זיך אָפּגעגעבן מיט פֿאָרשן דאָס געזאַנג פֿון די אײַנגעבוירענע אויסטראַליער שבֿטים, וואָס מען רופֿט זיי „אַבאָרידזשינעס". ער האָט דערנאָך פֿון דעם געשאַפֿן אָריגינעלע אויסטראַלישע קאָמפּאָזיציעס.

טאַסמאַניע

אַז מיר זײַנען שוין אין אויסטראַליע, ווען מיר זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע מינוט אין טאַסמאַניע — אויסטראַליעס אָן אינדזעלע, וואָס ליגט נאָענט בײַ איר דרום־מזרח ברעג.

טאַסמאַניע טראָגט דעם נאָמען פֿון דעם האָלענדישן רײַזנדער טאַסמאַן, וואָס איז צוגעשווומען צום אינדזל אין יאָר 1642. אויף דעם דאָזיקן אינדזל זײַנען נאָך הײַנט פֿאַראַן סימנים[1] פֿון צוויי ייִדישע קהילות, וואָס האָבן עקסיסטירט אין די פּאָרט־שטעט: האָבאַרט און לאָנצעסטאָן. אין יעדע שטעט שטייען נאָך הײַנט די שולן אין זייער אַ גוטן צושטאַנד, וואָס זײַנען אויסגעבויט געוואָרן אין 1845. דאָס זײַנען פֿאַקטיש געווען די ערשטע שולן אויף דעם אויסטראַלישן קאָנטינענט.

צווישן די פֿאַרשיקטע פֿון ענגלאַנד קיין טאַסמאַניע, זײַנען אויך געווען ייִדן. אַ גרויסער טייל פֿון זיי זײַנען שפּעטער באַפֿרײַט געוואָרן און האָבן זיך אויפֿן אינדזל פֿאַרנומען מיט מלאכה און האַנדל. שפּעטער זײַנען אָנגעקומען פֿרײַע ייִדישע עמיגראַנטן און זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ מנין און אַ געזעלשאַפֿט צו העלפֿן די פֿאַרשיקטע אַרעסטאַנטן. אין יאָר 1841 האָט זיך שוין אָנגעהויבן די איניציאַטיוו צו בויען די שולן. זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט אַ רבֿ און געשאַפֿן אַ תּלמוד תּורה פֿאַר זייערע קינדער.

אין סוף 19טן יאָרהונדערט, האָבן די ייִדן זיך אָנגעהויבן אַריבערציִען קיין מעלבורן און סידנעי און די שולן אין האָבאַרט און אין לאָנצעסטאָן, זײַנען געבליבן אָן ייִדן. בלויז עטלעכע ייִדישע משפּחות וווינען נאָך הײַנט אין טאַסמאַניע און זיי גיבן אַכטונג אויף די שולן, וואָס שטייען פֿאַריתומט.

---

[1] צייכנס.

ניט קיין פֿראַגעס, נאָר פֿאַרגלייַכונגען

א) לאָמיר אַ טראַכט טאָן און זען וווּ ס'איז פֿאַראַן אַ ייִדישער ייִשובֿ מיט, מער ווייניקער, אַזוי פֿיל ייִדן ווי אין אויסטראַליע.

ב) איצט לאָמיר פֿאַרגלייַכן די געשיכטעס פֿון די דאָזיקע צוויי ייִדישע ייִשובֿים און זען מיט וואָס איז אַנדערש איין ייִשובֿ פֿון אַנדערן.

מיט די געשיכטעס מיינען מיר: ווען האָבן ייִדן אָנגעהויבן קומען אין דעם ייִשובֿ און אין אַנדערן ייִשובֿ; פֿון וועלכע לענדער זייַנען זיי געקומען; אונטער וואָס פֿאַר אַ מלוכה־סיסטעם לעבן זיי; זייערע שפּראַכן; זייערע קהילות און זייער זיכערקייט אין דעם לאַנד וווּ זיי וווינען.

ג) ביז איצט האָבן מיר שוין דורכשפּאַצירט איבער פֿיר קאָנטינענטן און זיך אָפּגעשטעלט אין פֿיל לענדער וווּ ייִדן לעבן. ס'וואָלט דעריבער געווען אַ פּלאַן, אַז איר זאָלט איצט צונויפֿשטעלן אַ רשימה פֿון די לענדער וווּ ייִדיש לעבן איז גוט און זיכער און וווּ ייִדיש לעבן איז ניט אַזוי גוט און זיכער. איר קענט דאָס טאָן אויף אַזאַ אופֿן:

לענדער וווּ ייִדן לעבן גוט און זיכער	לענדער וווּ ייִדן לעבן ניט אַזוי גוט און זיכער



אינערלעכער אויסזען פון דער שול אין האָבאַרט



בית־רבקה טאָג־שול אין מעלבורן

קאַפּיטל י

אייראָפּע

ווי יידן האָבן געלעבט און געשאַפֿן אין די אייראָפּעיִשע לענדער

ס'איז כדאי[1] צו וויסן

אייראָפּע איז איינער פֿון די פֿינף וועלט־טיילן, וואָס מיר רופֿן אָן: „אייראָפּעיִשער קאָנטינענט". אַחוץ אויסטראַליע, איז דאָס דער קלענסטער קאָנטינענט — ניט קיין סך גרעסער ווי די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דער דאָזיקער קאָנטינענט איז צעטיילט אויף פֿיר און דרײַסיק לענדער; דאָס גרעסטע לאַנד איז רוסלאַנד און דאָס קלענסטע לאַנד — די שטאָט פֿון וואַטיקאַן.

דער נאָמען „אייראָפּע" נעמט זיך פֿון אַן אַלט־אַשוריש וואָרט „ע ר ע ב", וואָס מיינט פֿינצטערניש, אונטערגאַנג, אָדער מערבֿ־זײַט. מיט דעם דאָזיקן נאָמען האָט מען אין דער אַלטער צײַט אָנגערופֿן גריכנלאַנד. שפּעטער האָט מען שוין מיט דעם נאָמען אָנגערופֿן אַלע לענדער, וואָס ליגן אין מערבֿ־זײַט פֿון קליין אַזיע.

קוקנדיק אויף דער מאַפּע, זעט אייראָפּע גיכער אויס ווי אַ האַלבאינדזל און ניט ווי אַ קאָנטינענט, ווײַל אייראָפּע ליגט צווישן דרײַ ימים: אין צפֿון־זײַט — איז דער אַרקטיק און באַלטישער ים; אין מערבֿ־זײַט — דער אַטלאַנטישער אָקעאַן; און אין דרום — דער מיטללענדישער ים.

---

[1] אינטערעסאַנט, ווינטשנסווערט.


אייראָפּע
אַטלאַנטיק
רוסלאַנד
שוועדן
דענעמאַרק
האָלאַנד
פֿראַנקרייך
שפּאַניע
פּאָרטוגאַל
מיטללענדישע ים
יוגאָ-סלאַוויע
רומעניע
שוואַרצע ים
פּוילן
ליטע

אין דעם אייראָפּעיִשן קאָנטינענט גייען אויך אַרײַן די אינדז־לען: ענגלאַנד און אירלאַנד, וואָס ליגן אין צפון־מערבֿ זײַט, און די אינדזלען: סיציליע, סאַרדיניע, קאָרסיקע, וואָס ליגן אין מיטל־לענדישן ים.

אין דער וועלט־געשיכטע פֿאַרנעמט אייראָפּע זייער אַ חשובֿ[2] אָרט. די אייראָפּעיִשע פֿעלקער, אַזעלכע ווי די אַלטע גריכן, די רוימער, די שפּאַניער, די פֿראַנצויזן, די ענגלענדער — האָבן זייער מאַכט און זייערע ציוויליזאַציעס אויסגעשפּרייט איבער אַלע ווינק־לען פֿון דער וועלט. דאָ אין אייראָפּע האָבן זיך אַנטוויקלט די קולטורן פֿון אַ סך פֿעלקער און אויך וויכטיקע וויסנשאַפֿטן.

צווישן די פֿעלקער אין אייראָפּע האָט אַלע מאָל און אין אַלע צײַטן געלעבט אַ גרויסער טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק. פֿון אייראָפּע האָבן ייִדן אין פֿאַרשיידענע צײַטן אויסגעוואַנדערט צו אַנדערע קאָנטינענטן. דער גרעסטער טייל ייִדן איבער דער וועלט אין אונ־דזער צײַט — זײַנען געקומענע אָדער קינדער פֿון די געקומענע אייראָפּעיִש־ייִדישע אימיגראַנטן.

פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ביז אַרום 1938-1939, האָבן אין די אייראָפּעיִשע לענדער געלעבט נאָענט צו נײַן און אַ האַלבן מיליאָן ייִדן. די דאָזיקע ייִדן האָבן במשך פֿון לאַנגע יאָרן געשאַפֿן אַ גרויסע ייִדישע קולטור מיט רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, וואָס האָבן דערצויגן און געשטאַרקט דעם נאַציאָנאַלן כּוח און דערפֿירט צו דעם אויפֿבוי פֿון מדינת־ישׂראל.

ייִדן אין אייראָפּע אין די איצטיקע טעג

אין די פֿריִערדיקע לעקציעס האָבן מיר אָפֿט מאָל געלערנט וועגן ייִדן פֿון מזרח־אייראָפּע און פֿון מערבֿ־אייראָפּע. דאָס איז נאָר געאָגראַפֿישע ליניעס אָנצוווײַזן אויף די לענדער, וואָס ליגן אין מזרח־זײַט אָדער אין מערבֿ־זײַט פֿון אייראָפּע. דאָס זעלבע איז אויך ווען מיר זאָגן צענטראַל־אייראָפּע — אָנצוווײַזן אויף די לענדער, וואָס ליגן אין צענטער פֿון אייראָפּע.

---

[2] אָנגעזען, בכּבֿודיק.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זײַנען די ליניעס[1] צווישן מזרח־אייראָפּע און מערבֿ־אייראָפּע געוואָרן מער אָפּגעטיילט איינע פֿון די אַנדערע. אויף מזרח־זײַט זײַנען די לענדער איצט מער געבונדן מיט רוסלאַנד, וואָס איר רעגירונג איז אַ קאָמוניסטיש־סאָציאַליסטישע. אין מערבֿ־אייראָפּע זײַנען די דעמאָקראַטישע לענדער, ווו דאָס לעבן פֿון די בירגערס — ייִדן אַרײַנגערעכנט — איז מיט אַ פֿרײַער באַוועגונג. און דאָס זײַנען אַזעלכע לענדער ווי: ענגלאַנד, נאָרוועגן, שוועדן, דענעמאַרק, האָלאַנד, בעלגיע, פֿראַנקרײַך און איטאַליע. אין אַלע אייראָפּעיִשע לענדער צוזאַמען וווינען הײַנט אַרום פֿיר מיליאָן ייִדן. דער גרעסטער ייִדישער קיבוץ, בערך צוויי און אַ האַלבן מיליאָן ייִדן, געפֿינט זיך אין רוסלאַנד. דער קלענסטער ייִדישער ייִשובֿ, ניט מער ווי אַרום פֿופֿציק ייִדן, געפֿינט זיך אויף דעם אייראָפּעיִשן אינדזל מאַלטאַ.

שוין העכער פֿופֿציק יאָר ווי די ייִדן אין רוסלאַנד לעבן אָפּגעשלאָסן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק אין דער וועלט. עס איז פֿון זיי צוגענומען געוואָרן די מעגלעכקייט צו קענען לעבן ווי ייִדישע ייִדן און דערציִען זייערע קינדער אין ייִדישן גײַסט. אויסער די געציילטע בתי־כּנסיות[2] איבערן לאַנד, זײַנען אין רוסלאַנד ניט פֿאַראַן קיין ייִדישע שולן, קיין שום ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און קיין ייִדישע צײַטונגען. דאָס ייִדיש לעבן איז באַגרענעצט צו קענען קומען אין שול אַרײַן דאַוונען. אין אַזאַ שטאָט ווי מאָסקווע, די הויפּטשטאָט פֿון רוסלאַנד, ווו עס וווינען אַרום דרײַ הונדערט טויזנט ייִדן — איז פֿאַראַן איין שול.

אָבער וווּנדערלעך איז דער פֿאַקט, וואָס אַפֿילו אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָבן פֿיל ייִדן איבער גאַנץ רוסלאַנד זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות אָנצוהאַלטן אַ ייִדיש לעבן; ווי די אַנוסים אַמאָל, האָבן זיי אויך מיט אַלע מעגלעכע מיטלען דערצויגן זייערע קינדער אין די טראַדיציעס פֿון ייִדישן פֿאָלק, מיט די לשונות[3] פֿון ייִדיש און עבֿרית.

---

[1] גרענעצן.

[2] שולן.

[3] שפּראַכן.

אין 1948, נאָך דער פּראָקלאַמירונג פֿון מדינת ישׂראל, האָט זיך ביי די ייִדן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד (רוסלאַנד) אויפֿגעוועקט דער שטאַרקער ווילן אַרויסצורייסן זיך פֿון הינטער די רוסישע ווענט קיין ישׂראל. דער דאָזיקער באַגער[1] איז געוואָרן שטאַרקער פֿון יאָר צו יאָר און אָן שרעק האָבן זיי זיך גענומען ווענדן צו דער רעגירונג, אַז מ׳זאָל זיי אַרויסלאָזן פֿון לאַנד.

אַ סך ייִדן זיינען דערפֿאַר צוגענומען געוואָרן פֿון זייער אַרבעט, אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין תּפֿיסות, אָדער פֿאַרשיקט געוואָרן צו צוואַנגאַרבעט. ווען די ייִדן אין דער פֿריַער וועלט האָבן זיך פֿון דעם דערוווּסט, זיינען זיי ניט געבליבן זיצן רויִק; זיי האָבן פּראָטעסטירט און דעמאָנסטרירט מיט פּעטיציעס צו דער רוסישער רעגירונג, און דער לאָזונג איז געווען — „שלח את עמי״ — שיק אַרויס מײַן פֿאָלק...

ביסלעכווייַז האָט זיך דאָס אייַז אין רוסלאַנד גענומען רירן. געוויסע גרופּעס ייִדן האָבן אָנגעהויבן קריגן דערלויבענישן אַרויסצופֿאָרן פֿון רוסלאַנד. מדינת ישׂראל איז גלייַך געקומען צו זייער הילף און טויזנטער משפּחות האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קיין ישׂראל. ישׂראל פֿאַרזאָרגט זיי מיט דירות, מיט אַרבעט, און אַ נייַ ייִדיש לעבן הייבט זיך פֿאַר זיי אָן. מיר האָפֿן, אַז נאָך אַ סך ייִדן פֿון רוסלאַנד וועלן גאָר אין גיכן קענען אַרויספֿאָרן קיין ישׂראל זיך צו פֿאַראייניקן מיט זייערע משפּחות.

פֿון די גרעסערע ייִדישע ייִשובֿים, וואָס זיינען געבונדן מיט מזרח־אייראָפּע, זיינען רומעניע און אונגאַרן. אין אונגאַרן לעבן נאָך הייַנט אַרום אַכציק טויזנט ייִדן און אין רומעניע — הונדערט טויזנט ייִדן. פֿאַר די ייִדן אין דעם קאָמוניסטישן רומעניע איז פֿיל בעסער ווי אין רוסלאַנד. אין בוקאַרעשט, די הויפּטשטאָט פֿון רומעניע, איז פֿאַראַן אַ ייִדישע קהילה, וואָס פֿירט אָן מיט אַלע רעליגיעזע באַדערפֿענישן. די קהילה האָט אויך די השגחה איבער ייִדישער דערציִונג (מער רעליגיעזע דערציִונג), וואָס איז דערלויבט פֿון דער רעגירונג אין רומעניע.

אין אַנדערע לענדער, וואָס זיינען געבונדן מיט דעם קאָמוניסטישן בלאָק פֿון מזרח־אייראָפּע, זיינען די ייִדישע ייִשובֿים זייער

[1] ווילן.

קליינע און ראַנגלען זיך מיט זייער עקסיסטענץ. אין דעם לאַנד פּוילן למשל, ווו פֿאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט געלעבט דער גרעסטער און אַקטיווסטער ייִדישער ייִשובֿ אין דער וועלט — מער ווי דריי מיליאָן ייִדן — איז שוין איצט כּמעט ווי אָן ייִדן. די עטלעכע טויזנט ייִדן, וואָס וווינען נאָך אין פּוילן קענען צוליב דעם שטאַרק־פֿאַנאַטישן אַנטיסעמיטיזם ניט לעבן ווי ייִדן און אויך ניט ווי גויים. די וואָס האָבן אַ מעגלעכקייט, פֿאָרן אַרויס פֿון לאַנד.

פֿיל בעסער איז דאָס לעבן פֿון די ייִדן אין די מערבֿ־אייראָ־פּעיִשע לענדער. אין די דאָזיקע לענדער זיינען פֿאַראַן גוט־אָרגאַני־זירטע ייִדישע קהילות, לאָקאַלע אינסטיטוציעס און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, מיט אַן אַקטיוו ייִדיש לעבן אויפֿן אָרט און מיט זייער הילף פֿאַר ישׂראל.

די גרעסערע ייִדישע ייִשובֿים אין מערבֿ־אייראָפּע זיינען היינט אין ענגלאַנד און אין פֿראַנקרייך. אין ביידע לענדער וווינען איצט קרובֿ צו אַ מיליאָן ייִדן.

די געשיכטע פֿון די ייִדן אין אייראָפּע איז זייער אַן אַלטע, ווייל ס'איז שוין מער ווי צוויי טויזנט יאָר זינט ייִדן האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין די אייראָפּעיִשע לענדער. דאָס איז אַ גע־שיכטע פֿון גרויסע געלערנטע מענטשן, וואָס האָבן אונדז געלערנט, דערצויגן, פֿאַרמירט און געשטאַרקט מיט רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אידעאַלן. דאָס איז אויך אַ געשיכטע פֿון פֿרייד און טרויער, פֿון אויפֿבלי און אונטערגאַנג, פֿון מסירת נפֿש[1] און קידוש השם, פֿון געפֿאַלנקייט און דערהויבנקייט צו אַ נייעם לעבן.

דורך די וועגן פֿון דער דאָזיקער געשיכטע וועלן מיר זיך דאָ ווייטער באַקענען מיט אונדזערע גרויסע לערערס און פּערזענלעכ־קייטן, וואָס האָבן געשאַפֿן און געבויט אונדזער גייסטיק פֿאַרמעג.

ווען האָבן ייִדן אָנגעהויבן קומען קיין אייראָפּע?

מיר האָבן ווייניק געשיכטלעכע דאַטעס וועגן די ערשטע ייִדישע ייִשובֿים אין אייראָפּע. פֿון די מקורות[2] אין תּנ"ך ווייסן מיר

---

[1] איבערגעגעבן מיטן לעבן. [2] קוואַלן, אָנווייזונגען.

וויַ די רוימישע אימפּעריע האָט אַרומגענומען טיילן פֿון איירָאפּע, אַזיע און אַפֿריקע.

אָבער, אַז נאָך פֿאַר דעם ערשטן חורבן, מיט העכער צוויי טויזנט פֿינף הונדערט יאָר צוריק, זיַינען שוין געווען יידן אויף די גריכישע אינדזלען. דער נבֿיא ישעיה, וואָס האָט געלעבט פֿאַר דעם ערשטן חורבן, האָט נבֿיאות געזאָגט, אַז גאָט וועט צוריק אויסקויפֿן די יידן, וואָס זיַינען אַוועקגעפֿירט געוואָרן (ווי שקלאַפֿן) קיין אשור, מצרים, כוש און צו די „איי הים" — די אינדזלען פֿון ים. פֿאָרשערס זאָגן, אַז דאָס מיינט מען די גריכישע אינדזלען.

דער נבֿיא יואל רעדט שוין מער קלאָרער וועגן יידן אין גריכנלאַנד. ער זאָגט: „ובני יהודה ובני ירושלים מכרתם לבני היונים למען הרחיקם מעל גבולם" — און די קינדער פֿון יהודה

און ירושלים האָט איר פֿאַרקויפֿט צו די יונים (גריכן), כּדי צו דערווײַטערן זיי פֿון זייערע גרענעצן. (יואל ד)

די געשיכטע פֿון פֿאַרן צווייטן חורבן דערציילט אונדז, אַז ווען די רוימישע אימפּעריע האָט אָנגעהויבן פֿאַרנעמען קליין־אַזיע, האָבן דעמאָלט די צוויי חשמונאים־ברידער, הורקנוס און אַריסתּובול, די זין פֿון אַלכּסנדר ינאַי — געפֿירט צווישן זיך אַ קריג איבער דער מאַכט פֿון יהודה. ביידע ברידער זײַנען אַוועק צו דעם רוימישן גענעראַל, פּאָמפּעוס, קיין דמשק און אים געבעטן, אַז ער זאָל דעצידירן ווער פֿון זיי ס'האָט די רעכט צו רעגירן איבער יהודה.

דער דאָזיקער ברידערקריג האָט פֿאַרשנעלערט רוימס אַרײַנקומען קיין יהודה און אײַנשטעלן איר אייגענע מאַכט. און ווען פּאָמפּעוס איז זיגריש צוריק אַוועק קיין רוים, האָט ער מיטגענומען מיט זיך דעם געפֿאַנגענעם קיניג אַריסתּובול מיט זײַנע צוויי טעכטער און צוויי זין, צוזאַמען מיט אַנדערע געפֿאַנגענע ייִדן פֿון יהודה. שפּעטער, ווען די דאָזיקע ייִדן זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן, זײַנען זיי פֿאַרבליבן אין רוים און זיך באַמיט צו לעבן ווי פֿרומע ייִדן. און אַזוי זײַנען מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק אויפֿגעקומען די ערשטע ייִדישע קהילות אין אייראָפּע — אין איטאַליע און אין גריכנלאַנד.

נאָך דעם צווייטן חורבן (יאָר 70) האָבן זיך פֿאַרמערט די ייִדישע ייִשובֿים אין איטאַליע. דער רוימישער גענעראַל טיטוס, וואָס האָט צעשטערט יהודה און ירושלים, האָט צוזאַמען מיט די כּלים פֿון בית־המקדש אַוועקגעפֿירט קיין רוים זיבן הונדערט גיבורים פֿון דעם אויפֿשטאַנד אין יהודה. אַ סך פֿון די דאָזיקע העלדן זײַנען אומגעקומען אין די עפֿנטלעכע קאַמפֿן אויף די אַרענעס מיט די רוימישע „גלאַדיאַטאָרן" און פֿיל פֿון זיי זײַנען אויך אויסגעקויפֿט געוואָרן פֿון די ייִדן אין רוים.

די ייִדישע קהילות, וואָס זײַנען דעמאָלט אויפֿגעקומען אין איטאַליע, האָבן מיט זייער אייגנאַרטיקן ייִדישן גלויבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה[1] אויף זייערע ניט־ייִדישע שכנים; אין יענע יאָרן

[1] אײַנפֿלוס.



דער טיטוס־טויער אין רוים. די מנורה, וואָס מען זעט אויפן בילד, האָט געדינט ווי אַ מאָדעל פֿאַר ישׂראלס עמבלעם.

זײַנען נאָך די רוימער געווען געצן־דינערס און די ייִדישע רעליגיע האָט בײַ זיי אַרויסגערופֿן באַוווּנדערונג.

אין תּלמוד געפֿינט זיך אַ וווּנדערלעכע אַגדה וועגן דעם קיסר נירון (נעראָן), וואָס האָט געלעבט אין דער צײַט ווען אין יהודה האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפֿשטאַנד קעגן רוים. די אַגדה דערציילט, אַז ווען נירון האָט אָנגעהויבן די מלחמה קעגן דעם אויפֿשטאַנד, האָט ער איין מאָל אָפּגעשטעלט אַ ייִדיש ייִנגל אין גאַס און צו אים געזאָגט: זאָג מיר אַ פּסוק פֿון דעם וואָס דו האָסט הײַנט געלערנט; האָט דאָס ייִנגל אים געזאָגט דעם פּסוק פֿון ספֿר יחזקאל, קאַפּיטל כה: „ונתתי את נקמתי באדום, ביד עמי ישׂראל" — און איך וועל ברענגען מײַן נקמה אויף אדום (געמיינט רוים) דורך דער האַנט פֿון מײַן פֿאָלק ישׂראל... און די גמרא דערציילט,

די עלטסטע שול אין איירָאפּע, וואָס אַרכעאָלאָגן האָבן אויסגעגראָבן אין דער אַמאָליקער פּאָרטשטאָט, אָסטיאַ, 15 מייל פֿון רוים, איטאַליע. די שול שטאַמט פֿון 1טן יאָרהונדערט

אַז נירון איז פֿון דעם אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שרעק און איז אַנטלאָפֿן פֿון רוים און זיך מגייר[1] געווען און פֿון אים האָט אָפּגעשטאַמט דער תּנא רבי מאיר, אַ תּלמיד פֿון רבי עקיבֿא.

און עס זײַנען באמת געווען זייער באַרימטע גרים, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון אַלטן רוים. איינער פֿון זיי איז געווען דער גר אונקלוס, וואָס האָט געלעבט אין דער צײַט פֿון צווייטן חורבן.

ווען איר וועט עפֿענען אַן אַלטן חומש, וועט איר זען בײַם זײַט פֿון טעקסט דעם „תּרגום אונקלוס" — די איבערזעצונג פֿון חומש אויף אַראַמעיִש, וואָס איז אין דער יִדישער טראַדיציע אָנגענומען און הייליק.

דער תּלמוד זאָגט אונדז, אַז „אונקלוס בן אונקלוס" איז געווען אַ שוועסטערקינד פֿון טיטוסן און ווען ער האָט זיך מגייר געווען, איז ער געווען זייער אָפּגעהיט מיט די געזעצן פֿון דער תּורה. ווען זײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט אַ ירושה פֿון טײַערע גאָלדענע צלמים,[2] האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם צוליב דעם טעם פֿון „עֲבֿודה זרה" (געצן־דינערײַ).

יִדישע קהילות זײַנען אויפֿגעקומען אויך אין די אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער, וואָס זײַנען אין יענער צײַט געווען אַ טייל פֿון דער רוימישער אימפּעריע. ס'זײַנען געווען יִדישע קהילות אין גריכנלאַנד, אין טערקײַ, אין גאַליע (הײַנטיקע פֿראַנקרײַך), אין דײַטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער. זיי האָבן געפֿירט גרויסע מסחרים[3] מיט די פּאָרט־שטעט בײַם מיטללענדישן ים און זייער שפּראַך איז געווען גריכיש אָדער לאַטײַניש מיט אַ צוגאָב פֿון העברעיִשע ווערטער.

בדרך כּלל, איז דאָס לעבן פֿאַר די יִדן אונטער דער רוימישער הערשאַפֿט אין די דרויסנדיקע לענדער פֿון יהודה, געווען לײַכטער און בעסער ווי אין יהודה. און דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז דעם 4טן יאָרהונדערט, ווען קאָנסטאַנטין דער גרויסער האָט פּראָקלאַמירט דאָס קריסטנטום פֿאַר דעם הערשנדיקן גלויבן אין דער רוימישער אימפּעריע.

---

[1] געוואָרן אַ ייִד.

[2] געצן.

[3] געשעפֿטן.

די נײַע קריסטלעכע רעליגיע, וואָס איז פֿריִער זייער שטאַרק פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן אין די לענדער פֿון דער רוימישער אימפּעריע, איז מיט אַ מאָל אַליין געוואָרן די פֿאַרפֿאָלגערין. זי האָט אין דער יידישער אמונה[1] געזען אַ גרויסע קאָנקורענץ, ווײַל די קריסטלעכע אמונה איז דאָך אַרויסגעוואַקסן פֿון דער יידישער... האָט זי דעריי־בער געוואָלט דערווײַטערן די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג פֿון זייערע יידישע שכנים מיט אַזעלכע גזירות ווי: ניט עסן און ניט טרינקען מיט יידן צוזאַמען; ניט גיין צו יידישע פֿאַרזאַמלונגען; און שטרענג פֿאַרבאָטן, אַז יידן זאָלן זיך באַדינען מיט קריסטלעכע דינערס.

רוים און ביזאַנץ

בײַם סוף פֿון פֿערטן יאָרהונדערט איז די רוימישע אימפּעריע צעטיילט געוואָרן אויף צוויי מלוכות: די רוימישע און די ביזאַנ־טישע. די רוימישע מלוכה האָט אײַנגעשלאָסן דעם מערבֿ־טייל פֿון אייראָפּע און די ביזאַנטישע מלוכה — דעם מזרח־טייל פֿון אייראָפּע, מיט איר הויפּטשטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס פֿריִער האָט זי געהייסן ביזאַנץ.

דער גרעסטער טייל פֿון די יידישע ישובֿים זײַנען געווען אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע, ווו דער אײַנפֿלוס פֿון דער קאַטוילי־שער קירך איז געווען זייער שטאַרק. אין סוף פֿון פֿינפֿטן יאָר־הונדערט איז זיך צעפֿאַלן די מערבֿ־רוימישע אימפּעריע און אויך די נײַע הערשערס, די וועסטגאָטישע און די גערמאַנישע מלכים, זײַנען געווען פֿאַנאַטישע קריסטן.

שווערע יאָרן זײַנען אָנגעקומען פֿאַר די יידן אין אייראָפּע. גזירות, שמד און אויסקויף־געלט האָט זיך געהאַלטן אין איין איבערחזרן. מ'פֿלעגט אָפֿט איבערוואַנדערן פֿון איין אָרט צו אַ צווייטן, טראַכטנדיק — אפֿשר וועט דאָרטן זײַן בעסער... און דאָך, אַפֿילו אונטער אַזעלכע שווערע באַדינגונגען זײַנען די יידישע ישובֿים אין אייראָפּע אויסגעוואַקסן מיט גרויסע גײַסטיקע צענ־טערס און געלערנטע, וואָס האָבן אונדז דערצויגן און געגעבן דעם כּוח צו בלײַבן דאָס וואָס מיר זײַנען הײַנט.

---

1. גלויבן.



אוטנטה טרי

אין נואי אי נואי אינלצסטי נואי פיוו קי טוטי לי
לינגוואי סנטיפיקסטי נואי ניילי קומנמינטי
טואי אי אפריסימסטי נואי רינוסטרו צאלו.
סירוויציאו טואו אי לונומי טואו גראני אי סנ־
טו סופרי נואי קיאמסטי: אי דייסטי אנואי
רומדית דית נוסטרו אין אמורי. סביטי
פיר רפוסמינטו אי טינפוראלי פיר אליגריצי
אי פסטי אי טינפוראלי פיר אליגריצי לדי די
־לו סביטו קוויסטו אי לדי די לפיסטה די
לאצימי קוויסטו טינפודי לליבירטדי נוסטרה
וקוורלו סנטו ארעקורדו אלו ייסירי די
מצרים:

דית נוסטרו אי דית דילי פטרי נוסטרי
סלנהאי ווינגה אי ייונייאי סיאה
וידוטו אי סיאה פייאצינוטו אי סיאה אינטיסו
אי סיאה רוויסיטאטו אי סיאה ארינקורדטו
לו ארינקורדו נוסטרו אי לו ארינקורדו
די לי פטרי נוסטרי לו ארינקורדו די ירושלם

תפילות מיט העברעישע אותיות אויף לאַטיין, פון אָנהייב 16טן י״ה אין איטאַליע.
(קאָלומביע אוניווערסיטעט, נ. י.)

די יאָרן פֿון מיטל־אַלטער

דער מיטל־אַלטער נעמט אַרום אַ תּקופֿה פֿון טויזנט יאָר; פֿון דעם אונטערגאַנג פֿון דער מערבֿ־אייראָפּעיִשער אימפּעריע אין סוף פֿון 5טן יאָרהונדערט, ביז דער אַנטדעקונג פֿון אַמעריקע אין סוף פֿון 15טן יאָרהונדערט.

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון דער דאָזיקער תּקופֿה האָט זיך געביטן די געאָגראַפֿיע פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק. די ייִדן זײַנען, אין זייער גרעסטער מערהייט, אַריבער פֿון קליין־אַזיע קיין אייראָפּע. אויפֿן אָרט פֿון די ייִדישע צענטערס אין בבֿל, סיריע, פּאַלעסטינע און מצרים — קומען אויף די ייִדישע צענטערס אין שפּאַניע, פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, רוסלאַנד, פּוילן און אין אַנדערע אייראָ־פּעיִשע לענדער. די שטראָמען פֿון ייִדישער געלערנטקייט האָבן אָנגעהויבן פֿליסן אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג — ניט פֿון מזרח קיין מערבֿ, נאָר פֿון מערבֿ קיין מזרח.

ניט אַזוי לײַכט איז געווען דאָס לעבן אין די יאָרן פֿון מיטל־אַלטער. אַ גוואַלדיקער פֿאַנאַטיזם האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער דעם גרעסטן טייל פֿון די אייראָפּעיִשע לענדער. די מענטשן, דאָס פֿאָלק, זײַנען געווען אומוויסנדיקע, מיט אַ פֿינצטערן אַבערגלויבן. אָפֿט מאָל פֿלעגט מען די ייִדן אַרויסטרײַבן פֿון זייערע וווינערטער. און דאָרט וווּ זיי האָבן שוין באַקומען די רעכט צו וווינען — האָבן זיי געוווינט אין געטאָס. אין די געטאָס האָבן די ייִדן געשאַפֿן זייערע אייגענע אינסטיטוציעס און גרויסע תּורה־צענטערס, פֿון וואַנעט ס'זײַנען אַרויסגעקומען געלערנטע און באַרימטע ייִדן.

גאָר אַנדערש איז געווען דאָס לעבן פֿון ייִדן אין אַ צווייטן מערבֿדיקן ווינקל פֿון אייראָפּע — אין שפּאַניע. אין אַכטן יאָרהונ־דערט האָבן די אַראַבער פֿאַרנומען שפּאַניע און די ייִדן האָבן באַקומען די פֿולע פֿרײַהייט. שפּאַניע איז אויפֿן געביט פֿון קולטור און וויסן געוואָרן דאָס ליכטיקסטע ווינקל אין אייראָפּע. ייִדיש לעבן האָט אויפֿגעבליט און זיך אַנטוויקלט צו אַ הויכער מדרגה, וואָס איז באַוווּסט אין אונדזער געשיכטע ווי „די גאָלדענע תּקופֿה“.

וועגן די דאָזיקע ייִדישע צענטערס אין אייראָפּע און זייערע גרויסע ייִדישע פּערזענלעכקייטן, וועלן מיר דאָ ווײַטער לערנען.

גאַליע, דער נאָמען פֿון פֿראַנקרײַך אין דער אַלטער צײַט, איז געווען אַ טייל פֿון דער רוימישער אימפּעריע. ערשט אין סוף פֿון 5טן יאָרהונדערט זײַנען די פֿראַנקן באַפֿאַלן גאַליע און האָבן פֿאַראייניקט דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס מיר רופֿן איצט פֿראַנקרײַך.

פֿון די פֿריִערדיקע לעקציעס ווייסן מיר שוין, אַז נאָך פֿריִער ווי דער צווייטער חורבן זײַנען שוין געווען ייִדישע ייִשובֿים אין דער רוימישער אימפּעריע. אויך אין דרום פֿון גאַליע זײַנען אויפֿגעקומען אַזעלכע ייִשובֿים.

פֿון די ערשטע ייִדן אין גאַליע ווייסן מיר זייער ווייניק. עס זײַנען אָבער פֿאַראַן באַווײַזן, אַז ייִדן האָבן דאָרט געלעבט בשלום מיט זייערע שכנים און זיי האָבן זיך פֿאַרנומען מיט מסחר,[1] מיט ערדאַרבעט און מיט ווײַנגערטנער צו פּראָדוצירן ווײַן.

אין 8טן יאָרהונדערט האָט זיך אין אַ טייל מערבֿ-אייראָפּעיִשע לענדער באַוויזן אַ שטראַל פֿון אַ נײַער אויפֿלעבונג. עס האָט זיך גענומען פֿאַרמערן און פֿאַרבעסערן דער מצבֿ[2] פֿון די ייִדישע קהילות. דאָס איז געווען אין דער צײַט ווען דער פֿראַנקישער קיניג, קאַרל דער גרויסער, האָט פֿאַראייניקט אונטער זײַן הערשאַפֿט איטאַליע, דײַטשלאַנד און פֿראַנקרײַך. און כאָטש ער אַליין איז געווען אַ פֿרומער קאַטאָליק און איז געשטיצט געוואָרן פֿון פּויפּסט — האָט ער באַשיצט זײַנע ייִדישע אײַנוווינערס פֿון די קירכלעכע פֿאַרפֿאָלגונגען. אין די זעלבע פֿוס-טריט איז שפּעטער געגאַנגען זײַן זון, לודוויג דער פֿרומער.

צום שבֿח[3] פֿון קיניג קאַרל ווערט דערציילט, אַז אין סוף פֿון 8טן יאָרהונדערט האָט ער אַריבערגעבראַכט פֿון איטאַליע קיין דײַטשלאַנד צוויי ייִדישע געלערנטע: ר׳ קלונימוס און זײַן זון ר׳ משה פֿון לוקאַ. זיי האָבן זיך באַזעצט אין מאַינץ און געגרינדעט אַ ישיבֿה צו לערנען תּורה. פֿון דער דאָזיקער ישיבֿה זײַנען אַרויסגעקומען באַוווּסטע רבנים און לערערס און איינער פֿון זיי איז געווען רש״י.

---

[1] האַנדל. [2] די לאַגע. [3] לויב.

ר׳ שלמה יצחקי — רש״י

רש״י איז זייער באַוווּסט און באַליבט בײַ דעם ייִדישן פֿאָלק. יעדער ייִנגל אין חדר האָט שוין געוווּסט פֿון רש״ין און אָנגעוויזן מיט זײַן פֿינגער אין חומש — אָט דאָ איז רש״י! מיט רש״ין האָט מען געלערנט אַ פּרשה חומש, אַ קאַפּיטל נבֿיאים און אַ בלאַט גמרא.

אַרום רש״ים פּערזענלעכקייט האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק געשאַפֿן וווּנדערלעכע מעשׂיות און לעגענדעס; אַפֿילו זײַן קומען אויף דער וועלט, ווערט שוין באַגלייט מיט אַ פֿאַנטאַסטישער לעגענדע.

און די לעגענדע דערציילט, אַז זײַן פֿאָטער ר׳ יצחק איז געווען אַ גרויסער צדיק און אַ למדן,[1] אָבער אויך אַ גרויסער אָרעמאַן. זײַן גרעסטע זאָרג איז אָבער געווען, וואָס עס איז שוין באַלד צען יאָר נאָך זײַן חתונה און ער האָט נאָך ניט קיין קינד.

איין מאָל — דערציילט ווײַטער די לעגענדע — ווען דער דלות[2] אין הויז האָט געפּײַפֿט אין אַלע ווינקלען, האָט ר׳ יצחק געפֿונען אַ דימענט די גרויס ווי אַ נוס. וואָס פֿאַר אַ דימענט דאָס איז און וואָס איז ווערט אַזאַ דימענט — דאָס האָט ער ניט געוווּסט.

איז ער אַוועק צו זײַנעם אַ פֿרײַנד, אַ גאָלדשמיד און אים געוויזן דעם דימענט. און אַז דער גאָלדשמיד האָט גענומען באַ־טראַכטן דעם דימענט, האָבן זיך בײַ אים צעעפֿנט מויל און אויגן און אים געזאָגט, אַז דאָס איז ווערט אַן אוצר מיט געלט; דער בישאָף פֿון שטאָט וואַרט שוין לאַנג אויף אַזאַ דימענט, וואָס ער זוכט צו מאַכן פֿון דעם אַ פּאָר אויגן אין אַ הייליק בילד.

ווי נאָר ר׳ יצחק האָט דאָס דערהערט, האָט אין אים אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט זיך געשראָקן, אַז דער בישאָף וועט אים צווינגען צו פֿאַרקויפֿן אים דעם דימענט. — וואָס? — האָט ר׳ יצחק אַ זאָג געטאָן — דורך מיר וועט מען קענען פֿאַרענדיקן אַ הייליק בילד? דאָס איז דאָך „עבֿודה זרה״!... און ער איז גיך אַוועק פֿון גאָלדשמיד און אַרײַנגעוואָרפֿן דעם דימענט אין טײַך אַרײַן.

---

[1] אַ לערנער. [2] אָרעמקייט.

אין הימל איז פֿון דעם געוואָרן אַ רעש [3] און אַ שׂמחה... זעט נאָר, אַ ייִד אַן אָרעמאַן וואַרפֿט אַוועק אַן אוצר, ווײַל ער וויל ניט קיין געלט, וואָס קען קומען פֿון עבֿודה זרה... און אַ בת-קול [4] האָט אויסגערופֿן: „דערפֿאַר וואָס דו האָסט געהייליקט גאָטס נאָמען, וועט בײַ דיר געבוירן ווערן אַ זון, וואָס וועט שײַנען און באַלײַכטן דאָס ייִדישע פֿאָלק". אין דעם זעלבן יאָר איז געבוירן געוואָרן שלמה, דער זון פֿון ר' יצחקן און זײַן ווײַב.



זש. לעווי „חדר-מיוחד פון רש"י,

[3] אַ טומל. [4] אַ שטימע.

וואָס האָבן מיר דאָ געלערנט?

א

פּרובירט אַליין רעזומירן דאָס וואָס איר האָט געלערנט אין די ערשטע לעקציעס פֿון דעם דאָזיקן קאַפּיטל.

ב

און איצט גיט אײַערע ענטפֿערס צו די דאָזיקע פֿראַגעס:

א) איז ישׂראל אַ מזרח־לאַנד אָדער אַ מערבֿ־לאַנד?

ב) ווי אַזוי זײַנען די ייִדן געקומען קיין אייראָפּע?

ג) איז דײַן אייגענער אָפּשטאַם פֿון די אייראָפּעיִשע ייִדן?

ד) אין וועלכן אייראָפּעיִשן לאַנד וווינען נאָך הײַנט מיליאָנען ייִדן?

ה) ווען האָבן זיך אָנגעהויבן די יאָרן פֿון מיטל־אַלטער?

ג

אַ קליינער פּראָיעקט וועגן דײַן אייגענעם אָפּשטאַם:

1) געפֿין אויס, צי דײַנע עלטערן, אָדער דײַנע עלטערנס עלטערן זײַנען געקומען פֿון אייראָפּע.

2) פֿון וועלכן לאַנד אין אייראָפּע.

3) פֿון וועלכער שטאָט.

4) מיט וואָס האָבן זיי זיך דאָרט באַשעפֿטיקט.

5) וויפֿל דורות האָבן זיי געלעבט אין דער דאָזיקער שטאָט.

6) וויפֿל ייִדן האָבן געלעבט אין דער שטאָט.

7) ווי אַזוי האָבן די ייִדן דאָרט געלעבט.

8) ווען האָבן דײַנע עלטערן פֿאַרלאָזט אייראָפּע?

9) איז ווער פֿון דער משפּחה געבליבן אין אייראָפּע?

10) האָט איר משפּחה אין אַנדערע לענדער?

נעם צונויף אַלע פֿאַקטן און שרײַב אָן אַ קורצע ביאָגראַפֿיע.

רש״יס לעבן און שאַפן

רש״י איז געבוירן געוואָרן אין טרואַ, צפון־פראַנקרײַך, אין יאָר 1040. וועגן זײַנע עלטערן און וועגן זײַנע קינדער־יאָרן ווייסן מיר זייער ווייניק. רש״י אַליין האָט שפּעטער געשריבן, אַז זײַנע עלטערן ציִען פּרנסה פון אַ קליינעם ווײַנגאָרטן.

מיר שטעלן זיך פאָר, אַז רש״יס ערשטע דערציִונגס־יאָרן זײַנען געווען אין אַ חדר — ווי אַלע אַנדערע ייִדישע קינדער אין יענער צײַט. אָבער צו זײַן פופצנטן יאָר זעט מען אים שוין אין דער ישיבֿה פון וואָרמס, דײַטשלאַנד, ווו דער ראש־ישיבֿה איז געווען ר׳ יעקבֿ בר יקר. רש״י שרײַבט וועגן אים מיט ליבע און דרך־ארץ און ער רופט אים „רבי הזקן״ — מײַן אַלטער לערער.

פון וואָרמס איז ער אַוועק אין די ישיבֿות פון מאַינץ און שפּײַער. דאָס זײַנען געווען גרויסע ישיבֿות, וואָס האָבן זיך געפונען אין די פּראָווינצן פון לאָטרינגיע, בײַם טײַך רײַן אין דײַטשלאַנד. די ראשי־ישיבֿות און די תּלמידים, וואָס זײַנען שפּעטער באַרימט געוואָרן אין דער ייִדישער וועלט, האָט מען גערופן: „חכמי לותיר״ — די חכמים פון לאָטרינגיע.

רש״י האָט חתונה געהאַט זייער יונג. אָבער אויך נאָך דער חתונה האָט ער, מיט זײַן ווײַבס צושטימונג, געוואַנדערט פון איין ישיבֿה צו דער אַנדערער, מיט אַ דאָרשט צו לערנען און פאָרשן. ער האָט קאָרעגירט די פאַרגרײַזטע טעקסטן פון תּלמוד און געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר זײַן געפּלאַנטער אונטערנעמונג: — אויסצוטײַטשן דעם תּלמוד בבלי מיט אַ קלאָר־פאַרשטענדלעכער שפּראַך, ווײַל דער אַראַמעיִשער טעקסט פון תּלמוד און אויך גרויסע טיילן פון זײַן אינהאַלט איז געווען זייער שווער צו לערנען.

יאָרן לאַנג האָט רש״י אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט און געלערנט פאַרשיידענע חכמות און שפּראַכן. אין זײַנע וואַנדערונגען — דערציילט די לעגענדע — האָט רש״י זיך באַקענט מיט אַ קריסטלעכן מאָנאַך. זיי פלעגן צווישן זיך דיסקוטירן וועגן רעליגיע און וועגן וועלט־זאַכן. פּלוצלינג איז דער מאָנאַך זייער שטאַרק קראַנק געוואָרן. רש״י האָט אים באַדינט און איז ניט אָפּגעטראָטן פון זײַן בעט ביז ער איז געזונט געוואָרן. בײַם געזעגענען זיך האָט דער מאָנאַך אים געוואָלט געבן אַ מתּנה פאַר

זײַן פֿרײַנדשאַפֿט און גוטסקייט. רש״י האָט אים געדאַנקט און געזאָגט: „דו קומסט מיר גאָרניט; מיר זײַנען טאַקע פֿון באַזונדערע רעליגיעס, אָבער מיר זײַנען אויך מענטשן; מײַן רעליגיע לערנט צו העלפֿן יעדן איינעם, וואָס געפֿינט זיך אין אַ נויט. נאָר איין זאַך וועל איך פֿון דיר בעטן: — אויב דו וועסט אַמאָל טרעפֿן אַ ייִד אין אַן אומגליק, זאָלסטו אים העלפֿן ווי איך האָב דיר געהאָלפֿן.

מיט אַ צײַט שפּעטער — ווערט ווײַטער דערציילט — איז רש״י דורכגעפֿאָרן פּראָג. די ייִדן האָבן פֿאַר אים דאָרט געמאַכט אַ גרויסן קבלת־פּנים און מ׳האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין שטאָט אַרײַן מיט גרויס פּאַראַד. דאָס האָט פֿאַרדראָסן דעם פּרינץ וראַטיסלאַוו פֿון שטאָט און ער האָט באַפֿוילן צו אַרעסטירן דעם גאַסט און ברענגען אים אין זײַן פּאַלאַץ. די ייִדן האָבן זיך זייער שטאַרק דערשראָקן. אָבער ס׳האָט פּאַסירט, אַז אין פּאַלאַץ איז געווען צו גאַסט דער בישאָף פֿון אָלמיץ, וואָס איז געווען ניט קיין אַנדערער, נאָר רש״ים באַקאַנטער מאָנאַך... זיי האָבן זיך גלײַך דערקענט און דער בישאָף האָט דערציילט דעם פּרינץ פֿון זייער פֿרײַנדשאַפֿט און רש״י איז באַלד באַפֿרײַט געוואָרן.

אין עלטער פֿון אַרום דרײַסיק יאָר איז רש״י צוריקגעקומען צו זײַן משפּחה אין טרואַ. ער האָט דאָרט געגרינדעט אַן אייגענע ישיבֿה, וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן אַ באַוווּסטער צענטער פֿון תּורה לערנען און עס פֿלעגן קומען תּלמידים פֿון ספֿרד און אשכּנז.[1]

אין טרואַ האָט רש״י פֿאַרענדיקט שרײַבן זײַנע פּירושים אויף תּורה און תּלמוד, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פֿון אַלע ייִדן אין דער וועלט. ווי אַן אויסגעצייכנטער לערער, האָט ער קורץ און מיט קלאָרקייט דערקלערט אַלע שווערע ווערטער און מיינונגען. חומש מיט רש״י, גמרא מיט רש״י — האָבן געשפּאַנט צוזאַמען מיט די קינדער אין חדר און מיט די לומדים אין דער ישיבֿה און בית־מדרש.

רש״י האָט ניט געהאַט קיין זין, נאָר דרײַ געראָטענע און געלערנטע טעכטער. איינע פֿון זיי פֿלעגט אים אַפֿילו אַרויסהעלפֿן בײַם פֿאַרשן און שרײַבן די פּירושים. זײַנע איידעמס און אייניקלעך

---

[1] פֿון שפּאַניע און דײַטשלאַנד.

זײַנען געווען באַוווסטע געלערנטע רבנים און ראשי־ישיבֿות. זיי און זייערע תּלמידים האָבן פֿאָרגעזעצט די אַרבעט פֿון רש״ין. זיי זײַנען באַקאַנט אונטערן נאָמען: די „בעלי התּוספֿות״, וואָס מיינט די „צוגעבערס״, די וואָס האָבן צוגעגעבן נײַע פּירושים און דערקלערונגען צום תּלמוד. ווען מען עפֿנט אַ גמרא, זעט מען פֿון דער רעכטער זײַט צום גמרא־טעקסט דעם פּירוש רש״י און פֿון דער לינקער זײַט — תּוספֿות. ווען אַ בחור האָט אָנגעהויבן לערנען גמרא מיט תּוספֿות, האָט דאָס געמיינט, אַז ער קען שוין לערנען.

רש״י איז נפֿטר געוואָרן אין יאָר 1105. אין זײַנע לעצטע יאָרן האָט ער נאָך איבערגעלעבט דעם ערשטן קרייצצוג פֿון יאָר 1096. אַ פֿאָלקס־לעגענדע ברענגט צוזאַמען רש״ין מיט איינעם פֿון די פֿירערס פֿון די קרייצצוגן, גאָטפֿריד פֿון בוליאָן.

גאָטפֿריד האָט געהערט פֿון רש״יס געלערנטקייט און חכמה און ער האָט געוואָלט הערן פֿון אים וועגן זײַן אונטערנעמונג. האָט ער געשיקט רופֿן רש״ין, אָבער רש״י האָט ניט געוואָלט גיין צו אים. דאַן איז גאָטפֿריד אַליין אַוועק צו רש״יס בית־מדרש. די טירן פֿון בית־מדרש זײַנען געווען אָפֿן, נאָר רש״י אַליין איז דאָרט ניט געווען. האָט גאָטפֿריד געזאָגט צו איינעם פֿון רש״יס תּלמידים:

— גיי און זאָג דײַן רבין, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן, איך וויל נאָר ריידן מיט אים.

רש״י איז אַרײַנגעקומען און גאָטפֿריד האָט צו אים געזאָגט: „איך ווייס, אַז דו ביסט אַ הייליקער מאַן, וויל איך דעריבער הערן דײַן מיינונג, צי מײַן אונטערנעמונג אין דעם הייליקן לאַנד וועט זײַן מיט נצחון[1] אָדער ניט?״

רש״י האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ רגע און געענטפֿערט: „איר וועט אײַננעמען די הייליקע שטאָט און זײַן דאָרטן דרײַ יאָר; אויפֿן פֿערטן יאָר וועלן די מאַכמעדאַנער אײַך אַרויסטרײַבן פֿון לאַנד און דו וועסט צוריקקומען אַהיים מיט נאָך צוויי רײַטערס״.

גאָטפֿרידן האָט אַזאַ נבֿיאות אַרײַנגעבראַכט אין כּעס און ער האָט געזאָגט: „אויב איך וועל קומען אַהיים אַפֿילו מיט איין רײַטער מער, וועסטו באַצאָלן מיט דײַן לעבן״...

---

[1] זיג.

מיט דרײַ יאָר שפּעטער איז גאָטפֿריד צוריקגעקומען אַהיים מיט דרײַ רײַטערס. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו רש״ים הויז, כּדי צו באַשטראָפֿן דעם יידישן געלערנטן. אָבער דורכרײַטנדיק דעם טויער פֿון שטאָט, איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון וואַנט אַ גרויסער שטיין און געטויט אויפֿן אָרט איינעם פֿון די רײַטערס מיט זײַן פֿערד. גאָטפֿריד האָט איצט געוואָלט אָפּגעבן כּבֿוד דעם געטלעכן מאַן, אָבער ער האָט אויסגעפֿונען, אַז רש״י לעבט שוין נישט מער.



די רש״י־שול אין וואָרמס. אויסגעבויט אין יאָר 1034 און פֿאַרברענט געוואָרן פֿון די נאַציס אין 1938.

די קרייצצוגן, גזירות און גירושים
פֿאַר די ייִדן אין פֿראַנקרײַך

אין סוף פֿון 11טן יאָרהונדערט איז שוין די קאַטוילישע קירך אין אייראָפּע געווען אַ שטאַרקער כּוח. דאָס וואָרט פֿון פּויפּסט אין רוים איז געווען אַ הייליקער געזעץ אַפֿילו פֿאַר פֿירשטן און מלכים.

דאָס איז געווען די צײַט ווען אין דעם הייליקן לאַנד ארץ־ישׂראל האָבן געהערשט די מאַכמעדאַנער, די גלייביקע פֿון איסלאַם. די קריסטלעכע אײַנוווינערס און פּילגרימען אין דעם הייליקן לאַנד פֿלעגן זיי אונטערדריקן און באַליידיקן. דאָס האָט זייער שטאַרק אויפֿגערעגט דעם פּויפּסט, אורבאַן דער צווייטער, און אין יאָר 1095 האָט ער פֿאַררופֿן אַ קריסטן־פֿאַרזאַמלונג קיין פֿראַנקרײַך, צו אָרגאַניזירן אַ קרייצצוג קעגן די אומגלויביקע מאַכמעדאַנער.

צענדליקער טויזנטער קריסטן פֿון פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד האָבן פֿאַרלאָזט זייערע היימען און פֿעלדער און זיך געגרייט פֿאַר דעם הייליקן קריג. אויף זייערע אויבערשטע קליידער האָבן זיי צוגענייט רויטע צלמים — קרייצן, און דערפֿאַר האָט מען זיי גערופֿן: קרייצטרעגערס.

מיט איין יאָר שפּעטער, אין 1096, האָבן שוין מחנות קרייצטרעגערס זיך געצויגן איבער די וועגן פֿון פֿראַנקרײַך און דײַטשלאַנד. זיי זײַנען אָנגעפֿאַלן אויף די ייִדישע קהילות און געבראַכט אומגליק און חורבן צו טויזנטער ייִדן אין אייראָפּע.

אין יאָר 1099 האָבן זיי אײַנגענומען ירושלים און אויך דאָרטן האָבן זיי אויסגעמאָרדעט מאַסן ייִדן, צוזאַמען מיט אַראַבער.

מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער האָבן די אַראַבער באַזיגט די קריסטן און צוריק אָפּגענומען פֿון זיי די אײַנגענומענע שטחים.[1] אין אייראָפּע האָט מען זיך גענומען גרייטן צו אַ צווייטן קרייצצוג. בראש פֿון צווייטן קרייצצוג איז געשטאַנען: דער פֿראַנצויזישער קיניג, לודוויג דער זיבעטער, און דער דײַטשער אימפּעראַטאָר, קאָנראַד דער דריטער.

[1] ראַיאָנען, געגנטן.

די פאַגראַמען אויף ייִדן האָבן זיך באַנייט. זייער אויסרייד איז געווען, אַז אויך דאָ דאַרף מען קעמפן קעגן די אומגלייביקע; די ייִדן מוזן זיך שמדן אָדער אומקומען...

שמדן איז פאַר ייִדן געווען ערגער ווי זעלבסטמאָרד. זיי האָבן געטאָן אַלץ אין דער וועלט כּדי זיך צו ראַטעווען: עס זײַנען געווען ייִדן, וואָס האָבן זיך אויסגעקויפט מיט זייער פאַרמעגן; עס זײַנען געווען ייִדן, וואָס האָבן זייערע לעבנס פאַרטיידיקט מיט אַ העלדישן ווידערשטאַנד; עס זײַנען געווען ייִדן, וואָס זײַנען אומגעקומען אויף קידוש השם; און עס זײַנען אויך געווען ייִדן, וואָס האָבן זיך געשמדט, לפּנים [2] וועגן, און אויסגעוואַרט די געלעגנהייט זיך אומצוקערן צו דער ייִדישער אמונה.

אין יאָר 1171 איז אין דער פראַנצויזישער שטאָט בלואַ פאָרגעקומען אַ גרויסער בלוט-בילבול אויף ייִדן. דאָס איז געווען אַ באַשולדיקונג, אַז די ייִדן הרגענען קריסטלעכע קינדער ערבֿ פּסח און מישן אוים זייער בלוט אין די מצות. האָט פּאַסירט אין בלואַ, אַז אַ שטאָט-באַדינער איז געגאַנגען צום טײַך אָנטרינקען זײַן פערד. דאָס פערד האָט זיך פאַר עפּעס איבערגעשראָקן און איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זײַט. צוריקגייענדיק אין שטאָט אַרײַן האָט דער באַדינער דערציילט אַ מעשׂה, אַז ער האָט געזען ווי אַ ייִד האָט אַרײַנגעוואָרפן אין טײַך דעם קערפּער פון אַ קריסטלעך ייִנגל...

צענדליקער ייִדן זײַנען אַרעסטירט געוואָרן און מ'האָט זיי פאַרשלאָסן אין אַ הילצערנעם טורעם. אַרום טורעם האָט מען אָנגעצונדן פײַערן און מ'האָט די ייִדן געגעבן אַ ברירה: — שמד אָדער טויט...

פון טורעם האָט זיך דערהערט אַן ענטפער — אַ געזאַנג פון תהילים און תּפילות... דער הילצערנער טורעם האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ ריזיקער פאַקל, וואָס האָט מיט זײַנע פײַערן געטראָגן צום הימל דאָס געזאַנג פון „עלינו לשבח"...

אין יאָר 1187 האָבן די אַראַבער ווידער פאַרטריבן די קרייצטרעגערס פון הייליקן לאַנד. דאָס האָט געבראַכט צו אַ דריטן

[2] פאַרן דרויסן.

קרייצצוג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט צוויי יאָר שפּעטער. צום דריטן קרייצצוג איז שוין אויך צוגעשטאַנען קיניג ריטשאַרד פון ענגלאַנד און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל פון צרות פאַר די דאָרטיקע ייִדן.

די קרייצצוגן מיט זייערע זיגן און דורכפאַלן, האָבן פאַרשטאַרקט די שנאה צו ייִדן. אין אָנהייב פון 13טן יאָרהונדערט איז אונטער דעם אײַנפלוס פון פויפּסט אינאָקענטיוס דער דריטער אײַנגעפירט געוואָרן נײַע גזירות אויף ייִדן: — אַז ייִדן טאָרן זיך ניט ווײַזן אין גאַס אין דער קריסטלעכער פּסח-וואָך; אַז ייִדן, וואָס קויפן הײַזער פון קריסטן, מוזן פאַר דעם צאָלן שטײַערן צו דער קירך; אַז ייִדן מוזן טראָגן געלע לאַטעס אויף זייערע קליידער; און אַז די ייִדן, וואָס האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, מוז מען היטן אויף טריט און שריט, אַז זיי זאָלן באַהאַלטענערהייט ניט אָפּהיטן זייער אמונה.

צו די אַלע צרות האָבן אויך ניט געפעלט קיין אייגענע משומדים, וואָס פלעגן זיך חנפענען צו דער קירך און אויסטראַכטן אויף דער ייִדישער אמונה כלערליי מעשׂיות. איינער אַזאַ משומד, ניקאָלײַ דונין, האָט געזאָגט, אַז אין תּלמוד געפינען זיך אויסדריקן, וואָס זײַנען אַ באַליידיקונג פאַר קריסטן. דער פויפּסט האָט באַפוילן אויסצופאָרשן די זאַך און די אויספאָרשונג איז פאָרגעקומען אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט פּאַריז, אין יאָר 1242.

קודם-כּל האָט מען קאָנפיסקירט[1] אַלע גמרות, וואָס מ'האָט געפונען אין ייִדישע היימען. דערנאָך איז פאָרגעקומען אַן עפנטלעכער דיספּוט[2] צווישן דעם משומד דונין און פיר רבנים. די רבנים האָבן אויפגעוויזן, אַז דער תּלמוד איז זייער טאָלעראַנט צו פרעמדע רעליגיעס. אָבער אומזיסט איז געווען זייער מי; דער באַפעל צו פאַרברענען דעם תּלמוד איז שוין פון פאָרויס געווען צוגעגרייט.

צענדליקער אָנגעלאָדענע וועגענער מיט גמרות האָבן זיך געצויגן צו אַ באַשטימטער גאַס אין פּאַריז און דאָרט זײַנען זיי געוואָרפן געוואָרן אין פײַער אַרײַן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ

---

[1] צוגענומען.

[2] דיסקוסיע.

שרעק און טרויער איבער אַלע ייִדישע ייִשובֿים אין דער וועלט. און דאָס האָט אויך דערפֿירט צום אונטערגאַנג פֿון די ישיבֿות אין פֿראַנקרײַך, וואָס די בעלי־התּוספֿות האָבן אָנגעפֿירט.

דאָס לעבן פֿון די ייִדן אין פֿראַנקרײַך איז געוואָרן ערגער און ערגער. אין יאָר 1306 האָט מען שוין אַ גרויסן טייל ייִדן אַרויסגעטריבן פֿון לאַנד. און אין יאָר 1394, אונטער דער הערשאַפֿט פֿון קיניג טשאַרלס דעם זעקסטן, האָבן אַלע ייִדן געמוזט פֿאַרלאָזן פֿראַנקרײַך. די פֿאַרטריבענע האָבן זיך באַזעצט אין שפּאַניע, איטאַליע, דײַטשלאַנד, און אין אַנדערע לענדער. ביזן סוף פֿון 17טן יאָרהונדערט הערט מען ניט מער פֿון קיין ייִדן אין פֿראַנקרײַך.

געטריבענע

רעטעניש ן

ווער אָדער וואָס איז דאָס?

אַ ייִנגל אין חדר באַקענט זיך מיט אַ גרויסן לערער, וואָס זײַן נאָמען ווערט צעטיילט אויף דרײַ.

וואָס איז טײַערער פֿון אַ דימענט און וואָס איז רײַכער פֿון רײַכקייט?

ער איז געלאָפֿן שלעכטס טאָן רש״ין, אָבער אַ האַרטער שטיין איבערן קאָפּ האָט ווייכער געמאַכט זײַן האַרץ.

ער פֿירט אַ פֿערד צום וואַסער און שיקט די ייִדן צום פֿײַער.

דער „תּלמוד” האָט געהאַט אַ „תּלמיד”, וואָס איז געוואָרן אַ „תּלמיד” פֿון הילצערנעם קרייץ, וואָס האָט פֿאַרברענט זײַן „תּלמוד”.

איצט קלייב פֿאַר זיך אויס פֿון די אַלע רעטענישן אַ טעמע, וואָס דיר געפֿעלט און שרײַב אָן אַ קאָמפּאָזי־ציע, מיט געדאַנקען און מיינונגען.

נאָך דעם גירוש פֿראַנקרײַך

פֿון היסטאָרישע דאָקומענטן ווייסן מיר, אַז אויך נאָכן גירוש זײַנען געבליבן ייִדן אין פֿראַנקרײַך. די שטאָט באָרדאָ אין דרום פֿראַנקרײַך איז דעמאָלט געווען אונטער דער ענגלישער הערשאַפֿט און די ייִדן זײַנען פֿון דאָרטן ניט פֿאַרטריבן געוואָרן. אַפֿילו שפּעטער, ווען די שטאָט איז אַריבער צו פֿראַנקרײַך — זײַנען די ייִדן ווײַטער געבליבן וווינען אין שטאָט.

אין סוף פֿון 15טן יאָרהונדערט, נאָכן גירוש שפּאַניע, האָבן פֿיל פּליטים פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זיך באַזעצט אין באָרדאָ, אין מאַרסעל און אין אַנדערע דרום-שטעט. זיי זײַנען מלכתחילה[1] געקומען ווי „נײַע קריסטן" (אנוסים), אָבער שפּעטער זײַנען זיי געוואָרן פֿרײַע ייִדן. זיי האָבן געפֿירט גרויסע מסחרים מיט אויס-לאַנד און זיי האָבן געגרינדעט די ספֿרדישע קהילות אין פֿראַנק-רײַך. אַבֿרהם גראַדיס, וואָס מיר האָבן דערמאָנט אין קאַפּיטל „ייִדן אין קאַנאַדע" — איז געווען איינער פֿון די רײַכסטע ייִדן אין באָרדאָ און געפֿירט מסחרים מיט דער פֿראַנצויזישער קאָלאָניע אין קאַנאַדע.

ערשט אין סוף פֿון 17טן יאָרהונדערט זײַנען קיין פֿראַנקרײַך צוגעקומען אַ סך ייִדן פֿון די דײַטשע פּראָווינצן עלזאַס-לאָטרינגען, וואָס קיניג לוי דער פֿערצנטער האָט פֿאַרנומען. זיי האָבן אָבער געלעבט ווי אומבאַשיצטע בירגערס און זיי האָבן כּסדר זיך גע-דאַרפֿט אויסקויפֿן מיט נײַע סומעס געלט פֿאַר זייער וווינרעכט.

אַזוי אַרום האָבן ייִדן געלעבט אין פֿראַנקרײַך ביזן סוף פֿון 18טן יאָרהונדערט. די דעספּאָטישע אָרדענונג האָט זיך אָנגעהויבן ברעכן און פֿאַלן. ס'איז געקומען די רעוואָלוציע פֿון 1789; די רעוואָלוציע, וואָס האָט צעשטערט די מאָנאַרכיע, די פֿעאָדאַלע[2] אָרדענונג, די אַריסטאָקראַטישע פּריווילעגיעס און די מאַכט פֿון דער קאַטוילישער קירך.

מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1791, האָט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג אין פּאַריז געגעבן די ייִדן גלײַכע בירגעררעכט מיט אַלע

---

[1] פֿון אָנהייב.

[2] די הערשאַפֿט פֿון פֿירשטן און גראַפֿן.

אנדערע ניט-ייִדישע אײַנוווינערס און אָפּגעשאַפֿט אַלע אַנטי-ייִדישע געזעצן. דאָס איז געווען די ערשטע בירגערשאַפֿט פֿון ייִדן אין אַן אייראָפּעיִש לאַנד.

נאַפּאָלעאָן און די ייִדן

נאָך דער רעוואָלוציע איז פֿראַנקרײַך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין מלחמות. נאַפּאָלעאָן באָנעפּאַרט איז באַרימט געוואָרן מיט זײַנע מיליטערישע זיגן איבער אייראָפּע, אַפֿריקע און אַזיע. ער האָט דערנאָך פֿאַרכאַפּט די מאַכט פֿון דער רעוואָלוציע און זיך גע-קרוינט אַלס דער אימפּעראַטאָר פֿון פֿראַנקרײַך.

אין 1806 האָט ער צונויפֿגערופֿן קיין פּאַריז אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון ייִדישע פֿאָרשטייערס אין פֿראַנקרײַך צו באַטראַכטן און ענט-פֿערן אויף זײַנע צוועלף פֿראַגעס. ער האָט מיט דעם געוואָלט אויסגעפֿינען צי די ייִדן באַטראַכטן זיך פֿאַר געטרײַע פֿראַנצויזישע פּאַטריאָטן, אָדער זיי האַלטן זיך נאָך אַלץ פֿאַר אַ באַזונדער נאַציאָ-נאַל-ייִדיש פֿאָלק.

פֿון זייערע ענטפֿערס איז נאַפּאָלעאָן געווען צופֿרידן און ער האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ ראַט פֿון ייִדישע פֿאָרשטייערס און געלערנטע, מיט דעם נאָמען „סנהדרין". דער סנהדרין וועט האָבן די שטיצע פֿון דער רעגירונג און וועט האָבן די רעכט צו אָרגאַני-זירן אַלע ייִדישע קהילות איבערן לאַנד; דער סנהדרין וועט האָבן די אויטאָריטעט איבער רעליגיעזע ענינים און אַכטונג געבן, אַז די ייִדן זאָלן זײַן גוטע פֿראַנצויזישע פּאַטריאָטן.

אין 1807 איז פֿאָרגעקומען די פֿײַערלעכע עפֿענונג פֿון סנהד-רין. ס'זײַנען געהאַלטן געוואָרן פּאַטריאָטישע רעדעס מיט לויב צו נאַפּאָלעאָנען און זיי האָבן פֿײַערלעך דערקלערט, אַז ייִדן האַלטן זיך ניט פֿאַר אַ באַזונדער פֿאָלק, נאָר זיי זײַנען פֿראַנצויזן פֿון ייִדישן גלויבן.

מיט דער דאָזיקער כּוונה האָט מען אָפּגעשאַפֿט דעם אַלטן קהילה-סיסטעם און מ'האָט געגרינדעט „קאָנסיסטאָריעס" (רעלי-גיעזע קאָמיטעטן). די „קאָנסיסטאָריעס" אין די פּראָווינצן האָבן געשיקט זייערע דעלעגאַטן צו דער הויפּט-„קאָנסיסטאָריע" אין

פאַריז, וואָס האָט געהאַט דאָס לעצטע וואָרט וועגן ענינים פון רבנים, שוחטים, קבֿורה[1] אד״גל.

דער סנהדרין האָט לאַנג ניט עקסיסטירט. דער גאַנצער טומל און צערעמאָניאַל אַרום סנהדרין האָט אַרויסגערופן אומצוטרוי ביי אַ סך ייִדן. זיי האָבן אין דעם געזען אַ האַנט, וואָס שטופּט די ייִדן צו אַסימילאַציע.

אַדאָלף קרעמיע און די „אַליאַנס איזראַעליט"

אין 1848 איז אין פראַנקרייך פאָרגעקומען אַ צווייטע רע־וואָלוציע קעגן דער מאָנאַרכיע. עס איז געוואָרן אַ רעפּובליקאַנישע רעגירונג. אין דער דאָזיקער רעגירונג זיינען שוין געווען צוויי ייִדישע מיניסטאָרן: יוסטיץ־מיניסטער — אַדאָלף קרעמיע, און פינאַנץ־מיניסטער — מישעל גודשאָ.

אַדאָלף קרעמיע האָט געשטאַמט פון ספרדישע ייִדן און איז געווען אַ באַוווּסטער אַדוואָקאַט[2] אין פּאַריז. ער איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש און אַ שטאָלצער ייִד. אַ דאַנק אים זיינען פערציק טויזנט אַלזשירער ייִדן געוואָרן פרייע בירגערס פון פראַנקרייך.

אין יאָר 1860 האָט אַדאָלף קרעמיע מיט אַ גרופּע ייִדישע פירערס אין פּאַריז, געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע „כּל ישׂראל חבֿרים" (אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסאַל), מיט דעם צוועק צו קענען אַרויסהעלפן ייִדן אין זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג און פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן אין די לענדער ווו זיי וווינען. די פּאַריזער „אַליאַנס איזראַעליט" איז געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלער כּוח. ס'האָבן זיך אין איר אָנגעשלאָסן ייִדן פון דייטשלאַנד, פון עסטרייך און ענגלאַנד. אַדאָלף קרעמיע איז יאָרן לאַנג געווען דער פּרעזידענט פון „אַליאַנס". ווי אַ געניטער פּאָליטיקער האָט ער געקעמפט פאַר ייִדישער עמאַנציפּאַציע אין די דעספּאָטישע לענ־דער און אומעטום ווו ייִדן זיינען געווען אין אַ געפאַר, פלעגט ער באַלד אינטערווענירן לטובֿת די ייִדן. ער איז געווען אַ פּאָליטישער

---

[1] באַערדיקונג.

[2] „לאַיער".

כוח אין דער פֿראַנצויזישער רעגירונג און זײַן וואָרט האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג.

נאָך זײַן טויט, אין 1880, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער פּאָליטישער אײַנפֿלוס פֿון דער „אַליאַנס”. איר אַרבעט איצט איז אַרויסצוהעלפֿן מיט בילדונג און דערציִונג צווישן די ייִדן אין אַזיע און אין אַפֿריקע. זיי האָבן געעפֿנט שולן פֿאַר קינדער און געבראַכט הילף פֿאַר די דערשלאָגענע אָרעמע ייִדן אין די „מעללאַס” (געטאָס) פֿון מאַראָקאָ און אַלזשיר.

קאַפּיטאַן אַלפֿרעד דרייפֿוס

אין די אַכציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט האָבן אין פֿראַנקרײַך געוווינט אַרום זעכציק טויזנט ייִדן. זיי זײַנען, אין זייער גרעסטער מערהייט, ניט געווען קיין ייִדן מיט בערד און פּאות, ווי מ׳פֿלעגט זען אין אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער; זיי האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר ציוויליזירטע אייראָפּעער און גוטע פֿראַנצויזן. זיי זײַנען געווען אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, אין מלוכה-דינסט און פֿאַרנומען אַנגעזעענע פּאָזיציעס אין דער וועלט פֿון פֿינאַנצן.

אין די זיבעציקער יאָרן (1879) האָט מען צום ערשטן מאָל דערהערט אין דײַטשלאַנד אַ נײַ וואָרט — „אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם” — די אַלטע שׂנאה צו ייִדן האָט איצט באַקומען אַ נײַעם נאָמען.

די נײַע כוואַליעס פֿון אַנטיסעמיטיזם האָבן זיך אויך אַריבערגעכאַפּט קיין פֿראַנקרײַך; מ׳האָט געקריצט מיט די ציין פֿון קנאה [1] אויף דער רײַכקייט פֿון די ראָטשילדס, אויף די ייִדישע מיניסטאָרן אין דער רעגירונג און אויף הויכראַנגיקע אָפֿיצירן אין דער אַרמיי.

און ס׳האָט פּאַסירט, אַז אין 1894 האָט דער פֿראַנצויזישער קריגס-מיניסטער אויסגעפֿונען, אַז מ׳האָט אַרויסגעגנבֿעט סודות-דיקע [2] דאָקומענטן פֿון קריגס-מיניסטעריום און זיי פֿאַרקויפֿט צו דײַטשלאַנד. דאָס האָט געמיינט, אַז צווישן די פֿראַנצויזישע אָפֿיצירן געפֿינט זיך אַ שפּיאָן, אַ פֿאַררעטער. האָט מען אָנגעהויבן זוכן דעם פֿאַררעטער און דער אומשולדיקער קרבן איז געווען — דער ייִדישער קאַפּיטאַן דרייפֿוס.

---

[1] אייפֿערזיכט. [2] געהיימע.

דער גאַנצער דרייפוס־פּראָצעס איז געווען ווי אַן אַנטיסעמיטישע דעמאָנסטראַציע. ס'האָט אויסגעזען, אַז ניט בלויז דרייפוסן משפּט מען דאָ, נאָר אַלע יידן אין פראַנקרייך ווערן געמשפּט... און ניט קוקנדיק אויף דער קלאָרער פאַלשקייט פון דעם גאַנצן בילבול, האָט מען דרייפוסן פאַרמשפּט פאַרשיקט צו ווערן אויפן „טייוול־אינדזל".

קאַפּיטאַן דרייפוס אין יאָר 1894.

אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ אין פּאַריז האָט מען אַראָפּגעריסן פון זיין מונדיר אַלע מיליטערישע צייכנס און צעבראָכן די שווערד איבער זיין קאָפּ.

ד"ר טעאָדאָר הערצל איז געווען אויפן פּראָצעס ווי אַ קאָרעס־פּאָנדענט פון דער ווינער צייטונג „נייע פרייע פּרעסע". די גע־שעעניש האָט אויפגערודערט זיין געווויסן און אָנגעפילט זיין האַרץ מיט ווייטיק. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי אין פראַנק־

רײַך — דאָס לאַנד פֿון רעוואָלוציע און יידישער עמאַנציפּאַציע — זאָל קענען זײַן אַזאַ אַנטיסעמיטיזם. אין איינער פֿון זײַנע רעדעס האָט ד״ר הערצל שפּעטער געזאָגט: „פֿאַר אַ ציוניסט האָט מיך געמאַכט דרייפֿוסעס פּראָצעס. איך זע נאָך איצט פֿאַר מײַנע אויגן דעם באַשולדיקטן אין זײַן טונקעלן אַרטילעריע־מונדיר מיט די שנירלעך און אין מײַנע אויערן קלינגען נאָך די ווילדע אויסגעשרייען פֿון דעם המון[1] אויף דער גאַס, וווּ מ׳האָט בײַ אים צוגענומען זײַן ראַנג: — **טייטן אים!**...

ס׳זײַנען נאָך אָבער געווען גוטע און ערלעכע מענטשן אין פֿראַנקרײַך, וואָס האָבן ניט געקענט פֿאַרשווײַגן אַזאַ אַנטיסעמיטישן שווינדל. זיי האָבן אויפֿגעהויבן זייער שטים פֿון פּראָטעסט קעגן דער דאָזיקער אומגערעכטיקייט. צווישן אַזעלכע מענטשן איז אויך געווען **עמיל זאָלאַ**, איינער פֿון די פּאָפּולערסטע פֿראַנצויזישע שרײַבערס אין יענער צײַט. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין די צײַטונגען אַ שאַרפֿן פּראָטעסט מיט אַ באַשולדיקונג אויף דעם גאַנצן פֿראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב. די אַלע פּראָטעסטן האָבן אָנגעהויבן ווירקן, אַז מ׳זאָל דעם גאַנצן פּראָצעס נאָך אַ מאָל רעווידירן.[2] און ס׳איז טאַקע באַוויזן געוואָרן, אַז דער שולדיקער אין שפּיאָנאַזש איז געווען איינער מיטן נאָמען „**עסטערהאַזי**״ און ניט דרייפֿוס.

נאָך פֿינף יאָר אויפֿן „טײַוול־אינדזל״ איז דרייפֿוס באַפֿרײַט געוואָרן און עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן אַ שאַנדפֿלעק ניט נאָר פֿון דרייפֿוסן, נאָר אויך פֿון די יידן אין פֿראַנקרײַך.

פֿאַר און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה

גענוי וויפֿל יידן ס׳האָבן געוווינט אין פֿראַנקרײַך ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן — איז שווער צו וויסן. אין די דאָזיקע יאָרן זײַנען אין פֿראַנקרײַך געווען אַ סך אומלעגאַלע יידישע עמיגראַנטן פֿון די שכנותדיקע לענדער, ווײַל די לאַגע אין פֿראַנקרײַך איז געווען פֿיל בעסער ווי אין די אַנדערע לענדער.

ווען נאַצי־דײַטשלאַנד איז באַפֿאַלן פֿראַנקרײַך, האָבן זיך די טויזנטער אומלעגאַלע יידן פֿרײַוויליק אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי

---

[1] מאַסן מענטשן. [2] איבערקוקן.

צו קעמפן קעגן די נאַציס. אָבער אין יוני פון 1940 האָבן שוין די נאַציס מאַרשירט איבער פּאַריז.

דער שוואַרצער מערדערלעכער האַקנקרייץ האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן אויף דעם ייִדישן קיבוץ אין פֿראַנקרײַך: — די געלע לאַטע, מאָרד, רויב און דעפּאָרטאַציעס, האָבן אָנגעהויבן ווערן אַ טעגלעכע זאַך. ייִדן האָבן געטאָן אַלץ אין דער וועלט כּדי זיך צו קענען ראַטעווען. און טויזנטער ייִדן האָבן טאַקע באַוויזן זיך צו ראַטעווען און צו ראַטעווען זייערע קינדער, וואָס זיי האָבן אויסבאַהאַלטן בײַ זייערע קריסטלעכע פֿרײַנד.

עס האָט אויך פּאַסירט, אַז נאָכן קריג האָבן אייניקע ניט געוואָלט צוריקגעבן די קינדער. אַזאַ זאַך האָט פּאַסירט מיט צוויי ייִדישע ברידערלעך פֿינאַלי, וועמענס עלטערן זײַנען אומגעקומען. ווען זייערס אַ מומע אין ישׂראל האָט זיך דערוווּסט פֿון די קינדער, איז זי געקומען נעמען די קינדער צו זיך. די קאַטוילישע פֿרוי פֿון גרענאָבל, פֿראַנקרײַך, האָט אָבער ניט געוואָלט אָפּגעבן די קינדער. און ווען דער ענין[1] איז אַוועק אין געריכט, האָט די פֿרוי אַוועקגעפֿירט די קינדער קיין שפּאַניע און זיי באַהאַלטן אין אַ קאַטוילישן מאָנאַסטיר. ערשט ווען מ׳האָט אָנגעהויבן אינטערווע־נירן בײַ הויכע קאַטוילישע גײַסטלעכע אין פֿראַנקרײַך — זײַנען די קינדער אַרויסגעגעבן געוואָרן צו דער מומען (1956).

נאָך אַלע איבערלעבונגען האָט זיך בײַ די פֿראַנצויזישע ייִדן אויפֿגעוועקט דער ייִדישער באַוווּסטזײַן. אין דער צײַט פֿון דער באַפֿרײַונגס־מלחמה אין ישׂראל האָט די פֿראַנצויזיש־ייִדישע יוגנט געקעמפֿט מיט גבֿורה. פֿון פֿראַנקרײַך גייט איצט אויך אָן אַן עליה פֿון ייִדן און יוגנטלעכע אין די קיבוצים. פּאַריז איז געוואָרן דער צענטער פֿאַר די פֿאַרש־אַרבעטן וועגן דעם אומקום פֿון די אייראָ־פּעיִשע ייִדן. און פּאַריז איז הײַנט אויך אַ פֿאַרבינדונגס־צענטער צווישן די ייִדן אין אייראָפּע מיט די ייִדן פֿון אַמעריקע און ישׂראל.

---

[1] די זאַך.

וואָס דערמאָנען אײַך די דאָזיקע אויסדרוקן?

זיי זײַנען געקומען ווי נײַע קריסטן:

איינער פֿון די רײַכסטע ספֿרדישע ייִדן אין באָרדאָ (פֿראַנקרײַך):

די ערשטע בירגערשאַפֿט פֿאַר ייִדן אין אַן אייראָפּעיִש לאַנד:

אַ האַנט וואָס שטופּט ייִדן צו אַסימילאַציע:

אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסאַל:

פֿאַר אַ ציוניסט האָט מיך געמאַכט דרייפֿוסעס פּראָצעס:

די ברידערלעך פֿינאַלי, וועמענס עלטערן זײַנען אומגעקומען:

שפּאַניע

אַ ליכטיקע תּקופֿה אין דעם פֿינצטערן מיטל־אַלטער

אין דער יידישער געשיכטע פֿון דער נײַער צײַט ווערט שפּאַניע זייער ווייניק דערמאָנט. פֿאַר אונדז יידן איז שפּאַניע נאָכן גירוש פֿון 1492 געבליבן ווי אַ חורבֿה [1] פֿון אַ פֿאַרגאַנגענער תּקופֿה.

הונדערטער יאָרן איז שפּאַניע געבליבן אָן יידן. מ'האָט באַוווּסטזיניק אויסגעמיטן דאָס לאַנד, וואָס איז געווען די מוטער פֿון די שרעקלעכע אינקוויזיציעס. ערשט אין סוף פֿון 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט האָבן זיך אָנגעהויבן ווײַזן יידן אין שפּאַניע — פֿאַרבלאָנדזשעטע פֿון די וואַנדערנדיקע וועגן. איצט, אין אונדזער צײַט, וווינען שוין אין שפּאַניע אַרום נײַן טויזנט יידן. און ווי אַזוי דאָס יידישע לעבן אין שפּאַניע קוקט אויס, קען מען זען פֿון דעם פֿאַקט, אַז ערשט אין 1965 האָט מען זיי דערלויבט צו עפֿענען אַ שול פֿאַר קינדער.

דאָס אָרט פֿון שפּאַניע אין דער יידישער געשיכטע איז אין דער פֿאַרגאַנגענהייט; אין די יאָרן צווישן 10טן און 14טן יאָרהונדערט, ווען שפּאַניע איז געווען אונטער דער אַראַבישער הערשאַפֿט. אין די דאָזיקע יאָרן איז דאָרט אויפֿגעקומען אַ רעליגיעזע פֿילאָזאָפֿיע; ס'איז געשאַפֿן געוואָרן אַ רײַכע ליטעראַטור פֿון מאָראַל און עטיק; אַ ליטעראַטור פֿון מיסטיק און קבלה; און ס'האָט זיך אַנטוויקלט די קונסט פֿון פּאָעזיע.

דאָס איז געווען אַ תּקופֿה פֿון גרויסע געלערנטע יידן אין אַלע חכמות. זייערע נעמען און זייערע ווערק זײַנען אומשטערבלעך, ווײַל מ'הערט זיי קיין מאָל ניט אויף צו לערנען.

חסדאי איבן־שפּרוט און די כּוזרים

אין אַכטן יאָרהונדערט זײַנען פֿון צפֿון־אַפֿריקע אַריבער קיין שפּאַניע די מוסלימישע חיילות [2] און אָנגעהויבן פֿאַרנעמען שפּאַניע. זיי האָבן באַזיגט די קריסטלעכע וועסטגאָטן און די שטאָט קאָרדאָווע איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿון „כאַליף".

---

[1] אַן אומגעפֿאַלן הויז. [2] מיליטער.

אין 10טן יאָרהונדערט, אונטער דער הערשאַפֿט פֿון כאַליף אַבדור ראַכמאַן דעם דריטן, האָט זיך אין קאָרדאָווע אַנטוויקלט אַ גרויסער קולטור־צענטער, ווו די געלערנטע האָבן אויך פֿאַרנומען הויכע אַמטן אין דער רעגירונג. דער ייִדישער געלערנטער הסדאי איבן־שפּרוט איז געווען איינער פֿון זיי. ער איז געווען אַ קענער פֿון שפּראַכן, און ער איז געווען דער ראַטגעבער און אויסערן־מיניסטער פֿון „כאַליפֿאַט" אין קאָרדאָווע. אַחוץ דעם איז ער אויך געווען דער נשיא פֿון די ייִדן אין שפּאַניע.

ווי אַ דיפּלאָמאַט איז אים אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט אויסלענדישע געסט פֿון נאָענטע און ווײַטע מדינות. פֿון זיי פֿלעגט ער זיך דערוויסן וואָס ס'טוט זיך מיט ייִדן אין דער וועלט.

איין מאָל האָט ער זיך דערוווּסט, אַז בײַ די ברעגן פֿון קאַספּישן ים, דאָרט ווו ס'פֿליסט דער טײַך „וואָלגאַ", איז פֿאַראַן אַ ייִדישע מלוכה — די כּוזרים־מלוכה, און זייער מלך האָט אַ ייִדישן נאָמען, יוסף. ווען ער האָט אויסגעפֿאָרשט די ריכטיקייט פֿון דער דאָזיקער נײַעס, האָט ער געשיקט אַ בריוו מיט אַ ספּעציעלן שליח צו דעם כּוזרישן קיניג. אין דעם בריוו שרײַבט חסדאי: „ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז אונדזער פֿאָלק האָט נאָך ערגעץ אַן אייגענע מלוכה, וואָלט איך פֿאַרלאָזט מײַן הויכן אַמט, איבער־געלאָזט מײַן משפּחה און געוואַנדערט טאָג און נאַכט ביז איך וואָלט געקומען צום מלך פֿון מײַן ייִדיש פֿאָלק, צו פֿרייען זיך מיט זײַן גרויסקייט און באַוווּנדערן זײַן מאַכט". און ער בעט דעם מלך, אַז ער זאָל אים ענטפֿערן און דערציילן וועגן זײַן מלוכה; פֿון וועלכן שבֿט זיי שטאַמען און וואָס פֿאַר אַ שפּראַך זיי ריידן.

ווען דער בריוו איז אָנגעקומען צום קיניג יוסף, איז דאָס פֿאַר אים געווען אַ גרויסע שׂמחה. ער האָט געענטפֿערט מיט אַ לענגערן בריוו, אין וועלכן ער דערציילט די געשיכטע פֿון זײַן לאַנד און פֿון זײַן פֿאָלק. דעם דאָזיקן אָריגינעלן בריוו האָבן די שפּאַנישע ייִדן אָוועקגעפֿירט מיט זיך קיין מצרים. און ערשט אין 1911 האָט דער ייִדישער געלערנטער זלמן שעכטער, פֿון טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, געפֿונען דעם בריוו אין דער „גניזה"[1] פֿון דער אַלטער שול אין קאַיִראָ. אין דעם בריוו שרײַבט דער מלך:

[1] באַהאַלטן אָרט.



די ייִדישע כוזרים־מלוכה אין אַזיע בײַם קאַספּישן ים.

„פֿון אַרמיניאַ (ביזאַנטישע מלוכה) זײַנען אַנטלאָפֿן אונדזערע אָבֿות — ניט קענענדיק פֿאַרטראָגן דעם יאָך פֿון די געצן־דינער — און ס'האָבן זיי אויפֿגענומען די האַרן פֿון קאַזאַריע. די האַרן האָבן געלעבט אָן תּורה און די ייִדן האָבן זיך אויסגעמישט צווישן זיי, געגאַנגען מיט זיי אויף מלחמות — ווערנדיק איין פֿאָלק. בלויז

דעם דין פֿון מילה האָבן זיי געהיט, און אַנדערע — אויך שבת.

אין לאַנד קאַזאַריע איז קיין קיניג ניט געווען. דער וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אין מלחמה, פֿלעגט ווערן זייער פֿירער. האָט פּאַסירט, אַז איין מאָל האָט געזיגט איבער די שונאים די שווערד פֿון אַ ייִד, האָבן אים די איינוווינערס פֿון קאַזאַריע אויסגערופֿן פֿאַר זייער פֿירער — ווי דאָס איז געווען דער מנהג פֿון לאַנד.

און גאָטס חסד[1] האָט געריִרט דאָס האַרץ פֿונעם פֿירער, אַז ער זאָל זיך צוריק דערמאָנען אין דעם ייִדישן גלויבן. זײַן פֿרוי סרח און דער פֿאָטער פֿון זײַן פֿרוי — אַ צדיק לויט זײַן דור — האָבן אים געוויזן דעם וועג.

ווען דאָס האָבן דערהערט די מלכים פֿון מוקדון און אַראַביע, אַזוי האָבן זיי געשיקט שליחים צו די האַרן פֿון קאַזאַריע מיט שפּאָט אויפֿן פֿאָלק ישׂראל, זאָגנדיק: „נאָך וואָס דאַרפֿט איר אָננעמען דעם גלויבן פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז אונטערטעניק צו אַלע פֿעלקער?" דאַן האָט דער העכסטער האַר אַ זאָג געטאָן: „זאָלן קומען די געלערנטע פֿון ישׂראל, די גריכישע געלערנטע און די אַראַבישע; זאָל יעדער איינער פֿון זיי דערקלערן זײַן אמונה און מיר וועלן זען וואָס ס'וועט אַרויסקומען".

און די געלערנטע זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען און אויפֿגעקלערט זייערע רעליגיעס, אָבער די האַרן פֿון קאַזאַריע האָבן אויסגעקליבן די תּורה פֿון משהן. זיי האָבן זיך אומגעקערט מיטן גאַנצן האַרצן צום ייִדישן גלויבן, צוזאַמען מיט די איינוווינערס פֿון קאַזאַריע.

איך בין מודיע[2] מײַן האַר — שרײַבט ער אין זײַן בריוו — אַז דער נאָמען פֿון אונדזער לאַנד, ווי מיר האָבן דאָס געפֿונען אין ספֿרים — איז אַרקאַנס; דער נאָמען פֿון אונדזער הויפּטשטאָט — איז קאַזאַר; דער נאָמען פֿון טײַך, וואָס פֿליסט דורך דער שטאָט — איז איסיל (וואָלגאַ); און דאָס לאַנד געפֿינט זיך אויף רעכטס פֿונעם ים (מיטלענדישער), וואָס ציט זיך פֿון דײַן לאַנד".

---

[1] גוטסקייט, רחמנות.

[2] אינפֿאָרמיר, לאָז וויסן.

חסדאי האָט געפּלאַנט צו באַזוכן דאָס לאַנד פֿון די כּוזרים, ער האָט אָבער זײַן פּלאַן ניט געקענט אויספֿירן, ווײַל ער איז אין אַ קורצער צײַט אַרום געוואָרן קראַנק און געשטאָרבן (970).

וואָס איז געוואָרן מיט דער כּוזרישער מלוכה?

ווען יוסף האָט געשריבן דעם בריוו, איז נאָך די כּוזרישע מלוכה געשטאַנען פֿעסט און זיכער. אָבער אין גיכן, אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 10טן יאָרהונדערט, איז אויף איר אָנגעפֿאַלן דער רוסישער פֿירשט סוויאַטאָסלאַוו און אָפּגעריסן אַ גרויסן טייל פֿון לאַנד. שפּעטער, אָנהייב 12טן יאָרהונדערט, זײַנען זיי באַפֿאַלן געוואָרן פֿון די מאָנגאָליש-רוסישע שבֿטים — די „פּאָלאָווצן" און די כּוזרישע מלוכה איז אונטערגעגאַנגען. די כּוזרים האָבן זיך צעשפּרייט איבער דרום רוסלאַנד און מיט דער צײַט זײַנען זיי אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן פֿון דער ייִדישער מאַפּע.

געוויסע היסטאָריקערס האָבן אַ מיינונג, אַז אַ סך ייִדן פֿון די מזרח-אײראָפּעיִשע לענדער שטאַמען אָפּ פֿון די כּוזרים. עס איז אויך פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז געוויסע קריסטלעכע סעקטעס, ווי די וואָס היטן שבת — די „סאָבאָטניקעס" למשל — קומען אויך אַרויס פֿון די כּוזרים. זיי זײַנען אָבער ניט מער ווי מיינונגען און ניט קיין היסטאָרישע פֿאַקטן. דער איינציקער היסטאָרישער פֿאַקט איז, אַז אַזאַ ייִדישע מלוכה האָט טאַקע עקסיסטירט במשך פֿון קאַרגע פֿינף הונדערט יאָר, און זייער לאַנד געפֿינט זיך איצט אין דער טעריטאָריע פֿון דעם גרויסן רוסלאַנד.

ר׳ יהודה הלוי — דיכטער און פֿילאָזאָף

אין דער דאָזיקער שפּאַנישער תּקופֿה האָט געלעבט איינער פֿון אונדזערע גרעסטע נאַציאָנאַלע דיכטערס — ר׳ יהודה הלוי. זײַן ליבע צו ציון האָט ער אויסגעדריקט מיט די שענסטע פּאָעזיעס. זײַנע פּיוטים — רעליגיעזע פּאָעמעס — זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין די מחזורים פֿון די יום-טובֿדיקע תּפֿילות.

אין זײַן צײַט האָט נאָך אַוודאי עקסיסטירט די כּוזרים-מלוכה און דער דיכטער האָט פֿון דעם געוווּסט. ער האָט אָנגעשריבן אַ ספֿר מיטן נאָמען „הכּוזרי", וווּ ער ברענגט אַרויס זײַנע פֿילאָזאָ-

פּישע געדאַנקען וועגן גאָט, פאָלק און ייִדישקייט. דאָס איז געשריבן אין פאָרעם פון א וויכּוח, א דיסקוסיע, וואָס די דרײַ רעליגיע-פאָרשטייערס האָבן אָפּגעהאַלטן פאַר דעם כּוזרישן מלך. דורך דעם מויל פון דעם ייִדישן פאָרשטייער, ר' יצחק סנגרי, ברענגט ר' יהודה הלוי אַרויס די פּרינציפּן פון דער ייִדישער אמונה.

אַלץ אין דער וועלט — זאָגט ר' יהודה הלוי אין ספר הכּוזרי — האָט א נשמה, א כּוח, וואָס דערהאַלט עס בײַם לעבן. אָבער דער כּוח איז ניט אומעטום דער זעלבער: בײַ געוויקסן — איז עס דער כּוח צו וואַקסן און בליִען; בײַ די לעבעדיקע באַשעפעניש — איז עס דער כּוח צו עקסיסטירן און פאַרמערן זיך; בײַ מענטשן אָבער, איז שוין אויך פאַראַן דער כּוח צו **דענקען**, דער כּוח צו דערהייבן זיך צו דער געטלעכקייט.

ר' יהודה הלוי איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט טאָלעדאָ, וואָס איז געווען אין דעם קריסטלעכן טייל שפּאַניע, אין סוף פון 11טן יאָרהונדערט. זײַן פאָטער ר' שמואל, האָט אים שפּעטער אַוועקגעשיקט לערנען אין די ישיבות פון דעם אַראַבישן טייל שפּאַניע. דאָרט האָט ער אויך געלערנט פילאָזאָפיע און מעדיצין. אָבער זײַן גרעסטע ליבע איז געווען די פּאָעזיע, וואָס ער האָט זייער יונג אָנגעהויבן צו שרײַבן אין א שיינעם העברעיִש. ער האָט געשריבן לידער וועגן נאַטור און לעבן, וועגן גאָט און מענטש, אָבער זײַנע ציון-לידער זײַנען געווען די דימענטן פון זײַן פּאָעטישער קרוין. זײַן האַרץ, זײַן נשמה, האָבן אויסגעדריקט בענקשאַפט צו דעם היסטאָרישן לאַנד פון אונדזערע אָבות, צו וועלכן ער האָט זיך געריסן מיט אַלע זײַנע כּוחות:

„לִבִּי בְמִזְרָח וְאָנֹכִי בְּסוֹף מַעֲרָב
— ווײנט דער דיכטער מיט בענקשאַפט —
אֵיךְ אֶטְעֲמָה אֵת אֲשֶׁר אוֹכַל וְאֵיךְ יֶעֱרָב?
אֵיכָה אֲשַׁלֵּם נְדָרַי וֶאֱסָרַי, בְּעוֹד
צִיּוֹן בְּחֶבֶל אֱדוֹם וַאֲנִי בְּכֶבֶל עֲרָב;
יֵקַל בְּעֵינַי עֲזֹב כָּל-טוּב סְפָרַד, כְּמוֹ
יֵקַר בְּעֵינַי רְאוֹת עַפְרוֹת דְּבִיר נֶחֱרָב!"

די אַראַבישע און קריסטלעכע שפּאַניע

אין פשוטן ייִדיש וואָלט זיך דאָס געלייענט: — מײַן האַרץ איז אין מזרח און איך בײַם ראַנד פֿון מערבֿ; ווי קען איך הנאה האָבן פֿון מײַן שפּײַז און ווי קען איך דאָס איבערטראָגן; ווי קען איך מקיים זײַן מײַן שבֿועה (צו ציון), ווען ציון איז אַ געפֿאַנגענע בײַ אדום און איך אַ געבונדענער אין אַראַבישן שפּאַניע; ס'איז מיר לײַכטער צו פֿאַרלאָזן אַלע גליקן אין שפּאַניע, ווײַל ס'איז בײַ מיר טײַערער צו זען די שטויבן פֿון חרובֿן דביר (בית המקדש).

אין עלטער פֿון זעכציק יאָר האָט ר' יהודה הלוי באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן שפּאַניע און פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אין יענער צײַט איז אַזאַ נסיעה געווען פֿאַרבונדן מיט גרויסע סכּנות.[1] עס איז אויך געווען די צײַט פֿון די קרייצצוגן. ס'האָט ניט געהאָלפֿן די געוויינען פֿון זײַן איינציקער טאָכטער און זײַן איניקל יהודה — צוזאַמען מיט אַ גרופּע פֿון זײַנע תּלמידים זײַנען זיי אַרויף אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין מצרים. אויפֿן וועג איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם און געוואָרפֿן די שיף ווי אַ שפּענדל. אַ טויטשרעק האָט אַרומגענומען די פּאַסאַזשירן אויפֿן שיף, אָבער אונדזער דיכטער איז געבליבן רויִק און פֿעסט מיט זײַן בטחון, אַז באַלד וועט ער דערזען „דאָס האַרץ פֿון דער וועלט" — אַזוי האָט ער געזאָגט אויף ירושלים — און ער האָט אָנגעהויבן זינגען אַ נײַ ליד: „ים סוער" — דער ים שטורעמט.

אָנגעברוגזט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט,
פּלוצים האָט ער זיך צעבייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אָט לויפֿן שוין אַקעגן
ווילד און בייז מיט ווײַסן שוים
כוואַליעס־לייבן, כוואַליעס־שלאַנגען
אויסגעוואַקסן פֿון דעם תּהום.[2]

---

[1] געפֿאַרן.

[2] אָפּגרונט.

אָט האָט זיך אַ מאָל געעפֿנט,
אָט שטייט־אויף אַ הויכער באַרג —
פֿלאַטער, זעגל! בויג זיך, מאַסטבוים!
דו, מײַן האַרץ, בלײַב פֿעסט און שטאַרק!

האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל,
ימים שפּאַלט ער מיט זײַן האַנט;
אויף זײַן פֿליגל מיט זײַן שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד.

דער שטורעם האָט זיך אײַנגעשטילט און די שיף איז צוגעקומען צו די ברעגן פֿון מצרים. די דאָרטיקע ייִדישע קהילות האָבן דעם דיכטער אויפֿגענומען מיט גרויס כּבֿוד און אים געבעטן, אַז ער זאָל בײַ זיי פֿאַרבלײַבן. דער דיכטער האָט געדאַנקט פֿאַר דעם כּבֿוד און ער האָט פֿאָרגעזעצט זײַן נסיעה קיין ארץ־ישׂראל.

דאָ אין ארץ־ישׂראל, זײַנען פֿאַרלאָרן געגאַנגען אַלע שפּורן פֿון דעם דיכטער. מען ווייסט ניט וואָס ס'איז מיט אים ווײַטער געשען. אַ לעגענדע דערציילט, אַז ווען ר' יהודה הלוי איז געקומען קיין ירושלים, האָט ער זיך געלאָזט גיין צום כּותל מערבֿי און דערבײַ געזונגען זײַן באַרימט אומשטערבלעך ציון־ליד: „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך״... און פּלוצלינג איז אָנגעלאָפֿן אויף זײַן פֿערד אַ מאַכמעדאַנישער רײַטער און אים דערשטאָכן מיט זײַן שפּיז...

דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זײַן גרויסן משורר ניט פֿאַרגעסן. יעדן תּשעה באָבֿ, ווען ייִדן האָבן זיך געזעצט אויף דער ערד און געלייענט מגילת איכה — איז אויך געלייענט געוואָרן ר' יהודה הלוים „ציון הלא תשאלי״, וואָס דער דיכטער ח. נ. ביאַליק האָט איבערגעזעצט אויף ייִדיש:

„בענקסטו אויך נאָך דײַנע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע, בענקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פֿון דיר, אַ ליבן גרוס באַקומען?
דאָ האָסטו אים! אַ גרוס פֿון נאָענטע און ווײַטע!

אין האַרצן דורות לאַנג געוואַרעמט טראָגט אים
פֿון אַלע עקן וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שוים אַן עלנט קינד דײַנס — אײנער
פֿון די וואָס זאַפּן אָן, ווי טוי פֿון חרמון,[1]
די פֿרעמדע בערג מיט ברענענדיקע טרערן
און שטאַרבן אין דער פֿרעמד פֿאַרליבטע און פֿאַרבענקטע.

מיך ציט צו דיר. בײַנאַכט אויף דײַנע חורבֿות
בין איך דײַן נאַכטאַיל[2] פֿון דײַן יאָמער־ליד.
און חלומט זיך מיר נאָר דײַן מאָרגנשטערן — ווער איך
דײַן נאַכטיגאַל, דײַן קלינגענדיקע האַרפֿע...

מיך ציט צו דיר, מײַן האַרץ גייט אוים נאָך דײַנע ערטער,
ווו די אָבֿות האָבן זיך באַגעגנט מיט מלאכים,
ווו די שכינה האָט גערוט, ווו דײַן באַשעפֿער
האָט דײַנע טויערן די הייליקע געעפֿנט
אַנטקעגן זײַנע הימלישע שערים,[3]
ווו ניט די זון, ניט די לבֿנה, שטערן —
גאָטס (ערע זעלבסט) כּבֿוד אַליין האָט דיך באַשיינט מיט גלאַנץ...

דאָס איז איין טייל פֿון דעם ציון־ליד, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן כּמעט אויף אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן און מעגלעך, אַז דאָס איז געווען דעם דיכטערס לעצט געזאַנג.

אַבֿרהם אבֿן עזרא

בערך אין דער זעלבער צײַט פֿון ר׳ יהודה הלוי, האָט געלעבט דער משורר ר׳ אַבֿרהם אבֿן עזרא. ביידע דיכטערס זײַנען געווען גוטע פֿרײַנד, אָבער זיי זײַנען געווען אַנדערש איינער פֿון אַנדערן.

אַבֿרהם אבֿן עזרא איז פֿון די אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן אין דער שפּאַניש גאָלדענער תּקופֿה. דער מענטש האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע: ער איז געווען אַ דיכטער, אַ מאַטעמאַטיקער, אַן אַסטראָנאָם, אַ פֿילאָלאָג, אַ תּלמוד־קענער, אַ קענער פֿון קבלה — און פֿון וואָס ניט?

---

[1] באַרג אין צפֿון פֿון ישראל. [2] קלאָגפֿויגל. [3] טויערן.

ער האָט אָבער ניט געקענט זיצן אויף איין אָרט. ער איז געווען אַן אייביקער נע־ונדניק און אַ גרויסער אָרעמאַן. ער האָט געוואַנדערט איבער אַפֿריקע, אַזיע און איבער די שטעט פֿון איטאַליע, פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד. אויף אַלע זײַנע וואַנדערנדיקע וועגן האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו שרײַבן. אחוץ פּאָעזיע האָט ער געשריבן ביכער וועגן העברעיִשן דיקדוק, וועגן קבלה און אויך אַ פּירוש אויף תּנ״ך.

אין זײַן ליד „נדוד אסיר עוני״ — זאָגט וועגן זיך אבֿן עזרא — „אומעטום בין איך געווען; האָב ביכער געשאַפֿן און פֿאַרבאָרגענע סודות אַנטפּלעקט; שטענדיק נע־ונד, געלעבט אין דחקות און אין נויט...״

אָבער ניט קוקנדיק אויף זײַן גרויס אָרעמקייט און וואַנדערנדיקן לעבן, האָט ער קיין מאָל ניט פֿאַרלאָרן זײַן הומאָר און שטיפֿערישקייט. ער לאַכט אַפֿילו פֿון זיך אַליין:

וועז איך זאָל האַנדלען מיט ליכט,
וואָלט די זון קיין מאָל ניט אונטערגעגאַנגען;
און וואָלט איך פֿאַרקויפֿט תּכריכים —
וואָלט קיינער ניט געשטאָרבן...

אויף אַ צווייטן אָרט זאָגט ער: — „איך האָב אַ מאַנטל איז ער פֿול מיט לעכער — מ׳קען דורך אים זיפּן ווייץ אָדער גערשטן, און פֿאַרשפּרייט מען אים בײַנאַכט פֿאַר אַ געצעלט — קוקן די שטערן דורך די לעכער און לײַכטן אין דער פֿינצטער״...

פֿון דעם דיכטערס משפּחה־לעבן וויסן מיר זייער ווייניק. אין זײַנע לידער זעען מיר, אַז ער האָט זייער שטאַרק געטרויערט נאָך זײַן זון, יצחק, וואָס איז יונג געשטאָרבן. דער דיכטער יהודה אַלחריזי, וואָס האָט געלעבט אין שפּאַניע נאָך אבֿן עזרא, דערציילט אין זײַן בוך „תּחכמוני״, אַז דער טאַלאַנטירטער זון פֿון אַבֿרהם אבֿן עזרא האָט אָנגענומען דעם מוסולמענישן גלויבן און דער פֿאָטער האָט אים באַקלאָגט ווי ער וואָלט געשטאָרבן. לעצטנס האָט מען אָבער אויסגעפֿונען, אַז דאָס איז ניט ריכטיק — ער איז טאַקע יונג געשטאָרבן. די טראַגעדיע מיט זײַן זון האָט אים ניט געגעבן קיין רו, און דאָס איז אפֿשר געווען די סיבה פֿון זײַן בסדרדיקן אַרומוואַנדערן.

שרײַב־קונסט פֿון אברהם אבן־עזרא

ו	נ	ש	ר	פּ
ז	ת	ב	ע	ר
ש	ב	ד	ב	ש
ר	ע	ב	ת	נ
ף	ר	ש	נ	ו

איר האָבן געלערנט, דער האָניק־פּרעסער
האָט זיך אָנגעצונדן און פֿאַרברענט אַליין.

אב אל חי שמך, למה מלך משיח לא בא

דער מאביכם כי לא בוש אבוש
שוב אשוב אליכם כי בא מועד.

אין די קעסטלעך אויבן, זײַנען פֿאַראַן פֿינף ווער־טער; זיי לייענען זיך פֿון רעכטס צו לינקס, פֿון לינקס צו רעכטס, פֿון אויבן אַראָפּ און פֿון אונטן אַרויף. אויך די צוויי העברעישע ראַדן קען מען לייענען הין און קריק.

אַבֿרהם אבֿן עזרא איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1092, אין דער שטאָט טאָלעדאָ, שפּאַניע. ער איז געשטאָרבן אין איטאַליע אויף זײַן וועג אַהיים, אין יאָר 1167. די צאָל ספֿרים, וואָס ער האָט באַוויזן אָנצושרײַבן אין זײַן לעבן — אַרום צוויי הונדערט — האָבן הונדערטער יאָרן געהאַט אַ גרויסן אײַנפֿלוס אויף ייִדישע און ניט־ייִדישע געלערנטע.

רבנו משה בן מיימון — רמב״ם

ווען מען דערמאָנט דעם נאָמען רמבם, האָט מען דעם אײַנדרוק, אַז דאָס איז עפּעס אַ היימישער נאָמען, וואָס יעדער איינער קען אים — אַפֿילו ווען מען קען ניט דערקלערן גענוי ווער דער רמבם איז געווען. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס דער רמבם איז טאַקע אַ באַוווּסטער נאָמען, איינער פֿון די גרעסטע גײַסטיקע ריזן בײַ דעם ייִדישן פֿאָלק; די גרעסטע אויטאָריטעט אין דער „הלכה״ — אין די תּורהדיקע געזעצן פֿון תּנ״ך, משנה און גמרא.

דער רמבם איז געבוירן געוואָרן אין אַן ערבֿ פּסח פֿון יאָר 1135, אין דער שטאָט קאָרדאָווע, דרום־שפּאַניע. זײַן פֿאָטער ר׳ מיימון, איז געווען אַ ייִד אַ צדיק, אַ גרויסער למדן און אַ דיין[1] אין שטאָט. ר׳ מיימון האָט די ערשטע יאָרן אַליין געלערנט מיט זײַן זון און באַלד דערזען, אַז דאָ וואַקסט אַ גרויסער גאון.

ווען משה איז שוין געווען אַ בחור פֿון דרײַצן, זײַנען אָנגעקומען אומרויִקע יאָרן קיין שפּאַניע. פֿון צפֿון־אַפֿריקע זײַנען אַרײַן קיין שפּאַניע די פֿאַנאַטישע מאַכמעדאַנישע אַלמאַהאַדן־סעקטע און אײַנגענומען קאָרדאָווע און אַלע אַנדערע שטעט פֿון דרום־שפּאַניע. אומעטום, וווּ זיי זײַנען געקומען, האָבן זיי אויפֿגעהויבן די שווערדן מיט אַ געשריי: „צו מאַכמעדן, אָדער אַרויס פֿון לאַנד!״

האָבן ייִדן אויך אין שפּאַניע אָנגעהויבן לויפֿן פֿון איין אָרט צום אַנדערן. אייניקע זײַנען דערוועגל אַריבער אין די צפֿון־שטעט פֿון קריסטלעכן טייל שפּאַניע, און אַנדערע זײַנען אַפֿילו אַוועק קיין מצרים, וווּ ס׳האָט געהערשט דער פֿרײַנדלעכער סולטאַן סאַלאַדין.

---

[1] „דיין״ קומט פֿון דעם וואָרט „דין״ — צום דײַן פֿלעגט מען קומען פֿרעגן שאלות וועגן רעליגיעזע דינים.

די מיימון־משפּחה האָט פֿאַרלאָזט קאָרדאָווע און געוואַנדערט איבער שפּאַניע, אַן ערך צוועלף יאָר. דערנאָך זײַנען זיי אַוועק קיין צפֿון־אַפֿריקע און געבליבן ווינען עטלעכע יאָר אין דער שטאָט פֿעז. אָבער אויך דאָרטן האָבן געהערשט די פֿאַנאַטישע אַלמאָהאַדן און ייִדן זײַנען געווען אין גרויס סכּנה.[1]

נאָך פֿינף יאָר אין פֿעז, איז די מיימון־משפּחה אָפּגעפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. ארץ־ישׂראל איז דעמאָלט אויך געווען ווי אַ גיהנום, צוליב די כּסדרדיקע מלחמות צווישן די קרייצפֿאָרערס און די מאַכ־מעדאַנערס. קיין ירושלים איז געווען שווער אַרײַנצוקומען, ווײַל די שטאָט איז געווען פֿאַרנומען פֿון די קרייצפֿאָרערס. זײַנען די מיימונס געבליבן דערווײַל אין עכּו. אָבער דער שטאַרקער ווילן צו באַזוכן די הייליקע שטאָט און זיך אויסוויינען אַ ביסל בײַם כּותל מערבֿי, איז געווען שטאַרקער פֿון אַלע סכּנות... זיי זײַנען געקומען קיין ירושלים, פֿון ירושלים זײַנען זיי אַוועק קיין חבֿרון, מתפּלל געווען אויף די קבֿרים פֿון די אָבֿות אין דער מערת המכפּלה, און פֿון דאָרטן זײַנען זיי אַוועק קיין מצרים.

רויִק און זאַט איז דעמאָלט געווען דאָס לעבן אין מצרים. ייִדן און אַראַבער האָבן געלעבט בשלום. עס זײַנען געווען ייִדישע קהילות מיט גלאַנץ פֿון תּורה און מיט עשירות.[2] האָט זיך ר' מיימון און זײַן משפּחה באַזעצט אין פֿאָסטאַט, אַ פֿאָרשטאָט פֿון אַלט־קאַיִראָ. דוד, אַ ייִנגערער ברודער פֿון ר' משהן, איז געוואָרן אַ גרויסער סוחר פֿון טײַערע שטיינער און האָט אויסגעהאַלטן דאָס הויזגעזינד בכּבֿוד בעת דער רמבם איז געזעסן און געלערנט און געאַרבעט אויף זײַנע ווערק, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן.

אָפֿט מאָל פֿלעגט דוד דאַרפֿן מאַכן ווײַטע נסיעות[3] מיט שיפֿן, צו ברענגען און אַוועקפֿירן טײַערע שטיינער. און אויף איינער אַזאַ נסיעה האָט געטראָפֿן אַן אומגליק — דוד איז מער ניט צוריקגעקומען; די שיף איז אונטערגעגאַנגען מיט זײַן גאַנץ פֿאַרמעג, וואָס ער האָט געפֿירט מיט זיך.

גרויס איז געווען דער טרויער פֿון דער משפּחה, וואָס האָט איצט אויך געהאַט די זאָרג פֿון פּרנסה. אָבער דער רמבם האָט ניט

---

[1] געפֿאַר. [2] רײַכקייט. [3] רײַזעס.

געוואָלט אָננעמען קיין שטעלע פֿון רבנות, ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּגעבן מיט היילן קראַנקע, ער האָט דאָס באַטראַכט פֿאַר אַ גרויסער הומאַניטאַרער אַרבעט, און פֿון דעם האָט ער שוין גע-לעבט אַלע זײַנע יאָרן.



ס'האָט ניט גענומען לאַנג און זײַן נאָמען אַלס דאָקטער איז געוואָרן באַרימט איבער גאַנץ מצרים. דאָס איז דערגאַנגען צום קיניגלעכן הויף אין קאַיִראָ — צום קאַליף אַל-אַפֿדאַל (סאַלאַדינס אַ זון) און דער רמבם איז פֿאַרבעטן געוואָרן צו ווערן דער דאָקטער פֿונעם קיניגלעכן הויף.

דער רמבם — אַליין פּיזיש זייער שוואַך — אַרבעט מיט איבערמענטשלעכע כּוחות: יעדן טאָג האָט ער געמוזט זײַן אין קיניגלעכן הויף, וואָס איז געווען פֿון זײַן היים אַ גאַנג פֿון אַרום דרײַ מײַל. קומענדיק צוריק אַהיים, האָבן דאָרט געוואַרט אויף אים צענד־ליקער קראַנקע, אַז ער זאָל זיי אונטערזוכן און פֿאַרשרײַבן אַ רפֿואה.[1] ערשט נאָך דעם אַלעם איז ער אָפּגעזעסן לאַנגע שעהען אין דער נאַכט און געאַרבעט אויף זײַנע ווערק: „יד החזקה״ און „מורה נבוכים״. אין צווישנצײַט האָט ער אויך געשריבן מעדיציניש ביכער אויף אַראַביש וועגן „טובערקולאָז״, „אַסטמע״, וועגן היגיענע, וועגן גיפֿטן און קעגנגיפֿטן.

עס ווערט דערציילט, אַז די דאָקטוירים אין קאַיִראָ האָבן געפֿירט אינטריגעס קעגן רמבם. זייער קנאה[2] האָט דערפֿירט צו פֿאַלשע אויסטראַכטענישן און בילבולים אויפֿן רמבם, כּדי אָפּצושוואַכן זײַן גרויסקייט אין די אויגן פֿון קאַליף. אַ פֿאָלקס־מעשׂה דערציילט:

— יעדן טאָג, ווען דער רמבם קומט אַהיים פֿון קיניגלעכן הויף שטעלן זיך אוים זײַנע פּאַציענטן אין אַ שורה. דער רמבם גייט דורך די שורה, קוקט יעדן איינעם אַרײַן אין די אויגן און דערנאָך זעצט ער זיך אַוועק צו פֿאַרשרײַבן די רעצעפּטן. זײַנען געקומען דעם רמב״מס שׂונאים און געזאָגט: „דאָס איז אַ שווינדל! — זײַנע רעצעפּטן האָבן ניט קיין ווערט, ווײַל אַרײַנקוקנדיק אין די אויגן קען ער ניט וויסן וואָס זייער קרענק איז.

און כּדי צו באַווײַזן, אַז זיי זײַנען ריכטיק, האָבן זיי געדונגען אַ געזונטן פּויער, אַז ער זאָל זיך אויך אַרײַנשטעלן צווישן די קראַנקע — לאָמיר זען צי דער רמבם וועט אים פֿאַרשרײַבן אַ רעצעפּט? ...

איז געקומען דער טאָג — ווי אַלע טעג — די קראַנקע האָבן זיך אויסגעשטעלט, דער רמבם האָט אַ קוק געטאָן אין זייערע אויגן און זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן רעצעפּטן, איינעם נאָך דעם אַנדערן, און קיינעם ניט פֿאַרפֿעלט. — אָט איז אונדזער באַווײַז! — האָבן זיי אויסגעשריִען מיט שׂמחה... אָבער ווי נאָר זיי האָבן

---

[1] מעדיצין.

[2] אײַפֿערזוכט.

איבערגעלייענט דעם רעצעפּט, האָבן זיך זייערע פּנימער אָנגעגאָסן מיט חרפּה, ווײַל אין רעצעפּט איז געווען געשריבן: „דײַן מאָגן איז אויסגעליידיקט, ער פּײַפּט פֿון הונגער; קויף אַ פֿונט ברויט, אַ האַלב פֿונט פֿלייש, אַ גלאָז ווײַן און פֿיל אָן דײַן מאָגן״...

דעם רמבמס גרויסע ווערק:

דעם רמבמס נאָמען לעבט צווישן ייִדן צוליב זײַנע ספֿרים, וואָס ער האָט געשריבן פֿאַר ייִדן צו לערנען און וויסן. די דאָזיקע ספֿרים זײַנען גאַנצע ענציקלאָפּעדיעס וועגן תּורהדיקע געזעצן און אמונה בײַ ייִדן. עס איז ממש צו באַוווּנדערן ווי אַזוי איין מענטש האָט געקענט שאַפֿן אַזעלכע ווערק.

אַ סך ספֿרים האָט דער רמבם אין זײַן לעבן געשאַפֿן: „ספֿר המצוות״ — אויפֿקלערונגען וועגן אַלע געבאָטן און פֿאַרבאָטן אין דער תּורה; „פּירוש המשניות״ — דעם ריכטיקן פּשט[1] און גע־דאַנק פֿון דער משנה; „פּרקי משה״ — וועגן מעדיצינישע זאַכן; און פֿיל אַנדערע. די גרעסטע און מער באַוווּסטע ווערק פֿון דעם רמב״ם זײַנען אָבער: דער „יד החזקה״ און דער „מורה נבוכים״.

— וואָס פֿאַר אַ ווערק זײַנען זיי?

— „יד החזקה״ איז דער טײַטש: אַ שטאַרקע האַנט — אַ האַנט וואָס פֿירט, וואָס ווײַזט אָן. „יד״ האָט אויך דעם אַלפֿאַבעטישן נומער 14, און דאָס ווײַזט אָן אויף די פֿערצן אָפּטיילונגען אין דעם דאָזיקן ווערק.

אין „יד החזקה״ זײַנען צונויפֿגעזאַמלט געוואָרן אַלע הלכות (געזעצן), וואָס זײַנען צעוואָרפֿן איבערן תּלמוד בבלי און תּלמוד ירושלמי, ווי אויך אין אַלע אַנדערע ספֿרים פֿון די גאונים ביז דעם רמב״מס צײַט. דער רמבם האָט די הלכות קלאַסיפֿיצירט און אײַנ־געטיילט אין פֿערצן באַזונדערע אָפּטיילונגען, מיט קלאָרע דעפֿי־ניציעס און אויפֿקלערונגען. דאָס איז ווי אָן אָפֿענער וועג צו קענען לײַכט געפֿינען דעם דין, וואָס מ׳וויל וויסן. למשל: — אויב איינער וויל וויסן דעם דין וועגן פֿאָרן אין שבת — דאַרף ער צוגיין צו דער דריטער אָפּטיילונג פֿון „יד החזקה״, וואָס רופֿט זיך „ספֿר

---

[1] טײַטש.

זמנים" (דאָס בוך פֿון די צײַטן), און ער געפֿינט דאָס בײַ די הלכות פֿון שבת.

מיט דעם דאָזיקן ווערק האָט דער רמבם — ווי אַ גוטער אַרכיטעקט — אויפֿגעבויט אַ גרויסן בנין. ווײַל אין תּלמוד זײַנען



דעם רמב"מס אַ כתבֿ־יד פֿון „משנה תורה".

די הלכות צעוואָרפן צווישן די דיסקוסיעס פון די תנאים און אמוראים; נאָר אַ גרויסער למדן[2] קען זיך פון דאָרט אַרויספּלאָנטערן.

צען יאָר האָט דער רמבם געאַרבעט אויף דעם „יד החזקה" און דאָס ספר איז אָנערקענט פון אַלע רבנים אין ארץ און אין חוץ לארץ.

און וואָס פאַר אַ ספר איז דער „מורה נבוכים"?

— דעם „מורה נבוכים" האָט דער רמבם געשריבן אויף אַראַביש. ער האָט דאָס געשריבן פאַר געלערנטע מענטשן און ניט פאַרן פּראָסטן פאָלק. דאָס איז שוין פילאָזאָפיע — אַ יידישע פילאָזאָפיע ווי אַזוי צו פאַרשטיין גאָט, וועלט און מענטש.

די ווערטער „מורה נבוכים" מיינען: „לערער פון די פאַרבלאָנדזשעטע". מיט אַנדערע ווערטער מיינט דאָס: אַ לערער, אַ וועגווייזער פאַר די וואָס בלאָנדזשען און זיינען צעטומלט מיט זייער גלייבן אין גאָט. עס זיינען געווען יידן, אויך אין רמב"מס צייטן, וואָס האָבן שטודירט פילאָזאָפיע, די גריכישע פילאָזאָפיע. דאָס האָט אָפּגעשוואַכט זייער אמונה. איז געקומען דער רמבם און אויפגעקלערט, אַז די פילאָזאָפיע איז ניט קעגן רעליגיע. די יידישע אמונה — זאָגט דער רמבם — איז ניט קיין בלינדער גלויבן. אַלע מצוות אין דער תורה האָבן אַ לאָגישן שכל און דער מענטש דאַרף לערנען און אַנטוויקלען זיין שכל כדי בעסער צו פאַרשטיין די וועלט און דעם באַשעפער פון דער וועלט.

גאָט איז איינער — זאָגט דער רמבם — אָבער ס'איז ניט ריכטיק זיך פאָרצושטעלן גאָט אין געשטאַלט פון אַ מענטש — גאָט איז דאָך ניט קיין מענטש. אמת טאַקע, אַז אין דער תורה געפינט מען אויסדרוקן: „גאָט האָט געזאָגט", „גאָט איז געוואָרן אין כעס", דאָס — דערקלערט דער רמבם — איז געשריבן געוואָרן מיט אַ מענטשן־שפּראַך כדי זיי זאָלן דאָס בעסער פאַרשטיין; מיר דאַרפן דאָס ניט נעמען ווערטלעך, וואָרט ביי וואָרט.

דער „מורה נבוכים" איז איבערגעזעצט געוואָרן אין עטלעכע שפּראַכן. ער האָט דריי טיילן און 178 קאַפּיטלען. דאָס איז אַ ספר

---

[2] אַ לערנער.

פֿאַר געלערנטע מענטשן. צו לערנען און פֿאַרשטיין דעם „מורה נבוכים" דאַרף מען פֿריִער לערנען און פֿאַרשטיין פֿילאָזאָפֿיע. מיר לערנען ניט דאָ קיין פֿילאָזאָפֿיע. מיר ווילן נאָר וויסן ווער דער רמבם איז געווען און איז פֿאַר אונדז ייִדן. דעריבער וועלן מיר דאָ נאָר צוגעבן די דרײַצן „אני מאמינס", וואָס דער רמבם האָט פֿאַרפֿאַסט און געזאָגט, אַז זיי זײַנען די יסודות, די באַזע פֿון דער ייִדישער אמונה. זיי זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין סידור און מען זאָגט זיי יעדן אין דער פֿרי בײַם דאַוונען. זיי הייבן זיך אָן מיט די ווערטער: **אני מאמין** — איך גלייב:

א) גאָט איז דער באַשעפֿער און דער פֿירער פֿון אַלע באַשעפֿע־נישן.

ב) גאָט איז איינער; געווען און וועט זײַן.

ג) גאָט איז ניט קיין קערפּער און האָט ניט קיין געשטאַלט.

ד) גאָט איז דער ערשטער און דער לעצטער.

ה) נאָר צו גאָט דאַרף מען מתפּלל זײַן.

ו) אַלץ וואָס די נביאים האָבן געזאָגט איז אמת.

ז) די נבֿואה פֿון משה רבנו איז אמת און ער איז דער גרעסטער פֿון אַלע נביאים.

ח) די תּורה וואָס מיר האָבן איז געגעבן געוואָרן צו משה רבנו.

ט) די תּורה וועט ניט געענדערט ווערן און גאָט וועט ניט געבן קיין אַנדערע.

י) גאָט ווייסט די מעשׂים און געדאַנקען פֿון די מענטשן.

יא) גאָט באַלוינט[1] פֿאַר מצוות און באַשטראָפֿט פֿאַר עבֿירות.[2]

יב) משיח וועט קומען, אַפֿילו ווען ער פֿאַרזאַמט זיך, וואַרט איך אויף זײַן קומען.

יג) איך גלייב אַז ס'וועט זײַן תּחיית המתים.[3]

דער רמבם איז נפֿטר געוואָרן אין יאָר 1204, אין פֿאָסטאַט, מצרים, און מ'האָט אים געבראַכט צו קבֿורה[4] אין טבֿריה. אַלע ייִדן אין דער וועלט האָבן געטרויערט אויף זײַן טויט און צווישן זיך געזאָגט: „ממשה עד משה לא קם כּמשה" — פֿון משה רבנו ביז משה בן מיימון איז ניט געווען אַזאַ משה.

---

[1] געבאָטן.

[2] פֿאַרבאָטן.

[3] די טויטע וועלן לעבעדיק ווערן.

[4] באַערדיקט.

באַוווּסט זײַנען אויך די נעמען פֿון: שמואל הנגיד, וואָס איז געווען אַ באַרימטער חכם און אַ וויזיר (הויפּט־מיניסטער) בײַם קיניג אין גראַנאַדע; שלמה אבֿן גבירול, וואָס איז געווען פֿון די באַרימטסטע פּאָעטן אין שפּאַניע און אַ סך פֿון זײַנע פּאָעמעס זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין די הייליקע תּפֿילות פֿון די ימים נוראים; דער רמב״ן — פֿאַרקירצט פֿון: רבנו משה בן נחמן, וואָס איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ באַרימטער דאָקטער און אַ גרויסער חובֿבֿ ציון.[1] ער איז אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 13טן יאָרהונדערט אַוועק קיין ארץ־ישׂראל און פֿון דאָרטן האָט ער אַרויסגעשיקט בריוו מיט אַ רוף צו ייִדן, אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן אין ארץ־ישׂראל.

די יאָרן פֿאַר דעם גירוש שפּאַניע

שפּאַניע איז אַ סך יאָרן געווען צעטיילט און צעברעקלט. יעדער פּראָווינץ איז געווען אַ מלוכה פֿאַר זיך. אין צפֿון פֿון שפּאַניע האָבן געהערשט די קריסטלעכע שטאַטן און אין דרום — די צעטיילטע מאַכמעדאַנישע שטאַטן. אַזוי אַרום האָבן אין שפּאַניע געלעבט צוויי באַזונדערע רעליגיעס און קולטורן. צווישן די באַזונדערע רעליגיעס און קולטורן האָבן געלעבט די ייִדן — אַ דריטע רעליגיע מיט אַן אייגענער קולטור. זיי האָבן — מער ווייניקער — געלעבט צווישן זיך בשלום אַ לאַנגע צײַט. די ייִדן זײַנען געווען ערדאַרבעטערס, גערטנערס, בעלי־מלאכות, סוחרים, לערערס, שרײַבערס, דאָקטוירים און מלוכה־אָנגעשטעלטע. זייער אַרבעט, זייער וויסן, איז געווען אַ ברכה פֿאַר דעם לאַנד.

אין סוף פֿון 14טן יאָרהונדערט האָט זיך די דאָזיקע לאַגע גענומען ענדערן צום שלעכטן. די קריסטלעכע הערשאַפֿט אין שפּאַניע האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. זיי האָבן אָנגעהויבן אַ הייליקן קריג אַרויסצושטופּן די מאַכמעדאַנער פֿון שפּאַניע. אין דער זעלבער צײַט האָבן די מאָנאַכן און בישאָפֿן פֿון דער הייליקער קירך גענומען פֿאַרשפּרייטן שׂנאה און האַס קעגן די ייִדן אין שפּאַניע. די אומגלייביקע — האָבן זיי גערזאָגט — זײַנען פֿרײַנד פֿון די

[1] אַ ליבהאָבער פֿון ציון.

מאַכמעדאַנער און שׂונאים פֿון דער הייליקער קירך; אַלע פּריווילע־גיעס, וואָס זיי האָבן פֿאַרכאַפּט פֿאַר זיך, מוז מען פֿון זיי צונעמען אויב זיי וועלן ניט ווערן קיין קריסטן.

די שרעקלעכע יאָרן פֿון דעם פֿינצטערן מיטל־אַלטער האָבן זיך איצט אויך אַרײַנגעכאַפּט קיין שפּאַניע. אין יאָר 1391 האָט אַ גלח אין סעווילע געהעצט דעם המון[2] אָנצופֿאַלן אויף דער קהילה אין שטאָט. דאָס איז געווען זייער אַ בלוטיקער אָנפֿאַל: טויזנטער ייִדן זײַנען אומגעקומען; טויזנטער זײַנען זיך צעלאָפֿן און זייער אַ סך זײַנען געצוווּנגענערהייט אַריבער צום קריסטנטום, כּדי צו ראַטעווען זיך און די קינדער פֿון טויט.



די קאָלאָנעס פֿון דער ייִדישער שול אין טאָלעדאָ, שפּאַניע, וואָס שטאַמט פֿון 14טן י״ה, איז איצט אַ קירך.

---

[2] דאָס פֿאָלק.

דער אָנפאַל אין סעווילִיע איז געווען ווי אַ סיגנאַל אָנצופאַלן אויף די ייִדן אין קאָרדאָווע, טאָלעדאָ און וואַלענציע. דאָס האָט אַרויסגערופן שרעק און צעטומלעניש צווישן די ייִדן אין שפּאַניע. די יאָרן פון דער גאָלדענער תקופה זײַנען אַוועק און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די טרויעריקע עפּאָכע פון אַנוסים — געשמדטע ייִדן, וואָס האָבן אין גאַס געשפּילט אַ ראָלע ווי קריסטן און אין דער היים האָבן זיי געלעבט ווי באַהאַלטענע ייִדן.

די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צו די „נײַע קריסטן" און זיי האָבן זיי גערופן: „**מאַראַנאָס**", וואָס מיינט: פאַראורטיילטע, פאַרשאָלטענע. אָבער די קירך האָט ניט גערוט. זיי האָבן מיט גוטן און מיט בייזן געוואָלט אָפּשמדן אַלע ייִדן אין שפּאַניע. זיי האָבן גענומען צו הילף די ייִדישע משומדים,[1] זיי האָבן געצוווּנגען די ייִדן אָנטייל צו נעמען אין עפנטלעכע דיספּוטן מיט גלחים און בישאָפן, און זיי פלעגן אַפילו קומען אין די ייִדישע שולן מיט די גרויסע צלמים[2] אין די הענט און די מתפללים האָבן געמוזט זיצן און הערן זייערע רעדעס.

די אינקוויזיציע און דער גירוש

קיין גרויסן נחת פון די אַנוסים האָט די קאַטוילישע קירך ניט געהאַט. ווײַל ווי נאָר זיי האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט אַראָפּ־צוּוואַרפן פון זיך די קריסטלעכע מאַסקע, אַזוי האָבן זיי דאָס געטאָן. עס זײַנען אַפילו געווען קריסטלעכע קיניגן אין קאַסטיליע, וואָס האָבן פּרובירט באַשיצן די ייִדן פון דער קירך, ווײַל ייִדן זײַנען געווען אַ גרויסער כּוח אין אַלע צווײַגן פון זייער מלוכה. אָבער זייער מאַכט קעגן דער קירך איז געווען שוואַך.

אין סוף פון 15טן יאָרהונדערט האָבן זיך די קריסטלעך־שפּאַנישע מלוכות פון אַראַגאָניע (די פּראָווינצן אין צפון־מזרח) און קאַסטיליע פאַראייניקט אין איין מלוכה. דער אַראַגאָנישער קיניג פערדינאַנד האָט חתונה געהאַט מיט דער קאַסטילישער קיניגין איזאַבעלאַ, וואָס האָט צוגעזאָגט אויסצורייניקן שפּאַניע פון די „אומגלייביקע". זי האָט מיט דער הילף פון רוים געגרינדעט אין

[1] געשמדטע.

[2] קרייצן.



אויטאָ־דאַ־פע (אַקט פון גלויבן), וואָס די אינקוויזיציע האָט פאַרמשפּט צו פאַרברענען אויפן פײַער.

שפּאַניע אַ קירכן־טריבונאַל, וואָס זאָל קענען פאַרמשפּטן די אַפּי־קורסים [1] פון קריסטנטום. אין יאָר 1480 איז שוין אין שפּאַניע אויפגעקומען די „הייליקע אינקוויזיציע" מיט דעם הויפּט־אינקווי־זיטאָר, טאָמאַס דע טאָרקוועמאַדאַ.

ערשט איצט האָבן די ייִדן דערזעען דעם גאַנצן גיהנום פאַר די אויגן... די פינצטערע אינקוויזיציע־קעלערן האָבן דערשטיקט דעם אויסשרייענדיקן פּיין און ווייטיק פון די אנוסים, וואָס מ'האָט פון זיי מערדערלעך געריסן לעבעדיקע שטיקער און דערנאָך זיי אַרויסגעפירט מיט אַ הייליקער פּראָצעסיע צום שייטער־הויפן...

ניט קיין פאַרברעכערס האָט מען דאָ געמשפּט! — די פאַר־ברעכערס זיינען אַרומגעגאַנגען פראַנק און פריי — מ'האָט גע־משפּט מענטשן, וואָס האָבן געגלייבט און געזאָגט, אַז גאָט איז איינער, ער האָט ניט קיין מוטער און איז ניט קיין געבאָרענער פון מענטשן... בלויז אין די ערשטע דריי חדשים פון דער אינקוויזיציע זיינען אין דער שטאָט סעוויליע אַליין אומגעקומען אַרום דריי הונדערט אנוסים, וואָס האָבן אויסגעשריען צו זייערע פּייניקערס, אַז ס'איז בעסער צו שטאַרבן ווי ייִדן איידער צו לעבן ווי קריסטן...

ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם האָבן די ייִדן זיך אַלץ ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז ס'וועט שלאָגן די שעה און זיי וועלן מוזן פאַרלאָזן שפּאַניע. זיי האָבן ליב געהאַט דאָס לאַנד און זיי האָבן געהאָפט, אַז די שלעכטע צייטן וועלן אַוועק. זייער האָפענונג איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען דווקא אין אַזאַ צייט איז דער ייִד דאָן יצחק אַברבנאַל געוואָרן פינאַנץ־מיניסטער ביים קיניג פערדינאַנד.

די אַברבנאַל־משפּחה איז געווען פון גאָר גרויסן יחוס. זיי האָבן אַמאָל געוווינט אין שפּאַניע. בעת [2] דעם קריסטלעכן אָנפאַל אויף די ייִדן אין סעוויליע אין יאָר 1391, זיינען די אַברבנאַלס אַנטלאָפן קיין פּאָרטוגאַל. זיין פאָטער ר' אַבֿרהם איז געווען אַ פי־נאַנץ־מיניסטער ביים פּאָרטוגעזישן קיניג און שפּעטער איז ער אַליין אויך געוואָרן דער פינאַנץ־מיניסטער ביים קיניג אַלפאָנסאָ

[1] ניט־גלייביקע. [2] אין דער צייט.

דעם פינפטן. אין יאָר 1483 מוז ער אַנטלויפן פון פּאָרטוגאַל צוליב אַ פאַרשוועדונג, וואָס מ׳האָט געמאַכט קעגן קיניג כּוֹאַן דעם צווייטן און ער קומט קיין שפּאַניע. דער שפּאַנישער קיניג האָט געוואָלט אויסנוצן זײַנע גרויסע פעיִקייטן אין מלוכה־פינאַנצן, ווײַל די מלוכה האָט זיך געניטיקט אין געלט צוליב די מלחמות מיט דער אַראַבישער גראַנאַדע.

אין 1491 איז גראַנאַדע געפאַלן. די לעצטע אַראַבישע הערשאַפט, וואָס האָט זיך דאָרט געהאַלטן אַריבער זיבן הונדערט יאָר, איז געקומען צו אַ סוף. גאַנץ שפּאַניע איז איצט געוואָרן אַ קריסטלעכע מלוכה. די פרייד איז געווען גרויס, אָבער פאַר די הייליקע פאָטערס פון דער קירך איז דאָס נאָך אַלץ ניט קיין פולער נצחון,[1] כּל־זמן אין שפּאַניע געפינען זיך נאָך די „אומגלייביקע״ ייִדן. זיי האָבן באַוויזן צו איבערצײַגן דעם קיניג און קיניגין, אַז די ייִדן זײַנען אַ גרויסע שטערונג פאַר די קריסטן און זיי העלפן אויך די מאַראַנען צו פאַרלאָזן די קירך.

דעם 31סטן מערץ פון 1492 איז פון דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ אין גראַנאַדע אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ קיניגלעכער באַפעל, אַז אין משך פון פיר חדשים מוזן אַלע ייִדן, וואָס ווילן ניט אָננעמען דאָס קריסטנטום, פאַרלאָזן שפּאַניע. זיי קענען ניט אַרויספירן פון לאַנד קיין גאָלד, קיין זילבער און קיין טײַערע חפצים.[2]

די דאָזיקע גזירה איז געווען דער לעצטער און גרעסטער קלאַפּ פאַר דעם אַלטן ייִדישן ייִשוב אין שפּאַניע. ס׳האָט קיין זאַך שוין מער ניט געקענט העלפן. אַפילו דאָן יצחק אַברבנאל האָט ניט געקענט פועלן[3] בײַם קיניג אָפּצורופן אָדער אָפּלייגן דערווײַל די גזירה. דו קענסט בלײַבן — האָט דער קיניג אים געזאָגט — אָבער די ייִדן מוזן פאַרלאָזן שפּאַניע, אָדער ווערן קריסטן.

דאָן יצחק אַברבנאל איז אין שפּאַניע ניט געבליבן. ער איז

---

[1] זיג.

[2] ווערטפולע זאַכן.

[3] ווירקן.

געווען צווישן די אַרויסגייענדיקע, וואָס האָבן פֿאַרלאָזט שפּאַניע דעם 2טן אויגוסט, אין טאָג פֿון תּשעה באָבֿ,[1] אין יאָר 1492.

אַרום דרײַ הונדערט טויזנט ייִדן האָבן פֿאַרלאָזט שפּאַניע. זיי האָבן זיך געצויגן איבער די וועגן פֿון פּאָרטוגאַל, איטאַליע, פֿראַנקרײַך, צפֿון־אַפֿריקע און טערקײַ. טרערן און סכּנות[2] האָבן באַגלייט זייערע טריט און אין האַרצן האָבן זיי געטראָגן אַ שבֿועה, אַז זיי וועלן צו דעם פֿאַרשאָלטענעם לאַנד קיין מאָל ניט צוריק־קומען.



יִצְחָק אַבְּרַבַּנְאַל

[1] 9טער טאָג אין חודש אָבֿ, ווען דער בית־המקדש איז פֿאַרברענט געוואָרן.

[2] געפֿאַרן.

ווי גוט קענסטו די דאָזיקע מענטשן?

לערנענדיק וועגן ייִדן אין שפּאַניע, האָבן מיר זיך באַקענט מיט עטלעכע באַוווּסטע לערערס און דיכטערס. ווילן מיר דאָ אַוועקשטעלן פֿאַר אייַך צוויי נעמען און איר וועט וועגן זיי אָנשרייַבן קורצע ביאָגראַפֿישע שטריכן: — זייער פּערזענלעכקייט און זייער שאַפֿן.

רבי יהודה הלוי:

רבי משה בן מיימון:

צו ענטפֿערן:

א) ווער זייַנען געווען די כּוזרים?
ב) ווער האָט זיך געשטעלט מיט זיי אין פֿאַרבינדונג?
ג) ווו האָט זיך געפֿונען די כּוזרישע מלוכה?
ד) ווער האָט אָנגעשריבן די 13 אָני מאַמינס?
ה) מיט וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט די שפּאַניש-ייִדישע תּקופֿה?
ו) ווי אַזוי שטעלט איר זיך פֿאַר דאָס לעבן פֿון אַ מאַראַן?
ז) וואָס האָט פּאַסירט אין דעם זעלבן יאָר פֿון גירוש שפּאַניע?

יידישע קהילות אין אייראָפּע מיט אַן אַלטן יחוס

אַ גרויסער טייל פֿון די יידישע ישובֿים אין אייראָפּע אין דער איצטיקער צײַט שפּילן ניט קיין גרויסע ראָלע אין דעם יידישן לעבן. פֿאַר וואָס עס איז אַזוי איז לײַכט צו פֿאַרשטיין: ערשטנס — זײַנען דאָרט געבליבן ווייניק יידן נאָך די פֿינצטערע היטלער־יאָרן. און צווייטנס — זײַנען די ווייניק־געבליבענע יידן אין געוויסע לענדער ניט פֿרײַ צו זײַן אַקטיוו אין דעם יידישן לעבן.

ווען מיר לערנען אָבער די געשיכטע פֿון יידן אין אייראָפּע, דאַרף מען וויסן אויך פֿאַר אונדז די באַרימטע יידישע קהילות מיט זייערע וווּנדערלעכע גרויסע מענטשן, וואָס האָבן אונדז געלערנט און געשטאַרקט אין צײַטן פֿון אַ צרה. עס איז כּדאַי צו מאַכן אַ קורצן שפּאַציר איבער צוויי־דרײַ אַזעלכע קהילות און זיך באַ־קענען מיט זייערע באַרימטע מענטשן, וואָס זײַנען באַוווּסט בײַ יידן ביז דעם הײַנטיקן טאָג.

די פּראַגער קהילה

פּראַג איז די הויפּטשטאָט פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע אין מיטל־אייראָפּע. פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אין דעם דאָזיקן לאַנד געוווינט קרובֿ[1] צו פֿיר הונדערט טויזנט יידן. הײַנט לעבן דאָרט אַרום פֿערצן טויזנט יידן. זי איז פֿון די עלטסטע יידישע קהילות אין אייראָפּע און פֿאַרנעמט אַ בכּבֿודיק אָרט אין אונדזער געשיכטע. דער אַלטער יידישער קוואַרטאַל אין פּראַג איז הײַנט אַ היסטאָרישער ווינקל אין שטאָט, וואָס איז אַן אַטראַקציע פֿאַר טוריסטן. דאָ זעט מען נאָך הײַנט די אַלטע שולן — באַזונדערס די אַלט־נײַשול —, דעם יידישן ראָטהויז[2] און דעם אַלטן פּראַגער בית־עולם. זיי זײַנען די איבערגעבליבענע עדות פֿון אַן אייגן יידיש לעבן אין די אַמאָליקע אַלטע צײַטן.

אויך אין פּראַג האָבן די יידן איבערגעלעבט שלעכטע און גוטע צײַטן; זיי האָבן געליטן פֿון די ערשטע קרייצצוגן און אַנדע־רע פֿאַרפֿאָלגונגען. אָבער עס זײַנען אויך געווען רויִקע און גוטע

---

[1] נאָענט.

[2] פֿאַרוואַלטונגס־הויז.

ציַיטן. וועגן דער ייִדישער קהילה אין פּראַג האָט מען זיך אַנדער־צײלט פֿאַרשיידענע מעשׂיות און לעגענדעס און אַ סך פֿון זיי זײַנען פֿאַראייביקט געוואָרן אין דעם פֿאָלקלאָר [3] פֿון אונדזער ליטעראַטור.



די אַלט־נײַשול אין פּראַג, אויסגעבויט געוואָרן אין סוף 13טן י״ה.

[3] שאַפֿונגען פֿון פֿאָלק.

דער מהר"ל און זײַן גולם

דער פּראַגער רבֿ ר' יהודה לייב — פֿאַרקירצט מהר"ל — איז געווען פֿון די באַרימטסטע רבנים אין 16טן יאָרהונדערט. אַחוץ אַ גרויסער גאון אין תּורה, איז ער אויך געווען אַ געלערנטער אין די וויסנשאַפֿטן פֿון כעמיע און אַסטראָנאָמיע. ער האָט געפֿירט אָפֿטע וויכּוחים מיט גלחים און בישאָפֿן און קיינער האָט אים ניט געקענט באַזיגן.

אין יענער צײַט האָבן די ייִדן אין פּראַג געליטן פֿון די בלוט־בילבולים און דער מהר"ל האָט זיך באַמיט דאָס אָפּצושטעלן. ער האָט געשריבן אַ בריוו צום פּראַגער קאַרדינאַל, יאָהאַן סילוועס־טער, אַז ער זאָל אים געבן אַ געלעגנהייט אויפֿצוקלערן פֿאַר די גלחים ווי פֿאַלש אַזעלכע בילבולים זײַנען.

דרײַסיק טעג האָט דער מהר"ל געפֿירט וויכּוחים מיט די גלחים. זיי האָבן באַוווּנדערט זײַן חכמה און זיי האָבן צוגעזאָגט אָפּצושטעלן די בילבולים. אָבער איין גלח, מיטן נאָמען טאַדעוס, איז ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט זײַנע בײַזוויליקע אויסטראַכטענישן. דער מהר"ל האָט געזוכט עצות צו באַקעמפֿן אים און ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו באַשאַפֿן אַ גולם,[1] וואָס זאָל אָפּהיטן די ייִדן פֿון זײַנע בילבולים.

— דערציילט די לעגענדע, אַז דער מהר"ל האָט אין חלום זיך אָנגעפֿרעגט אין הימל, וואָס ער קען טאָן קעגן דעם דאָזיקן שׂונא ישׂראל. און פֿון הימל האָט מען אים געגעבן אַן ענטפֿער מיט די אותיות פֿון „אַלף" ביז „יוד" און דער מהר"ל האָט די אותיות געלייענט אַזוי: „א־תה ב־רוא ג־ולם ד־בוק ה־חומר ו־תגזר ז־דים ח־בל ט־ורפי י־שׂראל". דאָס מיינט: דו באַשאַף אַ גולם געקלעפּט פֿון ליים און דו זאָלסט אים באַפֿעלן צו פֿאַרניכטן די בייזע ייִדנ־פֿרעסער.

און דער מהר"ל — דערציילט ווײַטער די לעגענדע — האָט איבערגעגעבן דעם סוד צו זײַן איידעם, יצחק בן שמשון הכּהן און צו זײַן תּלמיד, יעקבֿ בן חיים הלוי און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אים העלפֿן. צו באַשאַפֿן אַ גולם — האָט דער מהר"ל געזאָגט —

---

[1] אַ מענטש אָן אַן אייגענעם שׂכל.

דאַרף מען האָבן פֿיר עלעמענטן: פֿײַער, וואַסער, לופֿט און ערד. און אַזוי ווי דער איידעם איז געבוירן געוואָרן אין מזל פֿײַער, דער תּלמיד אין מזל וואַסער און דער מהר״ל אין מזל רוח (לופֿט) — וועט דאָס אים העלפֿן צו באַשאַפֿן דעם גולם.

פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג זײַנען זיי אַרויס הינטערן שטאָט און פֿון דער ליימיקער ערד בײַם טײַך האָבן זיי באַשאַפֿן אַ גולם, וואָס האָט געזען, געהערט און ניט געקענט ריידן. מ׳האָט אים אָנגעטאָן קליידער פֿון אַ שמש און דער מהר״ל האָט צו אים געזאָגט: „דו וועסט הייסן יוסף און דו וועסט זײַן מײַן שמש; איך האָב דיך באַשאַפֿן צו פֿאַרהיטן יידן פֿון צרות, אפֿילו ווען דו וועסט דאַרפֿן גיין אין פֿײַער און אין וואַסער״.

און אַזוי האָט יאָסל גולם געהיט, אַז קיינער זאָל ניט קענען אונטערוואַרפֿן קיין טויט קינד און דערנאָך אויפֿהייבן אַ געשריי, אַז יידן האָבן געהרגעט אַ קריסטלעך קינד צו האָבן בלוט פֿאַר די מצות. ווי נאָר מ׳האָט זיך דערוווּסט, אַז דער גלח טאַדעוס גרייט

דער גולם, געשפּילט פֿון א.מאסקין אין „הבימה״ טעאַטער

אַ נייעם בילבול, אַזוי האָט דער מהר״ל אַרויסגעשיקט יאָסלען און ער האָט שוין אויסגעפֿונען דעם שולדיקן.

אין פּראָג איז געוואָרן שטיל. עס איז אַוועק אַ פּסח נאָך אַ פּסח און פֿון בילבולים האָט מען מער ניט געהערט. דעמאָלט האָט דער מהר״ל גערופֿן זײַן אײדעם און זײַן תּלמיד און זיי געזאָגט, אַז די צײַט איז געקומען ווען מ׳דאַרף שוין באַפֿרײַען דעם גולם און זיי דאַרפֿן אים נאָך אַ מאָל העלפֿן.

אין דעם זעלבן אָוונט האָט דער מהר״ל געהייסן דעם גולם אַרויפֿגיין שלאָפֿן אויפֿן בוידעם פֿון שול. נאָך האַלבער נאַכט זײַנען אַלע דרײַ אַרויף אויפֿן בוידעם, געמאַכט זיבן הקפֿות[1] אַרום דעם שלאָפֿנדיקן גולם און ס׳איז פֿון אים צוריק געוואָרן אַ שטיק ליים. מ׳האָט אים צוגעדעקט מיט אַלטע שמות,[2] וואָס זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפֿן אויפֿן בוידעם און דער מהר״ל האָט באַלד אויף צו מאָרגנס געהייסן דעם שמש אויסרופֿן אין שול, אַז פֿון הײַנט אָן זאָל קיינער ניט אַרויפֿגיין אויפֿן שול־בוידעם...

פֿון מהר״לס צײַט ביז הײַנט זײַנען שוין אַוועק קאַרגע פֿיר הונדערט יאָר, אָבער אַ סך ייִדן גלייבן נאָך אַלץ, אַז דער גולם ליגט אויפֿן בוידעם פֿון דער אַלט־נײַשול אין פּראָג און זיי האָבן מורא דאָרט אַרויפֿצוגיין...

ר׳ יונתן אייבעשיץ — אַ רבֿ אַ חכם

מיט יאָרן שפּעטער, נאָך דעם מהר״ל, איז פֿאַר אַ קורצער צײַט געווען אַ רבֿ אין פּראָג אַ זעלטענער מענטש און אַ גרויסער חכם — ר׳ יונתן אייבעשיץ. נאָך קינדווײַז, אין חדר, פֿלעגט מען באַוווּנדערן זײַן שאַרפֿן שׂכל און אַלע האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער גאון.

און ער איז טאַקע געוואַקסן אַ גאון. אין עלטער פֿון אַכצן יאָר איז ער שוין געווען דער רבֿ פֿון פּראָג. און כאָטש ער איז נאָך געווען זייער יונג, האָבן אים אַלע אָפּגעגעבן גרויס כּבֿוד. אַפֿילו פֿירשטן און בישאָפֿן האָבן אים רעספּעקטירט צוליב זײַן גרויסער חכמה און ליב געהאַט מיט אים צו דיסקוטירן.

עס ווערט דערציילט, אַז אַ בישאָף האָט אַ מאָל געזאָגט צו

---

[1] קרײַזן, אַרומגיין אין אַ צירקל. [2] בלעטער פֿון אַלטע ספֿרים.

דעם יונגן רבֿ ר׳ יונתן: „זע די גרויסקייט פֿון אונדזער גאָט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אָן אַ טאַטן!"... האָט אים ר׳ יונתן באַלד אויפֿן אָרט געענטפֿערט מיט אַ שמייכל: — „אונדזער גאָט איז גרעסער! ער האָט אַפֿילו קיין מאַמען אויך ניט!"...

זייער אַ וווּנדערלעכע מעשׂה ווערט דערציילט וועגן ר׳ יונתן, ווען ער איז שוין געווען רבֿ אין דער שטאָט מעץ, דײַטשלאַנד:

אין דער שטאָט מעץ איז געווען אַ פֿירשט, וואָס פֿלעגט אָנטאָן גרויסע צרות די ייִדן. פּלוצים איז אים אײַנגעפֿאַלן, אַז מ׳דאַרף אַרויסשיקן אַלע ייִדן פֿון שטאָט. ווען ר׳ יונתן האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, איז ער אַוועק צום פֿירשט, וואָס ער האָט אים שוין געקענט פֿון פֿריִער, און אים געפֿרעגט: „פֿאַרוואָס פּלוצים אַזאַ גזירה אויף טויזנטער אומשולדיקע מענטשן?" זאָגט אים דער פֿירשט: „איך טו דאָס דערפֿאַר, ווײַל אונדזער משיח האָט אַזוי נבֿיאות געזאָגט אויף די ייִדן" — און ער ציטירט דעם זאַץ פֿון נײַעם טעסטאַמענט. אָבער — האָט דער פֿירשט ווײַטער געזאָגט — אויב דו קענסט מיר ענטפֿערן אויף מײַנע פֿראַגעס שנעל און ניט געטראַכט — וועל איך מײַן באַפֿעל ניט אַרויסגעבן.

— וואָס זײַנען די פֿראַגעס? — האָט ר׳ יונתן אַ זאָג געטאָן מיט ציטער.

— זאָג מיר, וויפֿל אותיות איז פֿאַראַן אין דעם פּסוק, וואָס איך האָב פֿריִער ציטירט?

— פּונקט אַזוי פֿיל ווי דײַנע יאָרן: — זעכציק!

— און וויפֿל ווערטער איז פֿאַראַן אין דער דאָזיקער נבֿואה?

— זיבעצן! — האָט ר׳ יונתן גלײַך געענטפֿערט — פּונקט אַזוי פֿיל אותיות ווי אין דעם פּסוק „עם ישׂראל חי לעולמי עד".

— גוט! — זאָגט דער פֿירשט — און איצט זאָג מיר: וויפֿל ייִדן וווינען אין און אַרום מעץ?

— פֿינף און פֿערציק טויזנט, זיבן הונדערט און זעכציק.

— אויב אַזוי, — זאָגט דער פֿירשט — וויל איך אַז דו זאָלסט מיר אָנשרײַבן דעם פּסוק, וואָס דו האָסט מיר פֿריִער געזאָגט, — פֿינף און פֿערציק טויזנט זיבן הונדערט און זעכציק מאָל, אויף אַ קליינעם שטיקל פּאַרמעט, אין איין שעה צײַט. אויב דו וועסט דאָס קענען טאָן, וועלן דײַנע ייִדן בלײַבן אין מעץ.

ר׳ יונתנס פּנים האָט זיך פֿאַרצויגן מיט זאָרג: אַן עדה[1] ייִדן געפֿינען זיך דאָך אין אַ גרויסער צרה און מען מוז זיי ראַטעווען — האָט ער געאײַלט[2] אַהיים, און במשך פֿון איין שעה האָט ער שוין דאָס געהאַט אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַרמעט, וואָס איז געווען די גרויס פֿון אַ מזוזה.

ד	ע	י	מ	ל	ו	ע	ל	ע	ו	ל	מ	י	ע	ד
ע	י	מ	ל	ו	ע	ל	י	ל	ע	ו	ל	מ	י	ע
י	מ	ל	ו	ע	ל	י	ח	י	ל	ע	ו	ל	מ	י
מ	ל	ו	ע	ל	י	ח	ל	ח	י	ל	ע	ו	ל	מ
ל	ו	ע	ל	י	ח	ל	א	ל	ח	י	ל	ע	ו	ל
ו	ע	ל	י	ח	ל	א	ר	א	ל	ח	י	ל	ע	ו
ע	ל	י	ח	ל	א	ר	ש	ר	א	ל	ח	י	ל	ע
ל	י	ח	ל	א	ר	ש	י	ש	ר	א	ל	ח	י	ל
י	ח	ל	א	ר	ש	י	ם	י	ש	ר	א	ל	ח	י
ח	ל	א	ר	ש	י	ם	ע	ם	י	ש	ר	א	ל	ח
י	ח	ל	א	ר	ש	י	ם	י	ש	ר	א	ל	ח	י
ל	י	ח	ל	א	ר	ש	י	ש	ר	א	ל	ח	י	ל
ע	ל	י	ח	ל	א	ר	ש	ר	א	ל	ח	י	ל	ע
ו	ע	ל	י	ח	ל	א	ר	א	ל	ח	י	ל	ע	ו
ל	ו	ע	ל	י	ח	ל	א	ל	ח	י	ל	ע	ו	ל
מ	ל	ו	ע	ל	י	ח	ל	ח	י	ל	ע	ו	ל	מ
י	מ	ל	ו	ע	ל	י	ח	י	ל	ע	ו	ל	מ	י
ע	י	מ	ל	ו	ע	ל	י	ל	ע	ו	ל	מ	י	ע
ד	ע	י	מ	ל	ו	ע	ל	ע	ו	ל	מ	י	ע	ד

[1] אַ קאָלעקטיוו. [2] זיך געיאָגט.

ווען ר׳ יונתן האָט דאָס דערלאַנגט דעם פּירשט, אַזוי האָט ער צעעפֿנט זײַנע אויגן און ניט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס איז. — דאָס איז דאָך נאָר עטלעכע אותיות — האָט דער פּירשט געזאָגט — מיר האָבן דאָך גערעדט פֿון פֿינף און פֿערציק טויזנט זיבן הונדערט און זעכציק מאָל!... דאַן האָט אים ר׳ יונתן דערקלערט: אַז ווען מען הייבט אָן לייענען פֿון דעם אות „עין" אין דער מיט, קען מען אין אַלע זײַטן איבערלייענען דעם פסוק אַזוי פֿיל מאָל ווי דו האָסט געזאָגט.

דער פּירשט האָט אָנגעהויבן לייענען און דערזען די גרויסע חכמה פֿון אַ יִדישן רבֿ. דאָס האָט אָפּגעראַטעוועט די יִדן פֿון מעץ, אָבער עס האָט גענומען אַ יאָר צײַט ביז דער פּירשט האָט איבערגעלייענט דעם פּסוק: פֿינף און פֿערציק טויזנט זיבן הונ־דערט און זעכציק מאָל.

מאַינץ

אַ צווייטע יִדישע קהילה, וואָס איז באַוווּסט אין אונדזער געשיכטע מיט אירע גרויסע פּערזענלעכקייטן — איז די אַלטע קהילה אין מאַינץ, דײַטשלאַנד.

אין מאַינץ האָט געלעבט און אָנגעפֿירט מיט אַ ישיבֿה דער גרעסטער רבֿ אין זײַן צײַט — רבנו גרשום, וועמען מ׳האָט אויך גערופֿן רבנו גרשום „מאור הגולה" (דאָס ליכט פֿון גלות). זײַן אויטאָריטעט איז געווען אַזוי גרויס, אַז זײַנע נײַע תּקנות [3] זײַנען באַלד אָנגענומען געוואָרן פֿון אַלע יִדן אין אייראָפּע.

רבנו גרשומס תּקנות זײַנען געווען: אַז ס׳איז פֿאַרבאָטן חתונה צו האָבן מער ווי מיט איין פֿרוי; אַז מען טאָר ניט אָפּגטן אַ פֿרוי קעגן איר ווילן; און אַ פֿאַרבאָט צו עפֿענען פֿרעמדע בריוו.

אויך דער מהר"ם פֿון ראָטענבערג, פֿאַרקירצט פֿון „מורנו הרבֿ רבי מאיר" — איז אַ צײַט געווען דער רבֿ פֿון דער קהילה אין מאַינץ. זײַן נאָמען איז באַקאַנט צו יונג און אַלט צוליב דער טראַ־גישער פּאַסירונג מיט זײַן געפֿאַנגענשאַפֿט אין דער דײַטשער פֿעסטונג פֿון „ענזיסהיים".

---

[3] איסבעסערונגען.

דאָס זײַנען געווען די יאָרן פֿון 13טן יאָרהונדערט. ייִדן אין דײַטשלאַנד האָבן געלעבט אין שרעק, ניט וויסנדיק וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. — האָט אַ קייסער אָדער אַ פֿירשט געדאַרפֿט האָבן געלט — האָט מען זיך גענומען צו די ייִדן; זיי פֿלעגן אַרעסטירן די אָנגעזעענסטע מענטשן פֿון דער קהילה, כּדי די ייִדן זאָלן זיי אויסלייזן פֿאַר גרויסע סומעס געלט.

ר׳ מאיר פֿון ראָטענבערג האָט זיך דערוווּסט, אַז די מענטשן פֿון דעם קייסער רודאָלף ווילן אים אַרעסטירן, ווײַל פֿאַר אַזאַ גרויסן רבֿ וועלן די ייִדן פֿון דײַטשלאַנד באַצאָלן אַ גרויסע סומע געלט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אַוועקצופֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אויפֿן וועג, שוין זײַענדיק אין איטאַליע, האָט מען אים געכאַפּט און צוריקגעבראַכט קיין דײַטשלאַנד ווו מ׳האָט אים אײַנגעזעצט אין דער דערמאָנטער פֿעסטונג.

דאָס איז געווען אין יאָר 1286. ר׳ מאיר איז שוין געווען אַ זקן פֿון אַרום זיבעציק יאָר. די רעגירונג האָט זיך געריכט אַרײַנצו־קריגן פֿון די ייִדן אַ גרויסע סומע געלט פֿאַר זײַן באַפֿרײַונג. אָבער ר׳ מאיר האָט דאָס באַצײַטנס אָפּגעשטעלט און צעשטערט זייער פּלאַן. ער האָט — פֿון דער פֿעסטונג אַרויס — פֿאַרבאָטן די ייִדן אַז זיי זאָלן אים אויסלייזן. — בעסער צו שטאַרבן אין תּפֿיסה איידער ייִדישע קהילות זאָלן פֿאַראָרעמט ווערן — האָט ער געזאָגט. אויב אונדזערע שׂונאים וועלן זען, אַז זיי קענען מיט אַזעלכע מיטלען אַרויסציִען געלט פֿון די ייִדן, וועט דאָס זיי געבן מער חשק ווײַטער צו אַרעסטירן רבנים און אָנגעזעענע ייִדן.

ר׳ מאיר איז מיט זיבן יאָר שפּעטער געשטאָרבן אין דער פֿעסטונג. אויך זײַן טויטן קערפּער האָבן זיי ניט געוואָלט אַרויס־געבן אָן אויסלייז־געלט. ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט אַ רײַכער ייִד אויסגעלייזט דעם טויטן קערפּער און אים געבראַכט צו קבֿר ישׂראל.[1]

אין מײַנץ האָט אויך געלעבט דער לעגענדאַרישער רבי אַמנון, דער מחבר פֿון דער ימים־נוראימדיקער תּפֿילה „ונתנה תּוקף“.

---

[1] באַערדיקט אויף אַ ייִדישן בית־עולם.

אַמסטערדאַם

האָלאַנד איז אַ קליין לאַנד, וואָס ליגט אין אַ ווינקעלע פֿון צפֿון־מערבֿ אייראָפּע. איר הויפּטשטאָט איז אַמסטערדאַם. די דרייַסיק טויזנט ייִדן, וואָס וווינען הייַנט אין האָלאַנד — לעבן זיך גאַנץ רויִק און שטיל. די האָלענדער זייַנען שטילע, פֿרייַנדלעכע און אינ־טעליגענטע מענטשן.

אין 16טן יאָרהונדערט אָבער, נאָך דעם גירוש שפּאַניע, איז אַמסטערדאַם געווען פֿון די וויכטיקסטע ייִדישע קהילות אין אייראָ־פּע. ווען די האָלענדישע פּראָווינצן האָבן זיך אין יענער צייַט באַפֿרייַט פֿון שפּאַנישער הערשאַפֿט און פּראָקלאַמירט פֿרייַהייט פֿון גלויבן — האָבן דאָרט אָנגעהויבן שטראָמען די אַנוסים פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. אין גאָר אַ קורצער צייַט האָבן זיי געגרינ־דעט די פּאָרטוגעזיש־ייִדישע קהילה און אויסגעבויט שולן און תּלמוד תּורות. ייִדיש לעבן האָט דאָ גענומען אויפֿבליִען, פּונקט ווי אין די גוטע צייַטן אין שפּאַניע. אַמסטערדאַם איז דעריבער אָנגערופֿן געוואָרן: „נייַ ירושלים".

ייִדן פֿון דער אַמסטערדאַמער שול. געצייכנט פֿון באַרימטן מאָלער רעמבראַנדט אין 1648.

צווישן די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע ייִדישע משפּחות, וואָס זײַנען אין אָנהייב 17טן יאָרהונדערט אָנגעקומען קיין אַמסטערדאַם, זײַנען געווען די באַרימט-געוואָרענע משפּחות: יוסף בן ישׂראל פֿון פּאָרטוגאַל און מיכאל דע-שפּינאָזאַ פֿון שפּאַניע.

מנשה בן ישׂראל

דאָס איז אַ באַוווּסטער נאָמען אין דער געשיכטע פֿון ייִדן אין אַמסטערדאַם. ווען זײַנע עלטערן זײַנען אָנגעקומען פֿון פּאָרטו-גאַל קיין אַמסטערדאַם, איז ער נאָך געווען אַ יונגער ייִנגל. דאָ, אין אַמסטערדאַם, האָט ער געקראָגן זײַן דערציִונג. ער איז אויס-געוואַקסן אַ געלערנטער מענטש און מ'האָט אים אויסגעקליבן צו זײַן דער „חכם" (רבֿ) פֿון דער שפּאַנישער שול אין אַמסטערדאַם.

מנשה בן ישראל

אין זײַן צײַט האָבן אין ענגלאַנד ניט געוווינט קיין ייִדן. מחמת זינט דעם דריטן קרייצצוג, אין וועלכן קיניג ריטשאַרד דער ערשטער האָט אָנטייל גענומען, האָבן זיך אויך אָנגעהויבן די צרות פֿאַר ייִדן אין ענגלאַנד. די צרות האָבן זיך געצויגן אַרום הונדערט יאָר. און דער סוף איז געווען, אַז אין יאָר 1290 האָט דער קיניג עדוואַרד דער ערשטער אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט אַרויסצושיקן אַלע ייִדן פֿון ענגלאַנד.

אַרום דרײַ הונדערט און פֿופֿציק יאָר זײַנען ניט געווען קיין ייִדן אין ענגלאַנד. דורך דער צײַט האָבן זיך די ענגלענדער אָפּגעריסן פֿון וואַטיקאַן אין רוים. זיי זײַנען געוואָרן „פּוריטאַנער" — רעפֿאָרמירטע קריסטן מיט אַ צוגעבונדנקייט צו דעם אַלטן טעסטאַמענט.


To His Highnesse Oliver Lord Protector of The Commonwelth of England, Scotland and Ireland, & the Dominions thereof

The Humble Petition of The Hebrews at Present Residing in this citty of London whose names ar Underwritten

Humbly sheweth

That Acknowledging The Manyfold favours and Protection yor Highnesse hath bin pleased to graunt Us in order that wee may with security meete privatley in our particular houses to our Devotions, And being Desirous to be favoured more by yor Highnesse, wee pray with all Humblenesse yt by the best meanes which may be such Protection may be graunted Us in Writting as that wee may therewith meete at our said private devotions in our Particular houses without feare of Molestation either to our persons famillys or estates, our desires Being to Live Peaceably under yor Highnes Government, And being wee ar all mortall wee also Humbly pray yor Highnesse to graunt Us Licence that those which may dey of our nation may be buryed in such place out of the cittye as wee shall thinck Convenient with the Proprietors Leave in whose Land the place shall be, and soe wee shall as well in our life tymes as at our death be highly favoured by yor Highnesse for whose long life and Prosperity wee shall Continually pray To the Allmighty God

Menasseh ben Israel
David Abrabanel
Abraham Israel Carvajal
Abraham Coen Gonsales
Jahacob de Caceres
Abraham Israel de Brito
Isak Lopes Chillon

Oliver P.
Wee doe referr this Petition to the Consideration of the Councill.
March the 24
1655/6

די פּעטיציע פֿון דער אַמסטערדאַמער קהילה מיט מנשה בן ישׂראל בראש, וואָס זיי האָבן געשיקט צו אָליווער קראָמוועל, אַז מ׳זאָל דערלויבן די ייִדן צוריקקומען וווינען אין ענגלאַנד.

ר׳ מנשה בן ישׂראל האָט געגלייבט, אַז די ענגלענדער שטאַמען פֿון די פֿאַרלוירענע צען שבֿטים און האָט זיך שטאַרק באַמיט, אַז ענגלאַנד זאָל צוריק דערלויבן די ייִדן צו באַזעצן זיך אין זייער לאַנד. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּעטיציע פֿון ייִדישע פֿירערס אין אַמסטערדאַם צו דעם ענגלישן רעגירער קראָמוועל, אַז ער זאָל צוריק אַרײַנלאָזן די ייִדן קיין ענגלאַנד. דערנאָך איז ער אַליין געפֿאָרן קיין לאָנדאָן און אויפֿגעקלערט די פֿירערס פֿון ענגלאַנד, אַז ייִדן וועלן גאָר זײַן אַ ברכה פֿאַרן לאַנד. ער האָט וועגן דעם אויך אָנגעשריבן אַ בוך אויף שפּאַניש מיטן נאָמען: „עספּעראַנסאַ דע ייִזראַעל״ (די האָפֿענונג פֿון די ייִדן), וואָס איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיִש: „מקוה ישׂראל״.

מנשה בן ישׂראלס מי און אַרבעט האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. ענגלאַנד האָט געעפֿנט אירע טויערן פֿאַר ייִדן. און פֿון דעמאָלט אָן, איז דער ייִדישער ייִשובֿ אין ענגלאַנד געוואַקסן מיט גרויס אָנזען און געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם וועלט־ייִדנטום.

ענגלאַנד איז אַ מערבֿ־אייראָפּעיִש לאַנד ווו עס לעבן הײַנט אַריבער פֿיר הונדערט טויזנט ייִדן, וואָס פֿאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין אַלע צווײַגן פֿון עפֿנטלעכן לעבן.

ברוך שפּינאָזאַ

דער נאָמען: ברוך שפּינאָזאַ איז באַוווּסט צו ייִדן און ניט־ייִדן אין דער גאַנצער וועלט. ער איז באַוווּסט אַלס גרויסער פֿילאָזאָף און ער איז אויך באַוווּסט צוליב דעם „חרם״, וואָס די קהילה אין אַמסטערדאַם האָט אויף אים אַרויסגעגעבן און מיט דערמיט אים אויסגעשלאָסן פֿון כּלל ישׂראל.

וועגן דעם וועלן מיר דאָ דערציילן בקיצור. אָבער מיר דאַרפֿן פֿריִער וויסן, אַז דאָס איז געווען אַ צײַט ווען די ייִדן אין אַמסטערדאַם — נאָך דעם, וואָס זיי האָבן אַזוי פֿיל געליטן פֿאַר זייער אמונה — זײַנען געווען אָרטאָדאָקסיש און געלעבט אַ פֿרומען ייִדישן לעבן.

ברוך איז געבוירן געוואָרן אין אַמסטערדאַם, אין יאָר 1632. זײַנע עלטערן, וואָס האָבן געלעבט ווי מאַראַנען אין שפּאַניע, האָבן

צפון-ים
עדינבורג
אירלאַנד
ליווערפּול
מאַנטשעסטער
נאָטינגהאַם
בירמינגהאַם
לאָנדאָן
לאַמאַנש קאַנאַל
ענגלאַנד

איצט געלעבט אין אַמסטערדאַם ווי פֿרומע ייִדן. זיי זײַנען געווען באַלעבאַטישע מענטשן און האָבן געהאַט אַ גוטן נאָמען אין שטאָט.

זײַן מוטער איז געשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָר. דער פֿאָטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער פֿרוי און דער קליינער ברוך האָט דערפֿון געליטן. ער איז אָבער געווען אַ שווײַגער — האָט ער געליטן און געשוויגן.

ברוך שפּינאָזאַ, 1677—1632.

יאָרן לאַנג האָט שפּינאָזאַ געלערנט אין דער אַמסטערדאַמער ישיבה „עץ חיים". זײַנע לערערס זײַנען געווען די רבנים: ר' יצחק אַבוהב, ר' שאול מאָרטייראָ און ר' מנשה בן ישראל. דאָ האָט ער געלערנט תּנ"ך, תּלמוד און אויך די ספֿרים פֿון די ייִדישע פֿילאָזאָפֿן אין שפּאַניע. — זייער אַ גרויסן אינטערעס האָט ער אַרויסגעוויזן בײַם לערנען די ספֿרים פֿון רמב"ם.

ווען שפּינאָזאַ האָט פֿאַרענדיקט לערנען אין דער ישיבֿה, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן לאַטײַן, גריכיש, שפּאַניש, מאַטע־מאַטיק, נאַטור־וויסנשאַפֿט און פֿילאָזאָפֿיע. ער פֿלעגט אויך שטי־

לערהייט, קיינער זאָל ניט וויסן, גיין הערן די לעקציעס פֿון דעם האָלענדישן געלערנטן: פֿראַנץ וואַן־דען־ענדען, וואָס פֿלעגט אָפֿט אָפּלאַכן פֿון רעליגיע.

דער רעזולטאַט פֿון זײַן לערנען די וויסנשאַפֿטן און פֿילאָזאָפֿיע איז געווען, אַז ער איז געקומען צו געדאַנקען און מיינונגען, וואָס האָבן ניט געשטימט מיט רעליגיע. ער פֿלעגט דאָס גאַנץ אָפֿן ריידן מיט זײַנע חבֿרים. די חבֿרים האָבן זײַנע פֿילאָזאָפֿישע געדאַנקען אין גאַנצן ניט פֿאַרשטאַנען. זיי האָבן געזען אין דעם אַן אָפּלייקענען פֿון גאָט. האָבן זיי דאָס דערציילט די רבנים, די לערערס פֿון ישיבֿה. דערווײַל האָט מען אויך אָנגעהויבן באַמערקן, אַז זײַן קומען אין שול אַרײַן ווערט זעלטענער.[1] און ווען זײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן (שפּינאָזאַ איז שוין דעמאָלט אַלט געווען 23 יאָר), איז זײַן קומען אין שול אַרײַן געוואָרן נאָך זעלטענער.

די רבנים און די פּירערס פֿון דער קהילה האָבן מורא געהאַט, אַז שפּינאָזאַ קען מיט זײַנע פֿרײַע געדאַנקען האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף אַנדערע. זיי האָבן נאָך גוט געדענקט די מעשׂה מיט אוריאל ד'אַקאָסטאַ — אַ מאַראַן פֿון פּאָרטוגאַל — וואָס האָט אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פֿאַנאַטיזם פֿון די רבנים. זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיך איבערחזרן מיט ברוך שפּינאָזאָן, וואָס איז געווען אַ באַליבטער תּלמיד אין דער ישיבֿה.

האָבן די רבנים גערופֿן שפּינאָזאָן און גערעדט מיט אים גוטע רייד. זיי האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל ניט אַרויסטרעטן קעגן דער אמונה, וואָס אונדזערע עלטערן זײַנען פֿאַר איר געגאַנגען אויף קידוש השם.[2] זיי האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך ניט דערווײַטערן פֿון ייִדן און פֿון צײַט צו צײַט קומען אין שול אַרײַן.

שפּינאָזאַ איז אַוועק און ער האָט זיך געפֿירט ווי זײַן שׂכל האָט אים דיקטירט. ער האָט זיך ניט גערעכנט מיט די רייד פֿון זײַנע געוועזענע לערערס. ער האָט זיך אָנגעהויבן חבֿרן מיט ניט־ייִדישע געלערנטע און זיך ניט געפֿירט ווי אַ רעליגיעזער ייִד

---

[1] ניט אַזוי אָפֿט.

[2] צו הייליקן גאָטס נאָמען מיט זייער לעבן.

דארף זיך פירן. דאָס האָט אין יענער צײַט אויסגעזען ווי ער וואָלט אַראָפּ פון ייִדישן וועג. די שרעק איז געווען, אַז דאָס וועט זײַן אַ שלעכטער בײַשפּיל פאַר די ייִדישע בחורים און מיידלעך. האָט מען זיך דעריבער באראָטן און באַשלאָסן אַרײַנצולייגן אים אין „חרם״. דאָס מיינט: אויסשליסן אים פון דער קהילה מיט אַ שבֿועה, אַז קיינער זאָל מער ניט קומען מיט אים אין קאָנטאַקט — אַפילו די נאָענטסטע משפּחה ניט.

דער צערעמאָניאַל פון חרם איז פאָרגעקומען אין שול. אַלע ייִדן זײַנען געווען פאַרזאַמלט אין שול ווו ס'האָט געהערשט אַ טרויעריקע שטילקייט. אויף דער בימה זײַנען געשטאַנען די רבנים און די פירערס פון דער קהילה. מ'האָט אָנגעצונדן שוואַרצע ליכט, מ'האָט געבלאָזן שופר און מיט די קללות פון דער תורה האָט מען אויסגערופן, אַז „פלוני בן פלוני״ [1] ווערט אַרויסגעשטויסן פון דעם כלל ישׂראל און קיינער טאָר זיך מער ניט געפינען אין זײַנע פיר איילן און טאָר אויך ניט לייענען קיין שום זאַך, וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

שפּינאָזאַ איז דעמאָלט אַלט געווען 24 יאָר. ער איז אַוועק פון אַמסטערדאַם און זיך באַזעצט אין דער שטאָט האאַג. ער האָט זיך פאַרנומען מיט שלײַפן אויגן-גלעזער און שרײַבן פילאָזאָפיע. ער האָט אָנגעשריבן צוויי פילאָזאָפישע ביכער. איין בוך האָט מען אָפּגעדרוקט ווען ער האָט נאָך געלעבט, דאָס צווייטע בוך האָט מען געדרוקט נאָך זײַן טויט. ביידע ביכער האָבן אים באַרימט געמאַכט אין דער גאַנצער וועלט. זײַן פילאָזאָפיע, אַז גאָט און נאַטור איז איינס — האָט געהאַט אַ שטאַרקן אײַנפלוס אויף די שפּעטערדיקע דענקערס.

שפּינאָזאַ האָט קיין מאָל ניט חתונה געהאַט. ער האָט געלעבט איינזאַם און געשטאָרבן איינזאַם, אין אַן עלטער פון 45 יאָר.

---

[1] דער און דער.

וואָס דערמאָנען אײַך די ווערטער?

פֿון צײַט צו צײַט איז גוט צו „טעסטן" זיך אַליין און זען ווי דער זכּרון אַרבעט. מיר קענען דאָס טאָן מיט אַ קלונג פֿון אַ היימיש וואָרט, וואָס דאַרף אויפֿוועקן אײַער זכּרון צו דערציילן אָדער אָנשרײַבן, וואָס מיט דעם וואָרט איז פֿאַרבונדן. צום בײַשפּיל: מיר גיבן אײַך דאָס וואָרט: **פּראַג** — קענט איר דאָס דערקלערן אויף אַזאַ אופֿן: — „פּראַג איז די הויפּטשטאָט פֿון טשעכאָ־סלאָוואַקיע; אין דער ייִדישער געשיכטע ווערט פּראַג אַ סך מאָל דערמאָנט; זי איז פֿון די אַלטע באַוווּסטע ייִדישע קהילות אין אייראָפּע."

איצט פּרובירט דאָס אַליין:

יאָסל גולם:

בלוט־בילבולים:

ר׳ יונתן אייבעשיץ:

רבנו גרשום:

מהר"ם פֿון ראָטענבערג:

רבי אַמנון:

אַמסטערדאַם:

מנשה בן ישׂראל:

ברוך שפּינאָזאַ:

יִדן אין מזרח־אייראָפּע

אַ תּקופה פֿון גרויסע ייִדישע באַוועגונגען

פֿון מערבֿ צו מזרח — אַן איבערבליק:

ייִדישע ייִשובֿים אין פּוילן, ליטע, רוסלאַנד און רומעניע (מזרח־אייראָפּע), זײַנען אויפֿגעקומען אַ סך שפּעטער ווי אין איטאַליע, פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד און שפּאַניע (מערבֿ־אייראָפּע).

די קרייצצוגן — ווי מיר האָבן שוין פֿריִער געלערנט — האָבן אין 12טן יאָרהונדערט צעשטערט גאַנצע קהילות אין מערבֿ־אייראָפּע. היימלאָזע[1] ייִדן האָבן געוואַנדערט איבער די סכּנותדיקע[2] וועגן צו געפֿינען אַ רויִקן ווינקל. אַ סך פֿון די וואַנדערנדיקע ייִדן זײַנען אָנגעקומען קיין פּוילן, וווּ זיי זײַנען דעמאָלט באַשיצט געוואָרן פֿון די פּוילישע מלכים און פֿירשטן.

וועגן די ערשטע ייִדן אין פּוילן — נאָך פֿאַר די קרייצצוגן — זײַנען אַפֿילו פֿאַרצייכנט געוואָרן אינטערעסאַנטע מעשׂיות און לעגענדעס. איין לעגענדע דערציילט: אַז נאָכן טויט פֿון פּוילישן קיניג, פּאָפּיעל, האָבן זיך די פּאָליאַקן פֿאַרזאַמלט אין דער שטאָט, קרושוויצאַ, אויסצוקלייבן אַ נײַעם מלך. די פֿאַרזאַמלטע האָבן ניט געקענט קומען צו קיין הסכּם,[3] האָבן זיי באַשלאָסן: אַז דער ערשטער מענטש, וואָס וועט מאָרגן אין דער פֿרי אַרײַנקומען אין שטאָט — דער וועט ווערן דער קיניג.

איבער די בריקן און איבער אַלע וועגן האָט מען אַוועקגעשטעלט וועכטערס, כּדי צו וויסן ווער ס׳וועט אַרײַנקומען דער

---

[1] אָן אַ היים. [2] געפֿערלעכע. [3] אײנשטימיקייט.

ערשטער. און דאָ, מיט אַ מאָל, דערזעט מען ווי ס'קומט אָן דער ייִד, אַבֿרהם פּראַכאָווניק... מיט גרויס פּאַראַד האָט מען אים אַרײַנגעפֿירט אין שטאָט און מיט הילכיקע געשרייען האָט מען אים אויסגערופֿן פֿאַר דעם פּוילישן קיניג...

צעטומלט און צעשראָקן איז געווען דער ייִד אַבֿרהם — ווי אַזוי קען ער זײַן אַ פּוילישער קיניג? ער איז דאָך אַ ייִד מיט תּורה און מצוות... — האָט ער געגעבן אַן עצה, אַז מען זאָל אויס־קלײַבן דעם קלוגן פּאָליאַק, **פּיאַסט**, פֿאַר דעם פּוילישן קיניג. האָט מען געפֿאָלגט און פּיאַסט איז געוואָרן מלך — דער ערשטער מלך פֿון דער „פּיאַסטן־דינאַסטיע".

אין די יאָרן פֿון 14טן יאָרהונדערט (1348), ווען אין אייראָפּע האָט זיך צעפֿלאַקערט די שוואַרצע פּעסט און טויזנטער מענטשן

ייִדישע טיפּן פֿון 18טן יאָרהונדערט אין פּוילן.
(לויטן בוך פֿון ל. האָלענדערסקי).

זײַנען געפֿאַלן טאָג-טעגלעך, האָט מען זיך ווידער גענומען צו ייִדן; מ׳האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי האָבן פֿאַרסמט די ברונימער כּדי אומצוברענגען די קריסטן. מיט טויט און פֿײַער איז מען אָנגעפֿאַלן אויף די ייִדן אין פֿראַנקרײַך, בעמען, עסטרײַך און דײַטשלאַנד. ס׳האָט אַפֿילו ניט געהאָלפֿן די בריוו, וואָס דער פּויפּסט קלעמענס דער 6סטער האָט אַרויסגעשיקט צו די קירכן, אַז דער בילבול אויף די ייִדן האָט ניט קיין זין; די ייִדן אַליין שטאַרבן דאָך אויך פֿון דער מגפֿה.[1] און אַפֿילו דאָרט ווו ס׳זײַנען ניטאָ קיין ייִדן — איז דאָך אויך פֿאַראַן די עפּידעמיע.

אַזאַ אומרויִקע צײַט האָט געפֿירט צו נײַע וואַנדערונגען. ייִדן פֿון דײַטשלאַנד האָבן אויסגעוואַנדערט צו די מזרח-לענדער אין אייראָפּע. די פּוילישע און ליטווישע פֿירשטן האָבן די נײַע אײַנוואַנדערערס אויפֿגענומען מיט פֿרײַנדלעכקייט און זיי באַשיצט. די ייִדן זײַנען געווען אַ ברכה פֿאַר זייער לאַנד; זיי זײַנען געווען ספּעציאַליסטן אין מסחר און אינדוסטריע.

און אַזוי זײַנען געוואַקסן די ייִדישע ייִשובֿים אין פּוילן, אין ליטע און אין רוסלאַנד. זיי האָבן געקראָגן די רעכט אָנצופֿירן און צו פֿאַרוואַלטן מיט אַלע ייִדישע ענינים און זײַנען אַזוי אַרום געוואָרן זעלבסטשטענדיקע קהילות.

דער וועד ארבע ארצות

די קהילות אין פּוילן און ליטע זײַנען געווען אויטאָנאָמע פֿאַרוואַלטונגען. דאָס הייסט: אַז זיי האָבן געהאַט די (אויפֿזיכט) השגחה איבער ייִדישער דערציִונג, סאָציאַלע הילף, איבער פֿאַמיליע-ענינים, איבער די רעכט פֿון האַנדל און שטײַערן. זיי האָבן אויך געהאַט אייגענע געריכטן צו משפּטן און צו באַשטראָפֿן און זיי זײַנען אויך געווען די פֿאַרמיטלערס צווישן ייִדן און מלכות.[2]

כּדי צו קענען אָנפֿירן די אַלע וויכטיקע ענינים מיט אויטאָריטעט, האָט מען געשאַפֿן דעם „וועד ארבע ארצות״ — די פֿאַרוואַלטונג פֿון די פֿיר פּויליש-ליטווישע טעריטאָריעס, וואָס איז געווען אָנערקענט פֿון דער רעגירונג ווי דער ייִדישער פּאַרלאַמענט.

---

[1] פּעסט. [2] רעגירונג.



אַ זײַטל פֿון אַ פּנקס, ווו ס'זײַנען פּראָטאָקאָלירט געוואָרן די זיצונגען פֿון „ועד ארבע ארצות".

אין דעם דאָזיקן וועד זײַנען געזעסן פֿאָרשטייערס פֿון אַלע קהילות און אויך גרויסע רבנים. צוויי מאָל אַ יאָר, אין פֿרילינג און אין האַרבסט, פֿלעגט דער וועד ארבע ארצות זיך צונויפֿקומען אין איינער פֿון די ייִדישע שטעט — לובלין אָדער פּשעוואָרסק, בשעת עס זײַנען דאָרט פֿאָרגעקומען גרויסע ירידים.[3] ס׳פֿלעגן זיך דעמאָלט צוזאַמענפֿאָרן הונדערטער סוחרים, כּלל־טוערס, רבנים, ראשי־ישיבֿות מיט זייערע תּלמידים און דעלעגאַטן פֿון די קהילות. די זיצונגען פֿון וועד האָבן באַטראַכט און אָנגענומען באַשלוסן וועגן פֿאַרשיידענע קהלשע ענינים.

דער וועד אַרבע אַרצות האָט אַזוי אָנגעהאַלטן פֿון 16טן ביז אין דער מיט פֿון 18טן יאָרהונדערט. די באַשלוסן און תּקנות פֿון וועד פֿלעגן פֿאַרשריבן ווערן אין אַ ספּעציעלן „פּנקס”[4] און קאָפּיעס פֿון דעם זײַנען איבערגעשריבן געוואָרן אין די פּנקסים פֿון די באַזונדערע קהילות. זיי זײַנען געשריבן געוואָרן אין ייִדיש און העברעיִש.

בדרך כּלל, איז דער 16טער יאָרהונדערט געווען פֿאַר די ייִדן אין פּוילן און ליטע, גוטע יאָרן. די פּוילישע מלכים האָבן זיי באַשיצט און געגעבן געוויסע פּריווילעגיעס; ייִדן זײַנען געווען אַגענטן פֿון מלוכה־שטײַערן, פֿון גרענעץ־שטײַערן און פֿאַרוואַלטערס פֿון קיניגלעכע לאַנדווירטשאַפֿטן. דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן האָט זיך געשטאַרקט מיט לערנען תּורה און ס׳איז געוואַקסן אַ דור פֿון לומדים, רבנים, ראשי־ישיבֿות און תּלמידים. דאָ, אין פּוילן און אין ליטע (אויך אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד), איז אויסגעוואַקסן דאָס אַשכּנזישע ייִדנטום, וועמענס קינדער און קינדסקינדער לעבן הײַנט אין אַלע ווינקלען פֿון דער וועלט.

און דאָס לעבן איז זיך אַזוי געגאַנגען בשלום ושלווה[5] ביז די ערשטע צענדליקער יאָרן פֿון 17טן יאָרהונדערט. די דאָזיקע יאָרן האָבן געבראַכט מיט זיך איין געשעעניש נאָך דער אַנדערער, און וועגן דעם וועלן מיר דאָ ווײַטער לערנען.

---

[3] מאַרק־האַנדל. [4] פּראָטאָקאָל־בוך. [5] אין פֿרידן און רו.

די שרעקלעכע יאָרן פֿון 1648־49 — ת״ח ות״ט

אין אָנהייב פֿון 17טן יאָרהונדערט איז פּוילן געווען אַ גרויסע מדינה. ליטע און גרויסע טיילן פֿון רוסלאַנד און אוקראַינע זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן אין דער פּוילישער מדינה. פּוילן האָט דעמאָלט געהאַט אַ קיניג, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין גרויסע מאַכט. די מאַכט האָבן געהאַט די פּריצים — די אייגנטימער פֿון גרויסע שטחים [2] פֿעלדער און וועלדער. זיי זײַנען געווען די באַלעבאַטים איבער די מילן, טאַרטאַקעס,[3] קרעטשמעס, שענקען און אויך איבער די פּויערים, וואָס זײַנען בײַ זיי געווען פֿאַרשקלאַפֿט.

אין די דערפֿער אַרום די פּריצישע הויפֿן זײַנען אויך געווען יידן. דער ייִד איז געווען דער פֿאַרמיטלער פֿון דעם פּריצס געשעפֿטן. און עס זײַנען אויך געווען יידן אַרענדאַרן, אַזעלכע וואָס האָבן געדונגען בײַם פּריץ די קרעטשמע, די מיל, די שענק, אָדער דעם טאַרטאַק. אויך דעם ייִד פֿלעגט דער פּריץ דערנידעריקן, באַליידיקן און אויסנוצן אים פֿאַר זײַנע אייגענע צוועקן. אָבער דער פּויער האָט געקוקט אויף דעם ייִד ווי ער וואָלט געווען דעם פּריצס אַ מענטש.

די פּויערים, די רוסישע און די אוקראַינישע פּויערים, האָבן געהאַסט די פּאָליאַקן מיט זייערע פּריצים. אויב זיי האָבן נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט, זײַנען זיי אַנטלאָפֿן פֿון די פּריצים צו די סטעפּעס [4] פֿון אוקראַינע און זיך פֿאַראייניקט דאָרטן מיט די אומצופֿרידענע קאָזאַקן. דער קאָזאַקישער פֿירער באָגדאַן כמעלניצקי האָט אַגיטירט די אוקראַינישע פּויערים אָנצוהייבן אַ הייליקן קאַמף קעגן פּריצים און יידן. די לאַגע איז געוואָרן ערגער און ערגער. די פּוילישע מאַכט האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן. און אין יאָר 1648 זײַנען די קאָזאַקן אַרויס מיט אַ בלוטיקן אויפֿשטאַנד.

פּויערים, קאָזאַקן און טאָטערן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די

---

[2] שטרעקעס.

[3] געהילץ־זעגן

[4] ברייטע פרײַע פעלדער.

פריציִשע הויפֿן, חרוב געמאַכט די מאַיאָנטקעס,[1] געטייט זייערע בעלי־בתּים, די פֿאַרוואַלטערס און די יִדישע אַרענדאַרן. דערנאָך איז מען אַוועק איבער די שטעט און שטעטלעך און אויף אַן אוממענטשלעכן אופֿן אויסגעהרגעט טויזנטער יִדן און זייערע פֿאַרמעגנס צעראַבירט; נאָר די וואָס האָבן זיך געשמדט האָט מען געשאָנקען דאָס לעבן.



שולן פֿון 17טן און 18טן י״ה אין פוילן זײַנען געבויט געוואָרן ווי פֿעסטונגען, צו באַשיצן זיך פֿון שׂונאים.

---

[1] ווירטשאַפטן.

דאָס פֿײַער פֿון כמעלניצקים אויפֿשטאַנד האָט זיך צעפֿלאַקערט מיט אַ שרעקלעכן ירגזון.[2] גאַנצע קהילות האָבן זיך אַ הייב געטאָן פֿון זייערע ערטער און גענומען לויפֿן וווּהין די אויגן טראָגן. מען איז ניט געלאָפֿן מיט קיין עראָפּלאַנען, באַנען אָדער אויטאָס — זיי זײַנען נאָך דעמאָלט ניט געווען — מ׳איז געלאָפֿן צו פֿוס, מיט פֿערד און וואָגן. אָבער נאָר אַ קליינער טייל האָט באַוויזן זיך צו ראַטעווען.

צווישן די לויפֿנדיקע איז געווען אַ יונגערמאַן פֿון וואָלינער געגנט, פֿון דעם שטעטל זאַסלאַוו, און זײַן נאָמען איז געווען: נתן נטע האַנאָווער. דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט פֿאַרצייכנט און באַשריבן דעם גרויסן חורבן און די שחיטות אין די דאָזיקע יאָרן. זײַן ספֿר, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ווענעציע אין יאָר 1653, הייסט „יון מצולה" (טיפֿער זומפּ). דאָס איז ניט קיין בוך מיט סתם מעשׂיות און לעגענדעס, נאָר טרויעריקע פֿאַקטן, וואָס צערײַסן דאָס האַרץ.

מיר וועלן דאָ עפֿענען פֿאַר אײַך דעם „יון מצולה" און לאָזן ר׳ נתן נטע האַנאָווערן דערציילן (פֿאַרקירצט) וועגן דער שחיטה אין דער שטאָט נעמיראָוו:

„ווען כמעל(ניצקי) האָט דערהערט, אַז אין נעמיראָוו האָבן זיך אײַנגעזאַמלט פֿיל ייִדן און זיי האָבן מיט זיך גאָלד און זילבער — האָט ער געשיקט אַהין אַן אָפּטיילונג פֿון זײַנע זעלנערס. צוואָנציק טעג אין סיון זײַנען 600 קאָזאַקן צוגעקומען נאָענט צו דער שטאָט.

די ייִדן האָבן געזען פֿון דער ווײַטנס, אַז עס קומט אָן אַ חיל,[3] האָט זיך דאָס האַרץ אין זיי געשראָקן, נאָר זיי האָבן ניט געוווּסט צי זײַנען דאָס פּאָליאַקן אָדער קאָזאַקן. פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך צוזאַמענגענומען מיט זייערע ווײַבער און קינדער, מיט זייער זילבער און גאָלד און פֿאַרשלאָסן זיך אין דער פֿעסטונג כּדי מלחמה צו האַלטן. די קאָזאַקן האָבן געטראָגן פּוילישע פֿאָנען. די „פּראַוואָסלאַוונע"[4] אײַנוווינערס אין שטאָט האָבן געוווּסט וועגן דער

---

[2] צאָרן. [3] אַן אַרמיי.

[4] פֿון דער רוסיש־אָרטאָדאָקסישער קירך.

פֿאַלשקייט און זיי האָבן גערופֿן צו די ייִדן אין דער פֿעסטונג:
„עפֿנט די טויערן פֿאַר די פּאָליאַקן, וואָס זײַנען געקומען העלפֿן אײַך פֿון אײַערע פֿײַנט". די ייִדן, וואָס זײַנען געשטאַנען אויפֿן מויער האָבן געזען, אַז די פֿאָנען זײַנען טאַקע פּוילישע, האָבן זיי געמיינט, אַז די פּראַוואָסלאַוונע אײַנוווינערס אין שטאָט זאָגן דעם אמת, האָבן זיי אויפֿגעעפֿנט די טויערן.

ווי נאָר דאָס איז געשען, זײַנען אַרײַן די קאָזאַקן מיט די בלאַנקע שווערדן אין האַנט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלוטיקע שחיטה. פֿרויען און מיידלעך זײַנען אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַסער אַרום דער פֿעסטונג און זײַנען דערטרונקען געוואָרן, כּדי די קאָזאַקן זאָלן זיי ניט פֿאַרשלעפּן און פּײַניקן.

מענער האָבן אויך אָנגעהויבן שפּרינגען אין וואַסער אַרײַן און זיך געלאָזט שווימען. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי זײַנען שוין ניצול[1] געוואָרן פֿון טויט, אָבער די מערדערס זײַנען זיי נאָכגע־שווומען מיט די שווערדן, אַנדערע האָבן געשאָסן אויף זיי מיט ביקסן, און דאָס וואַסער איז רויט געוואָרן פֿונעם בלוט פֿון די געהרגעטע.

איינער אַ קאָזאַק האָט געפֿאַנגען זייער אַ שיינע ייִדישע מיידל און זי געהאַלטן פֿאַר זיך חתונה צו האָבן מיט איר. און ווען ס'איז געקומען די נאַכט פֿון דער חתונה, האָט זי אים אײַנגערעדט, אַז זי קען מיט כּישוף באַווײַזן גרויסע וווּנדער. זי קען אַפֿילו מאַכן, אַז אַ קויל פֿון אַ ביקס זאָל פֿון איר אָפּשפּרינגען. און טאָמער גלייבסטו מיר ניט — האָט זי צו אים געזאָגט — איז נעם דײַן ביקס און שיס אויס אין מײַן האַרץ, וועסטו זען ווי אמת דאָס איז... דער קאָ־זאַק האָט זיך ניט געכאַפּט וואָס זי מיינט, ער איז געווען זיכער, אַז זי זאָגט דעם אמת, האָט ער אויסגעשאָסן אין איר און זי איז געפֿאַלן אַ טויטע. זי איז אומגעקומען אויף קידוש השם, כּדי זי זאָל ניט ווערן פֿאַראומרייניקט פֿון מערדערישע הענט.

נאָך און נאָך איז דאָרט געשען, וואָס מען קען דאָס גאָרניט אויסדערציילן. די צאָל פֿון די דערהרגעטע און דערטרונקענע אין נעמיראָוו איז אַרום זעקס טויזנט נפֿשות. זיי זײַנען אומגעבראַכט

[1] געראַטעוועט.

געוואָרן מיט פֿאַרשיידענע טויטן — גאָט זאָל זיך רעכענען פֿאַר זייער בלוט. און די וואָס זײַנען געראַטעוועט געוואָרן פֿון דער שווערד אין נעמיראָוו, זײַנען אַנטלאָפֿן קיין טולטשין, ווײַל דאָרט הינטער דער שטאָט איז געווען אַ שטאַרקע פֿעסטונג."

דער דאָזיקער אויפֿשטאַנד האָט דערפֿירט צו ווײַטערדיקע מלחמות צווישן די פּאָליאַקן, קאָזאַקן, רוסן און שוועדן. די רוסן האָבן צוגענומען פֿון פּוילן דעם מזרחדיקן טייל פֿון אוקראַינע; פּוילן איז פֿון די מלחמות פֿאַראָרעמט געוואָרן; טיילן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג האָבן אויסגעוואַנדערט קיין דײַטשלאַנד, האָלאַנד און טערקײַ און טיילן זײַנען ווײַטער געבליבן וווינען אין די חרובֿע שטעט און שטעטלעך.

אין אַזאַ פֿאַרפֿינצטערטער צײַט האָט זיך צווישן די ייִדן אין אייראָפּע און קליין־אַזיע אָנגעצונדן דער גלויבן, אַז אָט, אָט, קומט משיח באַפֿרײַען אַלע ייִדן פֿון זייערע צרות און זיי פֿירן צו דעם לאַנד פֿון זייערע אָבֿות. עס זײַנען געווען ייִדן מקובלים, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין באַווײַזן, אַז אין דער קבלה געפֿינען זיך רמזים[2] אויף דער נאָענטער צײַט פֿון דער גאולה. און גראָד אין דער זעלביקער צײַט האָט זיך פֿון טערקײַ צעטראָגן די בשׂורה, אַז משיח איז שוין דאָ און באַלד וועלן אַלע דערזען דעם גרויסן נס פֿון דער אמתער גאולה.

שבתי צבֿי און די משיחישע באַוועגונג

אין תּשעה באָבֿ פֿון יאָר 1626 איז אין דער טערקישער האַפֿן־שטאָט סמירנאַ געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל, וואָס מ'האָט אים אַ נאָמען געגעבן: שבתי צבֿי. זײַן פֿאָטער ר' מרדכי צבֿי איז ניט געווען קיין גבֿיר, אָבער ער האָט קיין זאַך ניט געקאַרגט, אַז זײַן זון זאָל האָבן די בעסטע מלמדים און וואַקסן אַ בן־תּורה.

שבתי צבֿי איז געוואַקסן ניט ווי קיין געוויינלעכער בחור. צו 15 יאָר איז ער שוין געווען ווי אַ דערוואַקסענער למדן מיט אַ באַגער צו פֿאַרטיפֿן זיך אין קבלה. דער גרויסער מקובל פֿון

---

[2] אָנווײַזונגען.

סמירנאַ, ר׳ יוסף איסקאַפּאַ, האָט מיט אים געלערנט די סתרי תּורה [1] פֿון ספר הזוהר און די קבלה פֿון אר״י אין צפֿת.

די קבלה האָט דעם יונגן שבתין אַוועקגעטראָגן אין אַנדערע וועלטן. ער האָט אָנגעהויבן פּראַווען תּעניתים,[2] לויפֿן אַלע מאָל צום ים זיך טובֿלען,[3] און אָפֿט מאָל אַרײַנפֿאַלן אין אַ שטימונג פֿון עקסטאַז — מיט תּפֿילה און מיסטישע געזאַנגען.

געוואַקסן איז ער הויך און שיין; זײַנע פֿאַרחלומטע שוואַרצע אויגן האָבן געברענט מיט אַ כּישופֿדיקן פֿײַער, און זײַן שטים האָט געקלונגען מיט אַן עכאָ פֿון בענקשאַפֿט.

איז דעריבער ניט קיין ווונדער, וואָס די גרעסטע גבֿירים און אָנגעזעענע חשובֿע בעלי־בתּים אין שטאָט האָבן אים געוואָלט האָבן פֿאַר אַן איידעם.

צו צוואַנציק יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ שיינער יִדישער טאָכטער און אין אַ קורצער צײַט אַרום זיך געגט. ער האָט חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל און ווידער האָט מען זיך געגט. ער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום נאַטירלעכן געפֿיל צו אַ פֿאַמיליע־לעבן. די קבלה האָט אים אָפּגעריסן פֿון דער ערדישער וועלט און ער איז אַרומגעגאַנגען אין דער וועלט פֿון מיסטיק.

ווען שבתי צבֿי איז שוין געווען אַ יונגערמאַן קרובֿ צו 23 יאָר, זײַנען צו די ברעגן פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאַלאָניקי און סמירנאַ, אָנגעקומען די אומגליקלעכע פּליטים, וואָס האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען פֿון כמעלניצקים באַנדעס אין מזרח־פּוילן. די גרוסן וואָס די געראַטעוועטע משפּחות האָבן איבערגעגעבן פֿון די אומגע־בראַכטע קהילות, האָבן צעבראָכן די יִדישע הערצער מיט צער און וויטיק. — ניט אַנדערש ווי משיחס צײַטן... — האָבן יִדן געמורמלט.

שבתי צבֿים מיסטישע פֿאַנטאַזיע האָט זיך איצט נאָך מער צעשפּילט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן: — אפֿשר בין איך דער משיח אויף וועמען אַלע יִדן וואַרטן און גלויבן?

דער דאָזיקער געדאַנק איז בײַ אים געוואָרן שטאַרקער פֿון טאָג צו טאָג, ביז ער האָט שוין געהאַט גענוג מוט צו אַנטפּלעקן

---

[1] פֿאַרבאָרגענע תּורה. [2] פֿאַסטן. [3] אונטערטונקען.

דעם סוד פֿאַר זײַנע חבֿרים און תּלמידים... און װען שבתי צבֿי האָט געזען זײער באַגײַסטערונג פֿון זײַן אַנטפּלעקונג און, אַז זײ האָבן אָנגעהױבן קוקן אױף אים װי אױף אַ געטלעכן מאַן — דאַן איז ער שױן געװאָרן בײַ זיך דרײסטער און באַשלאָסן אַרױסצו־קומען מיט זײַן סוד אין דער עפֿנטלעכקײט.

שבתי צבֿיס ערשטער שטורעם

אײן מאָל, אין די טעג פֿאַר תּשעה באָבֿ, האָט שבתי צבֿי אָפּגעטאָן אַ זאַך, װאָס האָט געמאַכט אױפֿציטערן אַלע ייִדן אין סמירנאַ: — דאַװנענדיק פֿאַרן עמוד[1] אין שול, האָט ער הױך אױפֿן קול אַרױסגערעדט גאָטס נאָמען „יהוה" מיט אַלע נקודות[2] — פּונקט װי דער כּהן גדול האָט דאָס געטאָן יום־כּפּור אין בית־המקדש. דאָס האָט אַרױסגערופֿן אַ גרױסן שטורעם צװישן די ייִדן אין שול. אַלע זײַנען געבליבן שטײן אין גרױס צעטומלעניש און ניט פֿאַרשטאַנען װאָס דאָ קומט פֿאָר.

אױפֿן דריטן טאָג האָט דער רבֿ פֿון סמירנאַ, ר' אַהרן און ר' יוסף איסקאַפּאַ (שבתי צבֿיס רבי), גערופֿן שבתין אין שול אַרײַן און געפֿרעגט בײַ אים: — װײסטו ניט, אַז אַפֿילו משה, שמואל, ישעיה, ירמיה און אַנדערע נבֿיאים, האָבן ניט זוכה[3] געװען אַרױסצורײדן גאָטס נאָמען?... פֿאַר אַזאַ זאַך קומט דאָך טױט־שטראָף!...

אָבער שבתי האָט זיך ניט דערשראָקן פֿאַר זײַן רבינס שטראָפֿרײד און מיט חוצפּה געענטפֿערט: — איך בין גרעסער פֿון די נבֿיאים, איך בין דער משיח פֿון גאָט!

איז געװאָרן אַ געשרײ און אַ קריגערײַ אין שול. עס זײַנען דאָרטן געװען מענטשן, װאָס האָבן געגלײבט, אַז שבתי זאָגט טאַקע דעם אמת. אָבער ר' יוסף איסקאַפּאַ איז געפֿאַלן אױפֿן פּנים און געװײנט אױף דעם, װאָס זײַנס אַ תּלמיד איז אַראָפּ פֿון דרך הישר... אַזאַ זאַך איז דאָך בײ ייִדן נאָך ניט געהערט געװאָרן! װי קען מען דערלאָזן צו אַזאַ חילול השם[4]?

---

[1] שטענדער.
[2] װי געפּינטלט
[3] װערט.
[4] פֿאַרשװעכן גאָטס נאָמען.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מען אין אַלע שולן פֿון סמירנאַ אויסגערופֿן אַ חרם אויף שבתין. ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון דעם ייִדישן קהל. מ'האָט אויך אויסגערופֿן, אַז מען זאָל וועגן דעם מער ניט ריידן, ווײַל אויב דער סולטאַן וועט הערן וועגן אַ משיח, זײַנען ייִדן ניט זיכער מיטן לעבן.

שבתי צבֿי האָט פֿון דעם חרם זיך ניט גענומען צום האַרצן. ער האָט שוין געהאַט אַרום זיך אַ קרײַז פֿון מענטשן, וואָס האָבן געגלייבט, אַז ער איז דער אמתער משיח. די ייִדן פֿון סמירנאַ האָבן מורא געהאַט, אַז עס קען פֿון דעם אַרויסקומען אַ נײַע אמונה און אַ סך ייִדן וועלן צוליב דעם פֿאַרפֿירט ווערן — זײַנען זיי אַוועק צו דעם „פּאַשאַ" פֿון שטאָט מיט אַ בקשה, ער זאָל אַרויס־שיקן שבתין פֿון סמירנאַ. דערנאָך האָט מען אַרויסגעשיקט בריוו צו אַנדערע קהילות, אַז מען זאָל זיך היטן פֿון פֿאַלשן משיח שבתי צבֿי.

שבתי צבי וואַנדערט און די משיחישע באַוועגונג צעוואַקסט זיך

שבתי צבֿי איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון סמירנאַ. מיט אים זײַנען אויך מיטגעגאַנגען אייניקע פֿון זײַנע תּלמידים. זיי האָבן געוואַנדערט איבער סאַלאָניקי, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אָנגעקומען קיין ירושלים. אומעטום האָט ער צוגעקראָגן נײַע אָנהענגערס און תּלמידים. אויפֿן וועג צווישן קאַירע און ירושלים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין עזה און דאָ האָט ער געוווּנען אַ נײַעם תּלמיד — נתן העזתי.

דער מקובל נתן פֿון עזה איז געוואָרן שבתי צבֿים באַגײַסטער־טער נבֿיא. ער האָט פֿונאַנדערגעשיקט בריוו צו אַלע ייִדישע קהילות איבער דער וועלט, אַז מען זאָל זיך גרייטן צו דער גאולה, ווײַל משיח איז שוין דאָ און ער וועט זיך באַלד באַווײַזן מיט זײַן געטלעכער מאַכט. אין די בריוו צו די קהילות שרײַבט נתן מיט זײַן נבֿיאות:

„איר זאָלט וויסן זײַן, אַז אונדזער משיח איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט איזמיר (סמירנאַ) און

ער רופֿט זיך בײַם נאָמען שבתי צבֿי. אין גיכן וועט זיך אַנטפּלעקן פֿאַר דער וועלט זײַן מלוכה. ער וועט אַראָפּנעמען די קרוין פֿון מלך ישמעאל (טערקישער קיניג) און זי אָנטאָן אויף זײַן קאָפּ. דער סולטאַן וועט אים נאָכגיין אַזוי ווי אַן עבֿד כּנעני.[1] דערנאָך וועט אונדזער משיח נעלם[2] ווערן. קיינער וועט ניט וויסן צי ער לעבט צי ער איז געשטאָרבן. און ער וועט אַרי־בער אויף דער צווייטער זײַט „סמבטיון" און פֿון דאָרטן וועט ער קומען צו רײַטן צוזאַמען מיט משה רבנו און מיט די צען שבֿטים קיין ירושלים. און פֿון הימל וועט הקדוש ברוך הוא אַראָפּלאָזן דעם בית־המקדש פֿון גאָלד, וואָס וועט באַלײַכטן די גאַנצע שטאָט... און דערנאָך וועט קומען תּחית המתים[3] אין דער גאַנצער וועלט..."

די משיחישע באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט אַ סך ייִדישע קהילות איבער דער וועלט. דער עולם האָט געגלייבט (ניט אַלע) און זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער גאולה. קיין סמירנאַ איז אָנגעקו־מען אַ ידיעה, אַז דער משיח שבתי צבֿי קומט צוריק אַהיים, ווײַל פֿון דאַנעט וועט זיך אָנהייבן די גאולה. און ווען שבתי איז טאַקע צוריקגעקומען קיין סמירנאַ נאָך 17 יאָר וואַנדערן — האָט אים אַ גרויסער המון מקבל פּנים געווען מיט אויסרופֿן: „זאָל לעבן דער מלך המשיח!"...

מיט שבתי צבֿים קומען קיין סמירנאַ האָט זיך געקאָכט איבער אַלע ייִדישע קהילות אין דער וועלט. געשמועסט האָט מען — אַז פֿון סמירנאַ וועט ער גאָר בקרובֿ פֿאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַדריאַנאָפּאָל, כּדי אַראָפּצונעמען די קרוין פֿון סולטאַן, וואָס איז איצט דער הערשער איבער ארץ־ישׂראל. אַנדערע ווידער האָבן ניט געגלייבט אין דער גאַנצער זאַך און האָבן געזאָגט, אַז שבתי צבֿי

---

[1] אַ כּנענישער קנעכט.

[2] פֿאַרשווונדן.

[3] טויטע וועלן לעבעדיק ווערן.

איז אַ שווינדלער און אַ פֿאַרפֿירער. ס'האָבן זיך אַפֿילו געפֿונען מענטשן, וואָס האָבן געגלייבט ווי ביז אַהער, אַז דער הויפּטשטאָט וועגן דעם גאַנצן טומל מיט שבתי צבֿי. און ווען שבתי צבֿי איז אין 1666 אָנגעקומען מיט זײַנע באַגלייטערס אין דער טערקישער הויפּטשטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבן פּאָליציי שוין געוואַרט אויף זיי און מען האָט שבתין אַרעסטירט און פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה פֿון גאַליפּאָלי.

באַלד האָבן זיך ווידער פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער סולטאַן, וואָס האָט געוווּסט אַז שבתי צבֿי איז געקומען אַראָפּוואַרפֿן אים פֿון טראָן — האָט זיך זייער דערשראָקן פֿאַרן משיח און מורא געהאַט אויסצושטרעקן אַ האַנט קעגן אים. דאָס האָט נאָך מער צעבלאָזן די פֿאַנטאַזיע פֿון זײַנע נאָכפֿאָלגערס און מענטשן האָבן אָנגעהויבן קומען קיין גאַליפּאָלי פֿון נאָענט און ווײַט. מ'האָט אונטערגעקויפֿט דעם קאָמענדאַנט פֿון תּפֿיסה און מענטשן פֿלעגן פֿרײַ אַרײַנקומען און אַרויסגיין.

ווען דער סולטאַן האָט זיך פֿון דעם דערוווּסט, האָט ער באַפֿוילן צו ברענגען שבתי צבֿין פֿון גאַליפּאָלי קיין אַדריאַנאָפּאָל.[1] דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ שרעק בײַ זײַנע אָנהענגערס. אַנדערע ווידער האָבן געגלייבט, אַז דאָ וועט שבתי צבֿי באַווײַזן אמתע ניסים — דער משיח וועט איבערנעמען דעם סולטאַנס טראָן...

דעם סולטאַנס דינערס האָבן אָבער שבתין זייער שטאַרק אָנגעשראָקן. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז דער סולטאַן איז פֿון דער גאַנצער זאַך זייער בייז און ער וועט אים זיכער דעם קאָפּ אַראָפּנעמען... איין זאַך קען אים ראַטעווען — האָבן זיי געזאָגט — אויב ער וועט אַריבער צום מוסולמענישן גלויבן.

הערנדיק אַזאַ זאַך, האָט שבתי צבֿי פֿאַרלוירן זײַן גאַנצן שטאָלץ און מוט. און ווען מען האָט אים אַרײַנגעפֿירט צום סולטאַן, האָט ער בײַם אַרײַנגאַנג אויסגעטאָן זײַן ייִדישן הוט און אָנגעטאָן אויפֿן קאָפּ אַ טערקישן טורבאַן. דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז ער נעמט אָן דעם מוסולמענישן גלויבן. דעם סולטאַן איז דאָס געפֿעלן געוואָרן. ער האָט דעם נײַעם מוסולמאַן געגעבן אַ נײַעם נאָמען

---

[1] דעם סולטאַנס רעזידענץ.

און טיטל: מעכמעד עפֿענדי, און ער האָט אים באַשטימט פֿאַר א וועכטער אין זײַן פּאַלאַץ.

די נײַעס, אַז שבתי צבֿי האָט זיך געשמדט, האָט זיך בליץ־שנעל צעטראָגן איבער אַלע עקן וועלט. ייִדן זײַנען געבליבן אַנטוישט און פֿאַרשעמט פֿון זייער גלויבן אין אַ פֿאַלשן משיח. אָבער אַ סך אַנדערע האָבן נאָך אַלץ געגלייבט, אַז שבתי צבֿי איז דער משיח; ער איז געוואָרן אַ מוסולמענער אויף אַ קורצער צײַט — האָבן זיי געזאָגט — כּדי אויסצולייזן אויך די פֿרעמדע פֿעלקער און ניט בלויז די ייִדן.

און ווען די טערקישע רעגירונג האָט געזען, אַז ייִדן קומען נאָך אַלץ צו מעכמעד עפֿענדין (שבתי צבֿי) ווי צו זייער משיח — האָט זי אים פֿאַרשיקט אין אַ פֿאַרוואָרפֿן אַלבאַניש שטעטל, דול־ציניאָ. דאָרטן האָט שבתי צבֿי געלעבט אָפּגעזונדערט, איינזאַם, און אויפֿן 50סטן יאָר פֿון זײַן לעבן איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן (1676).

מיט אַן ערך הונדערט יאָר שפּעטער איז פֿון דער געהיימער שבתי צבֿי־סעקטע אַרויסגעוואַקסן אַ נײַע משיחישע סעקטע, וואָס זייער פֿירער איז געווען יעקבֿ פֿראַנק. די „פֿראַנקיסטן" האָבן געגלייבט, אַז אין זייער האַר יעקבֿ פֿראַנק לעבט די נשמה פֿון שבתי צבֿי...

אָבער אויך די דאָזיקע סעקטע איז אין אַ קורצער צײַט אַרום צערונען געוואָרן מיט גאָרניט. יעקבֿ פֿראַנק מיט זײַנע מענטשן זײַנען אַריבער צום קאַטוילישן גלויבן און דער טומל מיט די פֿאַלשע משיחים האָט זיך גענומען אײַנשטילן.

עס איז לײַכט צו פֿאַרשטיין, אַז די גאַנצע משיחישע באַוועגונג איז געקומען פֿון צרות און פֿאַרפֿאָלגונגען; ייִדן האָבן געזוכט אַ טרייסט, אַן אָנהאַלט, כּדי זיך צו קענען שטאַרקן מיט דעם גלויבן, אַז באַלד, באַלד, וועלן מיר געהאָלפֿן ווערן און ס'וועט קומען אַ סוף צו אַלע אונדזערע לײַדן. דער סוף איז געווען, אַז אַלע האָפֿענונגען זײַנען צערונען געוואָרן און ייִדן האָבן ווײַטער געליטן.

אין די זעלבע יאָרן (מיר ריידן שוין דאָ פֿון סוף 18טן יאָר־הונדערט) צעפֿאַלט זיך די פּוילישע מלוכה און זי ווערט צעריסן צווישן די שכנותדיקע מלוכות: רוסלאַנד, עסטרײַך און פּרײַסן

(היינטיקע דייטשלאַנד). די מאַסן ייִדן פֿון פּוילן, ליטע און אוקראַי־נע, שפּרייטן זיך אויס איבער רוסלאַנד, גאַליציע, אונגאַרן און דייטשלאַנד. עס קומען אויף נייע צייטן און נייע זאָרגן. און צו־זאַמען מיט דער דאָזיקער נייער צייט, קומט אויף ביי ייִדן די חסידישע באַוועגונג, וואָס האָט באַלויכטן אַ נייעם וועג אין ייִדישקייט און אַריינגעבראַכט אַ ביסעלע שׂמחה אין דעם פֿאַר־חושכטן אָרעמען ייִדישן לעבן.

וואָס האָבן מיר ביז איצט געלערנט?

אין די ערשטע לעקציעס פֿון „ייִדן אין מזרח איי־ראָפּע" האָבן מיר געלערנט: ווי אין די שרעקלעכע יאָרן פֿון קרייצצוגן און די יאָרן פֿון דעם „שוואַרצן טויט", האָבן אַ סך ייִדן אויסגעוואַנדערט פֿון מערבֿ־ צו מזרח־אייראָפּע; מיר האָבן געלערנט וועגן די אױ־טאָנאָמישע ייִדישע קהילות; וועגן „וועד ארבע אר־צות"; וועגן די יאָרן ת״ח ות״ט; און וועגן דער פֿאַלשער משיחישער באַוועגונג. וועגן די אַלע זאַכן וועלן מיר דאָ אָוועקשטעלן בלויז פֿינף פֿראַגעס צו ענטפֿערן מיט קלאָרקייט:

א) וואָס איז געווען דער וועד ארבע ארצות?

ב) וואָס זיינען געווען די געשעענישן אין די יאָרן פֿון ת״ח ות״ט?

ג) ווער האָט אַזוי געטריי באַשריבן די טרויעריקע געשעענישן אין די דאָזיקע יאָרן?

ד) פֿון וועמען און ווי איז אויפֿגעקומען די משיחישע באַוועגונג?

ה) וואָס זיינען געווען די סיבות, וואָס האָבן געפֿירט צום אויפֿ־קום און צום אונטערגאַנג פֿון דער משיחישער באַוועגונג?

די חסידישע באַוועגונג

חסידים און חסידות פֿון ר׳ ישׂראל בעש״ט

וואָס פֿאַר אַ צײַט איז דאָס געווען?

די חסידישע באַוועגונג האָט אָנגעהויבן אויפֿקומען אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט. דאָס זײַנען געווען די יאָרן נאָך דעם קאָזאַקן־אויפֿשטאַנד און נאָך דעם גאַנצן טומל פֿון דער שבתי צבֿי־באַוועגונג.

די דאָזיקע געשעענישן האָבן זייער שטאַרק פֿאַראָרעמט די ייִדישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע. מאַסן ייִדן האָבן געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, ווײַל זיי זײַנען אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון זייערע פֿריִערדיקע פּרנסות; ניט אומעטום האָבן זיי געקענט האַנדלען אָדער אַרבעטן. איבער די שטעט און שטעטלעך פֿלעגן אַרומוואַנדערן מחנות אָרעמעלײַט און בעטלען.

ניט קוקנדיק אויף דעם איז דאָס גײַסטיקע לעבן געווען אַרומגענומען מיט פֿרומקייט און לערנען. דער למדן, דער בן־תּורה, איז געווען דער שיינער ייִד, דער יחסן, צו וועמען אַלע האָבן אַרויפֿגעקוקט. דער אָרעמאַן, דער פּשוטער בעל־מלאָכה, דער דאָרפֿסייִד, דער עם־הארץ[1] — האָט ניט פֿאַרנומען קיין חשובֿ אָרט אין דער קהילה; ער פֿלעגט גאַנץ אָפֿט איגנאָרירט ווערן פֿון די רײַכערע בעלי־בתּים און פֿון די רבנים און לומדים.

אַזאַ מצבֿ האָט בײַ גרויסע טיילן פֿון דער ייִדישער מאַסע געשאַפֿן אַ שטימונג פֿון דערשלאָגנקייט. יאוש און עצבֿות[2] האָבן

[1] אומוויסנדיקער.

[2] רעזיגנירונג און טרויער.

געפינצטערט אין אַ סך ייִדישע הערצער. עס האָט געפעלט (אַפילו אין דעם רעליגיעזן לעבן) דאָס געפיל פון שׂמחה, פון דערהויבנ־קייט, וואָס זאָל שטאַרקן דעם ייִדן אין זײַן געפאַלנקייט.

אין אַזאַ צײַט איז געקומען רבי ישׂראל בעל־שם־טובֿ און געוויזן אַ נײַעם דרך אין ייִדישקייט; דאָס איז געוואָרן דער דרך פון אַ רעלעגיעזער באַוועגונג, וואָס רופט זיך: **חסידיזם.**

ר׳ ישׂראל בעל־שם־טובֿ (1760—1699)

די היסטאָרישע געשטאַלט פון בעל־שם־טובֿ איז אײַנגעהילט אין אַ נעפל פון וווּנדער־מעשׂיות. ווי עס ווײַזט אויס, זײַנען זײַנע עלטערן געווען פשוטע און ערלעכע מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין אַ דאָרף. פאַר דער חסידישער אַגדה איז גענוג צו דערציילן, אַז דעם בעל־שם־טובֿס פאָטער, ר׳ אליעזר, איז געווען אַ גרויסער מכנים אורח[1] און אַ פרומער ערלעכער ייִד.

און די חסידישע אַגדה דערציילט:

ר׳ אליעזר האָט געוווינט אין אַ דאָרף און ער פלעגט זייער שטאַרק אָפּהיטן די מצווה פון הכנסת־אורחים.[2] ווי נאָר ס׳פלעגט דורכגיין אַן אָרעמאַן, האָט ער אים פאַרבעטן אין זײַן הויז, געגעבן אים פריִער פאַר אַלץ אַ שיינע נדבֿה, כּדי דער אָרעמאַן זאָל זיך פילן בשׂמחה און קענען עסן מיט הנאה.

איין מאָל האָט מען אים פון הימל געוואָלט אויספּרוּוון. האָט זיך אליהו הנבֿיא פאַרשטעלט פאַר אַן אָרעמאַן, מיט זײַן שטעקן און טאָרבע, און איז געקומען צו ר׳ אליעזרן אין דאָרף אַרײַן שבת נאָכמיטאָג מיט אַ ברייטן גוט שבת!...

ר׳ אליעזר — אַפילו ווען דער אָרעמאַן האָט מחלל שבת[3] געווען — האָט דעם אָרעמאַן גאָרניט געזאָגט. ער האָט אים אויפגענומען מיט כּבֿוד, געגעבן אים צו עסן אַ שבתדיקע סעודה, און זונטיק אין דער פרי האָט ער אים אויך געגעבן אַ שיינע נדבֿה. דאַן האָט דער אָרעמאַן צו אים געזאָגט:

„זאָלסט וויסן, אַז איך בין אליהו הנבֿיא; איך בין געקומען דיך אויספּרוּוון; און ווײַל דו האָסט אויסגעהאַלטן דעם נסיון,[4]

---

[1] גאַסטפרײַנדלעכער.

[2] אויפנעמען געסט.

[3] פאַשוועכט דעם שבת.

[4] פּרוּוו.

אַ חסידישער רבי (ניט קיין ראַבײַ). חסידים האָבן געקוקט אויף זייער רבין ווי אויף אַ הייליקן מאַן.

וועסטו דעריבער זוכה זײַן צו אַ זון, וואָס וועט באַלײַכטן די אויגן פֿון די ייִדן". און דאָס איז געווען רבי ישׂראל בעל-שם-טובֿ.

ישׂראל איז געבליבן זייער יונג אַ יתום — אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. ווען זײַן פֿאָטער איז שוין געלעגן אויפֿן קראַנקן בעט — דערציילט די חסידישע אַגדה — האָט ער צוגערופֿן דעם קליינעם ישׂראל, אַרומגענומען אים מיט גרויס ליבשאַפֿט און געזאָגט:

„מײַן ליב קינד, זאָלסט אַלע מאָל געדענקען, אַז גאָט איז שטענדיק מיט דיר און דעריבער זאָלסטו זיך פֿאַר קיין זאַך ניט שרעקן".

די דאָזיקע ווערטער האָבן אים באַגלייט און געשטאַרקט אַלע יאָרן פֿון זײַן לעבן.

ר' ישׂראל בעל-שם-טובֿס קינדער-יאָרן זײַנען ניט געווען ווי בײַ אַלע אַנדערע קינדער אין זײַן צײַט. בלײַבנדיק אָן אַ היים, האָבן פֿרעמדע גוטע מענטשן געזאָרגט פֿאַר דעם יתום און אים אַרײַנגעגעבן אין אַ חדר צו לערנען. דער קליינער ישׂראל האָט זיך ניט געפֿילט באַקוועם אין דעם ענגן חדר און ער פֿלעגט זייער אָפֿט אַנטלויפֿן אין די שכנותדיקע וועלדער און אָן מורא אַרומגיין צווישן די הויכע צעצווײַגטע ביימער.

צו צוועלף יאָר האָט שוין ישׂראל ניט געוואָלט אָנקומען צו מענטשנס הילף. ער איז געוואָרן אַ באַהעלפֿער אין אַ חדר. ער פֿלעגט ברענגען און אָפּפֿירן די קינדער; טראָגן זיי אויף זײַנע אַקסלען איבער די בלאָטעס פֿון שטעטל און זינגען מיט זיי פֿאַר-בענקטע ניגונים.[1]

פֿון אַ באַהעלפֿער ווערט ער אַ געהילף צום שמש אין בית-מדרש. ער טוט אַלע שווערע אַרבעטן און אין די פֿרײַע שעהען פֿון טאָג שלאָפֿט ער הינטערן אויוון פֿון בית-מדרש. קיינער ווייסט ניט, אַז בײַנאַכט, ווען דאָס גאַנצע שטעטל שלאָפֿט שוין, איז ישׂראל פֿאַרטאָן אין תּפֿילה און אין לערנען קבלה.

די חסידישע אַגדה דערציילט, אַז ערגעץ-ווו האָט געלעבט אַ גרויסער צדיק מיטן נאָמען: ר' אָדם בעל-שם. ר' אָדם האָט

---

[1] געזאַנגען.

געפֿונען אין אַ הייל הייליקע כּתבֿים[2] מיט קבלה־סודות, וואָס מיט זיי האָט ער געקענט באַווײַזן גרויס ווונדער.

פֿאַרן טויט האָט ר' אָדם געזאָגט צו זײַן זון: „פֿון הימל האָט מען מיר אָנגעוויזן, אַז די פֿיר הונדערט און אַכצן כּתבֿים זאָל איך איבערגעבן צו דעם בחור, ישׂראל בן אליעזר פֿון אָקופּ. מײַן בקשה צו דיר איז, אַז דו זאָלסט אויסזוכן דעם דאָזיקן ישׂראל און אים איבערגעבן די כּתבֿים".

האָט דער זון געטאָן ווי זײַן פֿאָטער האָט אָנגעזאָגט. ער איז געקומען קיין אָקופּ און מיט גרויס מי און זוכעניש האָט ער אויסגעפֿונען דעם סוד, אַז דער יונגער שמשׂ בײַם אויוון אין בית־מדרש איז דער פֿאַרבאָרגענער צדיק צו וועמען זײַן פֿאָטער האָט אים געשיקט.

אין עלטער פֿון 17 יאָר פֿאַרלאָזט ישׂראל זײַן געבוירן־שטעטל אָקופּ און קומט אָן קיין מזרח־גאַליציע, אַרום דער שטאָט בראָד. ער האָט חתונה, אָבער אַחוץ זײַן פֿרוי, ווייסט נים קיינער ווער ער איז. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ פּויעריש פּעלצל און מאַכט זיך פֿאַר מענטשן ווי ער וואָלט געווען אַ גרויסער עם־הארץ. זײַן שוואָגער, דער בראָדער רבֿ ר' גרשון קיטעווער, האָט זיך געשעמט צו וווינען מיט אים אין איין שטאָט, האָט ער דעריבער פֿאָרגע־לייגט זײַן שוועסטער, אַז זיי זאָלן זיך אַרויסציִען פֿון בראָד.

ר' ישׂראל און זײַן פֿרוי חנה זײַנען אַרויס פֿון בראָד און האָבן זיך באַזעצט אין אַ דאָרף, טיף אין די קאַרפּאַטן־בערג. דאָרט אין די בערג האָט זײַן נשמה, זײַן גאַנץ וועזן, זיך דער־הויבן צו דער געטלעכקייט מיט תּפֿילות, תּעניתים און לערנען. צוויי מאָל אַ וואָך פֿלעגט ער אָנגראָבן אַ ביסל ליים פֿון די בערג און זײַן פֿרוי חנה פֿלעגט דאָס מיט אַ פֿערד און וואָגן אָוועקפֿירן אין שטאָט אַרײַן צו פֿאַרקויפֿן. זיי האָבן געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, אָבער זיי האָבן דאָס ביידע אָנגענומען באהבֿה.[3]

ווען ר' ישׂראל בעל־שם־טובֿ איז אַלט געוואָרן זעקס און דרײַ־סיק יאָר, האָט ער דערפֿילט, אַז עס איז שוין געקומען די צײַט

[2] שריפֿטן, מאַנוסקריפּטן.

[3] מיט ליבע.

„נתגלה" צו ווערן. דאָס מיינט: ניט צו באַהאַלטן זיך מער, נאָר אַרויסצוגיין צו ייִדן און זיי אָנהייבן לערנען דעם דרך פֿון חסידות. דאָס איז געווען אין יאָר 1735 און זינט יענער צײַט, הייבט זיך אָן אַ נײַ קאַפּיטל אין דעם לעבן פֿון ר' ישׂראל בעל־שם־טובֿ.

ר' ישׂראל בעש"ט ווערט דער רבי פֿון חסידים

דאָס וואָרט „חסיד" אָדער „חסידים" אין מערצאָל, איז ניט קיין נײַ וואָרט. אין תּנ"ך און אין תּלמוד ווערט אַ פֿרומער ערלעכער מאַן אָנגערופֿן חסיד. דאָס קומט פֿון דעם וואָרט „חסד", וואָס מיינט: נאַטירלעכע גוטסקייט און גערעכטיקייט אָן שום באַלוינונג; דער אמתער חסיד טוט דאָס מיט אַ געפֿיל פֿון ליבע, אָן אייגענע נוצן. חסידות ברענגט צו געטלעכע אינספּיראַציעס — זאָגט די גמרא. און חסידות איז געווען דער וועג, וואָס דער בעש"ט האָט געלערנט.



רבי ישׂראל בעל שם טובֿס בית־מדרש אין מעדזשיבאָזש.

פֿון אָנהייב איז ר׳ ישׂראל באַוווּסט געוואָרן ווי אַ „בעל־שם״, אַ בעל־מופֿת;[1] ער פֿלעגט מיט הייליקע שמות היילן קראַנקע און זיי שטאַרקן מיט אמונה און בטחון אין דעם רבונו של עולם. ער פֿלעגט אַרומפֿאָרן איבער די קהילות פֿון גאַליציע, פּאָדאָליע און וואָלין און זײַן נאָמען איז באַרימט געוואָרן ווי אַ הייליקער מאַן.

בערך אין יאָר 1740 באַזעצט זיך דער בעש״ט מיט זײַן משפּחה אין דעם שטעטל מעדזשיבאָזש, וואָס איז געוואָרן דער צענטער פֿון דער חסידישער באַוועגונג. צו דעם צדיק אין מעדזשיבאָזש זײַנען געקומען ייִדן פֿון נאָענטע און ווײַטע קהילות. זיי זײַנען געקומען בעטן אַן עצה, בעטן אַז דער צדיק זאָל מתפּלל זײַן פֿאַר זייערם אַ חולה, אָדער סתּם זיך אויסוויינען דאָס ביטערע האַרץ ווען מען איז געווען אין אַ צרה.

ביסלעכווײַז שאַפֿט זיך אַרום דעם בעש״ט אַ קרײַז פֿון שטענדיקע תּלמידים, וואָס קומען הערן פֿון אים תּורה און חסידות. די תּלמידים פֿאַרשפּרייטן דעם בעש״ט תּורה צווישן די ייִדן אין די אַרומיקע קהילות און עס הייבן אָן אויפֿצוקומען חסידישע קרײַזלעך[2] — דער אָנהייב פֿון אַ גרויסער חסידישער באַוועגונג.

די תּורה פֿון בעל־שם־טובֿס חסידות:

פֿריִער פֿאַר אַלץ — האָט חסידות געלערנט — אַז דער פּשוטער ייִד, דער עם־האָרץ, דער פּראָסטער בעל־מלאכה און פֿאַרגרעבטער דאָרפֿסייִד, זײַנען ניט קיין קלענערע יחסנים[3] פֿון די למדנים. פֿאַרקערט גאָר: בײַ די פּראָסטע פּשוטע ייִדן איז די אמונה אַ סך מאָל מיט גרויס ערלעכקייט און מיטן גאַנצן האַרץ.

דער בעש״ט אַליין פֿלעגט אַרומגיין צווישן פּשוטן פֿאָלק און זיך געפֿרייט מיט זייער פּשוטקייט און אויפֿריכטיקייט. אין בית־מדרש בײַם דאַוונען איז ער אָפֿט מאָל צוגעגאַנגען צו אַ פּשוטן ייִד און גע־אַוונט מיט אים פֿון איין סידור. אַפֿילו צו די שבתדיקע סעודות בײַם טיש פֿלעגט דער בעש״ט אַוועקזעצן לעבן זיך פּשוטע ייִדן און זינגען מיט זיי אַ שבת־קודשדיקן ניגון און זאָגן פֿאַר זיי תּורה.

---

[1] אַ מענטש וואָס באַווײַזט וווּנדער. [2] גרופּעס. [3] פּריווילעגירטע.

די אמתדיקע פֿרומקייט — האָט דער בעש״ט געלערנט — איז ניט דווקא די שאַרפֿקייט פֿון מוח (למדנות), נאָר די פּשוטע ערלעכקייט מיט אמונה און בטחון. ווען אַ ייִד איז מתפּלל מיטן גאַנצן הארצן, מיט ליבשאַפֿט און התלהבֿות[1] — דערגרייכט זײַן תּפֿילה צו די אייבערשטע וועלטן.

דער וועג פֿון ייִדישקייט דאַרף זײַן מיט שׂמחה. דער מענטש דאַרף זיך דערווײַטערן פֿון עצבֿות,[2] כּדי זײַן הארץ זאָל תּמיד זײַן בשׂמחה. פּײַניקן דעם גוף מיט תּעניתים שוואַכט אָפּ די נשמה און וואַרפֿט אַרײַן דעם מענטש אין אַ מרה־שחורה.[3]

דער הויפּט־געדאַנק פֿון דעם בעש״ט איז געווען, אַז גאָט איז אומעטום און מיט יעדער זאַך קען מען דינען גאָט — אַפֿילו מיט אַ ניגון; דער עיקר איז די כּוונה.

אַ חסידיש מעשׂהלע דערציילט: איין מאָל האָט מען פֿון הימל געוויזן דעם בעש״ט, אַז אַ געוויסער פּאַסטעך דינט דעם אייבערשטן מיט מער כּוונה פֿון אים. האָט דער בעש״ט באַלד באַפֿוילן אײַנצושפּאַנען פֿערד און וואָגן און געפֿאָרן מיט זײַנע תּלמידים צו זען דעם פּאַסטעך.

זײַנען זיי געקומען צו אַ פֿעלד צופֿוסנס פֿון אַ באַרג און אויפֿן באַרג איז געשטאַנען אַ פּאַסטעך, וואָס האָט געבלאָזן אויף אַ האָרן צונויפֿצוזאַמלען די שאָף. דערנאָך האָט ער די שאָף אַוועקגעפֿירט צום טײַך אָנצוטרינקען. און ווען די שאָף האָבן זיך אויסגעלייגט אויפֿן פֿעלד זאַטע און צופֿרידענע, האָט דער פּאַסטעך אויפֿגעהויבן זײַן קול צום הימל און אַזוי געזאָגט:

„רבונו של עולם, דו האָסט באַשאַפֿן הימל און ערד, דעם באַרג און די שאָף און דעם מענטש און אויך דײַן פֿאָלק ישׂראל. דו שפּײַזט אַלע באַשעפֿענישן און אויך מיר גיסטו שפּײַז. איך בין אָבער אַ גראָבער יונג, אַן עם־הארץ. איך ווייס ניט ווי אַזוי דיך צו דינען. איך בין פֿון קליינערהייט אַ יתום און בין געוואַקסן צווישן גויִים. קיין תּורה האָב איך ניט געלערנט. אין מײַן האַנט האָב איך אַ האָרן און מיט מײַן גאַנצן כּוח בלאָז איך און איך זאָג: דו ביסט אונדזער גאָט!".

---

[1] באַגײַסטערונג. [2] טרויער. [3] מעלאַנכאָליע.

און ווען דער פּאַסטעך האָט אַזוי שטאַרק געבלאָזן, איז ער אַ פֿאַרשוואַכטער אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד און געלעגן שטיל, ביז ער איז צוריקגעקומען צו זײַנע כּוחות. האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און ווידער געזאָגט:

„רבונו של עולם, דו האָסט באַשאַפֿן הימל און ערד און שפּײַזט יעדן איינעם. אַזוי ווי דו ביסט איינער, אַזוי האָסטו אויך איין פֿאָלק, וואָס לערנט דײַן תּורה און איז מתפּלל צו דיר. אָבער איך בין אַ קליינער פּאַסטעך און איך קען ניט לערנען און קען ניט דאַווענען, ווײַל איך בין פֿון קליינערהייט אַ יתום פֿון מײַן טאַטן און מאַמען און בין געוואַקסן צווישן גויִים. אָבער איך קען פֿאַר דיר זינגען אַ ליד פֿון די פּאַסטעכער-לידער".

און דער פּאַסטעך האָט אָנגעהויבן זינגען מיט גרויס התלהבֿות,[1] ביז ער איז געפֿאַלן אויף דער ערד אָן כּוחות. און ווען ער איז צוריקגעקומען צו זײַנע כּוחות, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און ווידער געזאָגט:

„רבונו של עולם, איך האָב געבלאָזן אויפֿן האָרן, איך האָב פֿאַר דיר געזונגען לידער, אָבער וואָס איז דאָס אַלץ פֿאַר דיר, טאַטע אין הימל? מיט וואָס נאָך קען איך דיך דינען? אָט האָב איך נעכטן בײַנאַכט געקראָגן פֿון פּריץ אַ זילבערנעם גראָשן, גיב איך דיר דעם גראָשן אַ מתּנה, דערפֿאַר וואָס דו האָסט באַשאַפֿן הימל און ערד, דעם באַרג און דאָס וואַסער, די שאָף און מיך — דעם קליינעם פּאַסטעך".

און ריידנדיק אַזוי האָט דער פּאַסטעך געגעבן אַ וואָרף דעם זילבערנעם גראָשן צום הימל... און דער בעש"ט האָט געזאָגט, אַז ער האָט געזען ווי עס שטרעקט זיך אויס אַ האַנט פֿון הימל און נעמט דעם גראָשן... און צו די תּלמידים האָט דער בעש"ט געזאָגט:

— דער דאָזיקער קליינער פּאַסטעך האָט מקיים[2] געווען דעם פּסוק: „ואהבת את ד' אלוקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך".

---

[1] באַגײַסטערונג.

[2] רעאַליזירט.

די חסידישע באַוועגונג צעוואַקסט זיך

אַ סך פֿון דעם בעש"ט תּלמידים זײַנען אויך געווען באַרימטע רבנים און גרויסע לומדים. זיי האָבן פֿאַרשפּרייט דעם בעש"ט תּורה און אומעטום האָבן זיך געשאַפֿן חסידישע גרופּעס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, געדאַוונט מיט אַן אייגענעם מנין

אַ גרופּע פֿריילעכע חסידישע ייִנגלעך פֿון פֿאַר דער צווייטער מלחמה אין פּוילן (מ. קיפּניס).

און אויף אַ שבת־יום־טובֿ זיך אַראָפּכאַפּן קיין מעדזשיבאָזש צום רבין.

ווען דער בעל־שם־טובֿ איז נפֿטר געוואָרן (דעם ערשטן טאָג שבֿועות 1760) איז דער צענטער פֿון חסידות אַריבער פֿון מעדזשי־באָזש קיין מעזריטש. דער מגיד ר׳ דובֿ־בער פֿון מעזריטש, דעם בעש״ט נאָענטסטער תּלמיד, איז געוואָרן דער מנהיג,[1] דער רבי פֿון דער חסידישער באַוועגונג. דעם בעש״ט זון, ר׳ הערשעלע, האָט ניט געהאַט אין זיך די גרויסקייט צו פֿאַרנעמען זײַן פֿאָטערס אָרט. אויך אַ טאָכטער האָט דער בעש״ט געהאַט, האָדל האָט זי געהייסן, און אירע קינדער זײַנען שפּעטער געוואָרן חסידישע רבײִם.

צו דעם רבין ר׳ בער אין מעזריטש זײַנען געקומען רבנים און מקובלים פֿון אוקראַיִנע, ליטע און גאַליציע. דאָ האָבן זיי געפֿו־נען די לעבעדיקע פֿונקען פֿון תּורה און קדושה.[2]

דער גרעסטער טייל פֿון דעם מעזריטשער מגידס תּלמידים זײַנען שפּעטער געוואָרן באַרימטע רבײִם פֿון טויזנטער חסידים, וואָס זייער גײַסטיקע פֿירערשאַפֿט איז איבערגעגאַנגען צו קינדער און קינדסקינדער. צווישן די דאָזיקע תּלמידים זײַנען געווען: רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער רבי אלימלך, ר׳ שניאור זלמן פֿון ליאַדי, און פֿיל אַנדערע.

רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער איז באַוווּסט צוליב זײַן גרויסער ליבשאַפֿט צו יעדן ייִד. אין דער ליטעראַטור פֿון חסידות פֿאַרנעמט רבי לוי יצחק אַ חשובֿ אָרט; ער איז דער גרויסער מליץ יושר,[3] דער אוהבֿ ישׂראל,[4] דער וואָס לאָזט ניט פֿאַלן קיין שלעכט וואָרט אויף אַ ייִד.

ר׳ שניאור זלמן איז אויך אַ באַרימטע פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע פֿון חסידיזם. ער איז געווען דער ערשטער רבי פֿון די ליובאַוויטשער חסידים, וואָס זײַנען נאָך הײַנט פֿאַרשפּרייט איבער אַ סך ייִדישע ייִשובֿים אין דער וועלט. רבי שניאור זלמן האָט פֿאַרטיפֿט די געדאַנקען פֿון חסידות אין זײַן ספֿר „תּניא״. דאָס איז חסידות חב״ד (חכמה, בינה, דעת).

---

[1] פֿירער.
[2] הייליקייט.
[3] פֿאַרטיידיקער.
[4] ייִדנפֿרײַנד.

און אַזוי איז די חסידישע באַוועגונג געוואַקסן און געוואָרן אַ גרויסע פֿאָלקס-באַוועגונג, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט אַן אויפֿלעבונג און אַ פֿרישקייט אין דעם רעליגיעזן לעבן. אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט די דאָזיקע באַוועגונג אויך געהאַט אַ סך קעגנערס — מתנגדים האָבן זיי זיך גערופֿן — און האָבן יאָרן לאַנג געפֿירט אַ ביטערן קאַמף קעגן די חסידים און חסידות.

מחלוקות (קריגערײַען) צווישן מתנגדים און חסידים

ווען ס'איז אויפֿגעקומען די חסידישע באַוועגונג, זײַנען געווען אַ סך אַנדערע ייִדן, וואָס דאָס איז זיי ניט געפֿעלן געוואָרן. זייער מורא איז געווען, אַז חסידיזם וועט אָפּשוואַכן דעם חשק און אַמביציע צו שטודירן דעם תּלמוד. די מורא האָט זיך גענומען פֿון דעם, וואָס חסידות האָט געלייגט מער אַכט אויף געפֿיל, אויף התלהבֿות און שׂמחה, און אויף דער כּוונה פֿון ייִדישקייט — ווי מיר האָבן דאָס פֿריִער געלערנט.

חסידות איז ניט געווען קעגן לערנען — חס וחלילה! אָבער זיצן און שאַרפֿן דעם מוח נאָר בײַם לערנען אַליין — איז ניט גענוג — האָט חסידות געזאָגט — דאָס איז ניט קיין האַרץ-ייִדישקייט נאָר אַ מוח-ייִדישקייט, און דאָס איז אַ קאַלטע ייִדישקייט.

און נאָך אַ זאַך: — אויב דער עיקר פֿון ייִדישקייט איז צו קענען לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תּוספֿות,[1] איז וואָס זאָלן טאָן די פּראָסטע ייִדן? די וואָס קענען ניט לערנען? וואָס פֿאַר אַ ייִדישקייט בלײַבט פֿאַר זיי?

אַ סך פֿון די רבנים, לערנערס און למדנים, האָבן פֿון אָנהייב ניט געהאַט קיין צוטרוי צו חסידות. זיי האָבן געקוקט אויף חסידים ווי אויף אַ נײַער סעקטע, ווײַל די חסידים האָבן זיך אָנגעהויבן פֿירן אַנדערש ווי די אַנדערע ייִדן: — זיי האָבן זיך שטאַרק געשאָקלט און געוואָרפֿן בײַם דאַווענען; זיי האָבן אָנגעהויבן דאַווענען מיטן נוסח ספֿרד; געפּראַוועט סעודהלעך צוזאַמען; געטרונקען נאָכן דאַווענען אַ לחיים און צעוואַרעמט זיך מיט אַ טענצל...

---

[1] אַ קאָמענטאַר אויף גמרא.



„אַ קוויטל צום רבין" — ווען אַ חסיד פֿלעגט פֿרעגן אַן עצה בײַ זײַן רבין, אָדער בעטן דעם רבין מתפּלל צו זײַן פֿאַר אַ חולה אין דער משפּחה — פֿלעגט ער דאָס אַלץ אויפֿשרײַבן אויף אַ קוויטל און דערלאַנגען דעם רבין.

דאָס האָט אַרויסגערופֿן קעגנערשאַפֿט צו חסידים. די קעגנערס האָט מען גערופֿן מיט דעם העברעיִשן וואָרט: — **מתנגדים**. צווישן חסידים און מתנגדים זײַנען פֿאָרגעקומען גרויסע מחלוקות.[1]

ווען די תּלמידים פֿון רבין ר' בער מעזריטשער זײַנען געקומען קיין ליטע צו פֿאַרשפּרייטן חסידות, האָבן זיי דאָ זיך אָנגעטראָפֿן

[1] קריגערײַען.

אויף אַ גרויסער קעגנערשאַפֿט, בפֿרט אין דער שטאָט ווילנע. די ליטוויש־ייִדישע קהילות זײַנען געווען אונטער דער שטאַרקער השפּעה פֿון רבנים און לומדים און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז חסידיזם וועט אָפּשוואַכן זייער אויטאָריטעט.

דאָ, אין ווילנע, האָט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט געלעבט דער גרעסטער גאון בײַ ייִדן — ר׳ אליהו דער ווילנער גאון. דער ווילנער גאון איז געווען באַוווּסט אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט און מיט זײַנס אַ מיינונג האָט מען זיך גוט גערעכנט. און ווען דער ווילנער גאון אַליין האָט אָנגעהויבן קעמפֿן קעגן די חסידים, דאַן איז שוין די מחלוקה געוואָרן גרעסער און די רדיפֿות[2] אויף די חסידים — שטאַרקער.

אין יאָר 1772 האָט מען אין דער ווילנער שול אויסגערופֿן אַ חרם אויף די חסידים. בריוו מיט דער אונטערשריפֿט פֿון ווילנער גאון ר׳ אליהו און אַנדערע רבנים, זײַנען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו די קהילות אין ליטע און ווײַסרוסלאַנד, אַז אויך דאָרטן זאָל מען אויסרופֿן אויף זיי אַ חרם. אין די בריוו צו די קהילות איז געזאָגט געוואָרן: אַז די חסידים מאַכן קרײַזלעך פֿאַר זיך (אייגענע מנינים) און זייערע תּפֿילות זײַנען מיט אַן אַנדערן נוסח[3] ווי בײַ כּל ישׂראל; זיי שרײַען בײַם דאַווענען מיט מאָדנע קולות, שאָקלען זיך און דרייען זיך ווי רעדער, און אַלע טאָג איז בײַ זיי ווי אַ יום־טובֿ.

די מחלוקותן צווישן מתנגדים און חסידים האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן. אויסגעזען האָט דאָס, אַז דאָס איז אַ מחלוקה לשם שמים, פֿאַר גאָטס וועגן, אָבער די דאָזיקע מחלוקה — ווי מחלוקותן בכלל — האָט געפֿירט צו שׂנאה און בייז בלוט, וואָס איז ניט געווען קיין כּבֿוד פֿאַר ייִדן.

ניט קוקנדיק אויף דעם, האָבן די מתנגדים ניט געקענט אָפּשטעלן דעם וווּקס פֿון דער חסידישער באַוועגונג. ווען דער רבי ר׳ בער פֿון מעזריטש איז נפֿטר געוואָרן (1772), זײַנען שוין געווען אַרום פֿופֿציק טויזנט חסידים. זײַנע תּלמידים האָבן נאָך זײַן טויט געשאַפֿן חסידישע צענטערס אין פּוילן, ליטע, גאַליציע, רוסלאַנד, אונגאַרן, רומעניע, און אויך אין ישׂראל.

---

[2] פֿאַרפֿאָלגונגען. [3] סדר פֿון טעקסט.

השׂכּלה און חסידות

ביז אין מיטן פֿון 18טן יאָרהונדערט איז דאָס ייִדישע לעבן אין אייראָפּע געווען אָפּגעשלאָסן פֿון דרויסנדיקע השפּעות.[1] ייִדן האָבן געלעבט מיט זייערע אייגענע טראַדיציעס, מיט זייערע אייגענע מנהגים, און מיט זייער אייגענער שפּראַך, וואָס איז געווען די ייִדישע שפּראַך. דאָס לערנען פֿון די דערוואַקסענע און די דערציִונג פֿון די ייִנגערע איז געווען אַ דורותדיקע[2] דערציִונג פֿון: סידור, חומש מיט רש״י, נבֿיאים, משנה און גמרא, הלכה און אַנדערע רעליגיעזע ספֿרים.

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט האָבן אין אייראָפּע אָנגעהויבן בלאָזן נײַע ווינטן; פֿראַנצויזישע און דײַטשע שרײַבערס און דענקערס האָבן אָנגעהויבן אַן אויפֿקלערונגס-אַרבעט צו באַפֿרײַען דעם מענטשלעכן געדאַנק פֿון די אַלטע טראַ-דיציעס און פֿאַלשע מיינונגען. זיי האָבן זיך באַמיט צו דערציִען די מענטשן מיט מער פּראָגרעסיווערע אידעען. אין דער געשיכטע ווערט די דאָזיקע צײַט אָנגערופֿן: די איבערגאַנגס-צײַט — אַן איבערגאַנג פֿון פֿאַנאַטיזם און אַבערגלויבן צו אַ פֿרײַען שׂכלדיקן דענקען.

ביסלעכווײַז האָבן זיך די דאָזיקע אידעען אָנגעהויבן צו דער-נענטערן צו די געבילדעטע ייִדן אין דײַטשלאַנד. זיי האָבן געשאַפֿן אַ באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט אַן אויפֿקלערונגס-אַרבעט צווישן ייִדן, אַז זיי זאָלן זיך דערנעטערן צו דער קולטור פֿון די אייראָפּעיִשע פֿעלקער. דאָס איז געווען די „השׂכּלה״ באַוועגונג. די אָנהענגערס פֿון דער „השׂכּלה״ באַוועגונג האָט מען גערופֿן „משׂכּילים״. ביידע ווערטער מיינען טאַקע: אויפֿקלערונג, אויפֿגע-קלערטע, בילדונג און פֿאַרשטאַנד (אין די מיטלסטע דרײַ אותיות פֿון וואָרט השׂכּלה איז פֿאַראַן דאָס וואָרט שׂכל).

בראש[3] פֿון דער השׂכּלה באַוועגונג איז געשטאַנען דער ייִדי-שער געלערנטער משה מענדעלסאָן. זײַן נאָמען איז שוין אין

---

[1] אײַנפֿלוסן.

[2] פֿון דור צו דור.

[3] אין דער אָנפֿירערשאַפֿט.

דײַטשלאַנד געווען גוט באַוווסט. ער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זײַנע פֿילאָזאָפֿישע ביכער, וואָס ער האָט געשריבן אויף דײַטש. ער האָט אויך איבערגעזעצט דעם תּנ"ך אויף דײַטש (מיט העברעיִשע אותיות) און צוגעגעבן צו דעם תּנכישן טעקסט אַ „ביאור" — אַ גראַמאַטישן פּירוש, וואָס ער האָט פֿאַרפֿאַסט מיט דער הילף פֿון זײַנע געלערנטע פֿרײַנד.

משה מענדעלסאָן, פֿירער פֿון דער השׂכּלה־באַוועגונג אין דײַטשלאַנד.

מיט דער דײַטשער תּנ"ך־איבערזעצונג האָט מענדעלסאָן געוואָלט, אַז די ייִדן זאָלן זיך אויסלערנען די דײַטשע שפּראַך, כּדי זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער דײַטשער ליטעראַטור.

די אָרטאָדאָקסישע ייִדן אין דײַטשלאַנד און אין מזרח־אייראָפּע האָבן גוט פֿאַרשטאַנען מענדעלסאָנס כּוונה. דעריבער האָט

זײַן איבערזעצונג מיטן „ביאור" צום תּנ"ך אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפֿט. די אָרטאָדאָקסישע ייִדן האָבן געטענהט, אַז לערנען תּנ"ך אין דער דײַטשער שפּראַך איז ניט לויט דעם ייִדישן גײַסט; ייִדן וועלן צוליב דעם אָפּגעריסן ווערן פֿון זייער אייגענעם לשון און דאָס וועט מיט דער צײַט פֿירן צו אַסימילאַציע.

אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, האָבן די אידעען פֿון דער השׂכּלה גענומען אַרײַנדרינגען צווישן די ייִדן אין גאַליציע, ליטע, פּוילן און רוסלאַנד. יונגע ייִדישע טאַלאַנטן — שרײַבערס, פּאָעטן און אָנהענגערס פֿון רעליגיעזע רעפֿאָרמען — האָבן געשריבן וועגן די גרויסע מעלות[1] פֿון דער השׂכּלה.

אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט האָט גענומען וואַקסן די השׂכּלה־ליטעראַטור פֿון די באַרימטע שרײַבערס: יוסף פּערל, מענדל לעפֿין, יצחק בער לעווינזאָן, א. מ. דיק, און פֿיל אַנדערע. אין זייערע ווערק זײַנען זיי אַרויסגעטרעטן קעגן דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן לעבן. זיי האָבן קריטיקירט און אויך אָפּגעלאַכט פֿון די חסידים און זייערע רביים. זייערע בראָשורן, ביכלעך, וואָס מ'פֿלעגט לייענען באַהאַל־טענערהייט, האָבן געהאַט אַ ווירקונג. אַ סך פֿרומע חסידישע יונגעלײַט האָבן זיך גענומען צו וועלטלעכער בילדונג און זײַנען אַוועק פֿון דעם אַלטן לעבנסשטייגער; מ'האָט זיך אָפּגעשוירן די לאַנגע פּאות און פֿאַרטוישט די לאַנגע קאַפּאָטע אויף אַ קורץ רעקל...

די פֿרומע ייִדישע וועלט, סײַ חסידים און סײַ מתנגדים, האָבן אויפֿגעהויבן אַ קאַמף קעגן די משׂכּילישע אידעען. זיי האָבן געזען אַז דאָס וועט פֿירן זייערע קינדער צו אַסימילאַציע — אַפֿילו ווען דאָס איז ניט געווען די כּוונה פֿון די משׂכּילים. די משׂכּילים האָבן נאָר געוואָלט, אַז די ייִדן זאָלן ווערן מאָדערנע וועלטלעכע מענטשן. זייער לאָזונג איז געווען: **„היה אדם בצאתך ויהודי באהלך"** — זײַ אַ מענטש אין גאַס און אַ ייִד בײַ זיך אין הויז.

ייִדן האָבן פֿריִער פֿון אַזאַ צעשפּאָלטנקייט ניט געוווּסט. אויב אַ ייִד — איז דאָס אַלע מאָל און אומעטום דער זעלבער ייִד ווי ער שטייט און גייט.

[1] די גוטע זײַטן.

די משׂכּילים האָבן אָבער געגלייבט, אַז ווען ייִדן וועלן זיך אויסערלעך פֿירן ווי זייערע ניט־ייִדישע שכנים, זייער הלבשה[2] וועט זײַן אייראָפּעיִש, דאַן וועט דאָס אָפּשוואַכן די שׂנאה צו זיי און מען וועט קענען לעבן אָן פֿאַרפֿאָלגונגען; ס'וועט זיך אָנהייבן די אמתע עמאַנציפּאַציע.

די צײַט האָט אָבער דעם משׂכּילישן גלויבן ביטער אַנטוישט. עס האָבן זיך אין די פֿריִע אַכציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן די גרויסע פּאָגראָמען אויף ייִדן אין רוסלאַנד. טויזנטער ייִדן האָבן גענומען אויסוואַנדערן פֿון זייערע אַלטע היימען. און ייִדן האָבן זיך אַרומגעזען, אַז מיט חנדלען[3] זיך צו פֿרעמדע וועט ניט קומען די ישועה.[4]

די דאָזיקע געשעענישן האָבן אָנגעהויבן וועקן בײַ ייִדן נײַע געדאַנקען — געדאַנקען פֿון אויטאָ־עמאַנציפּאַציע און שיבֿת ציון. דאָס מיינט: אַליין זיך צו באַפֿרײַען פֿון דעם פֿינצטערן גלות, דורך קאָלאָניזאַציע און אויפֿבוי אין אונדזער נאַציאָנאַלער היים ארץ־ישׂראל.



---

[2] קליידונג.

[3] זיך באַמיִען געפֿעלן צו ווערן.

[4] הילף.

וואָס ווייסן מיר איצט וועגן חסידות?

א) ווען איז אויפֿגעקומען די חסידישע באַוועגונג?
ב) ווער איז געווען איר גרינדער און ווער איז געווען איר ער־שטער רבי?
ג) וואָס האָט חסידות געלערנט?
ד) ווו איז געווען דער ערשטער צענטער פֿון חסידות?
ה) פֿאַר וואָס האָט מען ר׳ ישׂראלן גערופֿן „בעל־שם־טובֿ"?
ו) ווער איז געוואָרן דער רבי פֿון די חסידים נאָך דעם בעש"ט?
ז) ווער זײַנען געווען: ר׳ שניאור זלמן און ר׳ לוי יצחק באַר־דיטשעווער?
ח) פֿאַר וואָס זײַנען געוויסע רבנים געווען קעגנערס פֿון חסידיזם?
ט) וואָס איז דײַן מיינונג וועגן דער מחלוקה צווישן די מתנגדים און חסידים?
י) האָט די חסידישע באַוועגונג אויך געהאַט אַנדערע קעגנערס?

אַ פּראָיעקט וואָס קען ווערן אינטערעסאַנט:

מ׳קען דאָס מאַכן אויף אַ גרויסן טאָוול, מיט דער אויפֿשריפֿט:

רביים און חסידים

מען דאַרף אָנהייבן זוכן און זאַמלען פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון חסידישע טיפּן: פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון פֿאַרשיידענע רביים, חסידים, עלטערע חסידים און יינגערע; פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון חסידישע ייִנגלעך, פֿרויען און מיידלעך. די פֿאָטאָגראַפֿיעס דאַרף מען זוכן אין צײַטונגען, אין ביכער, אין ישׂראלדיקע זשורנאַלן, אין אילוסטרירטע ישׂראלדיקע קאַרטלעך און פֿון פֿרײַנד, וואָס האָבן ליב צו נעמען בילדער בעת זייערע באַזוכן אין ישׂראל. די פֿאָטאָגראַפֿיעס דאַרף מען סאָרטירן און אויסקלעפּן זיי אויפֿן טאָוול אין שיינע פֿאָרמאַציעס. אונטער די פֿאָטאָגראַפֿיעס דאַרף מען באַשרײַבן פֿון וועלכער דינאַסטיע דער רבי אָדער די חסידים זײַנען. צי איז דאָס דער ליובאַוויטשער רבי אָדער דער סאַטמאַרער רבי. איז דאָס אַן אַמעריקאַנער חסיד, אַ חסיד פֿון ישׂראל, צי אַ טיפּ פֿון די אַמאָליקע חסידים אין פּוילן...

ציוניזם

אַ באַוועגונג, וואָס ייִדן אין אייראָפּע האָבן געשאַפֿן

אין די ווערטער: ציוניזם, ציוניסט, ציוניסטן — איז פֿאַראַן דאָס וואָרט „ציון". דאָס איז אַ נאָמען פֿון אַ באַרג אַרום ירושלים, דער „הר ציון". „ציון" איז מיט דער צײַט געוואָרן דער סימבאָלי־שער נאָמען פֿון ירושלים און אויך פֿון גאַנץ ארץ־ישׂראל.

ווען ייִדן זאָגן אין דער תּפֿילה פֿון שמונה עשׂרה: „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" — מיינט מען ארץ־ישׂראל. ווען ר' יהודה הלוי האָט געזונגען: „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך" — האָט ער דאָס געזונגען צו ארץ־ישׂראל. און ווען אַ ייִד האָט ליב ארץ־ישׂראל און אַרבעט פֿאַר ארץ־ישׂראל — ווערט ער אָנגערופֿן אַ „חובֿבֿ ציון".[1]

ייִדן האָבן קיין מאָל ניט אויפֿגעגעבן זייער האָפֿענונג פֿון אַ באַפֿרײַטער ארץ־ישׂראל. אונדזער גלויבן אין משיחן, וואָס איז פֿון די הויפּט־עיקרים[2] אין דער ייִדישער אמונה, איז דער גלויבן, אַז ייִדן וועלן לעבן ווי אַ פֿרײַ פֿאָלק אין דעם לאַנד פֿון זייערע אור־עלטערן.

ארץ־ישׂראל איז קיין מאָל ניט געבליבן אָן ייִדן; עס זײַנען געווען ייִדן אין ירושלים, יפֿו און אין צפֿת. זיי זײַנען געווען פֿרומע ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט לעבן מיט דער קדושה[3] פֿון ארץ־ישׂראל. אָבער די זײַנען נאָר געווען קליינע גרופּעס פֿון חסידים אָדער אָריענטאַלישע ייִדן. די אידעע פֿון ציוניזם, די דערוואַכונג פֿון ייִדישן פֿאָלק אויפֿצוריכטן זייער היימלאַנד — איז ערשט געקומען אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט.

[1] פֿרײַנד פֿון ציון. [2] פּרינציפּן. [3] הייליקייט.

די „חובבי ציון" און ד״ר לעאָן פינסקער

דער געדאַנק אַנצוהויבן קאָלאָניזירן ארץ־ישׂראל און בויען פֿאַר זיך אַן אייגענע היים — איז שוין געווען פֿאַר ד״ר הערצלען.

נאָך די פּאָגראָמען פֿון 1881 אין רוסלאַנד, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אויסוואַנדערונגען פֿון די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, האָבן שוין עקסיסטירט קרײַזן פֿון דער „חובבי ציון" באַוועגונג. זייער אידעע איז געווען: אַנצוהייבן אַ מאָדערנע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל און צוגרייטן דעם באָדן פֿאַר עליה.

אין יאָר 1882 האָט ד״ר יהודה לייב (לעאָן) פּינסקער אַרויסגעגעבן אַ בראָשור מיטן נאָמען „אויטאָעמאַנציפּאַציע" (זעלבסט־באַפֿרײַונג). ייִדן וועלן זיך קענען באַפֿרײַען פֿון דעם ביטערן גלות — האָט ער געזאָגט — ווען זיי וועלן זײַן אַ פֿאָלק צווישן פֿעלקער, מיט אַן אייגענער היים פֿאַר זיך.

„אין די אויגן פֿון די לעבעדיקע — שרײַבט פּינסקער אין זײַן „אויטאָעמאַנציפּאַציע" — ווערט דער ייִד באַטראַכט ווי אַ טויטער; אין די אויגן פֿון דעם הי־געבוירענעם — איז ער אַ פֿרעמדער; אין די אויגן פֿון דעם אײַנגעזעסענעם — איז ער אַ וואַנדערער; אין די אויגן פֿון די גבֿירים — איז ער אַ קבצן! אין די אויגן פֿון די אָרעמע — אַן עקספּלואַטאַטאָר;[1] און אין די אויגן פֿון אַ פּאַטריאָט — איז ער אַ היימלאָזער". „כּל זמן — זאָגט ער ווײַטער — מיר וועלן ניט האָבן אונדזער אייגענע היים מיט לײַטן גלײַך, וועלן מיר ניט ווערן באַטראַכט ווי גלײַכע מיט די אַנדערע פֿעלקער".

לעאָן פּינסקערס ווערטער האָבן געווירקט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן קרײַזן פֿון יונגע מענטשן אונטערן נאָמען „**ביל״ו**" (די ראשי תּיבֿות פֿון אַ פּסוק אין ישעיה: „בית יעקבֿ לכו ונלכה" — הויז פֿון יעקבֿ, קומט און לאָמיר גיין).

די בילויים זײַנען געווען די ערשטע חלוצים אָפּצופֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל און מיט די אייגענע הענט אָנגעהויבן בויען די קאָלאָניעס: גדרה, ראשון לציון, ראש פּינה, זכרון יעקבֿ און אַנדערע.

גרויס איז געווען די באַגײַסטערונג פֿון די בילויים, אָבער די שלעכטע באַדינגונגען, די שוועריקייטן, וואָס זיי האָבן דאָרטן

---

[1] אַ מענטש וואָס נוצט אויס אַנדערע פֿאַר זײַנע צוועקן.

אַנגעטראָפֿן — זײַנען געוועזן נאָך גרעסער. ערשט שפּעטער, ווען דער באַראָן בנימין עדמאָנד ראָטשילד פֿון פּאַריז איז זיי געקומען צו הילף — האָט זיך דער מצבֿ[2] פֿון די קאָלאָניסטן גענומען פֿאַר־בעסערן.

די „חובֿבֿי ציון", די בילויים, און די ערשטע קאָלאָניעס אין ארץ־ישׂראל — זײַנען געווען די ערשטע טריט פֿון אַ נאַציאָנאַלער דערוואַכונג.[3] און הגם דאָס איז נאָר געווען אַ קליינער אָנהייב, האָט דאָס אָבער צוגעגרייט דעם וועג פֿאַר דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס ד"ר בנימין זאבֿ הערצל האָט געשאַפֿן מיט פֿופֿצן יאָר שפּעטער.

ד"ר הערצל, דער פֿאָטער פֿון פּאָליטישן ציוניזם

ד"ר הערצל האָט געזאָגט: די פּראָבלעם פֿון ייִדישן פֿאָלק איז אויך אַ וועלט־פּראָבלעם. די פֿרײַע פֿעלקער דאַרפֿן שטיצן און פּאָליטיש העלפֿן די ייִדן צו בויען פֿאַר זיך אַן אייגענע היים. מיר דאַרפֿן דעריבער, דורך דיפּלאָמאַטישע וועגן און פֿאַרהאַנדלונגען, קריגן די שטיצע פֿון געוויסע רעגירונגען פֿאַר אונדזער באַפֿרײַונגס־אידעע און אַזוי אַרום וועלן מיר קענען בויען אַן אייגענע ייִדישע מדינה.

צו דעם געדאַנק פֿון אַ ייִדישער מדינה איז ד"ר הערצל געקומען ווען ער איז שוין אַלט געווען פֿיר און דרײַסיק יאָר. דאָס איז געווען אין יאָר 1894, ווען אין פּאַריז איז פֿאָרגעקומען דער דרייפֿוס־פּראָצעס. ד"ר הערצל — דער קאָרעספּאָנדענט פֿון אַ ווינער דײַטשער צײַטונג — האָט ממש אויפֿגעציטערט פֿון דעם בלינדן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך אַזוי שאַרף אַרויסגעוויזן בײַ דעם משפּט פֿון דעם אומשולדיקן ייִדישן קאַפּיטאַן דרייפֿוס. ער האָט זיך דעמאָלט פֿאַרטראַכט וועגן דעם גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק און געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז ייִדן דאַרפֿן זיך אומקערן צו זייער אייגן פֿאָלק און צו זייער אייגענעם לאַנד.

דעם דאָזיקן געדאַנק האָט הערצל אויסגעברייטערט און אויפֿ־געקלערט אין זײַן בוך: „די ייִדישע מלוכה" (דער ייִדנשטאַט). ער

---

[2] די לאַגע.   [3] אויפֿלעבונג.

האָט דאָרטן אויך פֿאָרגעלייגט אַ פּלאַן צו גרינדן אַ ייִדישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קענען שאַפֿן פּאָליטישע און פֿינאַנציעלע[2] מעגלעכקייטן אויפֿצוריכטן פּאַלעסטינע מיט קאָלאָניזאַציע און עליה.

זײַן בוך „דער ייִדנשטאַט" האָט הערצל אָנגעשריבן אין פּאַריז, אין יאָר 1895. ער האָט אים ניט פֿאַרעפֿנטלעכט ביז 1896, ווײַל ער האָט פֿריִער געוואָלט זיך באַראַטן[3] מיט פֿרײַנד, מיט ייִדישע פֿירערס און מיט רײַכע ייִדישע פֿילאַנטראָפּן.[4] ער האָט זײַן פּלאַן אויך געבראַכט צו באַראָן הירש, דער שטיצער פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. דער באַראָן — פּונקט ווי אַלע אַנדערע — האָבן הערצלען באַטראַכט ווי אַ פֿאַנטאַזיאָר.

פֿון די נאָענטע פֿרײַנד, וואָס האָבן הערצלס אידעע גענומען ערנסט, איז געווען דער שרײַבער און געלערנטער, ד"ר מאַקס נאָרדוי, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין פּאַריז. ביידע פֿרײַנד האָבן זיך גענומען צוצוגרייטן דעם פּלאַן פֿאַר דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס זיי האָבן צונויפֿגערופֿן (1897) אין דער שווייצאַרישער שטאָט באַזעל.

דעם 29סטן אויגוסט איז פֿאָרגעקומען די דערעפֿענונג פֿון קאָנגרעס. עס זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען אַרום 200 דעלעגאַטן און 300 געסט פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. מיט דעם דאָזיקן ערשטן קאָנגרעס איז געגרינדעט געוואָרן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, מיט דער שטרעבונג צו אַן אייגענער מדינה אין ארץ־ישראל. די הויפּט־רעזאָלוציעס פֿון קאָנגרעס זײַנען געווען: 1) „דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפֿן אַ געזיכערטע היים פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלק אין פּאַלעסטינע און לויט אַ באַשטימטן פּלאַן צו באַזעצן דאָס לאַנד מיט ייִדן — ערדאַרבעטערס, האַנטווערקערס[5] און אינדוסטריאַליסטן; 2) פֿאַראייניקן דאָס ייִדישע פֿאָלק מיט אָרגאַניזאַציעס אין יעדן לאַנד ווו די געזעצן דערלויבן דאָס; 3) צו שטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע געפֿיל און באַוווסטזײַן; 4) און באַמיִען

[2] געלט־מיטלען.

[3] האַלטן אַן עצה.

[4] וואָס שטיצן מיט געלט.

[5] בעלי־מלאכות.

זיך צו באַקומען פֿון געוויסע רעגירונגען אַ פֿרײַנדלעכע הסכּמה[6] פֿאַר די ציוניסטישע אידעאַלן״.

דער קאָנגרעס האָט אויך אויסגעקליבן אַ צענטראַלן קאָמיטעט אין וועלכן ס׳זײַנען אַרײַן פֿאַרטרעטערס פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. בראש פֿון דעם קאָמיטעט און פֿון דער נײַ־געגרינדעטער אָרגאַני־זאַציע איז געשטאַנען ד״ר הערצל. זײַן מאַגנעטישע[7] פּערזענ־לעכקייט האָט אַרויסגערופֿן צו זיך אַלעמענס דרך־ארץ, צוטרוי און גלויבן אין דער אַרבעט פֿאַר אַ בעסערער צוקונפֿט.

דר. הערצל אויף אַ שיף קיין ארץ־ישראל

די ציוניסטישע קאָנגרעסן, וואָס מען פֿלעגט צונויפֿרופֿן יאָר נאָך יאָר, זײַנען געווען ווי אַ יידישער פּאַרלאַמענט; עס פֿלעגן קומען מער דעלעגאַטן און די מיינונגען און די דיסקוסיעס זײַנען

[6] צושטימונג. [7] צוציִענדיקע.

געוואָרן שאַרפֿער. אין צענטער פֿון אַלע אַקטיוויטעטן און אונטער־נעמונגען איז געשטאַנען ד"ר הערצל. ער האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט און ניט גערוט. ער האָט געפֿירט דיפּלאָמאַטישע אונטער־האַנדלונגען מיטן טערקישן סולטאַן, מיטן קייסער ווילהעלם פֿון דײַטשלאַנד, מיט דער ענגלישער רעגירונג און מיט אַנדערע רע־גירונגען.

הערצלס וויזיע און גלויבן אין דער אויפֿלעבונג פֿון ייִדישן פֿאָלק אין אַן אייגענער מדינה איז געווען אַזוי שטאַרק — אַז אַפֿילו די דורכפֿאַלן[1] האָבן אים ניט אַנטמוטיקט און ניט דערשראָקן.

אין זײַן בוך „אַלטנײַלאַנד" ווו הערצל מאָלט מיט זײַן דמיון[2] די צוקונפֿטיקע ייִדישע מדינה — זאָגט ער דאָרטן באַלד פֿון אָנ־הייב: „אויב איר וועט וועלן איז דאָס ניט קיין לעגענדע"... אָבער ער פֿאַרענדיקט זײַן בוך מיט אַ צווייטן זאָג, וואָס קלינגט ווי אַ וואָרנונג: — „און אויב איר וועט ניט וועלן — איז אַלץ וואָס איך האָב אײַך דאָ דערציילט, ניט מער ווי אַ לעגענדע און אַ לעגענדע וועט דאָס בלײַבן"...

ניט מער ווי זיבן יאָר איז ד"ר הערצל געשטאַנען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די שווערע אַרבעט האָט אים אַרויס־געשלאָגן פֿון זײַנע כּוחות און אָפּגעשוואַכט זײַן געזונט. ער איז געשטאָרבן אין אַ יונגן עלטער פֿון פֿיר און פֿערציק יאָר (1904). אָבער זײַן אידעאַל, וואָס איז פֿון אַ סך מענטשן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פֿאַנטאַסטישער חלום — איז אין אונדזערע צײַטן געוואָרן אַ רעאַליטעט.

פֿון ד"ר הערצלס ביאָגראַפֿיע:

בנימין זאבֿ הערצל איז געבוירן געוואָרן אין בודאַפּעשט, די הויפּטשטאָט פֿון אונגאַרן, אין יאָר 1860. זײַן פֿאָטער, יעקבֿ הערצל, איז געווען אַ רײַכער סוחר, אַ משׂכּיל[3] און אַן איידעלער מענטש. אויך זײַן מוטער, דזשענעט, איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאָדערנע

[1] דאָס וואָס האָט ניט געהאַט קיין דערפֿאָלג.

[2] פֿאַנטאַזיע.

[3] אַ מענטש מיט וועלטלעכן וויסן.

יידישע פֿרוי און געפֿירט איר הויז מיט אייראָפּעיִשער אריסטאָ־קראַטישקייט.

זײַנע עלטערן זײַנען ניט געווען פֿון די רעליגיעזע אָרטאָ־דאָקסישע ייִדן. אין יענער צײַט האָט מען אַזעלכע ייִדן באַטראַכט ווי „אַסימילאַטאָרישע ייִדן”. פֿונדעסטוועגן, האָבן די עלטערן געשיקט בנימינען אין אַ ייִדישער שול צו לערנען און וויסן פֿון ייִדישקייט.

לערנענדיק שוין אין גימנאַזיע (מיטלשול), ווו ייִדישע קינדער זײַנען דעמאָלט געווען אַ זעלטנהייט, האָט זיך הערצל אָנגעהויבן צו דערווײַטערן פֿון די ייִדישע קרײַזן און פֿון די ייִדישע פּראָ־בלעמען.

אין עלטער פֿון אַכצן יאָר האָבן זיך זײַנע עלטערן אַריבערגע־צויגן קיין ווין, עסטרײַך. טעאָדאָר הערצל האָט פֿאָרגעזעצט זײַן לערנען אין אוניווערסיטעט און גראַדויִרט אַלס אַדוואָקאַט.[1] ער איז אָבער לאַנג ניט געבליבן בײַ זײַן פּראָפֿעסיע אַלס אַדוואָקאַט, אים האָט געצויגן צו שרײַבערײַ, צו זשורנאַליסטיק. ער האָט ליב געהאַט צו שרײַבן טעאַטער־פּיעסעס און פֿעליעטאָנען. און ווען ס'איז געקומען די געלעגנהייט, האָט ער פֿאַרלאָזט אַדוואָקאַטור און איז געוואָרן אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון דער ווינער צײַטונג, די „נײַע פֿרײַע פּרעסע”.

אין 1891 האָט אים די צײַטונגס־אַדמיניסטראַציע געשיקט קיין פּאַריז. זײַנע רעפּאָרטאַזשן[2] און פֿעליעטאָנען, וואָס ער האָט געשריבן פֿאַר זײַן צײַטונג, זײַנען געלייענט געוואָרן פֿון טויזנטער מענטשן און זײַן נאָמען איז געוואָרן באַוווּסט. מיט ייִדישע ענינים האָט ער זיך זייער ווייניק פֿאַראינטערעסירט. ער איז געווען מיט דער מיינונג, אַז אויב ייִדן וועלן זיך אַסימילירן מיט זייערע ניט־ייִדישע שכנים, וועט פֿאַרשווינדן ווערן דער אַנטיסעמיטיזם.

בעת[3] דעם דרייפֿוס־פּראָצעס אין 1895, האָט הערצל זייער שנעל געביטן זײַן מיינונג. ער איז געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז אַסימילאַציע איז ניט דער ריכטיקער וועג; אָט איז דאָך

---

[1] לאַיער.

[2] נײַעסן פֿאַר דער צײַטונג.

[3] אין צײַט, ווען.

דרייפוס אַליין געווען אַן אַסימילאַטאַרישער ייִד און דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטן צו מאַכן אויף אים אַ בילבול מיט דעם אַנטיסע־מיטישן געשריי, אַז ייִדן זײַנען פֿאַררעטערס...

באַלד אין דעם זעלבן יאָר האָט הערצל אָנגעשריבן דאָס בוך „ייִדנשטאַט". אין 1896 פֿאָרט ער צוריק קיין ווין און הייבט אָן צו אַרבעטן פֿאַר זײַן אידעע פֿון פּאָליטישן ציוניזם.

בנימין זאבֿ הערצל איז געשטאָרבן אין כ׳ תמוז, 1904, און איז געבראַכט געוואָרן צו קבֿורה אין ווין, עסטרײַך. נאָך דער פּראָקלאַמירונג פֿון מדינת ישׂראל, האָט מען אַריבערגעפֿירט זײַנע ביינער קיין ישׂראל און זיי רוען הײַנט אויף דעם הר הערצל אין ירושלים.

הערצל האָט איבערגעלאָזט צוויי טעכטער מיט אַ זון, האַנס, וואָס איז ניט געגאַנגען אין די וועגן פֿון זײַן בארימטן פֿאָטער. פֿאַרן טויט האָט הערצל געזאָגט צו זײַן זון: „דײַנע ברידער זײַנען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אויב דו וועסט וועלן וועסטו זיי געפֿינען — אויך איך האָב זיי געפֿונען, ווײַל איך האָב זיי געזוכט"...

אויף הערצלס נאָמען איז די „הרצליה גימנאַזיום" אין תּל־אָבֿיבֿ, דער הר הערצל אין ירושלים, די פֿאָרשטאָט „הרצליה" און פֿיל גאַסן אין כּמעט אַלע שטעט און קאָלאָניעס פֿון ישׂראל.

ציוניזם און סאָציאַליזם

באַלד נאָך דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, מיט קאָרגע צוויי חדשים שפּעטער, איז אין דער שטאָט ווילנע פֿאָרגע־קומען אַן אַנדערער קאָנגרעס — אַ קאָנגרעס פֿון ייִדישע אַרבע־טערס. דעלעגאַטן פֿון סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד זײַנען זיך צוזאַמענגעפֿאָרן צו אַ געהיימער[1] קאָנפֿערענץ און געגרינדעט די ייִדיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, פֿאַרקירצט מיט דעם נאָמען „בונד". דאָס איז געווען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס האָט געקעמפֿט פֿאַר פּאָליטישע און בירגערלעכע פֿרײַהייט פֿאַר דער ייִדישער באַפֿעלקערונג בכלל און פֿאַר דעם אַרבעטער בפֿרט.

---

[1] אין דער שטיל, מ׳זאָל ניט וויסן.

עס איז ניט געווען קיין צופאַל, וואָס ביידע באַוועגונגען — די ציוניסטישע און די סאָציאַליסטישע — האָבן זיך אָרגאַניזירט אין דער זעלבער צײַט. ביידע באַוועגונגען זײַנען געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון יענע פינצטערע יאָרן פאַר ייִדן אין מזרח-אײַראָפּע; ביידע אָרגאַניזאַציעס האָבן געזוכט וועגן און מיטלען צו באַפרײַען זיך פון אַזאַ רעכטלאָזן[2] לעבן.

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געזאָגט, אַז אַ גוט-אָרגאַניזירטע מאַסן-קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישׂראל, וואָס זאָל פירן צו אַן אייגענער מדינה — איז דער איינציקער אויסוועג פאַר ייִדן זיך צו באַפרײַען פון די פאַרפאָלגונגען אין גלות. און דער בונד האָט געזאָגט, אַז די אויסזיכטן פון אַ מאַסן-עמיגראַציע קיין ארץ-ישׂראל זײַנען זייער שוואַכע, אונדזער קאַמף פאַר בירגערלעכע רעכט און נאַציאָנאַלער פרײַהייט דאַרף מען אָנהייבן דאָ אויפן אָרט, צוזאַמען מיט די אַרבעטערס פון די אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופעס.

מיט דער גרינדונג פון „בונד" האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון ייִדישן קאַמף פאַר בירגערלעכער פרײַהייט. און כאָטש דער שלום-בית[3] צווישן די ציוניסטן און בונדיסטן איז ניט געווען קיין גוטער, איז אָבער אומדירעקט געווען צווישן זיי אַ קעגנזײַטיקע השפעה: — דער „בונד" האָט מיט דער צײַט אָנערקענט, אַז די ייִדישע פּראָבלעם איז אויך אַ נאַציאָנאַל פּראָבלעם, דאָס מיינט: אַז ייִדן זײַנען אַ פאָלק מיט אַן אייגענער קולטור און שפּראַך און זיי מוזן האָבן די פולע פרײַהייט זיך אויסצולעבן און אַנטוויקלען זייער קולטור און שפּראַך.

אין דער זעלבער צײַט האָט די סאָציאַליסטישע אַרבעט פון „בונד" אויך געהאַט אַן השפעה אויף דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט האָבן זיך צווישן די ציוניסטן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן סאָציאַליסטישע אַרבעטער-גרופעס (ווי פּועלי-ציון, געגרינדעט פון ב. באָראָכאָוו).

נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען פּוילן איז געוואָרן

---

[2] אָן רעכט.

[3] די פרײַנדשאַפט.



אַ בייגל־פֿאַרקויפֿער אין די גאַסן פֿון וואַרשע; ער פֿלעגט אַרויסהעלפֿן מיט פּרנסה זײַן אָרעמע היים.

אומאָפּהענגיק פֿון רוסלאַנד, איז דער „בונד" געווען אַ שטאַרקער כּוח אויף דער ייִדישער גאַס; סײַ קעגן דעם הערשנדיקן אַנטיסעמיטיזם און סײַ קעגן דער אַסימילאַציע. אירע פֿאָלקסשולן האָבן דערצויגן אַ יוגנט מיט ליבע צו ייִדיש און צו דער ייִדישער קולטור.

אויפֿבלי פֿון דער העברעיִשער און יִדישער ליטעראַטור

ביידע גרויסע באַוועגונגען — די ציוניסטישע און סאָציאַ־ליסטישע — האָבן אַרײַנגעבראַכט אַן אויפֿלעבונג אין דער העברעיִ־שער און יִדישער ליטעראַטור.

אין סוף 19טן און אין אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט האָבן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור אויפֿגעשײַנט אַזעלכע נעמען ווי: אחד־העם (אשר גינזבורג), ח. נ. ביאַליק, א. ד. גאָרדאָן, ש. טשער־ניכאָווסקי, נחום סאָקאָלאָוו, דוד פֿרישמאַן און פֿיל אַנדערע. זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט אַ מאָדערנעם סטיל אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און האָבן געהאַט אַ גרויסע דערציִערישע השפּעה אויף דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע.

אַ שטאַרקן אײַנדרוק און באַוווּנדערונג האָבן דעמאָלט אַרויס־גערופֿן די העברעיִשע אָפּהאַנדלונגען פֿון דעם שרײַבער און דענקער אחד־העם. קעגן ד״ר הערצלס „פּאָליטישן ציוניזם״ איז ער אַרויס־געקומען מיט דעם געדאַנק פֿון „גײַסטיקן ציוניזם״. אחד העמס מיינונג איז געווען, אַז ארץ־ישׂראל וועט קיין מאָל ניט קענען אַרײַננעמען דאָס גאַנצע יִדישע פֿאָלק, די גרעסטע מערהייט וועט אַלע מאָל בלײַבן אין די גלות־לענדער. ארץ־ישׂראל קען ווערן פֿאַר יִדן נאָר אַ „מרכז רוחני״ (אַ גײַסטיקער צענטער), וואָס וועט מיט דעם נאַציאָנאַלן גײַסט און העברעיִשער קולטור האָבן אַ גרויסן אײַנפֿלוס אויף אַלע יִדן אין דער וועלט״.

אחד־העמס געדאַנק איז געווען: אַז פֿריִער דאַרף מען אויפֿ־לעבן דעם נאַציאָנאַלן גײַסט פֿון יִדישן פֿאָלק און דערנאָך קען מען אויפֿלעבן דאָס לאַנד.

„ווען אַ לאַנד ווערט חרובֿ — זאָגט אחד־העם — קומען אַזעלכע מענטשן ווי עזרא און נחמיה און בויען דאָס לאַנד צוריק אויף, אָבער ווען אַ פֿאָלק ווערט חרובֿ — ווער קען דאָס צוריק אויפֿ־בויען?״

אין דער זעלבער צײַט האָט אויך גענומען אויפֿבליִען די מאָדערנע ליטעראַטור אין יִדיש. אונדזערע קלאַסיקערס: מענ־דעלע, שלום עליכם און י. ל. פּרץ, זײַנען געווען די פּאָרויסגייערס

פֿון אַ גאַנצן דור שרײַבערס און דיכטערס, וועמענס נעמען זײַנען זייער באַוווּסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אַ סך פֿון די באַרימטע ייִדישע פּאָעטן און שרײַבערס, אַזעלכע ווי: יהואָש, א. רייזען, ה. לייוויק, שלום אַש, י. אָפּאַטאָשו, דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין און פֿיל אַנדערע, האָבן שפּעטער זיך באַזעצט אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן און פֿאָרגעזעצט זייערע ליטעראַרישע שאַפֿונגען.


שלום-עליכם


מענדעלע מוכר ספרים


י. ל. פּרץ


ש. פרוג

ח. נ. ביאַליק


יהואָש

וואָס ווייסן מיר וועגן פּאָליטישע פּאַרטייען?

אונטער דעם נאָמען „באַוועגונג", „באַוועגונגען", וואָלט מען געקענט אַוועקשטעלן:

משיחיזם

חסידות

השׂכּלה

ציוניזם

בונד.

וועלכע פֿון די פֿינף באַוועגונגען זײַנען געווען פּאָליטישע אָר־גאַניזאַציעס?

ד"ר הערצל און אַלפֿרעד דרייפֿוס — צוויי אַסי־מילאַטאָרישע ייִדן, וואָס האָבן איינער צום אַנדערן אַ וואָרט ניט אַרויסגערעדט — און דאָך האָט איינער געלערנט פֿון אַנדערן. קענסטו דאָס ברייטער דער־קלערן?

דאָ זײַנען עטלעכע נעמען פֿון באַוועגונגען און באַרימטע מענטשן אין אונדזער געשיכטע: 1) ציוניזם; 2) חובֿבֿי ציון; 3) חסידות; 4) ח. נ. ביאַליק; 5) רבי ישׂראל בעל־שם־טובֿ; 6) לעאָן פּינסקער; 7) מרדכי אַנילעוויטש; 8) ד"ר הערצל; משה מענדעלסאָן; 9) אחד העם; 10) השׂכּלה.

וואָלסטו דאָס געקענט אויסשטעלן מיט דעם ריכ־טיקן סדר? דאָס מיינט: לויט דעם סדר פֿון די נומערן; וואָס און ווער איז געווען פֿריִער און וואָס און ווער איז געווען שפּעטער.

אַ טיפּיש ייִדיש שטעטל אין מזרח־אייראָפּע : דאָס שטעטל איז געווען ווי אַ ייִדישע אויטאָנאָמיע מיט אַ פֿול ייִדיש לעבן
סײַ אין הויז און סײַ אין גאַס.

חורבן איראָפּע

די טראַגישע יאָרן פֿון ווידערשטאַנד און אומקום

אַ קורצע דערמאָנונג

איבער צוויי טויזנט יאָר האָבן ייִדן געלעבט אין איראָפּע. די פֿאַרפֿאָלגונגען, גזירות, בילבולים און גירושים האָבן געבראַכט צו פּסדרדיקע וואַנדערונגען. גרויסע ייִדישע צענטערס פֿלעגן אונטערגיין און נײַע פֿלעגן אויפֿקומען. די איינציקע פֿעסטונגען, וואָס האָבן זיי אָפּגעהיט פֿון אונטערגאַנג, זײַנען געווען די תּורה־צענטערס, די ישיבֿות.

נאָך דעם גירוש שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, איז מזרח־איראָפּע (פּוילן און רוסלאַנד) געוואָרן דער צענטער פֿון די אַשכּנזישע ייִדן. אין פּוילן זײַנען ייִדן במשך[1] פֿון אַ פֿיר הונדערט יאָר געוואָרן אַ גרויסער נאַציאָנאַלער קיבוץ. זיי האָבן זיך אויסגעלעבט מיט אַן אייגענער שפּראַך, מיט אַן אייגענעם שטייגער לעבן אונטער אַ סיסטעם פֿון אויטאָנאָמע[2] קהילות און אינסטיטוציעס.

אין פּוילן האָבן ייִדן ניט געלעבט אין געטאָס. זיי האָבן געלעבט אין שטעט מיט אייגענע ייִדישע קוואַרטאַלן[3] און אין טיפּיש־ייִדישע שטעטלעך, וווּ גויִים זײַנען זיך צונויפֿגעקומען נאָר אין אַ מאַרק־טאָג.

אין ייִדישן שטעטל האָט זיך דער ייִד געפֿילט פֿרײַ מיט זײַן ייִדישקייט אין גאַס ווי בײַ זיך אין הויז. אין שטעטל האָבן ייִדן

---

[1] אין פֿאַרלויף.

[2] זעלבסשטענדיקע אַדמיניסטראַציע.

[3] געגנטן, דיסטריקטן.

געהאַנדלט, געאַרבעט, געלערנט און געחלומט. אַ שׂמחה אין שטעטל — איז געווען אַלעמענס שׂמחה, און אַ טרויער אין שטעטל — איז געווען אַלעמענס טרויער.

פֿון דעם יידישן שטעטל זײַנען אַרויסגעקומען באַרימטע יידן און אין די יידישע שטעטלעך זײַנען אויך געווען גײַסטיקע צענ־טערס פֿון תּורה, חסידות און וועלטלעכקייט. באַוווּסט זײַנען דאָך די גרויסע ישיבֿות פֿון די שטעטלעך: סלאָבאָדקע, וואָלאָזשין, ראַ־דין, דאַמיר. און באַוווּסט זײַנען אויך די חסידישע צענטערס פֿון די שטעטלעך: מעדזשיבאָזש, מעזריטש, ליובאַוויטש, באַרדיטשעוו און אַנדערע.

פֿון פּוילן און רוסלאַנד פֿלעגן יידן אויסוואַנדערן צו נאָענטע און ווײַטע לענדער, אָבער מאַסן־עמיגראַציעס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן אין סוף פֿון 19טן יאָרהונדערט — ווי מיר האָבן שוין דאָס פֿריִער געלערנט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914) איז אין אייראָפּע פֿאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען: די רוסישע אימפּעריע איז זיך צעפֿאַלן און פּוילן און אַנדערע קלענערע לענדער זײַנען געוואָרן זעלבסטשטענדיקע מלוכות. און כאָטש די פֿרײַ־געוואָרענע מלוכות האָבן צוגעזאָגט צו אָנערקענען די בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט פֿון די מינדערהייטן וואָס לעבן אין זייערע לענדער, האָבן זיי אָבער זייער צוזאָג ניט געהאַלטן.

אין אַזאַ לאַנד ווי פּוילן האָט מען ניט צוגעלאָזט קיין יידן צו מלוכה־פּאָסטנס. דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן שטאַרקער פֿון טאָג צו טאָג און יידן האָבן זיך געפֿילט גליקלעך ווען זיי האָבן געקענט עמיגרירן קיין צפֿון־אַמעריקע, דרום־אַמעריקע, אויסטראַ־ליע אָדער ארץ־ישׂראל.

די שרעקלעכע יאָרן דערנענטערן זיך

אין דײַטשלאַנד, ווו ס'האָבן געוווינט אַרום זעקס הונדערט טויזנט יידן, איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואַקסן אַ נאַצי־פּאַרטיי מיט אַ ווילדן אַנטיסעמיטיזם. אין יאָר 1933 איז די

דאָזיקע נאַצי־פּאַרטיי געקומען צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד און היטלער, ימח שמו,[1] איז געוואָרן דער דיקטאַטאָר פֿון לאַנד.

באַלד האָט אַ שרעקלעכער טעראָר אַ פֿלייץ געטאָן איבער די דײַטשע ייִדן: זיי זײַנען אָפּגעזאָגט געוואָרן פֿון אַלע רעגירונגס־שטעלעס; בײַ ייִדישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענירן, פּראָפֿעסאָרן — האָט מען צוגענומען די רעכט צו אַרבעטן; אָנפֿאַלן אויף ייִדן אין די גאַסן, אין זייערע היימען, אין זייערע געשעפֿטן — זײַנען געוואָרן טעגלעכע דערשײַנונגען.

האָבן די ייִדן אָנגעהויבן לויפֿן פֿון דײַטשלאַנד, ווײַל דער הימל האָט זיך גענומען פֿאַרציִען איבער זיי מיט פֿינצטערניש און שטורעם. דאָס ייִדישע פֿאָלק אין דער וועלט איז אויפֿגעציטערט געוואָרן פֿון דער שרעקלעכער האָס־פּראָפּאַגאַנדע אויף ייִדן, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון נאַצי־דײַטשלאַנד צו אַנדערע לענדער. זיי האָבן פּראָטעסטירט און געבעטן בײַ די פֿרײַע פֿעלקער צו העלפֿן, צו אינטערווענירן, אָבער די וועלט האָט געשוויגן; קיינער האָט זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז די דײַטשן וועלן ווערן די מערדערס פֿון פֿעלקער און צווישן זיי — זעקס מיליאָן ייִדן.

דאָס מלחמה־פֿײַער צינדט זיך אָן

זינט 1933 האָבן די נאַצים אין דײַטשלאַנד זיך געהאַלטן אין איין צוגרייטן צו דעם אָנפֿאַל אויף די שכנותדיקע לענדער. דעם 1טן סעפּטעמבער פֿון 1939 האָבן די דײַטשע עראָפּלאַנען שוין באָמבאַרדירט די פּוילישע שטעט. פּוילן איז געפֿאַלן. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן שוין די נאַצים אַרײַנמאַרשירט קיין דענמאַרק, נאָרוועגיע, בעלגיע, האָלאַנד און פֿראַנקרײַך.

בעת דעם אויסברוך פֿון דער מלחמה האָבן אין פּוילן געוווינט אַריבער דרײַ מיליאָן ייִדן. ווי נאָר די נאַצישע מערדערס זײַנען אַרײַן אין אַ שטאָט, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די ייִדן מיט רויב און מאָרד. די פּאַניק[2] איז געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג

---

[1] אָפּגעמעקט זאָל ווערן זײַן נאָמען.

[2] אַ טויט־שרעק.

און מחנות[1] הײמלאָזע ייִדן האָבן זיך געצויגן אויף אַלע װעגן, כּדי צו ראַטעװען זיך פֿון דעם נאָכיאָגנדיקן פֿײַער.

װי נאָר דאָס דײַטשע מיליטער איז אַרײַן אין אַ לאַנד, האָט מען אָנגעהויבן צו פּײַניקן און אומצוברענגען ייִדן. מ'האָט זײ געצװוּנגען צו טראָגן געלע לאַטעס אָדער אָרעמבענדער מיט דעם װאָרט „יודע" און מען פֿלעגט זײ פֿון די גאַסן כאַפּן און אַװעקפֿירן צו שװערער אַרבעט.

קינדער אין געטאָ

אין 1940 האָבן שוין די דײַטשע מערדערס אָנגעהויבן אַרײַנ־יאָגן די ייִדן אין געטאָס. דאָס איז געװען אַ שטח פֿון עטלעכע גאַסן, װאָס זײ האָבן אָפּגעצאַמט מיט װענט און טויערן. קײן ייִד האָט מער ניט געטאָרט װױנען אין דער דרויסנדיקער זײַט פֿון דער געטאָ; אַפֿילו משומדים[2] און קינדער פֿון משומדים — האָבן געמוזט װױנען אין געטאָ.

---

[1] גרעסערע גרופּעס.

[2] די װעלכע זײַנען אַריבער צום קריסטלעכן גלויבן.

אַחוץ די געטאָס האָבן די נאַציס אויפֿגעשטעלט אומעטום צענדליקער קאָנצענטראַציע-לאַגערן. אין די דאָזיקע קאָנצענטראַציע-לאַגערן זײַנען הונדערטער טויזנטער ייִדן פֿאַרפּײַניקט געוואָרן מיט שווערער אַרבעט, מיט טעראָר, מיט הונגער, און צום סוף — מיט טויט אין די גאַז-קאַמערן.

אומקום און ווידערשטאַנד

אין 1942 האָבן שוין די נאַציס געהאַט פּלענער אויסצומאָרדן די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון אייראָפּע. יעדן טאָג האָט מען אַרויסגעפֿירט פֿון די געטאָס טויזנטער ייִדן. זיי האָבן געזאָגט, אַז מען שיקט זיי אויף אַרבעט, ווו זיי וועלן קענען לעבן זאַט און באַקוועם. פֿאַקטיש אָבער זײַנען די טראַנספּאָרטן מיט ייִדן אַרויסגעפֿירט געוואָרן צו די טויטן-לאַגערן.

זיי ווייסן ניט ווו מ'שיקט זיי

אין גיכן האָט מען זיך דערוווּסט ווּהין די טראַנספּאָרטן גייען און מען האָט זיך גענומען אויסבאַהאַלטן. מ׳האָט געגראָבן אונטער־ערדישע בונקערס, טונעלן און ניט אַרויס אויף דער ליכטיקער שייַן. אַ סך פֿון די געטאָ־ייִדן, וועלכע האָבן ס׳האָט נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט, זייַנען אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ צו די פּאַרטיזאַנערס אין די וועלדער. דאָרטן האָבן זיי געהאַט די געלעגנהייט זיך נוקם צו זייַן אין זייערע שונאים מיט פֿאַרשיידענע סאַבאָטאַזש־אַקטן, וואָס די פּאַרטיזאַנערס האָבן כּסדר דורכגעפֿירט.

שרעקלעך און אַכזריותדיק[3] איז געווען דאָס אומברענגען ייִדישע קינדער. מ׳האָט זיי אַרויסגעריסן פֿון מאַמעס הענט און זייערע געוויינען האָבן אַפֿילו ניט פֿאַרטויבט די מערדערס. ניט איין מאַמע איז מיטגעגאַנגען מיט איר קינד צום טויט, ווײַל זי


יאַנוש קאָרטשאַק, דער ווײַג פֿון אַ גרויסן לערער (האָלצגראַוויר).

האָט זיך פֿון איר קינד ניט געקענט שיידן. אויך ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק, דער באַוווּסטער לערער פֿון אַ יתומים־היים, האָט זיך ניט געקענט שיידן פֿון זייַנע קינדער און מיט אַ מיידעלע אויף זייַנע הענט איז ער געגאַנגען מיט זיי דעם לעצטן וועג...

---

[3] גרויזאַם, מערדערלעך.

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

ניט בלויז אין וואַרשע, נאָר אויך אין די אַנדערע געטאָס, אין די לאַגערן, אין די פאַבריקן — זײַנען געווען באַוואָפנטע אויפשטאַנדן. אָבער דער גרעסטער און שטאַרקסטער אויפשטאַנד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן מער ווי אַ חודש צײַט — איז געווען דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

מער ווי אַ יאָר צײַט האָט מען זיך געגרייט צו דעם אויפשטאַנד. עס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן קאַמפּס־גרופּעס אין וועלכע ס'האָבן אָנטייל גענומען יונג און אַלט און פון אַלע ריכטונגען: בונדיסטן, ציוניסטן, אָרטאָדאָקסן — אַפילו רבנים. יעדער קאַמפּס־גרופּע האָט געהאַט אַ קאָמאַנדיר און דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געווען מרדכי אַנילעוויטש.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו אַלע ייִדן פון געטאָ מיט דער אינפאָרמאַציע, אַז די טראַנספּאָרטאַציעס, וואָס די נאַצים פירן אַרויס יעדן טאָג פון געטאָ, פירט מען ניט צו קיין אַרבעט; אונדזערע ברידער און שוועסטער, עלטערן און קינדער, ווערן געפירט צו אַ שרעקלעכן טויט. און אין דעם אויפרוף איז געווען דער מכּבייִשער אויסגעשריי: „לאָזט זיך ניט אומברענגען ווי שאָף, גרייט זיך צו פאַרטיידיקן אײַער לעבן און לאָמיר אַלע מוטיק פאַרטיידיקן אונדזער כּבֿוד... זאָל לעבן די פרײַהייט!".

אין אַ פּסחדיקן פרימאָרגן פון 19טן אַפּריל 1943, ווען באַוואָפנטע נאַצים זײַנען אַרײַן אין געטאָ אַרויסצופירן ייִדן, זײַנען זיי דאָס מאָל, פּלוצים און אומגעריכט, באַשאָסן געוואָרן מיט אַ געדיכטן פײַער פון דרײַ זײַטן. זיי האָבן זיך געמוזט צוריקציִען, איבערלאָזנדיק אויף די גאַסן זייערע געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע.

אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט טאָג נאָך טאָג, און ווען די דײַטשן האָבן געזען, אַז זיי קענען ניט פירן מיט די געטאָ־קעמפער אַן אָפענעם קאַמף, האָבן זיי אונטערגעצונדן די געטאָ, הויז נאָך הויז און די געטאָ האָט אויפגעפלאַקערט און איז אַרומגענומען געוואָרן מיט פײַער און רויך, וואָס האָט פינצטער געמאַכט די הימלען.

די געטאָ־קעמפֿערס זײַנען געשפּרונגען פֿון הויז צו הויז און געקעמפֿט מיט די לעצטע כּוחות. אייניקע קעמפֿערס איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פֿון דער ברענענדיקער געטאָ דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן, אָבער די מערהייט פֿון זיי זײַנען אומגעקומען מיט דעם טויט פֿון קידוש השם און קידוש האומה[1]...

מרדכי אַנילעוויטש מאָנומענט אין קיבוץ „יד מרדכי".

---

[1] צו הייליקן דעם נאָמען פֿון פֿאָלק.

ובמותם צוו לנו את החיים —
החיים עד־העולם!
ח. נ. ביאַליק

די בלוי־ווייַסע פֿאָן אין דעם לעצטן קאַמף

אויפֿן 42סטן טאָג פֿון געטאָ־אויפֿשטאַנד איז פֿאַרבליבן אין צענטער פֿון געטאָ אַ הויז פֿון פֿיר שטאָק. אויפֿן הויז האָט געפֿלאַטערט די בלוי־ווייַסע פֿאָן. אין הויז זייַנען געשטאַנען אויף זייערע פּאָזיציעס יונגע געטאָ־קעמפֿערס און געוואַרט אויף דעם שונא.

די דייַטשן האָבן זיך דערנענטערט און אַטאַקירט דאָס הויז. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. אַכט שעה האָט געדויערט דער קאַמף פֿאַר דעם הויז. די יונגע גיבורים האָבן געקעמפֿט פֿון שטאָק צו שטאָק. ווען די דייַטשן האָבן זיך אַרייַנגעריסן אינווייניק, אין הויז — זייַנען זיי באַגעגנט געוואָרן מיט אַ שיסערייַ פֿון די קעמפֿערס. און ווען דער ערשטער שטאָק איז אייַנגענומען געוואָרן פֿון די דייַטשן, האָבן די גיבורים געקעמפֿט פֿון צווייטן שטאָק, דערנאָך פֿון דריטן שטאָק און פֿון פֿערטן.

די בלוי־ווייַסע פֿאָן, וואָס אַ יונגער חלוץ, איינער פֿון די קעמפֿערס אין הויז, האָט ניט אַרויסגעלאָזט פֿון זייַן האַנט — איז געטראָגן געוואָרן פֿון שטאָק צו שטאָק. שפּעט בייַנאַכט האָט נאָך די פֿאָן געפֿלאַטערט פֿון דעם העכסטן שטאָק. און ווען די שיסערייַ האָט אויפֿגעהערט, האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ פֿון אַ פֿאַל... דאָס איז געווען דער יונגער חלוץ אייַנגעהילט אין דער בלוי־ווייַסער פֿאָן, וואָס האָט זיך דער לעצטער פֿון די קעמפֿערס אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון העכסטן שטאָק...

צו דער בלוי־ווייַסער פֿאָן איז איצט צוגעקומען נאָך אַ פֿאַרב — רויט — דאָס בלוט פֿון דעם לעצטן קעמפֿער אין געטאָ, וואָס האָט מיט זייַן אייגן בלוט און לעבן אונדז אָנגעוויזן אויף דער פֿאָן, אַז מען זאָל זי אויפֿהייבן פֿון די חורבות און זי טראָגן צו אַ באַנייַטן לעבן פֿון שלום און פֿרייַהייט.

אני מביא בכם רוח וחייתם

יחזקאל לז.

פֿון די געטאָס און טויטן־לאַגערן צו אַ באַנײַטער ייִדישער גבֿורה

אין 1945 האָט זיך פֿאַרענדיקט די מלחמה. צענדליקער טויזנ־טער ייִדן פֿון די טויטן-לאַגערן, פֿון די בונקערס, גריבער און וועלדער, זײַנען אַרוים צו אַ נײַעם לעבן. עס האָבן אויך אָנגעהויבן צוריקקומען די אַנטלאָפֿענע ייִדן קיין רוסלאַנד. דער גרעסטער טייל פֿון זיי האָט זיך געגרייט צו פֿאָרן קיין ארץ-ישׂראל און אָנהייבן אַ נײַ לעבן, אָבער ענגלאַנד האָט זיי ניט אַרײַנגעלאָזט.



„עקסאָדוס", די שיף מיט 4,550 אומלעגאַלע עולים וואָס די הגנה האָט געפֿירט קיין ישׂראל און די ענגלישע מאַכט האָט בלאָקירט איר וועג.

דער דאָזיקער מצבֿ [1] האָט געפֿירט צו אַן אונטערערדישן קאַמף קעגן דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט אין ארץ־ישׂראל. די קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציעס פֿון „אירגון" (אירגון צבֿאי לאומי), „הגנה" און „פלמח" (פלוגות מחץ — שלאָג־אָפּטיילונגען), האָבן געפֿירט אַן אַקטיוון קאַמף קעגן די בריטישע אָקופּאַנטן אין לאַנד און אין דער זעלבער צײַט — האָבן זיי אָנגעפֿירט מיט אַ גרויסער אומלעגאַלער עליה קיין ארץ־ישׂראל.

דאָס איז געווען אַ נײַ קאַפּיטל פֿון ייִדישער גבֿורה און מסירת נפֿש פֿאַר הצלה [2] און כיבוש הארץ; [3] אַ קאַמף פֿון אַ שווער־פֿאַרוווּנדעט פֿאָלק, וואָס איז געלאָפֿן צוריק צו זייער אַלטער היים און צעבראָכן אַלע פֿאַרצאַמונגען אין זייער וועג צו מדינת ישׂראל.

[1] צושטאַנד, סיטואַציע.

[2] רעטונג, צו ראַטעווען ייִדן.

[3] אָפּנעמען דאָס לאַנד.

ירושלים.

ביבליאָגראַפיע

ל. ראָזענבערג: „קאַנאַדער יידן" (ענגליש). אַרויסגעגעבן פון קאַנאַדער יידישן קאָנ־גרעס, 1939.

אַבֿרהם ריינוויין: „דער ייִד אין קאַנאַדע", ערשטער באַנד, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע 1925.

אַרכיוון פון דער יידיש־היסטאָרישער געזעלשאַפט, וויניפּעג, קאַנאַדע.

אַלגעמיינע יידישע ענציקלאָפּעדיע — יידן ה, ניו־יאָרק, 1957.

י. ביילין: „יידישע פּערזענלעכקייטן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע", ביכער 1־2. ניו־יאָרק, 1955—1965.

פּ. קראַנץ: „געשיכטע פון די פ. שטאַטן", ניו־יאָרק, 1915.

י. ג. פאָגט: „וועלט־געשיכטע", 12טער באַנד; יידישע איבערזעצונג: א. ה. ראָזענבערג, ניו־יאָרק, 1918.

אַמעריקאַנער יידישע יאָרביכער (ענגליש): 1937, 38, 71, 72.

יעקבֿ גאָטליב: „יידן אין לאַטיין אַמעריקע", ציק"אָ, ניו־יאָרק, 1960.

יעקבֿ בעלער: „איבער צוואַנציק לאַטיין אַמעריקאַנער לענדער"; ב. איירעס, 1953.

טובֿיה מייזל: „יידן אין מעקסיקע", ייוואָ־בלעטער, באַנד 27.

יובֿל־בוך: „צוואַנציק יאָר יידישע שול אין מעקסיקע", 1924—1944.

„ענסיקלאָפּעדיאַ כודאַיקאַ קאַסטעליאַנאַ" (שפּאַניש), באַנד 7, מעקסיקע.

קורט לעווענשטאַם: „שיקזאַל און לייסטונגען פון יידן אין בראַזיל".

א. רבן: „שליחות בברזיל" — מאמר „בתפוצות הגולה", חוברת ג.

ד"ר אפרים שמואלי: „תולדות עמנו בזמן החדש", כרך רביעי; הוצאת „יבנה", תל־אביב, 1958.

נ. מישקאָווסקי: „עטיאָפּיע" — יידן אין אַפריקע און אַזיע.

יצחק בן צבי: „נדחי ישראל", ניו־יאָרק, 1962.

י. שעכטמאַן: „די יידישע מינאָריטעט אין איראַק"; ייוואָ בלעטער, באַנד 26.

ד"ר נ. סלושץ: „באיי הים", הוצאת קדימה, ניו־יורק, תרע"ט.

אַבֿרהם בן יעקבֿ: „קהילות יהודי כורדיסתאן"; מכון בן־צבי, ירושלים.

לוי שאַליט: „יידן אין דרום־אַפריקע"; פּאַרוועסטס, מאַי 21, 1972.

אליהו ליפינער: „ביי די טייכן פון פּאָרטוגאַל", ייוואָ, ב. איירעס, 1940.

יוסף כרמל: „אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער".

ש. דובנאָוו: „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק", באַנד 3; אויסגאַבע 1951.

הערש מינץ: „יידן אין דרום־אויסטראַליע" (ענגליש).

אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך, 1937.

צווייטער אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך, 1942.

דריטער אויסטראַליש־יידישער אַלמאַנאַך, 1967.

אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, צווייטער באַנד, פּאַריז 1935.

ש. דובנאָוו: „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" באַנד 2, אויסגאַבע 1951.

ד"ר א. גינזבורג: „דענקער און פּאָעטן פון מיטל־אַלטער"; 2טער באַנד, פאָרווערטס־אויסגאַבע, 1919.

ד"ר י. צינבערג: „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן"; 1טער באַנד, ניו־יאָרק, 1943.

ז. שייקאָווסקי: „באַציונגען צווישן ספרדים, אשכנזים און אַוויניאָנער אין פראַנקרייך" — ייוואָ בלעטער, באַנד 39, ניו־יאָרק, 1955.

ש. פרידמאַן: „די רעוואָלוציע פון 1848" — בוך: יידן אין פראַנקרייך", ייוואָ־אויסגאַבע, ניו־יאָרק, 1942.

ש. דובנאָוו : „וועלט־געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק״ — 9טער און 10טער באַנד.
ל. פֿאַלאַקאָוו : „דער גורל פֿון די פֿראַנצויזישע יידן״ — אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן ז, ניו־יאָרק, 1966.
ד״ר ע. רינגעלבלום, און ד״ר ר. מאַהלער : „געקליבענע מקורים צו דער געשיכטע פֿון די יידן אין פּוילן און מזרח־אייראָפּע״ — וואַרשע, 1930.
צ. גרעטץ : „יידישע פֿאָלקס־געשיכטע״ — 7טער און 10טער באַנד, וואַרשע תרפ״ג.
ד״ר צ. כּהן : „די פֿילאָזאָפֿיע פֿון יידנטום״ — 2טער באַנד, ניו־יאָרק, 1958.
ד״ר י. זינגער : „דער רמב״ם ווי אַ מעדיקער״ — רמב״ם נומער „דווקא״, בוענאָס איירעס, 1954.
חיים שויס : „היסטאָרישע שריפֿטן״ — רעדאַגירט : א. אַווערבאַך און א. מענעס, ניו־יאָרק, 1956.
הרבֿ י. ל. הכּהן פֿישמן : „שרי המאה״ — חלק ראשון, ירושלים תש״ד, 1944.
ר. אַבראַמאָוויטש : „געשיכטע פֿון יידן אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד״ — אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן ד, ניו־יאָרק, 1950.
ש. פּיעטרושקאַ : „יידישע פֿאָלקסענציקלאָפּעדיע״ — 1טער באַנד, מאָנטרעאַל, 1943.
ד״ר מאַקס וויינרייך : „שטורעמווינט״ — בילדער פֿון דער יידישער געשיכטע אין 17טן יאָרהונדערט, ווילנע, 1927.
ש. דובנאָוו : די וועלט־געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק, 7טער באַנד, 1953.
ש. דובנאָוו : געשיכטע פֿון חסידיזם, ערשטער באַנד, ווילנע, 1930.
ד״ר ש. א. הורודזקי : „חסידות והחסידים״, ספֿר ראשון, תל אביב תשי״ג (1953).
מנשה אונגער : „ר׳ ישראל בעל־שם־טוב״, פֿאַרלאַג „חסידות״, ניו־יאָרק, 1963.
א. מענעס : „דער יידישער געדאַנק אין דער נייער צייט״, ניו־יאָרק, 1957.
ש. דובנאָוו : „וועלט־געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק״, 10טער באַנד, 1956.
מרדכי וו. בערנשטיין : „אומקום און ווידערשטאַנד פֿון די יידן אין פּוילן״, אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן ו, 1963.
„קידוש השם״, זאַמלונג, רעדאַקטירט פֿון ש. ניגער, ניו־יאָרק, 1948.

אינהאַלט

זײַטן:

צו די לערערס . . . . 5—7

אַרײַנפיר צו די לעקציעס . . . . 9—13

קאַפּיטל א

זײַטן: 15—41

ייִדן אין די אַמעריקאַנער לענדער. — ייִדן אין קאַנאַדע. — ס׳פאַרמירט זיך דער ייִדישער ייִשובֿ. — דאָס אָרגאַניזירטע קהילה־לעבן. — דאָס רעליגיעזע לעבן. — ייִדישע דער־ציִונג. — לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. — ציוי־ניסטישע אָרגאַניזאַציעס. — בני ברית. — ייִדן אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון קאַנאַדע.

קאַפּיטל ב

זײַטן: 43—62

ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. — פון נײַ־אַמסטערדאַם צו ניו־יאָרק. — ייִדן קומען קיין אַמעריקע. — גרויסע ייִדי־שע פערזענלעכקייטן אין דער תּקופֿה פון דער ספרדישער אימיגראַציע. — גרשום מענדעס סעיִשעס. — חיים סאָלאָ־מאָן. — יהודה טוראָ. — מרדכי עמנואל נח. — פון 1654 ביז 1840.

קאַפּיטל ג

זײַטן: 63—89

די צווייטע אימיגראַציע, אַשכּנזישע ייִדן אין אַמעריקע. — דער אויפקום פון צענטראַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. — אַבראַהאַם לינקאָלן און די ייִדן. — די דריטע און גרעסטע עמיגראַציע פון ייִדן קיין אַמעריקע. — עמאַ לאַזאַרוס. — די שווערע יאָרן אין דעם גאָלדענעם לאַנד. — אַמעריקע, דער גרעסטער ייִדישער קיבוץ אין דער וועלט. — ייִדיש לעבן אין אַמעריקע. — העבריעטאַ סזאָלד פאַרט קיין ישׂראל. — דער אַרבעטער־רינג און דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד. — „היאַס“ און „דזשאָינט“. — אַ קורצע רע־זומירונג.

קאַפּיטל ד

זײַטן: 91—104

ייִדן אין מעקסיקע. — אַ לאַנד פֿון אַלטע ציוויליזאַציעס. — די ערשטע פֿאַרשוווּנדענע ייִדן אין מעקסיקע. — ייִדישע אינדיאַנער־דערפֿער. — די ראָלע פֿון ייִדן אין די יאָרן פֿון שווערע רעוואָלוציעס אין מעקסיקע. דער נײַער ייִדישער ייִשובֿ אין מעקסיקע. — אַן אינסטיטוציע וואָס איז דער וווּנדער פֿונעם ייִשובֿ. — דער נײַער דור.

קאַפּיטל ה

זײַטן: 105—113

ייִדן אויף די קאַריבעישע אינדזלען און אין צענטראַל־אַמעריקע. — דער אינדזל היספּאַניאָלאַ. — אינטערעסאַנט צו וויסן. — אַן אַלטער ייִדישער ייִשובֿ אויף דעם קליינעם אינדזל קוראַסאַאָ.

קאַפּיטל ו

זײַטן: 115—137

ייִדן אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער. — קליינע און גרעסערע ייִדישע ייִשובֿים. — די אַנטיאָכענער. — אור־אייניקלעך פֿון די אַנוסים קומען צוריק צו ייִדן. — דער גרויסער ייִדישער ייִשובֿ אין אַרגענטינע. — דער געשיכטלעכער אָנהייב פֿון דעם הײַנטיקן ייִשובֿ. — ווער איז געווען באַראָן הירש. — מאָזעסוויל. — ווו איז הײַנט מאָזעסוויל. — וואָס איז געוואָרן מיט דער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. — די נײַע אימיגראַציעס. — ווי אַזוי לעבן די ייִדן אין אַרגענטינע. — ווי קוקט אויס דאָס ייִדישע לעבן אין אַרגענטינע. — ייִדן אין בראַזיל. — די געשיכטע פֿון די ערשטע ייִדן אין בראַזיל. — אונטער האָלענדישער הערשאַפֿט. — צוריק צו פּאָרטוגעזישער הערשאַפֿט. — דאָס איצטיקע ייִדישע לעבן אין בראַזיל.

קאַפּיטל ז

זײַטן: 139—158

ייִדן אויף דעם שוואַרצן קאָנטינענט אַפֿריקע. — ייִדישע שבֿטים מיט אַ ייִדישער מלכּה אין אַפֿריקע. — אונטער אַראַבישער הערשאַפֿט. — אונטער טערקישער און פֿראַנצויזישער הערשאַפֿט. — אין עטיאָפּיע, די פֿאַלאַשן. — פֿון ד״ר פֿיטלאָוויטשעס בוך. — אַ גרוס צו די ייִדן פֿון דער וועלט. — וואָס וו. לעסלוי דערציילט וועגן די פֿאַלאַשן. — פֿון וואַנען קומען די עטיאָפּישע ייִדן. — די מעשׂה וועגן דער שיינער יהודית. — די פֿאַלאַשן באַגעגענען זיך מיט ווײַסע ייִדן. — אַ נײַער ייִדישער ייִשובֿ אין דרום־אַפֿריקע. — דער ייִשובֿ פֿון ליטווישע ייִדן. — ווו נאָך זײַנען פֿאַראַן ייִדן אין אַפֿריקע.

קאַפּיטל ח

זײַטן: 159—233

ייִדן אין אַזיע. — מדינת ישׂראל. — דאָס געאָגראַפֿישע אָרט פֿון ישׂראל. — אַן אייגענע מדינה. — וואָס פֿאַר אַ לאַנד איז מדינת ישׂראל. — דאָס לאַנד פֿון קיבוץ גלו־יות. — ירושלים דער צענטער און דאָס האַרץ פֿון ישׂראל. — אַ געשיכטלעכער איבערבליק. — אַלט און נײַ. — אַ שפּאַן אין דער געשיכטע. — מאַכמעדאַנישע הערשאַפֿט. — טערקישע הערשאַפֿט. — דער אָנהייב פֿון ייִדישער קאָלאָניזאַציע. — דער פּאָליטישער ציוניזם. — די באַלפֿור־דעקלאַראַציע. — די ישׂראל־דעקלאַראַציע. — אַלטע ייִדישע ייִשובֿים אין אַזיע. — ווו געפֿינען זיך די פֿאַרלוירענע צען שבֿטים. — דוד אַלרואי דער פֿאַלשער משיח. — די קורדישע ייִדן. די ייִדן פֿון תּימן. — די תּימנער ייִדן קומען קיין ישׂראל. — די ייִדן פֿון קאַווקאַז און גרוזיע. — בוכאַרער און קאַווקאַזער ייִדן קומען קיין ישׂראל. — ייִדן פֿון פּערסיע און בבֿל. — די ערשטע ייִדן אין בבֿל. — אַ נײַער לעבנס־שטייגער. — דער נבֿיא יחזקאל. — שיבֿת ציון. — אונטער פּערסישער הער־שאַפֿט. — יהודה נאָכן צוריקקומען פֿון בבֿל. — דער ייִדי־שער צענטער אין בבֿל. — די קהילות און ראש הגולה. — די ישיבֿות. — דער תּלמוד. — אַראַבישע הערשאַפֿט. — די גאונים. — די קראים. — וועגן די ייִדן אין אינדיע און כינע. — כינע, דאָס לאַנד הינטער דער וואַנט.

קאַפּיטל ט

זײַטן: 235—244

ייִדן אין דעם ווײַטן אויסטראַליע. — ווי אַזוי די ערשטע ייִדן זײַנען געקומען קיין אויסטראַליע. — ווער זײַנען גע־ווען די מאַנטעפֿיאָרעס. — דאָס איצטיקע ייִדישע לעבן אין אויסטראַליע. — קהילה־אַדמיניסטראַציעס („באָארד אָוו דעפּיוטיס”). — ייִדן ווי אויסטראַליער בירגער. — טאַסמאַניע.

קאַפּיטל י

זײַטן: 245—386

אייראָפּע. — ייִדן אין אייראָפּע אין די איצטיקע טעג. — ווען האָבן ייִדן אָנגעהויבן קומען קיין אייראָפּע. — רוים און ביזאַנץ. — די יאָרן פֿון מיטל־אַלטער. — די ייִדן אין פֿראַנקרײַך. — רשי. — רשיס לעבן און שאַפֿן. — די קרייצצוגן. — גזירות און גירושים פֿאַר די ייִדן אין פֿראַנקרײַך. — נאָך דעם גירוש פֿראַנקרײַך. — נאַפּאָלעאָן און די ייִדן. — אַדאָלף קרעמיע און „אַליאַנס איזראַע־ליט”. — קאַפּיטאַן אַלפֿרעד דרייפֿוס. — פֿאַר און נאָך

דער צווייטער וועלט־מלחמה. — שפּאַניע, אַ ליכטיקע תּקופֿה אין דעם פֿינצטערן מיטל־אַלטער. — חסדאי איבן שפּרוט און די כּוזרים. — די כּוזרישע מלוכה. — ר׳ יהודה הלוי, דיכטער און פֿילאָזאָף. — אַבֿרהם אבן עזרא. — רמב״ם. — דעם רמב״מס ווערק. — די יאָרן פֿאַר גירוש שפּאַניע. — די אינקוויזיציע און דער גירוש. — ייִדישע קהילות מיט אַן אַלטן ייִחוס. — פּראַגער קהילה. — מהר״ל און זײַן גולם. — ר׳ יהונתן אייבישיץ. — מאַינץ. — אַמסטערדאַם. — מנשה בן ישׂראל. — ברוך שפּינאָזאַ. — ייִדן אין מזרח־אייראָפּע. — וועד ארבע ארצות. — ת״ח ות״ט. — שבתי צבֿי. — די חסידישע באַוועגונג. — ר׳ ישׂראל בעש״ט. — בעש״ט תּורה. — די חסידישע באַוועגונג צעוואַקסט זיך. — מתנגדים און חסידים. — השׂכּלה און חסידות. — ציוניזם. — חובֿבֿי ציון. — פּאָליטישער ציוניזם. — פֿון הערצלס ביאָגראַפֿיע. — ציוניזם און סאָציאַליזם. — אויפֿבלי פֿון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור. — חורבן אייראָפּע. — די שרעקלעכע יאָרן דערנענטערן זיך. — דאָס מלחמה־פֿײַער. — אומקום און ווידערשטאַנד. — אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. — פֿון די טויטן־לאַגערן צו אַ באַנײַטער ייִדישער גבֿורה.

זײַטן :

ביבליאָגראַפֿיע .... 389־388

אילוסטראַציעס און מאַפּעס

זייט:

דער מחבר ביי דער מצבֿה פֿון פּעטער ניסל 2
אַ יונגער לערנער 13
מאַפּע: צפֿון אַמעריקע 14
אַהרן האַרט 18
געלט־באַנקנאָטן פֿון דער האַרט־באַנק 19
וויניפּעג אין יאָר 1872 20
סעמיטישע נאָמאַדן 21
אַן אָרטאָדאָקסישע שול אין פּוילן 26
אַ מאָדערנע שול אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן 29
פּרץ־פֿאָלקשול אין וויניפּעג 31
אַ קאָלאָניסטישע שולע אין מערבֿ קאַנאַדע 40
מאַפּע: יידישע וואַנדערונגען 42
ניי־אַמסטערדאַם 48
די ערשטע שול אין ניו־יאָרק 50
די טורא־שול אין ניופּאָרט 56
די ערשטע פֿרוי אַלס רעפֿאָרם־ראַבינערין 66
אַבֿרהם יאַנאַס 68
מאַפּע: יידישע וואַנדערונגען אין פֿאַרשיידענע תּקופֿות 70
עמאַ לאַזאַרוס און די פֿרייהייט־סטאַטוע 73
מאָריס ראָזענפֿעלד 77
הענריעטאַ סזאָלד 82
מאַפּע: מעקסיקע 90
אַ דאָקומענט פֿון דער מעקסיקאַנער אינקוויזיציע 94
די יידישע שול אין מעקסיקע 100
מאַפּע: צענטראַל אַמעריקע און די קאַריבעישע אינדזלען 107
מאַפּע: דרום אַמעריקע 114
אַן אַנטיאָכענער אין קאָלומביע 120
יהדות־שול אין מאָזעסוויל 126
רעסיפֿע אין יאָר 1654 132
מאַפּע: אַפֿריקע 138
מאַפּע: עטיאָפּיע 146
פֿאַלאַשן־קינדער אין ישׂראל 154
אַ ייד פֿון טוניס 157
אַ היסטאָרישע מאַפּע 161
מאַפּע: די אַראַבישע לענדער אַרום ישׂראל 164
אינטערעסאַנטע יידישע טיפּן 165

זייט:

אַ זיצונג אין דער כּנסת . . . 167
די מויערן פֿון אַלט־ירושלים . . . 169
מאַפּע: בר־כּוכבא אויפֿשטאַנד . . . 172
לעאָן פּינסקער . . . 175
ד״ר הערצל . . . 176
די באַלפֿור־דעקלאַראַציע . . . 178
די פּראָקלאַמירונג פֿון מדינת ישׂראל . . . 180
אַן אַלט־אַשורישער מאָנומענט . . . 182
מאַפּע: אַזיע . . . 184
אַ תּימנער חדר . . . 191
אַ ייִד פֿון איראַק . . . 195
ירמיהו קלאָגט אויפֿן חורבן . . . 198
די דעקלאַראַציע פֿון מלך כּורש . . . 202
דריוש (דאַריוס דער צווייטער) . . . 204
מאַפּע: ישׂראל אין פֿאַרשיידענע תּקופֿות . . . 206
מסדה . . . 209
געפֿונענע כּלים פֿון בר־כּוכבא . . . 211
מאַפּע: די ישיבֿה־צענטערס אין בבֿל . . . 214
אַ דף פֿון תּלמוד בבֿלי . . . 216
אַ משפּחה קאָטשינער ייִדן . . . 224
די קופּערנע לוחות אין דער קאָטשינער שול . . . 225
די „בני ישׂראל״ פֿון אינדיע אין אַ קיבוץ . . . 226
טעמפּל אין קאַי־פֿונג־פֿו . . . 229
אַ פּנקס פֿון דער קהילה אין קאַי־פֿונג־פֿו . . . 231
מאַפּע: אויסטראַליע . . . 234
משה מאָנטעפֿיאָרע . . . 239
די שול אין האָבאַרט . . . 244
בית־רבֿקה טאָגשול אין מעלבורן . . . 244
מאַפּע: אייראָפּע . . . 246
מאַפּע: די רוימישע אימפּעריע . . . 251
טיטוס־טויער . . . 253
די עלטסטע שול אין אייראָפּע . . . 254
תּפֿילות מיט העברעיִשע אותיות אויף לאַטיין . . . 257
חדר מיוחד פֿון רש״י . . . 261
די רש״י־שול אין וואָרמס . . . 266
געטריבענע . . . 270
קאַפּיטאַן דרייפֿוס . . . 276
מאַפּע: כּוזרים־מלוכה . . . 282
מאַפּע: די אַראַבישע און קריסטלעכע שפּאַניע . . . 286
דער רמב״ם . . . 294
דעם רמב״מס אַ כּתבֿ־יד . . . 297
די שול אין טאָלעדאָ . . . 301
אויטאָ־דאַ־פֿע . . . 303
יצחק אַבֿרבנאל . . . 306
אַלט־נײַשול אין פּראָג . . . 309
דער גולם . . . 311

זײַט :

אין דער אַמסטערדאַמער שול	317
מנשה בן ישׂראל	318
פּעטיציע צו ענגלאַנד	319
מאַפּע : ענגלאַנד	321
ברוך שפּינאָזאַ	322
אַלטע ייִדישע טיפּן אין פּוילן	327
אַ זײַטל פּראָטאָקאָלירט פֿון וועד אַרבע ארצות	329
פּוילישע שולן געבויט ווי פֿעסטונגען	332
אַ חסידישער רבי	345
בעל שם טובֿס בית מדרש	348
אַ קוויטל צום רבין	355
משה מענדעלסאָן	358
ד״ר הערצל אויף אַ שיף קיין ארץ־ישׂראל	366
אַ בייגל־פֿאַרקויפֿער	371
אַ גרופּע ייִדישע שרײַבערס	373
דאָס שטעטל אין מזרח־אייראָפּע	375
קינדער אין געטאָ	379
אויף זייער לעצטן וועג	380
יאַנוש קאָרטשאַק	381
מרדכי אַנילעוויטש	383
„עקסאָדוס״	385
ירושלים	387

למזכרת

זאָלן פֿון די דאָזיקע לערן־בלעטלעך אַרויסשײַנען די נעמען פֿון צוויי וווּנדערלעכע פֿרויען, גרינדערינס פֿון דער י. ל. פּרץ־פֿאָלקשול אין וויניפּעג:

מלכּה זעלטשען ע״ה

און

פֿאַניע טשערניאַק ע״ה

וועלכע זײַנען אַלע זייערע לעבנסטעג געשטאַנען בײַ דער אַרבעט פֿון אונדזער שול מיט זאָרג און ליבע פֿאַר איר וווּקס און דערצי־ערישן דערפֿאָלג.

CONTENTS AND METHOD OF THIS HISTORY TEXT

With this text, we walk the length and breadth of many far, known and unknown lands, in order to become acquainted with the actual life and creativity of the various Jewish Communities in the world. We learn about their religious and cultural Organizations and Community Institutions. We learn to understand the historical beginnings and growth of these Communities and how they are related and interwoven in the general fabric of the History of the Jewish People.

We also acquaint ourselves with the various long-forgotten Oriental Jewish Tribes from the furthest corners of our Planet. We learn about their History, their differences, their life style and their situations at the present time.

Throughout this Text, we endeavor to show, via positive reinforcement, how the spiritual values created and sustained by our highly learned individuals and groups influenced our contemporary life substance and style.

The method of this Text, is retrospective. We begin from the Present, the Contemporary, and go from the familiar to the unfamiliar resulting in the development of the historical perspective, whereby the Contemporary reaches into the past.

In the ten chapters of this text, we begin with the history of the Jewish Communities of the North American Continent and proceed to all areas that have known Jewish settlement, Central America, South America, Africa, Asia and Australia, ending with the old, well-known, communities in Europe. In the chapter "Europe", we emphasize the most important periods of Jewish life; the spiritual and cultural development of the past, the tragedy of the Holocaust of the Second World War and the establishment and growth of the State of Israel.

Dos Lebedike Folk

The Indestructible People

Our Old and New History

by

S. HEILIK

Copyright by:
PERETZ PUBLISHING OF MANITOBA, INC.
1974

Printed by:
KROMAR PRINTING LTD.
WINNIPEG, CANADA

Typeset by:
KNIGHT PRINTING CORPORATION
NEW YORK, N.Y.